STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01794

TSVISHN KARMEL UN YAM

Rivka Kwiatkowski-Pinchasik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה קוויאטקאָווסקי־פּינחסיק

KWIATKOWSKA

צווישן כרמל און ים

TSVISHN KARMEL UN YAM.

פארלאַג „אליין"
חיפה — תשל"ו
1975

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ליטעראַטור־פאָנד
ביים יידישן שרייבער־פאַראיין אין תל־אביב

©
כל הזכויות שמורות

דפוס „יד החמישה", כפר חב"ד

Y-K

משהן

IN 20 1979

אַ נר תמיד

דעם הייליקן אָנדענק

נחמן דוד און צפורה
באָמס

גרשון און פייגע לאה
באָמס

E

ערשטער טייל

בית עולים

אינהאלט

צום לאנד (ליד) 9

עולים 10

חיפה 33

שלום 36

פון סיביר ביז פרדס־חנה 38

פארליבט אין לאנד 42

פאטער און זון פון בולגאריע 49

דאס איינזאמע מיידל פון ציפערן . . . 57

א מאדנע פאלק 63

שומר שבת 71

סבלנות 79

די נייע היים (ליד) 84

צום לאנד

זינג אויס מיין הארץ
דאס געזאנג —
פון פארשטיינערטער ערד,
וואס האָט איינגעזאמלט
דורך ארבעט און שווערד,
די פארטריקנטע גלידער,
פון אָפגעראטעוועטע
שוועסטער און ברידער —
דורכן אייביקן נס!

וולקאניש —
ווי דער באזאלט־שטיין
איז דאס לאנד פון ישראל,
פון היינט...
פון אמאָל...
און קיינמאָל פארגעסט,
אז יעדעס פארגיין —
איז דער אָנהויב פון זיין.

אלמגור 1972

עולים

אין פארט פון מארסיי האבן זיי זיך געזעגנט מיט אייראפע.

אלע מענער און פרויען, מיט די וואנדער־זעקלעך אין די הענט, האבן זיי פיינט די ערד, אויף וועלכער מען האט זיי מיט שנאה געטריבן צו פארניכטונג, און זי האט איינגעשלונגען זייערע טייערסטע.

אונטער די דראטן פון די קאצעטן, וו מענטשן פון אלע פעלקער אין אייראפע זענען געווען פארשפארט, האבן זיי אין אלעמענס אויגן דערזען די זעלבע שנאה פון די דייטשן, וואס ווארטן אויף דער פארניכטונג פון לעצטן ייד, ווי אויף א יום־טוב.

ווייט, ווייט, ווילן זיי אוועק פון דער ערד מיט יידיש בלוט אדורכגעזאפט, וו יעדער דורכגייער פרעגט מיט שטעכיקע בליקן:

— קומסטו מאנען דיין דירה און זאכן?

עס יאגט פון זיי דער האס:

— מיר ווילן דיך נישט זען דא, צווישן אונדז, אין אונדזער לאנד...

ווי נחס תיבה זעט אויס די גרויסע שיף, וואס דארף אלע אנגעזאמלטע יידן אוועקפירן פון שוידערלעכן מבול.

עולים, וואס האבן זיך מיט זייערע פעק און זעק אויסגעזעצט אין די קאיוטן, לאנגע קארידארן, אויפן דעק און אין אלע ווינקלען פון דער שיף — שווייגן אין חשבון־הנפשדיקע מחשבות פארזונקען.

דער מארגן איז פארנעפלט. דער ברעג איז ווייט.

אין הארצן, ווי א ליכטיקער שטערן אויף א פינצטערן הימל, ציטערט א פונק פון האפענונג, צו א נייַ לעבן.

קיינער האט נישט באמערקט, ווען די שיף האט גערירט פון ארט. פלוצים האט ווער אויסגערופן:

— מיר פארן! מיר פארן אויף אן אמת...

א פרייד האט צעצונדן די אויגן. צעהעלט די פנימער.

...מ'פארט נאך ישראל! אין אן אייגן לאנד...

באלד רייסט זיך איבער די פרייד, ווי א דינער פאדעם:

— מ'פארט... נאר אליין!

די טאטעס און מאמעס, שוועסטער און ברידער, ברייט־פאר־צווייגטע משפחות האבן נישט דערלעבט. נישט זוכה געווען. געבליבן אויף די געטא־בית־עולמס פון שטעט און שטעטלעך, פון אלע יידישע קהילות אין אייראָפּע, אין די אשן פון בערגען־בעלזען און דאכאו, שטוטהאף און אלע וויסטע ארבעטס־לאגערן און קאצעטן ווו די חיה־מענטש האט זיך פארנומען צו פארניכטן דעם מענטש. אלע האבן שוין פארגעסן פון זיי. קיינער טראכט נישט מער פון די אומ־געקומענע, פון די טויטע.

גייען מיר נאך די צוגן פון די געטאָס. די טראנספארטן פון די קאצעטן. יידן מיט בערד זילבערנע, מיט פארמעט־פנימער, פרויען שטילע מיט דערשראקענע בליקן; די פון די שטעטלעך געטריבענע אין פארשלאסענע וואגאנען. די בחורים און מיידלעך פון די תנועות און פארטייען, פון הכשרות און מאסוועקעס. די אמאָליקע סוחרים און בעלי־מלאכות מיט פנימער פארטריקנטע, אויגן פון הונגער איינ־געפאלענע, מאטע, גלעזערנע.

גייען מיר נאך אלע לעבנס פארשניטענע. בערג מיט שיך און צעפוילטע מלבושים. פעק מיט שייטלען און טליתים.

אָ, ים! זיי מיר א היילונג און נעם פון מיר אראפ דעם בארג אש, וואס ליגט אויף מיין הארץ. דעם בארג אש נאך מיינע טייערסטע, ליבסטע.

מיט רעש לויפן נאָך, נאָך דער שיף די כוואליעס, ווי זיי וואלטן געוואלט זי וואס גיכער אוועקשלעפן פון דער טרויעריקער ערד.

די כוואליעס רוישן און זינגען זייער אייביק, אן־סופיק ליד,

שוימען זיך אין שנייאיקע בערג, צעגייען זיך אין שטילע, גרינע וואסערן. שווימט זיי נאך א קלארער רואיקער הימל, ווי זיין שטילע טרייסט געטראָגן צו די נע־ונדע, אויסגעוואָרצלטע.

...איך בין מיט אייך. איך האב צוגעזען און פארנומען אייער פיין. איך וועל אייך אומעטום נאכגיין מיט מיין בלויקייט און באהעלן אייערע וועגן.

די עולים, יידן פון דער גאנצער וועלט צוזאמגענומענע, פון אלע טויטן אנטרונענע, קוקן אין די ברייטע וואסערן דורך די שמאלע פענצטערלעך פון שיף און גלויבן אליין נישט אין דעם נס.

יארן לאנג האבן זיי געחלומט, געהאפט, געווארט. אלץ אפגעלייגט דאס לעבן אויף מארגן, אויף שפעטער, אויף אנדערע צייטן. נאך דער מלחמה נישט געוואלט זיך אומקערן אין די אמאליקע היימען, אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך. זיי ווייסן: דארט זענען געבליבן חורבות און מיסטן. אויסגעראבעוועטע שטיבער, אויפגעריסענע ברעטער פון די דילן. אומעטום האבן גיריקע הענט געזוכט גאלד. יידיש גאלד! אין הייזער און גערטנער, אונטער די שטיינער אויף די הייף, צווישן קברים און מצבות. עס זענען אפילו נישט געבליבן קיין גאנצע ווענט אין די אויסגעליידיקטע שטובן, קיין לעבעדיקער נפש, אפילו קיין זכר נישטא מער!

אויב אפילו עס איז געבליבן א דירה מיט דער האָרעוואניע פון אלע יארן — וועט דער נייער „בעל הבית" פארקלאפן די טיר, פאר יעדן, ווער די בענקשאפט האט צוריקגעפירט צו די היימישע ווענט.

*

נאָך דער באפרייאונג, אין די לאגערן פון מינכען און פערנוואלד, בערגען־בעלזען און פעלדאפינג, לינץ און וועגשיידע, זענען זיי אויף די רייזע־קעסטלעך געזעסן און געווארט וואכן, חדשים, יארן. און עס איז געקומען די שעה!

ווי אין א ווייטן חלום, וואס ווערט פארוואנדלט אין א ווירקלעכ־

קייט, מאלן זיך אין זייער פארשטעלונג בילדער פון דעם אזוי ווייטן און דאָך אזוי נאָענטן לאנד.

אין דערוואַרטונג אויפן נייעם גורל ציטערט יעדעס הארץ:

לאנד ישראל, ווי זעען אויס דיינע פעלדער? צי זענען זיי אנגעטאן אין בליאונג און אין גרין אָדער באדעקט מיט זאמד און פארוויסטונג? צי וועט אונדז זעטיקן דיין ערד? שטילן אונדזער בענקשאפט נאך רו? צי וועסטו פאר אונדז ווערן א היים, וואס באשיצט קעגן שטורעם און מבול?

✶

שפאנען די עולים פון מאראקא מיט זייערע משפחות איבער די קארידארן פון דער שיף צו זייערע קאיוטן.

ציט זיך א צוג פון מענער הויכוואקסיקע, ברייטביינעקע, ווי ריזן פון בראנז אויסגעקריצטע.

גייען זיי נאך די פרויען מיט קינדער אויף די פלייצעס און אויף די הענט. מיט קינדער אין שויס און קינדער פלאנטערנדיקע זיך צווישן די פאלדן פון די לאנגע געבלימלטע קליידער. זייערע אייגעלעך זענען ווי פינקלדיקע, לאכעדיקע שטערנדלעך. פנימלעך קיילעכדיקע, פון דער זון אפגעברענט, ווי רויטע קארשן. זיי פילן אויס דעם רוים מיט א זאַרגלאָזן טומל ווי א סטייע פריידיקע, צעזונגענע פייגל.

ווי פאסטעכער נאך א סטאדע גייען זיי נאך די זיידעס ווייסבערדיקע, קרעפטיקע. מיט הויכע ווייסע טורבאנעס אויף די קעפ און לאנגע העלע כאלאטן, מיט שנורן ארומגעבונדענע, מיט פעק בעטגעוואנט אויף די פלייצעס, קויבערס עסנווארג און מלבושים.

שפאנען פאמעלעך די באבעס־זקנות באיארטע מיט זייערע ברייטע פארביקע פאטשיילעס, מיט גאלדענע רינגען אויף די הענט. זיי האלטן פעקלעך מיט קינדער־וועש, טוליען צו זיך די עופהלעך אין טיכער ארומגעוויקלטע.

שטאלץ און יחוסדיק פירן זיי זיך מיט זייערע טעכטער און אייניקלעך, זייערע דורות, וויביימער צעצווייגטע.

זיי ציען פארויס מיט רעש און געפילדער, רופן זיך איבער אויף אראביש און פראנצויזיש, ווי מורא האבנדיק, אז זיי וועלן זיך פארלירן אין דעם גרויסן פרעמדן המון.

קוקן זיי נאך עולים פון אונגארן, פוילן און טשעכיע, און זייערע אויגן פרעגן שטום:

— צי זענען זיי יידן?

דער זקן מיט דער ספר־תורה אין א ייִדן טישטעך ארומגעהילט, דערוואַרעמט זייערע הערצער. די ספר־תורה פארכטיק געהאלטן, מיט אן אפשטאנד פון צעשריגענעם המון, זאגט עדות אויף זייער יידישקייט און אמונה.

„א פארלוירענער שבט קערט זיך אום קיין ישראל" — טראכטן אייניקע און עס פרייט זיי צו זען די פון לאנג פארגעסענע, פרעמדע מזרח־יידן.

אן איינזאמער עולה, א טשענסטאכאווער ייד, גייט נאך מיט א פארבענקטן בליק. עס ציט אים צו דער משפּחהדיקייט. די קייט פון טאטעס און קינדער, זיידעס און אייניקלעך, מאכט ציטערן זיין הארץ און דערמאנט זיין אמאליקע גרויסע משפחה, וואס איז געווען צעזייט איבער גאנץ פוילן.

„איז נישט אלץ אומגעקומען" — שטאמלט ער צו זיך — „און איך האב אין לאגער געמיינט, אז אפשר בין איך דער לעצטער ייד..."

אליין פון זיך לייגן זיך אויף זיינע ליפן ווערטער:

...„כי ברך אברכך והרבה ארבה את זרעך ככוכבי השמים וכחול אשר על שפת הים וירש זרעך את שער אויביו!"

ער באטראכט פון דער ווייטנס א יונגע, מאראקאנער פרוי מיט א קינד אין א ציכל ארומגעבונדן און דאס בילד פון זיין אומגעקו־מענער פרוי וואקסט אויס פאר זיינע אויגן. אירע האר זענען אויך אזוי שווארץ און גלאטיק געווען. דאס פנים אזוי אייגן, לענגלעך און שמאל. זיין הארץ הייבט אן שטארקער צו קלאפן. נישטא מער זיין טעכטערל, וועלכע ער האט אין זיידענע קליידלעך ארומגעטראגן אויף די הענט, ווי א לעבעדיקע ליאלקע...

„פארוואס? וועמען האט שלעכטס געטאן מיין קינד״? פרעגן זיינע בלאלעכע ליפן דעם פרעמדן רוים, ווי ער וואלט אין זיין אומ־גליק שולדיק געווען. ער בלייבט שטיין א פארצווייפלטער, אַפּהענטיק.

וואס גייען אים אן די עולים פון מאראקא? זיין פרוי, די מאמע פון זיין קינד, איז נישטא און וועט שוין קיינמאל נישט זיין. וואס גייט אים אן, אז א שבט קערט זיך אום צוריק נאך ישראל? וואס גייען אים אַן די צעשמחהטע יידן, וואָס זינגען די „התקוה״ מיט פארגלייזטע, פארטרערטע אויגן?

זיין הארץ איז צעריסן און לער. ער אנטלויפט פון זיין איינזאמ־קייט און אומעטום גייט זי אים נאך.

✶

גאנץ אפגעזונדערט זיצן עולים, — צומייסטנס פרויען, וואס זענען נאָך דער באפרייאונג אַריבערגעפירט געוואָרן אין די שוועדישע שפּיטע־לער. זיי דערציילן זיך און איבערדערציילן אלץ, וואס זיי האבן מיט־געמאכט אין די דייטשע קאנצענטראציע־לאגערן. די „אַפּעלן״ אין די ווינטער־פרימאָרגנס אויף די ווייסע שנייאיקע פעלדער; אין טיפע וועלדער מיט באראקן, לעבעדיקע קברים, ארומגעשטעלטע מיט דייטשע באוואפנטע וואַכן. די הונגער־נעכט און די שרעק... די שטענדיקע שרעק פאר די „קאפּאָס״ און ס.ס.־מענער, סעלעקציעס און טראנספּארטן.

זיי ווארפן פון זיך אראפ דאס געשפּענסט פון די מוראדיקע יארן און איצט שטראלן זיי מיט נצחון פון „זייער״ בראך, פון דעם וויסטן סוף פון די ס.ס.־לייט, פון די מיט שטיינער צעשמעטערטע, אין מיטן גאס געהאנגענע „קאַפּאָס״. מיט התלהבות דערמאנען זיי דעם שענסטן טאָג אין זייער לעבן — די באפרייאונג, דעם וועג אין די שוועדישע שפּיטעלער.

— ס׳ארא טייער פאלק זענען זיי די שוועדן! ס׳ארא גוטע, הארציקע מענטשן...

און ווידער קומען זיי אלע צוריק, צום טאג פון דער באַפרייאונג.

— מיר האבן דערלעבט צו זען „זייער" סוף! געזען, ווי זיי שפרינגען פון די ברענענדיקע הייזער. וואלגערן זיך ווי די הינט אויף די וועגן. בעטלען א שטיקל ברויט פאר זייערע קינדער.

... — דאס לעבן איז א חלום — זאגט שטיל און אומזיכער אן עלטערע פרוי. זי איז נאך אלץ אזוי דערשלאגן און דערשראקן, אז זי האט נישט קיין מוט הויך צו רעדן, פריי זיך באוועגן.

דער נעכטן און דער היינט האבן זיך אויסגעמישט אין איר פארפייניקטן מוח.

— ווי איז דאס געשען, אז מיר זענען באמת באפרייט געווארן!?

מיט א דינער שטים, ווי ביי א מענטש נאך א לאנגער קראנקייט, רעדט זי, ווי צו זיך אליין:

— איך מיין אייך צו זאגן, אז א מענטש טאר זיך אין לעבן נישט פארלירן... קיינער ווייסט נישט זיין מארגן. אט האבן מיר אן אייגענע מדינה! ווער האט דאס געקענט גלויבן, אז מיר וועלן פארן נאך ארץ־ישראל! אפשר וועלן מיר אמאל דאס אלץ פארגעסן און ווערן „אנדערע מענטשן". — א חלום — פארענדיקט זי נאך שטילער, ווי דער פאדעם פון אירע געדאנקען וואלט זיך מיטאמאל ביי איר איבער־געריסן.

א יונגערמאן, אין א לאנגער ספארט־יאקע, מיט גרויע אויס־געלאשענע אויגן, מיט א לולקע אין מויל, דרייט זיך ארום צווישן די עולים פון שוועדן, וואס זענען אייגנטלעך פוילישע יידן און קאן זיך קיין ארט נישט געפינען.

ער קוקט אויף אלע פרעמד, קאלט. נעמט ארויס די לולקע פון מויל, טרייסלט זי אויס, לייגט אריין אין טאש און פאמעלעך, אונטער־שטרייכנדיק יעדעסווארט, הייבט ער אן צו רעדן:

— וואס מיינט איר דען איז פאלעסטינע? אזא אייגן קאפיטא־ליסטיש לאנד ווי אלע אנדערע לענדער. ווער עס ברענגט מיט זיך פולע טאשן געלט און א גרויסן באגאזש, לעבט א טאג. און ווער ס׳קומט מיט ליידיקע הענט, ארבעט ווי א פערד און ליגט ניין קלאפ־טער אין ד׳ערד! איר מיינט מסתמא, אז איר וועט טרעפן אזא

פאלעסטינע ווי מען באשרייבט אין די צייטונגען, אָדער ווי די שליחים האבן עס אונז אויסגעמאלט ווי א גן־עדן? די ווירקלעכקייט איז אבער אן אנדערע! די נביאים גייען שוין היינט נישט ארום אויף די וועגן...

— ווער דארף אייך דארט?! — רייסן אים איבער אייניקע אויפגערעגטע קולות און לאזן אים ווייטער נישט רעדן.

עס האט זיך אויפגעהויבן א טומל. דאכט זיך אז אט־אט וועלן זיך אלע ווארפן אויף דעם בלאסן יונגנמאן מיט די אויסגעלאָשענע אויגן און אים צעררייסן אויף שטיקער.

העכער פון אלע שרייט א מיידל אין א ברוינער לעדערנער קורטקע און לאנגע הויזן. אמאל איז זי געווען אין השומר הצעיר און איצט פארט זי אין קיבוץ צו אירע חברים פון אמאל. זי קאן זיינע רייד נישט פארשווייגן:

דערויף האבן די סאברעס די קעפ געגעבן, אין פייער געגאנגען, פאר אייך אויסגעקעמפט א לאנד, אז איר זאלט קומען און ווארפן בלאטע אויף אלץ? וואס פארא טענות האט איר צו ישראל? וואס האט איר פאר דעם לאנד געטאָן און וואָס האָט איר צוגעלייגט? אויך מיר א דעה־זאגער געקומען!

די קינדער רעדן גארנישט. זיי רעדן צווישן זיך שוועדיש און פאר־שטייען נישט וועגן וואס רייסן זיך ארום די דערוואקסענע.

*

אין עס־צימער, ארום די קליינע, ווייס־געדעקטע טישלעך האבן זיך געטראפן די יידן פון שאנכיי מיט די יידן פון מאראקא; די יידן פון שוועדן מיט די יידן פון די דייטשע לאגערן. איבער די ציכטיק געדעקטע טישלעך קוקן זיי זיך איבער און שמייכלען ווי קינדער פון איין משפחה, וואָס זענען במשך פון לאנגע יאָרן געווען אָפגעריסן פון זיך און געטראפן זיך ווידער, ביי איין בשותפותדיקן טיש. אויף שטום־לשון, מיט די פינגער, שמועסן זיך אויס די פרויען פון פוילן מיט די פרויען פון מאַראָקאָ, דערציילן זיך פון זייערע קינדער און היימען.

אין אלגעמיינעם רעש הערן זיך ווערטער פראנצויזישע, יידישע, פוילישע, רוסישע.

מיט זיכערקייט און שטאָלץ, א ביסל גאווהדיק רעדן אייניקע עולים צווישן זיך העברעאיש. זיי ווייסן, אז דער קלאנג פון א העב־רעאיש וואָרט מאכט א רושם אויף די דערנעבן זיצנדיקע. רעדן זיי טאקע העכער און אונטערשטרייכן יעדעס ווארט באזונדער, ווי דער קלאנג פון יעדן ווארט װאלט זיי ארויסגעהויבן, העכער געשטעלט פון אלע.

צו די מאדנע־קלינגענדיקע רייד, הערן זיך צו די עולים מיט באוווּנדערונג. זיי פארשטייען נישט, ווי אזוי קאן מען דאס זיך אויסלערנען „אזא שפראך".

שטיל ווי צו זיך אליין רעדט א פרוי ביים טישל:

— אט זעט איר א פאלק? צען יידן רעדן אין צען באזונדערע שפראכן און איינער קאן נישט פארשטיין דעם צווייטן. איך שטעל זיך פאר, וואס טוט זיך „דארט" מיט די שפראכן.

— ס'מאכט נישט — ווארפט צו א צווייטער גוטמוטיק. מיט דער צייט וועלן מיר אלע זיך אויסלערנען עברית און וועלן שוין איינמאל פארשטיין.

— לייכט צו זאגן „אויסלערנען עברית" — ענטפערן אייניקע צוזאמען. זייערע פנימער זענען צעהעלט. די אויגן גלאנצן. די אלע צוזאמגענומענע, צום לעבן געוואונענע, וואס קערן זיך אום אין דער נייער היים האבן איצט איין בשותפותדיקע זארג:

— ווי אזוי וועלן מיר צו זיך רעדן, ווי אזוי וועלן מיר זיך קענען פארשטיין?

— וואלט שוין ריכטיק געווען, ווען אלע יידן בלייבן ביי יידיש. איז דען פאראן אזא ייד, וואס זאל נישט קענען רעדן מאמע־לשון? בעסער אדער ערגער, דאך פארשטייט יעדער א יידיש ווארט — זאגט עמעץ אומזיכער, ווי ער וואָלט געפילט, אז די אלע, וואָס קענען יידיש און מאכן זיך נישט פארשטיין, וועלן זיך איצט אויף זיין עצה נישט פארטראכטן.

דאך שטייען צו אייניקע און כאפן אויף זיינע רייד און עס הויבט זיך אן א מלחמה צווישן די יידישיסטן און העברעאיסטן.ביידע צדדים זענען פארעקשנט, ביידע גלויבן, אז איצט, ביי די טישלעך, וועט איינע פון די שפראכן זיגן און די אנדערע וועט ליידן א מפלה. אז דער קאמף צווישן יידיש און העברעאיש וועט דאָ, ביי דער מאָלצייט אויף דער שיף, זיך אנטשיידן.

די טעלער מיטן עסן ליגן ווי אומבארירט. די מאכלים, צוגעגרייט אין דער קיך פון דער רומענישער שיף, נעמען נישט אויס ביים עולם.

— עפעס משונהדיקע מאכלים! לאָקשן מיט פאפריקע, ארבעס מיט פאפריקע, קארטאפל מיט פאפריקע... טענהן זיי.

די געמיטער זענען אבער אויפגעהייטערט און עמעץ וויצלט זיך נאכאנאנד:

— מיר האבן שוין פארזוכט אלע מאכלים פון דער וועלט! אוז־בעקישן פלאָוו, רוסישן שטשי, דייטשע געמיזן און ווינער בראָטן. פארוואס זאלן מיר נישט פארזוכן דעם טעם פון רומענישער פאפריקע מיט פאפריקע?

לאכן אלע געאייניקט מיט ביטול צו „זייערע" מאכלים. דאס בעסטע עסן וועט דאָך אויף שטענדיק פארבלייבן א טשאָלנט אויף פעטע ביינער מיט קישקע, א צימעס, געפילטע פיש און א געבראָטן גענ־דזל צוגעריכט יידישלעך, מיט קנאָבל און פעפער. און דער טעם פון פסחדיקע קניידלעך אדער חנוכה־לאטקעס? פארפירט זיך א ברייטער שמועס וועגן אלע חמצדיקע און פסחדיקע מאכלים. ווי געוויינלעך נאָך א מלחמה פארשאפט דעם בעסטן פארגעניגן א שמועס וועגן עסן.

✶

אפגעזונדערט פון אלע, ביי באזונדערע טישלעך, זיצט א גרופע סוחרים פון טיען־טסין.

טייערע אנציגער, בלענדנדע העמדער, גאלדענע זייגערס אויף די הענט, זייערע פולע, זאטע פנימער טיילן זיך אויס פון דעם רוב מידע, אפגעדארטע עולים.

זיי פארן אן התלהבות, אבער אויך אן ביטול.
אלץ ווערט ווייזן די צייט. דער עיקר, ווי וועלן גיין די געשעפטן?
זיי חשבונען צווישן זיך שטיל, סודותפול, פארזארגט.
דער דאָלאַר פאלט אין ישראל.

— וואס פארא געשעפט קאן מען „דאָרט" מאכן, כדי נישט אריינבראקן אומזיסט די פאפירלעך?

רופט זיך אן איינער:

— גוט, וואס עס איז געלונגען צו דער צייט איבערשיקן די מאשינען.

דערווייל דארף מען זיי נישט פארקויפן — ווארפט אריין א צווייטער.

— אפשר וואלט רעכט געווען ארייננכאפן זיך נאך דייטשלאנד איינצוקויפן די נייסטע וועב־מאשינען? פרעגט אומזיכער דער, וואס שווייגט די גאנצע צייט, ווי אליין נישט געקאנט באשליסן, וואס איז ריכטיק צו טאן, אין אזא אומזיכערער צייט.

— עס ווערט זיך דארט א ריר טאן — באשטעטיקן אלע.

דער ציגארעטן־רויך ארום די סוחרים פון טיען־טסין ווערט געדיכטער, וואלקנדיק.

דאך ווערן זייערע געמיטער אויסגעלייטערט.

לייגט פאר איינער:

— פון סאמע אנהייב וואלט רעכט געווען ארויסלאזן יאפאנישע און כינעזישע מוסטערן.

נאך א רגע גיט ער צו:

— לעבעדיקע, ליכטיקע, אריענטאלישע פארבן.

דער לאנגיאריקער טעקסטיל־פאבריקאנט, וואלט באשטאנען אויסווארטן די צייט, נישט מיטלויפן מיטן המון.

— פארשטייט זיך:

די ארעמקייט פארט די ערשטע!
זיי האבן נישט וואס צו פארלירן...
אבער ער, מיט זיין פארמעגן, האט דאך געקאנט ווארטן!

ער דערמאנט זיך:

אלע האבן מיטאמאל גענומען זיך פאקן. אומעטיק איז געוואָרן צו בלייבן איינער אליין צווישן די כינעזער. מיטאמאל האט ער דער־פילט, אז ער מוז מיטגיין דעם וועג פון אלע יידן. איצט באדויערט ער.

— נישט באדארפט זיך איילן, געקאנט אויסווארטן...

— קויפן מאשינען אין דייטשלאנד, אדער ענגלאנד, קאן מען שפעטער אויך — ווארפט צו אן אנדערער. דאס וויכטיקסטע איז קויפן באָדן אין א גוטער ארטשאפט, שנעל און ביליק... ווייט פון צענטער!

— מען דארף בויען גרויסע, מאדערנע פאבריקן! — באשטעטיקן אלע גלייכצייטיק ביים פול־געדעקטן טישל מיט געבעקס און געטראנק.

בוי־מאטעריאל, רוי־שטאָפן וועלן שוין זיין. זאל זיך נאר בא־רואיקן! — פארזיכערט א סוחר. אונדזערע משפחות פון אמעריקע, פון אויסטראליע וועלן צושיקן. זיי וועלן אויך צושטיין. נעמען אינ־ וועסטירן.

— מען דארף בויען גרויסע, מאדערנע פאבריקן! — היצט זיך דער איינציקער, וואס איז הויך און דאר, צווישן די בייכיקע, באגוי־דערטע מענער.

— געדענקט מיינע רייד:

ישראל וועט ווערן דער גרעסטער טעקסטיל־צענטער אויפן אָר־יענט! איז דען אן ענין פאר יידן, זיצן אין א דאָרף און מעלקן קי!? אָדער גאָר זעצן קארטאפל, צי כ׳ווייס וואָס? אפילו דער בעסטער פרדס איז אויך נישט קיין געשעפט!

נעמען אלע חשבונען לויטן לעצטן קורס ה׳אַלארן אויף פראנקן, מארקן. זיי שרייבן און מעקן אין זייערע קליינע, אבער בייכיקע טאשן־ביכלעך און זיפצן פארזארגט: דער „ציוניזמוס" זאל נאר נישט אָפּ־קאסטן דאס גאנצע פארמעגן!

זיי באטראכטן פון דערווייטנס די עולים. די, וועלכע דארפן צו־שטעלן זייערע הענט צו די מאשינען און שאָקלען אומזיכער מיט די קעפ:

— בויען מיט יידישע ארבעטער, באשעפטיקן זיי אין די פאבריקן... ווער ווייסט, ווי דאס וועט אויסזען?

מיט נייגער קוקן זיי זיך צו צו די ליובאַוויטשער חסידים. זיי גלויבן קוים, אַז אַזעלכע יידן זענען נאָך פאַראַנען.

די ליובאַוויטשער חסידים מיט זייערע פאות און לאַנגע בערד זענען אויסגעטיילט פון אַלע, ווי אַ באַזונדערער שטאַם פון פאָלק. טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן אַ באַזונדערן משגיח אויף כשרות אין דער שיפס־קיך, עסן זיי נאָר פון זייערע ווייסע, קלאָרע טאָרבעלעך די שפּייז, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען.

זיי זענען זיך משמח מיט דער פרייד פון קיבוץ גלויות. הייסט עס ביי זיי, די עולים, אַז משיח איז שוין געקומען? אויב אַזוי, פאַרוואָס ווילן זיי נישט זיין קיין יידן? פאַרוואָס ווילן זיי נישט תשובה טאָן?

מיטאַמאָל גיט זיך די שיף אַ טרייסל, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך אַ שפּיל טאָן מיט די אַלע, וואָס גלויבן און צווייפלען, חשבונען און חלומען.

ביי די טישלעך ווערט אַ טומל. אַלעמענס הערצער קלאַפּן אין איין ציטער:

— עס זאָל זיך נאָר נישט אויפהויבן אַ שטורעם. אַ שרעק אַפילו

אַ טראַכט צו טאָן: שטורעם אין מיטן ים...

מיט וואַקלדיקע טריט, רוקנדיק זיך פאַרויס און צוריק, שאַרן זיך אַלע ביי די ווענט, וואָס גיכער צוצוקומען צו די אייגענע, צושלעפּן זיך צו די קאַיוטן.

*

איינגעהילט אין טיכער און דעקן ליגט אַ דריי־חדשימדיק קינד אויף אַ בעטל. דערנעבן זיצט ציטערדיק די מאַמע, אַ יונגע פרוי מיט אַ גרויען, זילבערנעם קאָפּ. אירע אויגן זענען מאַט און וואַסערדיק, ווי זיי וואָלטן גאַרנישט געזען. אַ געבראָכענע זיצט זי ביי איר קינד און פאַר שרעק קאָן זי אַפילו נישט וויינען. פון איר דערשטיקטן האַלדז קאָן זיך קיין וואָרט נישט אַרויסבאַקומען. דערנעבן זיצט איר מאַן, אויף זיין

פנים שפיגלט זיך האפענונג אויף ניי לעבן. ער זיצט און שווייגט, ווי תמיד.

אַ „קאַפּאַ״ האט אים אמאָל ביי א פרימאָרגן־„אַפּעל״ מיט דער פויסט א זעץ געטאן אין די ציין און גלייך איז ער א זקן געווארן. מיט איין צאן אין מויל. שווייגט ער, שעמט זיך פאר זיין אייגענער פרוי אויפצומאכן דאס אנצייניקע מויל, אווארט ארויסצורעדן.

ביידע זענען זיי הילפלאז איינגעקוקט אינעם עופהלע און בעטן אויף א נס בייצוקומען דעם שטורעם. וואס גיכער אנקומען צום ברעג. זייערע משפחות זענען צעריסן געווארן, די קינדער פארלוירן. אין חלום קומען זיי צוריק, מאנען זייערע נישט אויסגעלעבטע יארן.

זיי האבן זיך פארבונדן, עס זאל זיי לייכטער זיין טראגן די איינזאמקייט. דאס יינגעלע מיט די העלע, וואכע אייגעלעך, וואס לויפן אומרואיק פון איין קעגנשטאנד צום צווייטן, איז דער איינציקער אָנהאלט אין זייער לעבן.

— זאל דער דאזיקער וועג זיין דער לעצטער ? צי וועט דער צערודערטער ים אלץ איינשלינגען אויפן שוועל פון נייעם לעבן ?

זיי בעטן נישט צו גאט, גלויבן נישט אין זיינע רחמים. זיי ווילן אויך נישט שרייען פאר פחד, ווייל דאס קינד קאן זיך דערשרעקן, צעוויינען.

קוקן זיי פול מיט ליבשאפט און ווי אין זיינע בלויע, קלארע אייגעלעך, וואס האבן פאר זיי די גאנצע וועלט פארשטעלט און שווייגן, ווי פארשטיינערטע.

טראגט זיך ווייטער די שיף איבערן ים מיט רעש און וועלפישן געוואי. שוימען זיך כוואליעס אין שנייאיקע בערג און שטויסן זי אויף צוריק, פארדעקן און פארגיסן. ווילן פארזינקען אין די אן סופיקע טיפענישן.

✶

אויפן דעק, אויסגעלייגטע אויף שמאלע אמעריקאנער בעטלעך, ליגן קעפ, קעפ, קעפ.

די גרעסטעוועטע פון די קאצעטן און בונקערס, וועלדער און געטאס, הערן זיך איין אין דעם געוואי פון די שוימיקע וואסערן רואיק, אן צווייפל, אן ציטער. און ווען דער שטורעם וועט צענעמען די ברעטער פון דער שיף, צעטראגן זיי און פארגיסן, וועלן זיך איבער די ברויזנדיקע כוואליעס לאזן קעפ, קעפ, קעפ.

צום איינציקן לעבנס־ברעג: ארץ ישראל.

זיי ווייסן: אויב די טויערן פון ישראל וועלן זיי נישט אריינעמען, איז די באפרייאונג קיין פרייהייט נישט. איז בעסער געווען צו בלייבן אין די אשן און מיסטן פון די קאנצענטראציע־לאגערס.

זיי אלע, אויף די אויסלייג־בעטלעך אויסגעלייגטע, בחורים און מיידלעך, פון יוגאסלאוויע און אונגארן, פוילן און ליטע, טשעכיע און דייטשלאנד זענען ווי איין גרויסע, היימלאזע משפחה, געבונדן מיטן זעלבן ווײ, פאראייניקט דורכן זעלבן גורל.

די פארעלטערטע מיידלעך האבן די יוגנט אונטער זייער אויפזיכט גענומען. באלד נאך דער מלחמה האבן זיי זיך אויפגעגעבן ווי שוועס־טער און קוזינען פון די יינגערע און אומבאהאלפענע. א מענטש מוז דאך פאר עמעצן זארגן, מוז האבן א נאענטן, פאר וועמען זיך אויס־צורעדן, צוטוליען.

די על־פי נס געראטעוועטע אלמנה האט זיך אנגעגעבן אלס א מומע פון די צוויי בלייכע, שווינדזיכטיקע ישיבה־בחורים. די צוויי שווייגנדיקע, ווי פארשטומטע יונגעלייט דערמאָנען איר די אייגענע משפחה, די ערגעץ־פארשיקטע ברידער.

זי האט ליב צוקוקן זיך צו זייער פרומען שטייגער. זען ווי זיי לייגן תפילין און דאווענען. צוהערן זיך צו זייער אומעטיקן, הארציקן ניגון ביים לערנען.

זי היט זיי אפ, ווי אייגענע ברידער. פאריכט זייער וועש, סדרט אויס די בגדים, היט אפ זיי זאלן עסן און דער עיקר — נישט אריינ־טראכטן, נישט דערמאנען וואס איז געווען...

— פארגעסט... מען דארף אלץ פארגעסן! רעדט זי מאמעדיק און ווארעם. אירע שלאנקע הענט מוזן צערטלען און ארומנעמען. זי

וואלט זיי ווי קינדער צוגעטוליעט צום הארצן און פארשפילט, זיי זאלן אויפגעהייטערט, לאכעדיק ווערן, זי ווייסט נישט וואס פארא סוד ליגט אין זייער שטענדיקן שווייגן. איר הארץ זאגט איר, אז עפעס שרעקלעכעס האט מיט די צוויי בחורים פאסירט, אז זיי קאנען מער נישט לאכן.

✶

דאס יונגווארג האט עטלעכע טעג פארן אפפארן חתונה געהאט. צוויי יתומים זענען געגאנגען צו א רב נעמען חופה וקידושין, זיי זענען נישט גלויביק, אבער זיי האבן געוואלט נאכגיין דעם וועג פון זייערע טאטע־מאמע, אפהיטן און ממשיך זיין דעם וועג פון דורות, ווי ביי יידן איז עס אלעמאל געווען.

נישטא ביי קיינעם דער מוט „אליין זיך לאזן אין וועג", אָן קיינעמענס הילף און שוץ.

✶

וואנדא קאטלארעק, א פוילישע פרוי פון א דארף אויף דער ערד פון מאזאוויע, איז ביז גאר צעשטרייט און צעטומלט. זי האט קיינמאל אזויפיל יידן נישט געזען. נישט געהערט זייער לשון און נישט צוגעזען זייער ארט לעבן.

זי פארט מיט איר יידישן מאן נאך ישראל. ווי זי האט מיט אים איר לעבן אין דער מלחמה־צייט געטיילט, אזוי וויל זי איצט טיילן זיין גורל, מיטגיין אויף זיין וועג.

זי ווייסט עס ביז איצט נישט, פארוואס זי האט דאן, ביינאכט, אויפגעמאכט דעם לאדן, ווען ציטערדיקע הענט האבן אנגעקלאפט. זי ווייסט נישט, וואס אזעלכעס איז געווען אין דעם בליק פון דעם פרעמדן, געיאגטן מאן, וועלכער איז געשטאנען, ווי א בעטלער ביים פענצטער פון איר פויערישן הייזל. שטיל־שווייגנדיק האט זי אים אריינגעפירט אין א קאמער. אויסבאהאלטן פאר די דייטשן, וואס האבן אן אויפהער ארומגעזוכט יידן, און אויך פאר די שכנים, וואס האבן

אומעטום אויסגעשפירט א יידן, כדי אים צו מסרן פאר די דייטשן.

זי האט גוט געוווסט וואס עס דראט איר פאר אויסבאהאלטן א יידן. אבער נישט די אלטע מוטער און נישט דער האלבפארנארטער פון שרעק פויער, איר טאטע, האבן געקענט זי איבערצייגן, אז עס איז נישט כדאי איינצושטעלן די גאנצע משפחה, צוליב איינעם און דערצו נאך: א פרעמדן „זשיד״!

איר יונג הארץ האט אויפגעצאפלט, ווען זי האט דאמאלט בײַ־נאכט דערזען דעם בלייכן, פרעמדן מאן מיט אויגן פון א געיאגטן הונט. פון ערשטן אנבליק איז ער איר טייער געווארן, ווי דאס אייגענע לעבן.

חדשים האבן זיי כמעט נישט גערעדט צו זיך אויס מורא פארן קלאנג פון א ווארט. יעדן טאג פלעגט זי אוועקשטעלן א קוישל עסן בײַ דער שוועל פון זיין קעמערל און שטיל אוועקגיין.

וואס האט זי געצויגן צו דעם פרעמדן שטאטישן יידן? אויך איצט ווייסט זי נישט פארוואָס זי האט זיך געלאָזט מיט אים אין א ווייטן לאנד, פון וועלכן זי האט אפילו זעלטן ווען געהערט. זי האט מיט אים חתונה געהאט בײַ א רב, געשטעלט א שטריך אונטער איר גאנצער פארגאנגענהייט. און ער, וואס זיצט איצט לעבן איר, איז ווידער לעאָן בריל, דער פראפעסאר פון א הויכשול, מאטעמאטיקער און פיזיקער, אבער שטענדיקער זוכער און גריבלער.

דער פחד פארן טויט האט זיי צוזאמגעבונדן. זייערע נשמות און קערפערס פארקניפט.

די פרייהייט האט זיך צווישן זיי ווי א מויער געשטעלט, צעטיילט, די סתירות בולטער געמאכט, פארפרעמדט.

ביידע קוקן זיי איצט מיט מורא אויף די יידן, וואס גייען ארום איבער די לאנגע קארידארן פון דער שיף. אין דעם גרויסן עס־זאל, בײַ די טישלעך, זיצן זיי געאייניקט, אין שווייגן, פארקוקטע אין דער ווייט.

פריער האט זי מיט שרעק געטראכט: ווי וועט אים אויפנעמען איר קריסטלעך, פרומע משפחה? צוליב אים האט זי זיי אלע פאר־

לאזן. הײנט טראכט ער: װי װעלן זי אױפנעמען זײנע אײנגעזעסענע קרובים אין ישראל? װי װעלן זײ קוקן אױף איר, די „גױע״?

װי צװײ פארלױרענע קינדער, אױף א פרעמדן װעג, זיצן זײ בײדע נעבן זיך, בײ די פולע פעק מיט זאכן און קוקן אומעטיק אױף די גרינע װאסערן.

דער ים איז װידער רואיק. פאמעלעך און פױל טראגן זיך די כװאליעס פארױס, װי דער שטורעם װאלט זײערע כוחות אױסגעזױגן, אפגענומען.

✶

נאכט.

הונדערטער בחורים ליגן װי הערינג אין א פעסל אײנגעפרעסט, אױסגעלײגט אױף שמאלע אױסלײג־בעטלעך. דאס זענען חלוצים, װאס פארן אין זײערע קיבוצים און קבוצות. זײ פארן קײן ישראל, װי מען פארט צו דער אײגענער משפחה אהײם. איצט ליגן זײ, װי זעלנער אין אנטױעכץ, גרײט יעדע רגע זיך אױפכאפן צום קאמף. זײ װײסן:

דער קאמף װעט נאך דױערן און זײ זענען גרײט.

זײ האבן שױן אױסגעזונגען אלע לידער, װאס זײ האבן געקענט און אװעקגעפאלן אן כוח נאך דער צעטופעטער, װילדער הארא.

אױף זײערע פנימער רוט די פרײד פון באפרײאונג און גאולה.

✶

פון אלע עקן װעלט שװימען שיפן קײן ישראל. די זעלבע װאך זענען ארױס אין ים „נגבה״, „קדמה״ „טראנסילװאניע״. מארגן פארט אפ „הרצל״. עס איז שױן דער סוף פון גלות און הײמלאזיקײט, פון שטענדיקן פחד פארן מארגן.

— עם ישראל חי! — טראגט זיך אין דער לופט זײער האפער־דיק ליד.

זײ זעען פאר זיך דאס פון יארן אױסגעבענקטע לאנד. די צעא־קערטע ערד, די בליענדע פעלדער און די לײדיקע װיסטענישן, װאס

ווארטן אויף זיי. זיי אטעמען רואיק און פעסט ווי א נייער בטחון וואלט זייערע בלוטן אויפגעפרישט. אויסגעלייזט.

✶

אויף דעם שיף־דעק שפילט אן ארקעסטער. דא האט זיך צוזאמ־גענומען די גאלדענע יוגנט. דווקא אין דער פינצטערער נאכט, אין מיטן ים, ווילן זיי זיך אנשיכורן מיט טענץ.

די שיף וויגט זיך פאמעלעך, ווי צום טאקט פון פארשלאפענעם טאַנגאָ. די פארלעך וואקלען זיך און פאלן אויף די דערנעבנדיקע בענקלעך. זיי כאפן זיך באלד אויף און טאנצן ווידער, ווי זיי וואלטן זיך געוואלט אויסטאנצן אויך פאר די מארגנדיקע טעג ; פארגעפילט, אז מיטן אנקומען נאך ישראל וועט זיך ענדיקן דאס לייכטע זארגלאזע לעבן. קלאמערן זיך קערפערס צו זיך. גליען צעפלאמטע אויגן. די פיס שטייען אפ מידע און דאך רוקן זיי זיך ווייטער צום טאקט. א טאנץ אָן אפרו, אָן אטעם. א שגעון־טאנץ אין מיטן נאכט אויפן ים.

✶

איינע אליין זיצט אויף דער באנק א פרוי. די הענט פארקלאמערט. די ביייניקע פינגער פארפלאָכטן. א פארזונקענע אין טרויער קוקט זי מיט ציטער אין די טונקעלע וואסערן.

זי זעט נישט דעם הימל, א באדעקטן מיט גאלדענע שטערן. הערט זיך נישט איין אין דעם ליד פון אייביקן וואנדער, וואס טראגט זיך אין דער פינצטערניש ארום. דער ים איז פאר איר איצט, ווי א טיפער תהום, וואס האט פארשלונגען איר איינציקע שוועסטער.

זי געדענקט די קליינע, באשיידענע מסיבה מיט חברים לכבוד איר אַפּפאָר. ווייס געדעקטע טישן, היימיש געבעקס און פרוכטן.

זי זעט פאר זיך דאס צעשטראלטע פנים פון איר טייערער שרהקע. יארן פאר דער מלחמה איז זי ארומגעפארן איבער די שטעטלעך פון פוילן ארגאניזירן די יוגנט אין „החלוץ". געשלעפט זיך אויף די הארטע בענק אין די באן־וואגאנען. קילאמעטערס געגאנגען צופוס.

נישט אפגעשטאנען אין קאמף מיט די אלע, וואס דארפן נישט קיין „טעריטאריע", קיין לאנד. זי הערט איצט איר שטיל פארבענקט געזאנג, מיט וועלכן זי האט צו זיך געצויגן די יוגנט, און אירע לעצטע געזעגענונגס־ווערטער.

פון ערשטן טאג פון איר אַפּפאר האט זי געוווסט, אז זי וועט זיך נישט אומקערן, ווען די שיף וועט פארהאלטן ווערן. זי וועט וואנדערן וואכן און חדשים איבער אלע ימען, ביז זי וועט צום ברעג צוקומען... פאר איר איז קיין צוריקוועג נישט געווען. ווי א פּאנאָראמע ציען זיך פאר איר, שרהקעס שוועסטער, אלע טעג פון „עקזאדוס", א שיף וואס שווימט האַפענונגסלאָז פון ברעג צו ברעג. זי זעט שרהקעס פנים פון פיבער און דורשט פארברענט. אבער איר פוס איז פון דער שיף נישט אראפּ. נישט געווען איר באשערט צוצוקומען צום ברעג פון ישראל. דער ים איז געווארן איר קבר.

עס שווימט א שעה נאך א שעה. דער ארקעסטער האט שוין אויפגעהערט צו שפּילן. די מידע פארלעך גייען זיך פאנאנדער.

די פרוי זיצט ווייטער אין איר ווינקל פון קיינעם נישט באמערקט. שטום שווייגנדיק קוקט זי אריין אין ים. פון די כוואליעס קוקן ארויס צו איר צוויי גרויסע פארפייניקטע אויגן.

פון אונטער א פארמאכטער טיר טראגן זיך אין דער שטילקייט פון דער נאכט אויפגערעגטע שטימען פון א וויכוח.

— איר זייט אלע אסאָציאל, נישט געזעלשאפטלעך און נישט פּארטייאיש! שרייט דער שליח, וואס קערט זיך אום פון אייראפּע צו א דאקטאר, אן עולה.

— און אויב איך האב נישט קיין אינטערעס צו פּארטייען... צו זייערע מאכערייקעס, בין איך אסאציאל? — חוזקט דער דאקטאר און גלייך הערט זיך זיין רואיקע באדאכטע שטים:

— איך טו מיין ארבעט ערלעך און נוצלעך און דאס איז מיר גענוג.

— נישט אזוי גענוג, ווי באקוועם — היצט זיך די צווייטע שטים. זעט איר, די רוסישע אינטעליגענץ איז געגאנגען צום פאלק, מיטן

פאלק. געטראָגן קולטור די פויערים און אַרבעטער. נישט סעפּאַרירט זיך... וואָס טוט די היינטיקע אינטעליגענץ? לעבט נאָר פאַר זיך! שפּילט קאָרטן, הוליעט אין די לאָקאַלן. אַ פאַרמאַכטע קליקע סנאָבן און האַכשטאַפּלערס... איר זייט אַלע פאַרדאַרבענע מענטשן! גייט אַרויס פון אייערע זאַטע שטובן צום פאָלק!

— איך לאָז מיך אויס פון שליחים, וואָס רעדן וועגן פאָלק און... פאָרן מיט דער צווייטער קלאַס! איך גלויב נישט אין די היינטיקע פאַרטייען... דאָס איז געוואָרן נישט מער, ווי אַ נייע פּרנסה... ווי איר זעט מיך האָב איך ליב צו שפּילן אין אָפענע קאָרטן... זאָג איך אייך טאַקע, אייך, וואָס האָט געוווינט אין די שענסטע האָטעלן פון אייראָפּע, אַז איר זייט דער ערגסטער פּאַראַזיט! איר דאַרפט זיך אויסלערנען אַ פאַך און גיין צו אַן אַרבעט! די צייט אַליין האָט געוויזן, וועלכער וועג איז דער ריכטיקער. דער מאַסע אינטערעסירן נישט היינט קיין פאַרטייען. זי וויל נאָך ישראל! איין בּיוּרא קאָן פירן די גאַנצע אַרבעט. ווער דאַרף די אַלע צען טויזנט פאַרטייען, מיט אַלע רעדנער און שליחים, וואָס טראָגן זיך איבער דער וועלט? איר האָט נישט וואָס צו זוכן אין די גלותן. גייט אַרבעטן! — ווי ער וואָלט זיך פאַרסאָפּעט מיט די האַסטיקע רייד איז ער אויף אַ רגע שטיל געוואָרן און גלייך ווייטער געצויגן:

— דאָס לאַנד דאַרף היינט מענטשן צום בויען און נישט צו רייד — און גאָר שטיל פאַרענדיקט:

— וואָלט איר געפאָרן מיט דער דריטער קלאַס, מיין הער, וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, גאָר אַנדערש גערעדט צו אייך. אָבער אויב איר רעדט וועגן גיין צום פאָלק און אַליין פאָרט איר באַזונדער, שענער און באַקוועמער, איז שוין ליבער מאַכן אַ קערטל... הע, הע, הע — האָט ער זיך הויך צעלאַכט און דאָ האָט זיך דער וויכּוח איבערגעריסן.

*

דער טאָג איז פרי אויפגעשטאַנען. אַ ליכטיקייט האָט זיך געטראָגן פון קלאָרן הימל, אַ מנוחהדיקע שטילקייט פון ים.

— דער טונקעלער פלעק דארט, איז דער כרמל־בארג — האט אנגעוויזן א מאטראס. באלד וועט זיך ווייזן דער ברעג פון ישראל.

ער האט נישט באוויזן צו ענדיקן זיינע ווערטער. א שגעון האט אלע ארומגענומען. פון אלע קאיוטן און ווינקעלעך פון דער שיף האבן זיך ארויסגעלאזט די פרויען און מענער מיט זייערע קינדער. גייען זיי נאך די אלטע טאטע־מאמע, אומגעדולדיק שטופנדיק זיך פארויס. א מענטשן־קנויל פאקט זיך אויף די שמאלע טרעפלעך ארומגענומען אין שטילשווייגן, ווי א הייליקייט וואלט זיך אין ארום געטראגן. זייערע זאכן זענען אין די קאיוטן הפקר געבליבן. איצט, אין דער גרויסער שעה טראכט נישט קיינער פון זיין האב און גוטס. אלע פריערדיקע פארלאנגען זענען פארשוונדן. די יידן פון שאנכיי מיט די יידן פון מאראקא, די עולים פון עסטרייך, בולגאריע און פוילן זענען אלע געאייניקט אין דער דורותדיקער בענקשאפט נאך ישראל.

צווישן אלע שטופן זיך פאָרויס צוויי זקנים, על־פי נס געראטעוועטע „אויף דער ארישער זייט". זיי פארן צו זייערע קינדער. די ערשטע פון אלע ווילן זיי דערזען דעם ברעג און גלויבן אליין נישט, אז זיי האבן דערלעבט דעם נס.

דעם גאנצן וועג זענען זיי ווי אומבאמערקט פון אלעמען געפארן. איצט האָבן זיי א נייע קראפט באקומען. דורכגעשטויסן זיך איבערן המון און די ערשטע ארויף אויפן דעק. זייערע ציטערדיקע ליפן בענטשן: „שהחיינו וקיימנו..."

די קאצעטלער, וואס האבן אין טאג פון באפרייאונג נישט געקענט אפילו וויינען, שטייען איצט פארקוקט אין דער ווייטקייט און טרערן רינען איבער זייערע פנימער.

מיט א פארכאפטן אטעם, מיט צעגליטע אויגן געוואנדן אין דער בלויער ווייטקייט, שטייען טויזנטער יידן צעפיבערט, וואס גיכער דערזען דעם ברעג. אייניקע פאלן זיך אין די ארעמס. פרעמדע מענטשן נעמען זיך ארום אין געוויין. מען קושט זיך פאר פרייד: דערפארן צו אן אייגענער היים! דאס יונגוואַרג ברויזט אויף אין א הילכיק

געזאנג. באלד שטעלט מען זיך אויס אין א ראַד און א ווילדע שטורמי־
שע „הארא״ נעמט צעטראגן די ברעטער פון דער שיף.

מיטאמאל האט זיך, ווי דורך א נעפל, ארויסגערוקט דער כרמל־
בארג.

גלייך האבן זיך פון ברעג דערטראגן די קלאנגען פון „התקוה״.
דאס האט אן ארקעסטער פון חיפה אויפגענומען מיט מוזיק די עולים.
א טייל כאפן אונטער די ווערטער, נאר דאס קול איז ציטערדיק, ווי
דער חלום וועגן אן אייגענעם לאנד. נאר אייניקע קאנען ארויסברענגען
דעם ניגון, נאר עטלעכע קענען די ווערטער.

טראגט זיך איבער דער שיף א סטייע ווייסע מעוועס אין דער
לופט, וויגט זיך, שווימט, בלייבט הענגען איבער דער שיף, ווי א ווייסע
פאן פון שלום, וואס גייט אויף איבער ישראל.

חיפה

פאר די אלע, נאר וואס אנגעקומענע אין לאנד אנטפלעקט זיך א נייע וועלט:

די יידישע פארט־שטאט חיפה!

אין יום־טובדיקע מלבושים, אין לעצטן מאמענט ארויסגעשלעפט פון די וואליזן און רייזע־קעסטלעך, שפאנען זיי פאמעלעך איבער די שמאלע טרעפ, צוגעשטעלטע צו דער שיף.

א ציטער נעמט ארום יעדן, ביים ערשטן באטרעט אויף דער אייגענער ערד. אויף זייערע פנימער ווייטיקט די בענקשאפט פון טאטעס און זיידעס צום לאנד פון די אבות, אויסגעמישט מיט א שטראליקער פרייד.

אזויפיל געהערט פון חיפה — די שטאט וואס שיינט מיט טויזנטער ליכטער. איצט שטייען זיי אויף איר באדן! וויפל דורות האבן געווארט אויף דער שעה?!

פון גרויס איבערראשונג זעען זיי נישט די שיפן לענגאויס דעם ים־ברעג. נישט די שיפלעך צוגעבונדענע צום ברעג מיט גראבע שנורן. לאסט־מאשינען, קאסטנס אנגעשטעלטע ווי א הויכע וואנט, אלע ים־כלים, וואָס באדינען די יידישע פּאָרט־ארבעטער, מאטראָזן, באַאַמטע, טרעגער.

אין דער גרויסער איינמאליקער שעה, שווייגט יעדער פון די, וואס האבן אויסגעמאסטן לענדער און שטעט און קיינמאל נישט געהאט דאס געפיל פון אייגענער היים.

גייען ארום צווישן די עולים טרעגער אין לאנגע בלויע ארבעטס־קאמבינעזאנען. זייערע פנימער זענען פון ווינט צעאקערט, פון זון צעברענט, צעקארבט. די פלייצעס איינגעבויגן פון שלעפן שווערע מאסע. הענט אויסגעהארעוועטע פון לאָדעווען שיפן און לאסט־אויטאס, פון טראגן און דערלאנגען שווערע זעק און קאסטנס.

זייער ערשטע שלום־באגריסונג קלינגט כריפּעדיק, פּאַרסאָפּעט און אָטעמט מיט וואַרעמער היימישקייט.

— פון וואַנען קומען יידן? — הערן זיך ווערטער אין עברית, יידיש, רומעניש און גריכיש.

— מיר... מיר... קומען פון דער גאַנצער וועלט... פון אַלע טויטן... ענטפערט אַ דינע שטים פון אַן עולה, אַן אָפּגעמוטשעטער ייד, וואָס איז די מלחמה־יאָרן אָפּגעלעגן אין אַ גרוב און געגערט זיך מיט וואַלד־געוויקסן. די גרינקייט פון מאָך האָט זיך אויף זיין פּנים געלייגט, צוזאַמען מיט דער פינצטערקייט פון גרוב.

— ...און איר זייט פון וואַנען? ווי לעבט מען דאָ? — פרעגט ער נישט דרייסט דעם טרעגער, וואָס לאַדעוועט די וואַליזן מיטן געפּעק אויף אַ לאַסט־מאַשין.

— פון סאַלאָניקי! — ענטפערט מיט שטאָלץ דער ייד אין צעקנאָ־דערטן אַרבעטסבגד. ער טראָגט אין זיך אַ טרייקייט צו דער געבורטס־שטאָט, וווּ זיינע זיידעס זענען אויך ים־אַרבעטער געווען.

— אויך אַמאָל געווען אַ נייער... רעדט ער מיט נחת וואָס אַזויפיל יידן זענען איצט אָנגעקומען.

— ווי לעבט מען דאָ? — חזרט ער איבער און ענטפערט גלייך: ווער ס'וויל אַרבעטן — דעם וועט ס'לחמל נישט אויספעלן...

דער וואַלד־ייד, וואָס האָט דאָס עברית לשון נישט געקענט, האָט די רייד פאַרשטאַנען, ווי די פראַגע: „פון וואָס לעבט אַ ייד", וואַלט געווען די ערשטע דאגה, וואָס האָט געעקבערט יעדן יידן, וווּ ער האָט נאָר זיין פוס געשטעלט.

אין גרויסן אויפנאַם־זאַל פּאַקן זיך אַריין די עולים, ווי איין גרויסע משפחה, מיט פּעק אויף די פּלייצעס, קינדער ביי דער זייט, מיט געפילדער און שטופעניש.

גלייך ביי דער טיר גייען זיי אַנטקעגן פרויען מיט טאַצן פריש געבעקס, הייסע קאַווע, האַלבירטע מאַראַנצן, אויסגעלייגטע אויף טעלער.

די פרייוויליקע באַדינערינס, אַנאָנימע טוערינס פון די חיפּהער פרויען־אָרגאַניזאַציעס, שטעלן זיך צו אויפנעמען יעדע נייע גרופּע עולים, וואָס קומט אָן. אַ סך פון זיי פלעגט קומען מיט אַ בוקעט, מיט אַ ליבן שמייכל אויפן פּנים. דערלאַנגען דעם נאַרוואַס־אָנגעקומענעם, אויף וועלכן קיינער וואַרט נישט, אַ בלום.

אין דעם רעש פון טויזנט־קעפּיקן עולם, הערן זיך נישט קיין באַזונדערע ווערטער, אַזוי ווי עס טיילט זיך נישט אויס קיין באַזונדער פּנים, ווי אַלץ וואַלט זיך אויסגעמישט אין איין גוף, איין טראַכטעניש, צערודערונג און דערוואַרטונג וואָס קומען נישט צום אויסדרוק אין ווערטער.

פּאַמעלעך גייען זיי אַרויס אויף דעם דעק, קוקן אַרויס מיט צעגליטע אויגן אויף דער שטאָט, ברייטע גאַסן, הויכע, שטאַקיקע בנינים.

מיטאַמאָל אַנטפּלעקט זיך דער כרמל־באַרג מיט גאָלדענע לעמפּ באַהאַנגען. זיי כישופן און לויכטן אין דער ווייט. איבער אים הענגט דער הימל, ווי אַ בלויער טעפּיך מיט גאָלדענע פעדים געוועבט. גיסט זיך אַריין די ליכטיקייט אין אַלעמענס הערצער. באַרואיקט און פילט אָן מיט נייע כוחות, די מידע פון לאַנגן, איינזאַמען וואַנדער.

שלום

הימל, זאמד און צעלטן.

באראקן מיט טירן און פענצטער און באראקן צוזאמגעקלאפטע פון ברעטער. פוסטע, ליידיקע ווענט. שטרויזעק אויף די ערד.

קאסטנס, „ליפטן", גערא̈לטע פעק, באדעקטע מיט ברעזענט. די באלעבאטישקייט פון אמא̈ל, אויסגעשטעלט אונטערן פרייען הימל, וואס ווארט אויף א דאך.

בית עולים פרדס־חנה.

יידן פון אלע זיבן וועלטן, פון אלע זיבן ימען.

פנימער ווייסע און ברוינע, טונקל־אליוו און שווארצע.

אלע שפראכן פון דער וועלט אויסגעמישט. דייטש און ענגליש. טערקיש און בולגאריש. יידיש און טשעכיש.

קיבוץ גלויות...

יעדער צעלט — א באזונדערע, אייגענע וועלט.

אלע צוזאמען — א קערנדל פון א ניי פאלק.

זיצט אויפן כביש פון פרדס־חנה אן עולה פון תימן און האנדלט מיט ליכט. זיין געל, פארטריקנט פנים צעשמייכלט. די שווארצע, איינגעפאלענע אויגן פינקלען. די אינערלעכע פרייד שטראלט ארויס פון זיין פארדארטן גוף.

— ארץ ישראל יופי! —ווארפט ער צו פאר יעדן דורכגייער, ווי געטיילט זיך מיט זיין באגייסטערונג.

זיין געשטרייפטע פיזשאמע האט ער מיט א פעקל מלבושים באקומען אין בית־עולים. פון אן עולה פון דייטשלאנד האט ער איינגעהאנדלט א שווארצן פראק. דאס דאזיקע בגד, א מתנה פון דזשאינט, איז אים שטארק געפעלן געווארן.

פליען צוויי שווארצע פא̈לעס אויפן ווינט און דעקן אויף גרינע פאסן פון דער פיזשאמע.

— ליכט, ליכט, שבתדיקע ליכט! — צעטראגט זיך זיין טיף צעצויגענער ניגון איבערן לאנגן כביש פון פרדס־חנה.

גייט פארביי אן עולים־משפחה פון דייטשלאנד. די פרוי אין ברוינעם לעדערנעם מאנטל, מיט א פאטאגראפישן אפאראט, איבער־געווארפן אויף דער פלייצע, נעמט מיט שטיינונג באטראכטן דעם „אויסערגעווענלעכן טיפ" און פרעגט מיט צווייפל:

— צו וועט דא ווערן אמאל אונזער פאטערלאנד?

דער מאן שווייגט.

„אזא" ייד האט ער זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט. נישט געזען.

✶

איין איינציק ווארט, איז דא פאר אלע פארשטענדלעך: שלום.

טראגט זיך איבערן בית עולים א ווארעם ווארט: שלום, ווי א באגריסונג פאר אלע נייע עולים.

פארט אוועק אין א שיכון, ווער פון די פריער אנגעקומענע, באגלייט אים א שלום, ווי א ברכה.

לויפן קינדער פון צעלט צו צעלט, שרייען אריין שטיפעריש „שלום" און אנטלויפן.

— שלום, שלום! — לאכן ארויס פון די צעלטן די עולים פון סטאמבול און קאלקוטא. אַדען און בודאפעשט. די אנגעפארענע מזרח־און מערב־יידן, וואסווארטן מיט אמונה און בטחון אין דעם טויזנט־קעפיקן בית עולים פרדס־חנה, אויף א דירה.

שלום, איז דאס איינציקע ווארט, וואס פאראייניקט אלע אויף דער שוועל פון ישראל.

שלום — א באגריסונג, א ברכה, א תפילה צום לעבן, צום זיין.

פון סיביר ביז פרדס־חנה

— אלץ האט זיך ארויסגעוויזן אנדערש ווי מען האט געמיינט. אפילו די זון ווארעמט נישט אזוי ווי מען האט זיך פארגעשטעלט — האט זיך באקלאגט פרוי קליין פון וולאדאווע אין פוילן, פאר איר שכנטע פון באראק, א נייע עולה פון ווענעציע, וואס שלאפט לעבן איר בעטל.

— וואס זאל איך אייך דערציילן — האט ווייטער געצויגן די מיטלוווקסיקע באיאַרטע פרוי קליין — די מלחמה האט אונדז פארטריבן אזש קיין „סימביר".

— קיין סיביר — פאריכט איר די פרוי פון ווענעציע, וואס איז געקומען אין לאנד איינע אליין. זי ווערט אנטשוויגן א פארוונדערטע. זי קען זיך גארנישט פארשטעלן, באנעמען, ווי ווייט עס געפינט זיך דאס דאזיקע לאנד, פון וועלכן זי האט זיך אזוי פיל אנגעהערט ביי די יידן, וואס קערן זיך אום פון ראטן־פארבאנד.

— וואס איז דא צו רעדן פון סיביר, אז עס לאזט זיך גארנישט דערציילן — האט פרוי קליין פאנאנדערגענומען די הענט, גרייטנדיק זיך באריכות צו דערציילן וועגן יענעם קאלטן לאנד, וווהין זי איז פארוואלגערט געווארן אין דער מלחמה־ צייט. די פרעסט דערגייען ביזן מארך פון די ביינער. דער מענטש קאן אפילו דעם אָטעם נישט כאפן. פאלט דער שניי, פאלט און פאלט. עס דאכט זיך, אז ער וועט די גאנצע וועלט פארשיטן... פינקלט פאר די אויגן די ווייסקייט,

שניי און שניי... נישט איינמאל בין איך אָפּגעפרוירן געווארן. די הענט מיט די פיס פארשטייפט, פארגליווערט. האב איך שטענדיק געטראכט אין הארצן: אין פאלעסטינע וועל איך מיך שוין אָנוואַ־ רעמען, אויסהיילן מיינע קראנקע ביינער. ווען עס איז מיר שטארק קאלט געווען, האב איך שטענדיק געטראכט פון דער זון דא, ווי זי ווארעמט, ווי זי ברענט. און דאַ נאדיר, האט איר א זון! שוין צוויי חדשים ווי עס רעגנט אָן אויפהער, גיסט ווי מיט צעברעס. אין די

נעכט קאן איך מיך גארנישט דערוואַרעמען. ווו נעמט מען א דעק, א פעריגע? ס'קלאפט מיר א צאָן אין א צאָן און עס איז פונקט ווי אין סיביר... ווער האט זיך גאר געקענט פארשטעלן, אזא מין קעלט אין פאלעסטינע? איך באַדויער נאר וואס איך האב אוועקגעוואָרפן מיין וואטענע „פופייקע" מיט די וואַלענקעס. זיי וואלטן מיר דא איצט זייער צונוצגעקומען... נאר צוליב מיין איידעם האב איך זיי איבערגע־לאזט: איך האב זיך פשוט געשעמט פאר אים. אזיווי מיר האבן זיך גענומען גרייטן אין וועג האט ער זיך באַשטעלט קורצע כאַקי־הויזן. איך האב מיט אים איינגעטענהט, עס האט נישט קיין פנים, אז א טאטע פון קינדער זאל זיך ארומדרייען אין קורצע הייזלעך. האט ער מיר דער־ציילט אז „דאָרט", הייסט עס, דאָ, זענען אזעלכע היצן, אז אלע גייען אזוי ארום, אפילו פרויען. האב איך געקענט מיטנעמען מיין וואטענע טיעלאַגרייקע? הייגט האָב איך אויסגעוואשן א ביסל וועש, איז פשוט א רחמנות צו קוקן, ווי עס ווייקט זיך און ווייקט און קאן נישט טרוקן ווערן. ווען וועל איך דא דערזען, כאטש א ביסעלע זון? — פרעגט א פארביטערטע די פרוי קליין.

די פרוי פון ווענעציע שווייגט. זי קאן זיך גארנישט געפינען אין דעם „אנשטאלט" וואס הייסט: בית־עולים. זי איז נאך נישט דער־גאנגען צום זין פון ווארט: עליה. זי קאן נאך אלץ נישט פארשטיין, וויאזוי איז עס געשען, אז יידן פון דייטשלאנד, טערקיי, כינע און אנדערע מקומות האבן זיך צוזאמענגענומען דאָ, אין די באראקן פון פרדס־חנה?

— און איך זאג אייך, אז בלויז צוליב דער וועש אליין, איז געווען כדאי צו קומען קיין פאלעסטינע! — רופט זיך אפ א הויכע, דארע פרוי, וועמענס מאן האלט אין איין ארומפאָרן פון איין קרוב צום צווייטן, אויסבארגן א פאר פונט, צוזאמענגעמען כאטש אַן עפעס, אויף א דירה. וואָכן פאָרט ער אזוי ארום און נישט דערגאנגען צו א תכלית.

זי אליין זיצט גאנצע טעג אויף איר בעטל און שטריקט. אויף א רגע לאזט זי נישט ארויס די לאנגע, שמאלע שפיזלעך פון די הענט. איר קאפ איז איינגעבויגן צו דער ארבעט, די אויגן צוגעשמידט צו די

שפיזלען און ווי זי וואלט אריינגערעדט אין רויטן וואַלענעם ארבל, רעדט זי מיט התלהבות:

— יידן, זינדיקט נישט מיט די רייד! איך געדענק נאך גוט דעם גלות און די צרות, וועלכע כ׳בין אויסגעשטאנען פון „סטרוזש״, יעדעס מאל ווען איך האב א ביסל וועש אויסגעוואשן. וויפל כ׳האב זיך אנגעליטן, ביז איך האב פון אים באקומען דעם שליסל פון בוידעם. וויפל כוח און געזונט האב איך פארלוירן, ביז איך האב שוין דאס ביסל וועש ארויפגעטראגן. האב איך שוין מיט מזל אויפגעהאנגען די וועש, קומט זי, די כלבטע, זיין פרוי און טענהט, אז זי האט אויך געוואשן און זי דארף דעם שליסל... איר פארשטייט, איך דארף איר געבן דעם שליסל ווען מיין גאנץ פארמעגן הענגט אויפן בוידעם! און זי וויל נישט אָפטרעטן. רעדט אריין אזוי לאנג ביז איך גיי ארויף מיט איר אויפן בוידעם און באפריי פאר איר עטלעכע שנירלעך. עקשנט זי זיך איין, אז זי דארף האלטן ביי זיך דעם שליסל. איז דאך נישטא קיין ברירה, ווי אראָפצונעמען די נאסע וועש און אויסלייגן זי אויף די טישן און בעטן! און אזוי איז עס געווען יעדעס מאל. אזא גלות! גאט זיי דאנק! היינט דארף איך שוין מער איר פרצוף נישט אָנקוקן. דא איז דאך א פארגעניגן אויסצוואשן א ביסל וועש. קומט דער זומער, הענגט איר ארויס פארן באראק די שנורן. אונטער די הענט ווערט עס טרוקן, בלענדעט פון דער זון, א נחת צו קוקן!...

זי פארהאקט זיך מיטאמאל. עס האבן זיך אראפגעלאזט עטלעכע „אויגן״ און איצט מוז זי אויפלאזן א גאנצע שורה פונעם אַרבל.

פרוי קליין פון וולאדאווע איז אבער איינגאנצן אנטוישט, נאך דער ביטערע מלחמה, וואס זי האט מיטגעמאכט אין די פרעמדע ווייטע מקו־מות „ביים עק פון דער וועלט״ — שאקלט זי פארצווייפלט מיטן קאפ:

— איך גלויב שוין נישט, אז דא וועט זיין ווען עס איז ווארעם... איך רעד שוין נישט וועגן מיר, אבער די וועש!

— יא וועש, נישט וועש — ווארפט אריין אן אנדערע, וועמענס נאמען קיינער דא ווייסט נישט. וואס איז דא א סך צו ריידן, דא זענען מיר ביי זיך אינדערהיים, אין ארץ־ישראל! שוין א יאר בין

איך מיט מיין מאן אין בית־עולים. מיטגעמאכט שוין דאס קאלטע און ווארעמע, נאר באקלאגן זיך, ריידן דארף מען נישט. ווי לאנג מען קריגט א פרישטיק מיט א מיטאג, א בעט מיט א דעקע און א שטיקל זייף זיך צו וואשן, איז נישט שרעקלעך. שוין ערגערס מיטגעמאכט ביי היטלערן און אויך ארויס מיטן לעבן. באטראכט זיך נאר וויפל יידן זענען זיך דא אָנגעפארן! קיינער שטייט נישט דא אויפן רעגן. יעדער וועט זיך זיין דירה און ארבעט באקומען. נישקשה. מ'איז צווישן אייגענע.

פאלט דער רעגן פאמעלעך, מאנאָטאן. מיטאמאל גיט עס א פלייץ איבער די דעכער מיט צאָרן און שטורעם און באלד נעמט ער רינען א מידער, מיט קליינע שטילע טרערן איבער די פענצטער פון באראק. די פרויען איז אָבער עפעס לייכטער געוואָרן נאָכן שמועס. יעדע האָט זיך אראפגערעדט פון הארצן. שווייגנדיק זענען זיי געבליבן ליגן אויף די בעטן, פארטראכט אין זיך. די מענער מישן זיך נישט. זיי מאכן זייערע פלענער און טראכטן זייערע מחשבות. זאל זיך נאר ארבעט געפינען, וועט שוין אלץ זיין גוט.

מיטאמאל האט די שטילקייט איבערגעריסן א פייף פון א לאסט־אויטא, וואס איז פארפארן צום שכנותדיקן צריף. אין איילעניש האבן עטלעכע מענער גענומען ארויסטראָגן פעקלעך, וואליזעס און קאס־טנס. איז אויפגעשטאנען א רעש, א לויפעניש. די מענער זענען ארויס ארומקוקן זיך, אויספרעגן, צי האבן די „בולגארן" שוין באקומען א דירה און באלד זענען זיי צוריקגעקומען. פון דער טיר האט עמעץ אין פארלעגנהייט ארויסגערופן:

— זיי פארן אויף התישבות... נעמען זיך באלד צו דער ארבעט... ווער ווייס, ס'קאן זיין, אז זיי טוען א ריכטיקע זאך...

אין באראק האט זיך קיינער נישט אָפגערופן. בלויז די עולה פון ווענעציע, ווי זי וואלט זיך געשעמט, וואס זי ווייס גארנישט וועגן יידישקייט און פון דעם לאנד וווהין זי איז געקומען, גיט א פרעג מיט פארלעגנהייט:

— וואס אזוינס איז התישבות?... וואס מיינען זיי דארט צו טאן?

פארליבט אין לאנד...

דאסמאל האט זי אויף אן אמת באשלאסן אוועקגיין פון איר מאן. זי האט זיך אויפגעוועקט שוין מיט א גרייטן באשלוס, ווי דער געדאנק וואלט שוין לאנג אין איר געצייטיקט און איצט מוז זי אים נאר אויספירן.

זי האט האסטיק אראפגעווארפן פון זיך די דעק, איינגעהילט זיך אין לאנגן ווינטער־מאנטל, מיט די פינגער אדורכגעקעמט די לאנגע, צעשויבערטע האר און גענומען שלעפן די וואליזעס, קעסטלעך און רענצלעך פון אונטערן בעט.

די איבעריקע עולים, מיטוווינער אין באראק, משפחות פון בול־גאריע, רומעניע און טשעכיע, האבן פון זייערע בעטלעך פונדערווייטנס זיך צוגעקוקט, ווי די „פוילישע" קלייבט איבער אלע זאכן, לייגט אן פאמעלעך מיט א סדר אין א באזונדערן טשעמאדאן און געשוויגן.

זיי קענען שוין די „פוילישע", וואס יעדן מאנטיק און דאנערשטיק קלייבט זי זיך אוועקצוגיין פון איר מאן, דעם ליידיקגייער און „בטלן". זיי קוקן זיך איבער מיט א חוזק־שמייכעלע, ווארפן שטיל אריין א פרעמד אומפארשטענדלעך ווארט און שווייגן ווידער.

די ערשטע צייט, אזוי ווי זיי זענען אנגעקומען אין בית־עולים, האבן זיי לגמרי נישט געקענט פארשטיין די „פוילישע" פרוי, וואס שרייט תמיד און זידלט איר מאן אין אזא שלעכטן דייטש, אין וועלכן מען קאן זיך גארנישט פאנאנדערקלייבן, וואס זי מיינט צו זאגן, אין איר שטענדיקן יאמער. איצט ווייסן זיי שוין, אז זי רעדט יידיש. זיי האבן אפילו צו איר יידיש זיך צוגעווינט. אפט זוכן זיי אפ אין זייער דייטש אן ענלעך ווארט און אזוי ארום שמועסן זיי זיך אדורך מיט איר, אין נייעם בית עולים יידיש, וואס איז א געמיש פון אלע שפראכן.

יצחק פון רומעניע, דער טיילער פון דער בית־עולים־קיך, קאָן אבער נישט צוקוקן זיך גלייכגילטיק צו אזא זאך.

ער זעצט זיך ארויף, אויף זיין שמאלן אמעריקאנער בעטל, טראכט א ווײלע, פאמעלעך קלייבט ער זיך ארויס פון די דעקן, אין וועלכע ער איז אינגאנצן ארומגעהילט. ציט ארויף אויף זיך די װארעמע יאקע, רוקט אריין די פיס אין די צעפּאָרענע שטעק־לאַטשן און א פארשלא־פענער נאך דער נאכט־ארבעט אין דער קיך, טשלאפּעט ער פאמעלעך צו צום בעטל פון דער פּוילישער „דאַמנאַ".

ער באטראכט א רגע די ארויסגעשליידערטע ליילעכער, העמדער און קליידער אויפן בעטל, די צעעפנטע וואליזעס, אנגעפאקטע מיט קיך־געשיר, צעבראָכן גלאָזוואַרג, טעלער און טעפּלעך און זוכט א פאסיק ווארט, ווי איינצושטילן איר צארן. נישט דרייסט הייבט ער אָן:

— איר מיינט, אז עס איז א קונץ צו צעברעכן א היים? נעמען די פעקלעך און לאזן א מאן מיט א קינד אויף הפקר? ס'פאסט גארנישט פאר יידן. דא אין ישראל, דארף מען זיך אנדערש פירן... ס'איז א מעשה פאר גוים...

— אויף הפקר האט מיין מאן מיך געלאזט אין בית־עולים, איך זאל דא זיצן און היטן אים די פעקלעך! — רייסט אים איבער די „דאַמנאַ" אן אויפגערעגטע — וואס מיינט איר, אז עס גייט אים אן א ווייב, א קינד? אז ער טראכט וועגן א דירה, פרנסה? אזוי ווי ער איז אראפ פון דער שיף, איז ער לא עלינו גאר אראפ פון זינען, א שמחה אויף אים מיט פּאלעסטינע! קיין זאך גייט אים נישט אן, נאר מען האלט אין איין ארומפארן. קודם כל מוז ער אויסקוקן ס'גאנצע לאנד, און יעדן טאג קומט ער מיט א נייער מעשה... דא האט ער זיך אריינגעכאפּט אין חיפה און דערציילט פּתאום ורעמסס וועגן די שיינע הייזער אויפן כרמל, פון די גרויסע געשעפטן אין חיפה... א גליק האט מיך געטראפן, אז אנדערע האבן הייזער. וואס האב איך פון יענעמס געשעפטן? דא קומט ער ווידער מיט גאנצע בערג מעשיות וועגן די קיבוצים. וואס סארא „ווערטשאפט" זיי האבן, וויפל בהמות, וויפל מילך גיט יעדע קו און וויפל הינער אין די לולים... וואס פארא געראָטענע קינדער זענען ביי זיי. אז זיין אייגן קינד דרייט זיך ארום אין בית־עולים און האט אפילו נישט קיין ליייטישן חדר, גייט אים

נישט אַן, זינגען גאָר לערנט מען אים אין בית־עולים חדר, יעדן טאָג קומט ער מיט אַן אַנדער לידל. אַ תכלית פּאָר אַ יינגל. יעדער עולה חדש קריגט בילעטן אומזיסטע, פאַרן טאַקע אַלע זוכן אַ דירה. אַן אַרבעט. קיינער האָט נישט אַזאַ לייכטן קאָפּ אַרומצופאָרן גאַנצע וואָכן... נאָר נאַרישקייטן, פּוסטע חלומות האָט ער אין זינען. נישט לאַנג ווי ער איז אַוועק און דריי טעג זיך נישט געוויזן, האָב איך גע־מיינט, אפשר האָט ער שוין ערגעץ אַ דאַך געפונען. קומט ער גאָר מיט אַ נייער געשיכטע וועגן די סאַבּרעס. זיי האָבן געוווּנען די מלחמה. זיי זענען די אמתדיקע יידן. זיי האָבן אונדז אַלע באַפרייט! אַזאַ עבֿרית איז גאָר אויף דער וועלט נישט פאַראַנען!...

איז ער אין ירושלים אָפּגעזעסן אַ וואָך צייט און געהוליעט דאָרט מיט זיינע חסידים, האָב איך געמיינט, מיט דעם וועט זיך ענדיקן. ניין, מיט אַ נייער מעשה איז ער געקומען... די חסידים זיינע האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער בעלזער רבי איז געקומען. לאָזן זיי זיך אין וועג, איבער אַלע בית־עולימס אים אויפזוכן. וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ אומגליק? איך וואָלט שוין אַליין געגאַנגען אויפזוכן ערגעץ אַ חורבה, מוז איך דאָ זיצן און היטן זיינע פּעקלעך — סאָפּעט זי אָפּ אַ מידע און זעצט זיך אַוועק אויפן בעטל אַ פאַרצווייפלטע.

— ווי איך זע — רופט זיך אָן נישט דרייסט יצחק דער טיילער — איז אייער מאַן גאָר אַ הייסער ייד. ער האָט הנאה פון ארץ־ישראל. לאָזט אים זיך אָנפרייען מיטן לאַנד נאָך אַ חודש, נאָך אַ וואָך, און צוריקקומען. ער וועט נאָך גענוג זיין מיט אייך צוזאַמען...

— יאָ, צוזאַמען! — שפּעט זי אים נאָך מיט ביטערקייט — האָט איר אים שוין געזען אין באַראַק זיצן, ווי יעדער מאַן ביי זיין פרוי? אַזוי ווי ער קומט נאָר, לויפט ער גלייך אין די צעלטן צו די טערקישע, צו די מאַראָקאַנער יידן, וואָס אסור צי מען קאָן פאַרשטיין אַ וואָרט פון זייער לשון! אַ גדולה ביי אים מיט די יידן! וואָלט ער אויסגעזוכט ערגעץ אַ חורבה... ס׳פעלן דען חורבות אין ירושלים, אונטער תל־אביב? איך וואָלט שוין צוגעשטעלט אַ וואַנט, אַ דאַך. כ׳וואָלט אויפן הויף זיך געמאַכט אַ גערטנדל מיט אַביסל גרינס. מיט

בלומען... כ׳וואלט זיך געניאנטשעט מיט יעדן גרעזל, מיט יעדן בלעטל, זאל איך טאקע וויסן, אז איך בין אין פאלעסטינע. כ׳וואלט זיך גע־מאכט א לול מיט צוואנציק הינער און געהאט פרנסה איבערן קאפ אריבער! איר זאגט, אז „זיי״ וועלן צונעמען די הייזער? דא ווארפט מען נישט! נישט דערויף בין איך געקומען נאך פאלעסטינע...

— קודם כל — רייסט איר איבער יצחק פון רומעניע, איז דא נישט קיין פאלעסטינע, נאר ישראל. און חוץ דעם, זאג איך אייך, איר זאלט זיך נישט פארדרייען אייערע יארן מיט די אלטע אראבישע חורבות. צושטעלן א וואנט, מאכן ליכט און וואסער; און וואס נאך, וועט איר שוין זען אויפן ארט, וועט אייך קאסטן מער, ווי א נייע דירה. עס בויען זיך איצט וואזשנע הייזער פאר עולים. סבלנות.... איר שטייט דען אויף א רעגן? עס פעלט אייך עסן? הונגעריק איז דא, דאכט זיך, קיינער נישט.

—ווו מיינט איר צו פארן? — ציט ער ווייטער מיט זיין פאמע־לעך, רואיקער שטים. איר זענט דאך א שוואך מענטש, א קראנקע פרוי...

— צי איך בין קראנק? — חזרט איבער די „פוילישע״ און עס דאכט זיך אז אט וועט א כוואליע טרערן א פלייץ טאן פון אירע אויגן. די לעצטע ווערטער זיינע האבן נישט בלויז איר לשון נאר אויך איר מוט צוגענומען, אירע אויגן באדעקט מיט א נעפל, קוים שטאמלט זי אויס:

— ווייניק האב איך כוחות פארלוירן ביים דייטש? ווייניק זיך געוואלגערט אין זייערע לאגערס און איצט א נייע מארדעוואניע, ווידער גיין מיטן טעפל אין דער ריי?

די טשעכישע פרוי, די נאענטסטע שכנטע ביי איר בעט, איז זיך משער וועגן וואס עס האנדלט זיך. זי זעצט זיך אוועק אויפן בעטל און הייבט אן צו שרייען האלב טשעכיש האלב דייטש:

— וואס גלייכט איר עפעס צו די דייטשן מיט זייערע לאגערס צום בית עולים, צו ישראל? די דייטשן האבן אויסגעהרגעט אייערע „פערוואַנדטע״, געשיקט אין די קאצעטן, אין די גאז־קאמערס און

דא ליגט איר זיך גאנצע טעג אין בעט. הייבט זיך נאר אויף אויף א שעה צו „האָלן" דאס עסן און האט נאך „פּרעטענציעס"...

פון די בעטלעך הייבט זיך אויף א טומל. עמעץ האט אויפגע־קלערט א בולגארישער פרוי אין וואס עס האנדלט זיך און זי שרייט:

— מיר האָבן אין בולגאריע איבערגעלאָזט שענערע וווינונגען. די בולגארן זענען נישט קיין פּאָלאַקן, נישט געגאנגען האנט ביי האנט מיט די דייטשן, נישט צוגעלאזט אונדז אין ערגעץ פארשיקן. מיר האבן היינט געקענט דאָרט לעבן ווייטער... מיר זענען געקומען אין ארץ־ישראל, אלץ איבערגעלאזט... עס איז דא א יידישע מדינה, דארפן אלע יידן אהערקומען. מ'דארף זיין גליקלעך, וואס מ'האט דערלעבט אזעל־כע טעג...

די פרויען רייסן איר איבער. איינע שרייט איבער דער צווייטער, דער טומל ווערט וואס אמאל גרעסער.

— וואס האט איר אלע זיך אנגעזעצט אויף מיר, וויינט שוין אויפן קול די „פּוילישע", וואס וויל איך דען? נאר א דאך איבערן קאפּ! זאל זיין א חורבה, א שאַרבן...

די צוויי ערשט אנגעקומענע פרויען פון דייטשלאנד, מישן זיך נישט אין די רייד, וואס ווערן גערעדט אין באראק, זיצן און שווייגן. זייערע מענער זענען אוועק באגינען צו זייערע קרובים און באקאנטע נאך חדרה, נאך תל־אביב, ארומזען זיך אין דער לאגע; צי ווארטן אין בית־עולים אויף א דירה, אדער קויפן ערגעץ א הייזל.

ביידע פרויען זיצן אין באראק און היטן זייערע קאסטנס און פּעק. אין די בעטן שלאפן זייערע קינדער נישט געוואשענע, זייט זיי זענען אין באראק געקומען. מיט אויסגעשמירטע פּנימלעך, פארבלאָ־טיקטע הענטלעך און פיס. אויף די בעטן ליגן צעעפנטע וואליזעס מיט קליידער און וועש.

זיי באטראכטן און באטאפּן יעדעס שטיקל וועש באזונדער. וועגן און מעסטן די ווערט פון יעדן רעקל און קליידל. זיי זיצן אין די מאָרגן־קליידער און מאנטלען, וואס דער „דזשאינט" האט זיי אויפן וועג מיטגעגעבן און ברומען בייז צו זיך:

— אלץ איבער די ציוניסטן... האבן נישט געקענט צוזען, אז די יידן אין די ד.פ.־לאגערס האבן פרנסה, א רואיקן קאפ... אזוי לאנג געקערט וועלטן מיט זייער פראָפאגאנדע, ביז די אמעריקאנער האבן אויפגעהערט געבן עסן. א מדינה האט זיך זיי פארוואלט. דער בית־עולים מיט דער סוכנות וועלן זיין אונדזערע פארזאָרגערס... צו וואָס זענען מיר דא געקומען? וואס וועט דא פון אונדז ווערן?...

קיינער האט נישט באמערקט, ווי די טיר האט זיך אויפגעמאכט און אויף דער שוועל האט זיך געוויזן א ייד מיט א בארד, אין א לאנג גרוי כאַלאַטל, מיט א טעקע אין דער האנט. ער האָט זיך א רגע ארומגעקוקט איבערן באראק און מיט א באסאָוון קול א פרעג געטאן:

— ווער פון אייך געהערט צו דער „מזרחי״?

אלע קוקן זיך איבער פארוואונדערט. בלויז די „פוילישע״ גייט צו צום ייד מיט דער טעקע, נעמט צוזאמען די צעפאטלטע האָר און פרעגט אים מיט א חנדל, קוקנדיק אויף די ליסטעס:

— צי זייט איר געקומען פאַרשרייבן אויף א דירה?

פון די בעטלעך הערט זיך א שטיל, דערשטיקט געלעכטער.

— טוט מיר א טובה — בעט זיך די פרוי — פארשרייבט מיין מאן... ער איז א שוחט... א פרומער, אפגעהיטענער ייד. נישטא היינט א סך אזעלכע יידן ווי מיין מאן. ווער איז דען געבליבן משטיינסגעזאגט נאך דער מלחמה? דאס גאנצע ביסל פעבל...

— גוט, גוט — רייסט איבער דער ייד מיט דער ברייט־צעקעמטער בארד, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז ער וועט פארזונקען ווערן אין א ים פון ווערטער. ער פארשרייבט אויף גיך איר נאמען, לאזט א צעטל פארן מאן און קלייבט זיך אוועקצוגיין.

די פרוי לויפט אים נאך.

— איך בעט אייך, וואס סארא דירות וועלן דאס זיין? אין שטאט צי אין א מושב? איר זעט דאך ווי מיר לעבן דא אין בית־עולים. צוואנציק משפחות אין איין באראק! אין אזא פרדס־חנה אנגעטריבן ס׳גאנצע ביסל יידן פון אלע שבעה ימים. זעכצן טויזנט.

וואס וועט זיין דער סוף פון דעם ווארטן ?... דערבארעמט זיך און פארשרייבט אונדז א לייטישע דירה... עפעס א פאסטן פאר מיין מאן...

— מיר טיילן נישט קיין ארבעט. אויף דעם איז דא א לשכת־עבודה — רייסט איר איבער דער ייד אומגעדולדיק שוין אויפן שוועל. מיר האבן נישט קיין דירות. מיר מיינען אויפבויען א חרוב אראביש דארף און באזעצן דארט אייגענע מענטשן. יעדער וועט באקומען א הלוואה און אביסל אליין צוארבעטן. צום סדר דארפן די דירות זיין גרייט, פארלירט נישט דאס צעטל.

א בארואיקטע זעצט זיך אוועק די „פוילישע" צוזאמלייגן אירע קליידער און וועש, פארפאקן אירע זאכן אין די קליינע רענצלעך און קופערס.

פאטער און זון פון בולגאריע

דער טאג איז אויפגעקומען אין באראק מיט אומרו, זארג און דערוואַרטונג. נאך אין גרויען באגינען האבן די מענער זיך שטיל ארויסגעשארט. אוועק אויפן כביש אויסוואַרטן אן אויטאבוס.

אומגעדולדיק אויסגעפרעגט ביי די שאפערס:

— ווי לאנג פארט מען נאך ירושלים?

— ווו איז תל־אביב?

— סארא אָרטשאפט איז רמלה?

פארנאכט וועלן זיי צוריקקומען מיד און פארשטויבט. דערציילן מיט חידוש, וועגן פעלדער צעאקערטע. יידן וואס פארן אויף טראַקטאָרס... וועגן נייע בנינים אין די שטעט. און אלע וועלן הערן און שאָקלען מיט די קעפּ, ווי אזוי יידן קאנען דאס באוויזן צו אקערן און בויען!

די פרויען אין בית־עולים איז דער טאָג אומעטיק און לאַנגווייליק. נישטא נאך וואס אויפשטיין. מיט וואס זיך פארנעמען אין די רעגנדיקע טעג. איינציקוייז הייבן זיי זיך אויף פון די בעטלעך. לייגן צוזאם די וואטענע דעקן און טיכער און נעמען זיך צו זייערע קינדער. יעדע פון זיי קערט ארום איר בעטל. לייגט צונויף די קליידער און מאנטלען אויף די בענקלעך און בעטן און נעמען זיך צו רייניקן די כלים צום מיטאג.

אויפן שטיינערנעם טיש ליגן ליידיקע פושקעס פון פלייש־קאָנסערוון און סארדינען. אנגעווארפענע שטיקלעך ברויט און הערינג. אויף בלעכערנע טעלער ליגן צונויפגעלייגטע פארציעס קעז מיט אליוון. קיינער עסט זיי נישט. די אליוון מיט קעז פירן אלעמען גלייך ארויס פון געדולד. בייז ברומען אייניקע אויף בולגאריש און דייטש:

— אלץ קאן מען פארשטיין און פארטיידיקן, אבער קעז מיט

אליוון? אראבישע מאכלים! עס זעט אויס ווי קעז אנגעפילט מיט גראבע, שווארצע פליגן. א חלשות צו קוקן.

דער גרוי־האָריקער דאקטער פון בולגאריע, דער איינציקער מאן, וואס איז אין בית־עולים געבליבן איינצואָרדנען זיין באגאזש, באַרו־איקט די פרויען:

— מיר דארפן גאר דאנקבאר זיין. מיר צאלן דא פאר קיין זאך נישט. יעדן טאג קומען צו פאָרן טויזנטער מענטשן. דאס קאסט מיל־יאנען! איר האט זיך נישט אויף וואס צו באקלאָגן. אויף די מיסט־קאסטנס ליגן גאנצע ברויטן? ווייסט איר ווער צאלט דערפאר? יידן פון דער גאנצער וועלט! נישט אלע אמעריקאנער זענען מיליאנערן...

קיינע פון די פרויען ענטפערט אים נישט. זיי האבן דרך־ארץ פאר דעם איידעלן מאן מיטן גרויען קאפּ, וואס מישט זיך נישט אין די טאגטעגלעכע מחלוקות, וואס ברעכן אויס איבער פארשידענע קליי־קייטן.

שעהענווייז זיצט ער אויף זיין בעטל שווייגנדיק פארטראכט, בעת זיין פרוי וואשט די וועש אין וואש־רוים מיט די בית־עולים־פרויען צוזאמען. ער טראכט וועגן דער וועלט און וועגן די יידן און קומט צו גאר טרויעריקע אויספירונגען. אלץ ווייזט אים זיך איצט אויס נישטיק און קליין. יארן לאנג האט ער געטרוימט וועגן ארץ־ישראל. צו לעבן מיט יידן צוזאמען, צו בויען א לאנד מיט געמיינזאמע כוחות און וואס ווייזט זיך אויס:

„יעדער קערט ארום, נאר ארום זיין בעטל, ווען דער גאנצער באראק ליגט אין שמוץ און שטויב. קיינער זעט נישט מער, ווי זיך אליין. טא וווּ איז דאס בשותפותדיקע, וואס בינדט איצטער אלע, ווען עס דראט נישט מער די שנאה פון גוי? פריער פלעגט ער אין די אָוונטן תמיד רעדן וועגן „ציוניזמוס", געהיצט זיך, דיסקוטירט. הייַנט נאך עטלעכע פארזאמלונגען, וואס האבן זיך שיעור נישט פארענדיקט מיט א געשלעג, האט ער זיין וועג, אויף וועלכן ער איז דאס גאנצע לעבן געגאנגען, פארלוירן. די אלע פארטייען, פון וועלכע ער האט קיינמאל נישט געהערט, וואקסן פאר אים אויס, ווי א פינצטערער

וואלד, אין וועלכן ער קאן זיך נישט פאנאנדערקלייבן. ווי אזוי איז געקומען צו אזא פארביסנקייט און האס צווישן יידן?

ווי אזוי איז עס געשען? ווען איז עס געווארן? — פרעגט ער ביי זיך אליין און קאן קיין ענטפער נישט געפינען.

אפילו זיין מיטיא, דער תמיד פארשפילטער, וואָס לעבט נאָר אין די ביכער פון ווייטע רייזעס, פון מלחמות צווישן אינדיאנער, ער איז נעכטן געקומען פון דער שול און פעסט אנטשלאסן געזאגט:

— פאַפאַ, איך וועל מער אין בית־עולים נישט זיצן. איך גיי אין קיבוץ מפ"ם! אלע אנדערע זענען אימפעריאליסטיש, פאַשיסטיש...

ווי קומען צו אים אזעלכע רייד?

— יא, זיכער דארף מיטיא גיין אין א קיבוץ, לערנען עברית און דערציען זיך מיט קינדער צוזאמען — טראכט דער דאקטער. דערפאר איז ער דאך געווען אין עטלעכע קיבוצים זיך ארומזען און דערווייל נאך נישט אויסגעקליבן. אפשר טאקע אין קיבוץ פון מפ"ם. עס גייט דאך נישט אין פאליטיק. נאר ווער האט אים שוין באוויזן „אויפצו־קלערן" און אויסגעלערנט אָפּלאכן פון דעם, וואס אנדערע האבן געבויט? אים, דעם עלף־יעריקן מיטיא!

סארא אונטערשיד איז צווישן דעם קיבוץ מפ"ם — טראכט דער פאָטער און קאָן זיך נישט דערטראכטן. א שאָד, באַדויערט ער, וואָס עס איז נישטא ביי וועמען אָנצופרעגן, וועלכער איז דער ריכטיקער קיבוץ?

דער דאקטער שטעלט זיך אויף פון זיין בעטל, נעמט דעם אויס־געריבענעם בעזים און הייבט אָן פאמעלעך צו קערן דעם באראק. ער לערנט נישט קיינמאל אנדערע, וואס זיי האבן צו טאן. ווען עפעס געפעלט אים נישט, פאריכט ער עס אליין. עטלעכע טעג איז ארומ־גערעדט געווארן, פארוואס ווארפן די מענטשן דאס אומריין פאר דער טיר? ס'ליגן שוין גאנצע בערג מיט מיסט. עס וועט נישט קומען קיין פרעמדער דאס אפצורייניקן...

גארנישט זאגנדיק האט דער מאן פון בולגאריע מיט זיין פריינד אויפגעזוכט א קעסל מיט א שופל און גענומען זיך אוועקטראגן דאס

מיסט. פארשעמטע זענען צו אים צוגעשטאנען עטלעכע פרויען און מענער און געהאָלפן אָפּרייניקן דעם וועג פארן באראק.

איצט קערט ער דעם באראק און שמייכלט צו זיך. זיינע געדאנקען קערן זיך ווידער צוריק צו מיטיען. א גאנצער מענטש איז ער איבער נאכט געווארן. אנו, וועט מען זען, וואס וועט פון אים ווערן? פון דעם פאליטיקער אין די קינדער־הייזלעך. איצט באשליסט ער פעסט, ארויס־צונעמען אים פון בית־עולים און אוועקפירן אין א קיבוץ.

די פרויען נעמען די טעפלעך און גייען פארנעמען א ריי ביי דער קיך, בעסער זיך שטעלן אין דער ריי פריצייטיק, איידער פאקן זיך מיט טויזנטער מענטשן צוזאמען.

— עס איז דאך שוין נישט קיין געטא און נישט קיין מלחמה. די טעג פון הונגער וועלן זיך נישט אומקערן צוריק.

מיטאמאל פאלט אראפ א שלאקס־רעגן. פארגיסט אלע וועגן. רינט אריין דורך די האלב־אָפענע פענצטער און טירן פון די באראקן. צעווייקט און פארגיסט די צעלטן.

פאר דער נידעריקער מזכירות־געביידע שטייט א גרופע ערשט וואס אנגעקומענע עולים, פארשרייבן זיך אויף דער רשימה. ווארטן אויף א שפייז־קארטע, אן אָרט אין א באראק.

ביים נעבנדיקן הויז ווערן שוין פארטיילט די שטרוי־זעק, ליינ־טיכער און דעקעס. א טומל, א רעש, א גערודער.

א פרוי מיט א קינד אויף דער האנט וויינט אויפן קול:

— צו וואס בין איך דא געקומען? איך האב שוין געהאט פאפירן נאך אַפריקע! וואס האב איך געוואלט פון דעם שוואלב?... איך וואלט שוין געהאט א דירה, אלץ, אלץ! אין אפריקע... א קייזערין וואלט איך דארט געווארן!

דער שאפער, וואס העלפט אויסלאדענען די פעק פון דער מאשין, א ברייט־בייניקער, פעסטער בחור, ענטפערט איר מיט געלעכטער:

— אָווא, קיין אפריקע! זיי קומען דאך דא אין די טויזנטער! איר וועט זיך נאך אנזען זייערע גיטער... דאס פארמעגן וואס זיי ברענגען מיט זיך... כאפט זיך נאר אריין אין זייערע באראקן! דערוויל

קומט אריין מיטן קינד אין דער מאשין. וואס האט איר אזוי מורא פאר אביסל רעגן? הלוואי רעגנט נאך אזוי א פאר חדשים...

טשלאפעט אין די וואסערן א פרוי פון יוגאסלאוויע, זוכט דעם בלאק „ד" און קאן אים נישט געפינען. זייט א וואָך האט זי זיך דערוווסט, אז איר פריינדין, מיט וועלכער זי האט זיך שוין צען יאר נישט געזען, איז געקומען פון ווענעציע און נישט געהאט ווען זי אויפ־צוזוכן. איצט האט זי זיך דערויף צייט גענומען, האט פלוצים א גאס געטאָן א רעגן און אדורכגעווייקט זי ביז צום פאָדעם. זי וויל אָבער זיך נישט אומקערן אויף צוריק. בלאנזשעט זי וואס אמאל טיפער אין לאבירינט פון צעלטן, באראקן און בלאָקן. קיינער פון די עולים קאן איר נישט אנווייזן דעם וועג. יעדער פון זיי איז אליין ערשט וואס אראפּ פון דער שיף.

א פארצוויפלטע שטעלט זי זיך אָפּ פאר א גרופע חדר־יינגלעך, מיד און וויינענדיק קלינגט איר שטים:

— פילייכט ווייסט איר וו איז דער בלאק „ד"?

צעלאכט זיך א יינגל מיט א דין ווייך קולכל:

— איר זייט דאך שוין דעם בלאק „ד" פארבייגעגאנגען! זעט איר נישט דעם גרויסן „ד" אויף דער וואנט? — ווייזט ער אן מיטן הענטל די געמויערטע געביידע.

פארטיידיקט זיך די פרוי א פארוואונדערטע:

— ס'איז דאך נאר א פאסיקל, א שטרייכעלע... גארנישט! ווי איז עס ענלעך צו א „בוכשטאב"?

צוזאמען מיט עטלעכע פרויען, וואס לויפן מיט די טעפלעך אין דער ריי, פאר דער קיך, גייט זי צום בלאק „ד".

עס איז נאך פריצייטיק, דאך פאר דער קיך איז שוין אויס־געוואקסן א לאנגער צוג מענער, קינדער און פרויען.

עס האבן זיך אין דער ריי געטראפן יידן פון דער גאנצער וועלט: פון פוילן און דייטשלאנד, פון מאראקא און טערקיי.

שטייען קליינע, איינגעדארטע קערפערס נעבן הויכוואקסיקע ברייטביינעקע ריזן. יידן פון אלע גלותן.

פון גרויסע שטעט און דערפער, מיט הויכער בילדונג, פיל שפראַכן, אסימילירטע, אַפּטריניקע, נעבן יידן באבערדיקע, באַפּאהטע. זיי אלע קוקן אויף זיך מיט געמישטע געפילן, ווי יעדער וואלט געוואלט פון צווייטנס פנים ארויסלייענען זיין סוד, וואס האט אים אהער געבראכט. אין פארשידנארטיקן שפראכן־כאאָס, מיט די העכסטע טענער מיט אימפעט און ליידנשאפט, שלאגט זיך אדורך דאס שפּאַניאלישע לשון און ברענגט אויפן רעיון פלוצימדיקע רעפלעקסן וועגן די גילגולים פון שפאנישע יידן, דערמאָנט פארגאנגענע תקופות, אינקוויזיציע, חרובע קהילות און ווייטע וואנדערונגען אין דער פרעמדער וועלט. און דאך האבן זיך אלע דא געפונען אויפן פעלד פון פרדס־חנה און ווארטן אין דער ריי פאר דער קיך, ווי דאס וואלט געווען זעלבסטפארשטענדלעך, אז אזוי האט געמוזט געשען. אז נאר אין דעם לאנד פון אבות, וועלן זיי א זיכערע היים געפינען.

חיילים, יונגע בחורימלעך אין גרינע כאקי־מונדירן, דרייען זיך צווישן די עולים, ווילן איינשטעלן אַן אָרדענונג. זייערע פנימער זענען ערנסט און קינדיש יונג. יעדער אבער קוקט אויף זיי מיט באוונדערונג און פאָלגט זיי מיט דרך־ארץ.

— חיילים — בענטשט זיי אין הארץ דער דאקטער פון בולגאריע, וונדער־קינדער פון יידישן פאלק.

נאר די מאַראָקאנער ווילן נישט שטיין מיט אלע גלייך, זיי פארשטייען נישט דעם יושר פון שטיין אין א תור. וויפל די מענער זאלן מיט זיי נישט איינטענהען און געבן צו פארשטיין, אז עס מוז זיין א סדר און ווער עס קומט שפעטער, מוז זיך שטעלן דער לעצטער ; דאך קענען זיי גארנישט פועלן. נאכן אוועקטרייבן זיי פון פענצטערל אויפן סוף פון דער ריי, קומען זיי באלד צוריק מיט די פרויען און קינדער. קלימפערן אומגעדולדיק מיט די טעפלעך, קענען נישט פארשטיין, וואס האבן עפעס די „אשכנזים" זיך אָנגעזעצט אויף זיי און האלטן אין איין טרייבן פונעם פענצטערל. א סאָכאַטשאָווער סוחר, כמעט דער

איינציקער לעבנגעבליבענער פון זיין משפחה, באטראכט די מאַראַ־קאנער און קלייבט פון זיי נחת.

— וואס זאגט איר אויף „אונזערע שווארצע ברידער"? איך האב גארנישט געוואוסט, אז זיי זענען ערגעץ פאראנען אין די ווייטע מקומות...

— גיט נאר א קוק אויף די צוויי געלע פיגורן דארט! — שלאגט אים עמעץ איבער. האבן מיר שוין אויך כינע איינגענומען! איי, ווי וועלן מיר דאס מיט זיי אלע אויסקומען, ווי אזוי וועט דא עפעס ווערן? דער דלות פון אלע וועלטן איינגעזאמלט...

— „פוסטע חלומות"... גיט ער א מאך מיט דער האנט. ווי אזוי וועט דא אמאל ווערן א מדינה? — חזרט ער איבער אומגלויביק.

— ווי אזוי וועט דא ווערן א מדינה? — שפאסט דער סאכא־טשאָווער ייד און זיין שטים איז פול מיט נצחון:

— מיר האבן דאך שוין א מדינה! וואס ווילט איר, מיר זענען דאך, ווי א קינד פון א יאר... מיר לערנען זיך ערשט שטעלן די ערשטע טריט... מען דארף זי, איר פארשטייט, אונטערהאלטן, די מדינה, רעדט ער אריין אין באגוידערטן יידן, וואס מעסט מיט די אויגן דעם עולם, וואס ווערט וואס אמאל גרעסער און קאן זיך אויף זיין מיטאג נישט דערווארטן.

✶

דער דאקטער פון בולגאריע, וואס זיין נאמען ווייסט נישט קיינער אין באראק, קומט אויך מיט די ערשטע אין קיך. ער שטעלט זיך אוועק אין דער ריי מיט די טעפלעך אויסגעסדרטע אין א ברייטער, לעדערנער טאש. זיין פרוי וויל ער דעם וועג און דעם כבוד פארשפאָרן. זיין בלענדנדע זויבערקייט טיילט אים אויס פון די אלע אין די צעקנאדערטע, אפגעטראגענע בגדים.

ער קוקט זיך איין אין יעדן פנים, זוכט צווישן די עולים זיינע לאנדסלייט.

— א שאד, שאד — טראכט ער מיט באדויער, וואס אזוי ווייניק

אונדזערע יידן קומען אהער. דווקא דא, דארף מען איצט די יידן פון בולגאריע. מיט גוטע בארופן, קולטור, וועלטלעכע מענטשן!

ער שאקלט מיטן גרויען שויבער, מעסט מיט די אויגן די ריי, וואס ווערט וואס אמאל גרעסער. זיין בליק איז אומעטיק, דאס בלייכע פנים פול מיט טרויער. אָרעם פאלק מיינס — טראכט ער אין זיך — וואס האבן „זיי" פון אלע געמאכט! א בעטלער־פאלק!

טיף אין הארצן אבער, איז ער א בעל־בטחון. קומט ער תמיד צום זעלבן אויספיר: אונדזערע קינדער וועלן וואקסן ווי פרייע מענטשן אין אייגענעם לאנד! מיר אלע זענען דא נאר דער דור המדבר...

דאס איינזאמע מיידל פון ציפערן

משונהדיקע מחשבות האבן די גאנצע נאכט פארפאלגט דאס בלאסע מיידל, וואס איז אנגעקומען פון ציפערן. ווידער האט זי איבער־לעבט די זעלבע שרעק און פיין פון אלע קאנצענטראציע־לאגערס, ווו זי איז געוועו בעת דער אויסראטונג.

ערשט ביים גרויען פון טאג האבן זיך אירע מידע אויגן פאר־שלאסן. גלייך נעמען זיך פאר איר ציען אלע טעג פון קפריסין. צוימען, באראקן, הימל און ערד מישן זיך אויס אין איר פארפייניקטן מוח און זי ווייסט שוין אליין נישט, צי זענען דאס די צוימען פון בירקענאו, צי פון קפריסין, דעם לאגער, ווו זי האט געווארט אויף עליה.

ווי א לעבעדיקער וואקסט אויס פאר איר פלוצים דער דאקטער הערמאן, דער אלטער ציוניסטישער טוער, א וויצלער און דערציילער. אים אליין איז געלונגען, ביי די מיטווינערס פון באראק, צעטרייבן די שאָטנס פון נעכטן. מיט זיינע ווערטלעך, לידער און מאנאלאגן, וואס האבן זיך, ווי אליין פון זיך דערציילט, האט ער אויף זייערע בלאסע ליפן א שמייכל אויסגעצויבערט, אָנגעצונדן א פונק אין די האלב־אויסגעלאָשענע אויגן.

זי זעט אים איצט, ווי צום לעצטן מאל, זיצן אויפן דאך פונעם צריף אויף זיין גרויסער וואליזע. הערט זיין ווייכע, כמעט ווייבלעכע שטים:

— שלום חברים... איך פאר נאך ארץ־ישראל!

— צי איז דער אלטער דאקטער הערמאן אראָפּ פון זינען? אויסגעהאלטן דאכאו, איבערגעלעבט די מלחמה, נאך געהאפט צו טרעפן זיין פרוי און קינדער און איינער אליין, צווישן פרעמדע, אויסגעגאנגען. געבליבן ערגעצוו אויף א פעלד אין קפריסין.

פון פארנאכטיקן נעפל שלייכט זיך ארויס מנחם, דער שטענדיק

פארטראכטער, אָפּגעזונדערטער פון אלע, אנדערש פון אלע בחורים.

אין קפּריסין האט אים יעדער גערופן מנחם דער מצבה־קריצער. ער, דער לעצטער איבערגעבליבענער פון זיין שטעטל האט געוואלט איבערלאזן א זכר פון זיין היים, ווען ער אליין וועט נישט זיין מער.

דער חלום ווערט איבערגעריסן, אבער זי חלומט ווייטער מיט אָפענע אויגן. זי קאָן זיך בשום אופן נישט דערמאנען ווי האָט געהייסן מנחמס היימשטעטל. נאר וואס איז עס וויכטיק, ווי עס האט געהייסן? אויך איר שטעטל איז חרוב געווארן.

מיין היים, זיין היים, אונדזער אלעמענס היים — פּלאָנטערן זיך אין איר נישט קלארע מחשבות.

ווו איז ער איצטער? — פרעגט זי אומעטיק די פינצטערע נאכט. איר פארטרויט זי איר סוד. איר ערשטע ליבע.

אמאל, אין דעם אנדערן לעבן, איז זי געווען ווי א צארטע בלום. איר שלאנקער מיידלשער גוף האט געצויבערט פון אונטער די לופטיקע קליידלעך פון דינעם מושלין, באטיסט, וואָל. פון איר שמאָלן אָוואל פנימל האט זיך א שטראלנדיקע ליכטיקייט געטראגן. זי האט איר קעפּל, ארומגעפאסט מיט העלע לאקן, ווי א בילד מיט א גאלדענער ראם, שטאלץ געטראגן איבער אלע גיריקע, בריענדיקע בליקן פון די מענער און יונגעלייט.

קיינער פון זיי, האט נישט געוואגט צו איר אויסציען א האנט. זיי אלע האבן זי נאר פונדערווייטנס באוווּנדערט, די טאכטער פון רייכן סוחר, געהאט דרך־ארץ פאר איר היים, געפירט מיט נגידישער רחבותדיקייט. זי האט דאן זייערע בליקן נישט פארשטאנען. איר קינדיש הערצל איז געשלאפן, רואיק און שטיל געקלאפט:

— נישט דער... נישט דער... נישט דער...

איצט פארשטייט זי עס קלאר, אז איר צויבער און חן זענען פאר־לוירן געגאנגען. געבליבן ווייט אונטער די צוימען. דער אמת שניידט, ווי די שארף פון א מעסער. ווי קלאר און אָפן זעט זי איצט אלץ. אלע שלייערן, וואס האבן דאס לעבן פארשטעלט, זענען אוועקגעריסן געווארן. אלץ איז פאר איר איצט נאקעט און הארב. זי נעמט אויף

די קאלטע, גלייכגילטיקע בליקן פון די אלע פריילײדיקע אין בית־עולים. זייער שווייגן זאגט איר:

— דו ביסט מער קיין פרוי... קיינער קאן דיך נישט ליבן...

איר קערפער איז פארטריקנט, ווי אן אפגעדארטער בוים. די הענט הענגען אוממעכטיק, ווי צעבראכענע צווייגלעך. דאס קליינע פנימל בלאס, ווי ביי אן אומבאהאלפן קינד, שטענדיק פארצויגן צו וויינען.

אירע ליפן זענען אבער שטאָלץ פארביסן.

קיינער וועט אירע טרערן נישט זען. קיינער וועט נישט דארפן רחמנות האָבן איבער איר איינזאמקייט און פארנאכלעסיקייט.

— ווי קאן איך זיין אליין... שטענדיק אליין? פרעגט זי די פינצטערע נאכט.

— וו איז ער איצטער? — ציטערן אירע ליפן. זי קאן נישט מסכים זיין, אז ער וועט שוין קיינמאל נישט זיין מער.

איר טייערער מנחם!

מיט פארבענקטע בליקן איז זי נאכגעגאנגען זיינע טריט. געווארט אויף א ווארעם וואָרט פון אים. אויף א פריינטלעכן שמייכל. יעדעס ווארט ווען אים אונטערגעהערט, אויפגעכאפט און באהאלטן אין הארץ.

ער האט זי אבער אויסגעמיטן, ווי זי וואלט גארנישט געווען.

פון איר, אזוי ווי פון אלע אנדערע פרויען, האט ער אוועקגעקוקט. ערגעץ אין דער ווייט, אין דער ליידיקייט.

זיין פנים ווי פארשטיינערט. אן אפגעזונדערטער פון אלע, איז ער ביי זיינע מצבות געזעסן. טאג איין טאג אויס, האט ער נייע געקריצט און אלע אוועקגעווארפן, ווי נישט ווערדיקע, וואס דערציילן נישט וואס עס טוט זיך אין זיין נשמה.

זיין טאטע, א קרעפטיקער, קליינשטעטלדיקער ייד, האט ס׳גאנצע לעבן אויסגעקריצט מצבות. ווייסע מארמארענע פלאטן מיט גרויסע באזילבערטע אותיות מיט פסוקים, פאר די רייכע שטאָטישע יידן. קליינע מצבות מיט אויסגעטאָקטע שווארצע אותיות, פאר די סוחרים

און קרעמער. איז אין שטעטעל געשטארבן אן ארעמער בעל־מלאכה און א ברעטל, אדער א בלעך מיט זיין נאמען איז אים צוגעשטעלט געווארן צוקאפנס, האט זיין טאטע, דער מצבה־קריצער, זיין נאמען אויס־געקריצט לנצח ישראל.

איז דער טאטע אין א טראנספארט געפאלן ערגעצוו אויף א וועג און קיינער האט אויף זיין בערגל זאמד זיין נאמען נישט דערמאנט. מנחם האט געוואלט שטעלן א מצבה זיין טאטן. אלע אומגעקומענע טאטעס. די גאנצע שטאט יידן וואס זענען אוועק אין רויך און אש.

זי האט געזען פונדערווייטנס זיין אומעטיק פנים. געשיקט אים אירע פארבענקטע, פארליבטע בליקן און געווארט.

זי האט געגלויבט:

ער וועט קומען... ער מוז קומען... ארומנעמען מיט הייסע, שטום־שווייגנדיקע בליקן, ווי זיי אלע פון אמאל, וואס האבן ציטערדיק געבעטן:

— זיי מיינע... נאר מיינע...

זי טראכט אין זיך:

ער איז געפאלן אויף די פעלדער פון נגב. גלייך פון דער שיף מיט אזעלכע ווי ער, איז ער אין קאמף געגאנגען. אומגעקומען אן אומבא־קאנטער, פון קיינעם נישט דערמאנטער, פון קיינעם נישט באוויינטער.

דער לעצטער פון זיין שטוב, דער לעצטער פון זיין שטאָט.

דאך גלויבט זי, אז זי וועט אים נאך ווען אמאל טרעפן. אין בית־עולים, אדער אין א שיכון, אין אן איינזאם שטיבל.

אפשר איז ער אוועק אין א קיבוץ? — טראכט זי אפט און באשליסט לאזן זיך איבער די קיבוצים, אים זוכן.

— פארוואס האט ער מענטשן אויסגעמיטן? צי האט ער די גאנצע וועלט געהאסט? טראכט זי און קאן קיין תשובה נישט געפינען.

זי ליגט אין איר שמאלן אמעריקאנער בעטל און חלומט אויף דער וואר:

...פלוצים וועל איך אים טרעפן אויף איינער פון די חיפהער גאסן... אדער אפשר וועט ער אין איינעם א טאג אנקומען דא אין בת־גלים,

אויפמאכן די טיר פון באראק און אריינקומען מיט אנדערע נייע עולים ?

זי זעט אים אומעטום.

אויף די זאמדיקע וועגן פון בת־גלים, ווו זי וואנדערט ארום האלבע טעג א פארזונקענע אין דערמאנונגען.

אין גרויסן חדר־אוכל ביים טיש, איבער א בלעכן שיסעלע איינגע־בויגן. א שווייגנדיקער, א פרעמדער צווישן אלע.

אָפטמאל טראכט זי: אפשר איז ער געווארן א פרומער, ווי א סך בחורים נאך דער מלחמה. עס קאן זיין, אז ער לערנט ערגעץ אין א ישיבה. פאַסט, דאוונט. זיצט שבעה נאך זיין שטעטל.

זיין געשטאלט גייט איר אומעטום נאך.

זי האט ליב געהאט זיין שטאלצע האלטונג. יעדעס מאל, ווען זי האט אים געזען פארבייגיין, האט זי א טראכט געטאן: א שיינער בוים... זי האט געוואלט זען אים לאכן אמאל. צי קאן ער נישט לאכן מער ? — האט זי אפט אין זיך געטראכט.

איין געדאנק מאטערט זי אָן אויפהער:

— וואס האט באדייט דער לערער בליק, געווענדעט ערגעץ אין דער ווייט ? אלע האבן זיך דאך אַנגעליטן, און קיינער האט אזא בליק נישט געהאט. פארוואס ? פארוואס ? — פרעגט זי א פארצווייפלטע.

פלוצים גיט פון דער פארבאָרגנהייט פון אירע בלוטן א צאפל א קול מיט א מוראדיקער קלארקייט:

— זיי האבן מיט אים אין לאגער אָפגעטאן א מיאוסע זאך... דערפאר... דערפאר ! — קלאמערט זי אירע בייניקע, דארע פינגער — מיט א סך מיידלעך און בחורים האבן די דייטשן עס אָפגעטאן ! איצטער באדויערט זי:

—איך האב באדארפן צו אים צוגיין, זאגן נאר איין ווארט... אפשר וואלט ער ארויס פון דער פארגליווערטקייט, געווארן אן אנדע־רער ? זי האט אבער נישט געקאנט זאגן דאס איינציקע ווארט.

קיינמאל וועט זי עס שוין קיינעם נישט זאגן. די איינמאליקע ליבע איז אין איר הארץ אָפגעשטאָרבן, ווי א נישט דערטראָגן קינד.

פון די בעטלעך ארום איר ציט זיך א שטילער, מאַנאָטאנער, כריפּעדיקער אטעם. די משפחות האבן זיך אפגעזונדערט, אפגעטיילט אין א ווינקל. פירן זייער אייגן לעבן.

די, וואס זענען אליין געקומען, ליגן אין א לאנגער שורה בעטלעך, באדעקט מיט די גראבע, וואלענע דעקן.

אפשר שלאפן זיי אויך נישט?

ליגן מיט פארמאכטע אויגן. טראכטן פון מארגן, וואס איז פאר זיי אומזיכער און פארנעפּלט. אָן ארבעט אָן א דירה. אָן א קרוב אין לאנד.

— וואס וועט זיין? — פרעגט זי די פינצטערע נאכט. ווי לאנג, קאן מען אזוי לעבן, פוסטע איינזאמע טעג?

זי הערט זיך איין אין דעם רעש פון די כוואליעס, אליין ווי א בלעטל אויפן ים און קאן זיך אויפן טאג נישט דערוואַרטן.

א מאָדנע פאלק

א ליכטיקער פרימארגן האט זיך צעשיינט איבער די צעלטן און באראקן פון בת־גלים.

דער הימל, א דורכזיכטיק־קלאָרער, שפיגלט זיך אין די בלויע וואסערן פון ים. ערגעץ אין די ווייטן נידערט ער אראפ צו אים, נעמט ארום און שווימט מיט אים צוזאמען אין אין־סוף.

ווי א ליד פון נצחון טראָגט זיך דער רעש פון די כוואליעס אין ארום:

...מיר האבן זיי געבראכט פון אלע עקן פון דער וועלט! פון די ווייטע סיביר טייגעס, פון מדברדיקן תימן, פון די שטילע דערפער ארום די קאַרפאטן. פון אומעטום, פון אומעטום...

פון דער פרימארגנדיקער דורכזיכטיקייט טויכט ארויס דער כרמל בארג. די אייביקייט האט זיך אויף זיין פארשטיינערטן רוקן אנגעלייגט מיט טויזנטער יארן שטילשווייגן. ברוגזט זיך און כעסט דער בארג אויף די הילצערנע צעלטן און באראקן, וואס האבן זיך אין זיין שטיל־שווייגן אריינגעריסן מיט פרעמדע טומלדיקע לשונות. קוקט אריבער דער כרמל אויף די צעשפילטע, צאפלדיקע טאנצנדיקע כוואליעס און פארשטייט נישט דעם סוד פון נייעם לעבן.

אויף דער באַנק פון קליינעם בית־עולים־גערטנדל זיצט די לערער־קע פון סאן־פראנציסקאָ. האלט אין דער האנט אן עברית־לערן־ביכל פאר אָנפאנגער. איר אָליוון פנים איז לענגלעך און שמאָל. איר צארטע הויט איז אין דער פרימארגן־ליכטיקייט העלער און גלאנצט מיט א סאמעטענער ווייכקייט. פון די טונקעלע מאנדל־אויגן קוקט ארויס די בענקשאפט און פארחלומטקייט פון אירע פרומע זיידעס, וואָס זענען פון גירוש פארטוגאל אוועק נאך טערקיי. נאך דורות וואנדערונגען באזעצט זיך אין סאן־פראנציסקא. דארט האט זי יארן לאנג קינדער געלערנט. דאס וואנדערבלוט פון אירע זיידעס האט איר קיין רו נישט געגעבן.

אליין האט זי זיך געלאזט אין וועג נאך ישראל. דאָ וויל זי לערנען יידישע קינדער.

יארן לאנג האט זי אומבאהאָלפענע קינדערשע הענטלעך געפירט איבער די ווייסע שורות פון העפטן און איצט איז זי אליין ביים סאמע אנהייב.

פאמעלעך און געדולדיק שרייבט זי א לאנגע שורה אלף־ביתן און גימלען און באטראכט א פארחידושטע דאס פרעמדע כתב, וואס שרייבט זיך פון רעכטס אויף לינקס.

מיט פאמעלעכע טריט דערנענטערט זיך דער געוועזענער באנק־באאמטער פון טשעכיע. שוין א באיאָרטער מאן, נאר זיין בינטל העפטן און ביכלעך האלט ער מיט דער פינקטלעכקייט פון א שילער. ווייט איז ער שוין אין זיין עברית לערנען. מיט א קינדערשער פרייד ווייזט ער זיינע העפטן דער לערערקע. ער, וואס האט אין זיין לעבן נישט געזען קיין צורה פון א יידישן אות, שרייבט שוין איבער פון זיין בוך לידער און דערציילונגען און ווי דאס וואלט אים אליין געווען אומפאר־שטענדלעך, גיט ער צו מיט א פארוואונדערטער שטים:

— איך בין אלע מאל געווען א מאטעמאטיקער. קיין שפראך נישט געקענט גרינטלעך דערלערנען. נאר צוליב עברית האב איך מורא געהאט דא צו קומען. איך האב מיין פרוי געוואָרנט:

— דו וועסט זען, איך וועל נאך גיין פוצן שיך אויף די גאסן פון תל־אביב, אדער וואשן טעלער אין א רעסטאראן.

האט מיין פרוי זיך פארעקשנט:

— אויב דו האסט געקאנט אזא מלחמה מיטמאכן אויף „ארישע פאפירן", וועסטו אויך קענען זיך אויסלערנען עברית! אפילו קינדער רעדן דארט עברית! — צעלאכט ער זיך הארציק פון איר שפאסן.

— איצטער באדויער איך עס נישט — ציט ווייטער דער באנק־באאמטער — איך האב געמיינט, אז איך בין שוין אלט, אדער ווי זאל איך עס אייך זאגן. איך בין דא ווידער יונג געווארן... שמייכלט ער צו דער לערערקע. איך בין שוין געווען אין עטלעכע בענק, גיט ער צו פארטרוילעך, איך האב עס אייך שוין אמאל געזאגט, איך בין א ספעץ

אין באנק־ווען... מען האט מיר צוגעזאגט, געהייסן נאכאמאל קומען... איך מוז נאר צולערנען עברית...

— עס וועט שוין גיין, עס וועט שוין גיין — גיט ער אליין זיך צו מוט און ווי עס וואלט אים געווען א שאָד צו פארלירן צייט אויף רייד הייבט ער אָן אין דער שטיל איבערחזרן:

— אעמוד, תעמוד, יעמוד...

ער לאזט אראפ דעם קאפ, וויל זיך פארטיפן אין לערנען און ווידער, צום טויזנטסטן מאָל, וואקסט אויס פאר זיינע אויגן דער קאבינעט פון טשעכישן אדוואקאט, ווידער הערט ער קלאר זיינע שטילע, העפלעכע רייד:

— איר ווייסט דאך, מיין הער, אז איך בין א דעמאקראט... איך פארשטיי אייער לאגע. זיכער האט איר רעכט צו פארלאנגען אייער דירה, אויב איר האט איבערלעבט אזא מלחמה... מיטן כוח פון געזעץ, קאנט איר ארויסווארפן די משפחה, וואס האט אייער דירה פארכאפט. באטראכט זיך אבער, האט ער כיטרע צוגעוווּנקען, ווער קאן דאס פארויסזען זייער נקמה? די וועלט איז היינט פארסמט מיט האס און איר דארפט אייער לעבן נישט איינשטעלן אין אזא משפט. דער אדוואקאט האט א מאך געטאן מיט דער האנט וואס זאגט: „פארפאלן"! אזוי אייגן שטיל און העפלעך גענעצהט:

— זוכט בעסער א נייע דירה...

זיין פרוי האט זיך געפרוווט צו ווערן:

— אבער הער מעצענאס, מיר האבן דאך אויף דער דירה מיט דער איינריכטונג, דאס גאנצע לעבן געארבעט! דאס איז דאך אונדזער... היים, אונדזער מעבל...

דער אדוואקאט האט זיך טיפער ארייַנגערוקט אין זיין ווייכן מיט לעדער באדעקטן פאטעל, פארייכערט א ציגארעט, פארקוקט זיך אין בלויע וואלקנס רויך, קאלט און פרעמד באטראכט די „ליבע פריינד". געווארט זיי זאלן וואס גיכער פארלאזן זיין קאבינעט.

איצט דערמאנט זיך דער געוועזענער באנק־באאמטער, יעדן פרט פון יענעם געשפרעך, נאך וועלכן ער האט איבערגעריסן אלע פעדעם

מיט זיין לאנד. א סך שרעק האט ער געהאט פאר דעם נייעם אנהויב, מיט וויפיל טרויער אין הארץ האט ער זיין היימשטאט געזעגנט!

— איך וויל נישט פאר קיינעם מורא האבן... איך וויל האבן מיין רעכט — ברומט ער אריין א באליידיקטער אין זיין ווערטער־בוך און מיט די געדאנקען איז ער ווייט, דאָרט, וווּ ער האט אלע זיינע יארן געלעבט. נישט אויפהייבנדיק דעם קאפ פון זיינע ביכער ווארפט ער צו אין דער ריכטונג פון דער לערערקע פון סאן־פראנציסקא:

— אַ מאדנע פאלק די ייִדן... האבן זיי זיך אויסגעזוכט א לאנד, קאנען זיי אליין צו אים זיך נישט צוגעוווינען... איינבירגערן. האבן זיי זיך צוגעטראכט א שפראך, קאנען זיי אליין זי זיך נישט אויסלערנען, באַנעמען. אָט, א מאדנע פאלק...

— הלוואי וואלט משה רבנו געפירט די ייִדן צו אונדז נאך טשעכיע! כל־טוב איז ביי אונדז! וואָס פארא שטעט, וואָס פארא דערפער! דאָ... לאזט ער אראפ זיין שטים, די דערנעבנדיק זיצנדיקע מענטשן זאלן נישט דערהערן, דא... איז נאך אלץ א וויסטעניש... נישט מער ווי דריי שטעט אין גאנצן. און אין די דערפער קיין וואסער, קיין ליכט, קיין וועגן. א מענטש ווערט פארזונקען אין די זאמדן! אך, גיט ער א שטילן זיפץ און קוקט זיך ארום פארזיכטיק אין אלע זייטן מיט דער מורא פון נעכטן, צי האט ווער זיינע רייד נישט דערהערט. עס קאן נאך ווער ערגעצוו צוטראגן, מסרן... ווער קאן דאס וויסן אין די היינטיקע צייטן!

— ווי שיין איז ביי אונדז אין סאן־פראנציסקאָ — ווארפט צו די לערערקע נאך שטילער — אמעריקע איז אליין פאר זיך — א וועלט. א הערלעכע, אנדערע וועלט!

איצט פירט זיי די בענקשאפט צוריק אין די שטעט, וווּ זיי זענען אויסגעוואקסן, איינגעאטעמט אין זיך זייער לופט, געשטעלט די ערשטע טריט, געלערנט, שטודירט.

זייערע בליקן בלייבן הענגען ערגעץ אין דער ווייט. אין די הענט ליגן די ווערטער־ביכלעך, העפטן און דאס נייע לערן בוך: „עלה!"

אליין קאנען זיי נישט פארשטיין, וועלכער כוח הייסט זיי לערנען דעם נייעם אלף־בית?

די עולה פון כארבין זיצט מיט איר ענגליש־העברעאישן ווערטער־בוך אין א ווינקל פארוקט. זי שעמט זיך מיט איר אומוויסן, וואס קיין וואָרט קאן זי אין איר מוח נישט אריינפרעסן.

די יידן אין כארבין האבן זייער אייגנארטיק לעבן געפירט. געהאט א שיל. די קינדער אין א תלמוד־תורה געלערנט. געפייערט אלע יידישע יום־טובים; געהאלטן זיך ווי איין גרויסע משפחה.

זי איז אבער געווען ווייט פון זיי אלע. נאך ווייטער געווארן, ווען זי איז אליין אוועק אין שאנכיי, דערנאך ווי איר מאן מיטן זון זענען פארלוירן געוואָרן אויף די ווייטע פראָנטן נעבן בערלין.

אויך זי ווייסט נישט קלאר ביי זיך, פארוואס זי איז מיטגעריסן געווארן מיטן שטראם און צוזאמען מיט די אָנגעפּאָרענע דייטשע און עסטרייכישע יידן אוועק נאך ישראל. עס האט שוין נישט געהאט קיין זין נאך דער מלחמה זיך אומקערן אליין צוריק אין דער היים, נאך כארבין.

איצט איז איר דא אלץ אי אייגן, אי פרעמד.

זי זוכט אן ארבעט און אלץ גליטשט זיך איר ארויס פון די הענט. א צייט האט זי געארבעט אין א משק. יעדן טאג צוריק געקומען מיט התלהבות פון דארף. פאר אירע שכנטעס פון באראק א באגייסטערטע דערציילט:

— האט איר אמאל געזען א יידיש דארף מיט שיינע, ציכטיקע הייזלעך. מיט קי און מיט הינער, מיט פעלדער און פרדסים! אלץ וואקסט דא נאך שענער ווי אומעטום, מען דארף נאר וועלן ארבעטן! אוי, רייך זענען זיי, די מושבניקעס, גארנישט פעלט זיי...

שנעל איז אבער איר באגייסטערונג צערונען. א שווייגנדיקע פלעגט זי וואס אפטער צוריקקומען אין בית־עולים, א מידע און אנטוישטע. גענומען באקלאגן זיך פאר די פרויען:

... זיי ווילן נישט צאלן פאר דער ארבעט... נוצן אויס! מ'דארף אוועקגעבן די כוחות פאר א טעלער עסן, פאר א טארבעלע מאראנצן...

קוים א פּאר לירות גיבן זיי א טאג, זיי דערציילן, אז זיי האבן שווערער געארבעט און ווייניקער באקומען. זיי האט מען נאר עטלעכע פיאסטער געצאלט פאר א טאג!

— עברית, עברית מוז מען לערנען! — מורמלט זי פארדראָסיק אויף ענגליש. ווי אזוי אבער קאן מען זיך אויסלערנען אזא שפראך? אלע אותיות זענען ענלעך צו זיך. כמעט די זעלבע! און די ווערטער משונהדיקע, ווילן זיך אויף דער צונג נישט לייגן.

— „עברית מוז מען לערנען" — רעדן זיי אלע אויף די אסיפות.

— עברית מוז מען לערנען! — ענטפערן די אייגנטימער פון די קאפע־הייזער, רעסטאראנען און קאנפעקציע־געשעפטן, טראכט זי א פארצווייפלטע, זיצנדיק אונטער דעם ברייטן פייגנבוים אין גערטנדל און באנעמט גארנישט פון דעם שיעור, וואס זי דארף זיך אויסלערנען. מיטאמאל באפאלט זי א מרה־שחורה, אומבאהאלפן מורמלט זי צו זיך:

— איך בין שוין אלט... צו שפעט... שוין פארגאנגען מיין צייט... זי נעמט צוזאם די העפטן און ביכלעך און גייט זיך אביסל אָפּרעדן פון הארץ פאר איר נייע באקאנטע, די עולה פון טיען־טסין.

האלב אויף ענגליש האלב אויף כינעזיש באקלאגט זי זיך, וואס פארא קאמפליצירטע שפראך איז עברית. ווי אוממעגלעך צו באגרייפן, פארשטיין וואָס, פון דעם שווערסטן לשון אין דער וועלט!

די יונגע, שווארצחנעוודיקע פרוי פון טיען־טסין ציט מיט די ארעמס און פרווט אויסרעדן דעם צער פון דער איינזאמער פרוי פון כארבין:

— נישט פאר מיין קאפ, נישט פאר מיינע יארן... אט די פיצעלעך, ווייזט זי אָן אויף די קינדער מיט די געלע פנימלעך און שווארצע שיפּע אייגעלעך, וואס לויפן ארום האלב נאקעטע, נאר אין די העמדעלעך איבערן באראק, פאר זיי איז עברית! זיי וועלן שוין רעדן ווי די סאברעס. נאָר עטלעכע חדשים זענען מיר דאָ אין בית־עולים און שוין האבן זיי כינעזיש פארגעסן. ענגליש געדענקען זיי נאך און ווי שיין זיי האבן אינדערהיים רוסיש גערעדט! לאזט עס אפּ, דאס לערנען

עברית! — עצהט זי גוטמוטיק. גייט בעסער לערנען א פאך. נעכטן זענען עפעס עטלעכע פרויען געווען דא. זיי מאכן א רשימה, ווילן איינפירן שניידער־קורסן, צוזאמנעמען אלע אונדזערע פרויען לערנען ארבעטן. א מענטש דארף זיך ערגעצווו פארשרייבן, צו ווענען אָנגעהערן... גיין אין א פארטיי...

— איך האָב פיינט פּאַרטייען. שרעקלעך פיינט, שאָקלט זיך אָפּ די פרוי פון כארבין. אין ערגעץ איז נישטא קיין אמת... כ׳וואלט געגאנגען ארבעטן אין א פרעסעריי...

— איך האָב ליב צו פרעסן מענער־הויזן, מענער־העמדער... עס דערמאנט מיר מיין מאן, מיין זון — זי לאזט אראפ נידעריק דעם קאפ, ווי די דערמאָנונג פון אירע נאָענטסטע פארלוירענע, וואָלט איר אָפּגענומען איר גאנצן לעבנס־ווילן.

— דו דארפסט אביסל א פּאַר־טאָן איבער ישראל, האסט דאָך גארנישט פון דעם לאנד באקענט. ביסטו שוין געווען אין א קיבוץ? די בולגארן פון צווייטן צריף זענען אויף שבת ארויסגעפארן אין א קיבוץ. וונדער, וונדער האבן זיי מיר אנדערציילט פון דארט. זיי זאגן, אז עס איז ענלעך צו א קאָלכאָז, נאָר אָן נאַטשאלסוואָ. אלע ארבעטן גלייך און אלע זענען גלייך! ווען כ׳וויס נאר, אז זיי וועלן מיר נישט צונעמען די קינדער, וואלט איך אזוי אייגן ווי זיי, אין א קיבוץ אוועק!

זי רעדט אלץ ווייטער און ווייסט, אז די כאַרבינערין הערט זי נישט. נאר זי וויל איר טרויער פארעדן. פארענדיקט זי האפערדיק:

— מען דארף איבערוווארטן די יום־טובים, עס וועט זיך שוין וואס געפינען. ארומקוקנדיק זיך אין אלע זייטן, הייבט זי אויפסנייי אן אויף כינעזיש:

— נישט צו פארשטיין איז עס, ווי עס פירן זיך דא די יידן. ביי זיי דא, איז ניי־יאר אין סעפטעמבער, אין הארבסט, נישט ווי אויף דער גאנצער וועלט, אין דעצעמבער!

א מאדנע פאלק...

בייגט זיך צו די כאַרבינערין און זאָגט נאָך שטילער:

— איך געדענק עס גוט... דאס פאריקע יאָר, פאר דעם יום־טוב

ראש־השנה, האבן זיך אלע געווונטשן א גוט יאר. גלייך דערנאך איז ווידער עפעס א יום־טוב געקומען און מען האט זיך ווידער גע־ווונטשן א גוט יאר! וואס זאל דאס באדייטן, פרעגט זי מיט א פארחידושט שמייכל.

— איז עס מעגלעך, די יידן דאָ, זאָלן צוויי מאָל א יאָר פייערן ניי־יאר?

הייבןביידע די אקסלען און שמייכלען שעפטשענדיק:

— א מאדנע פאָלק...

שומר שבת

דער נייער עולה מיט זיין ברייט־צעקעמטער, זארגפעליק געפלעג־טער בארד, האט פון אלע זיך אויסגעטיילט, ווי אן אנדערער, באַזונדערער פון אלע.

געווען איז ער א נידעריקער, שמאַלביינעקער, מיט א טונקל איידל פנים און מילדן גוטמוטיקן בליק.

קיינער אין בית־עולים האט נישט געוווסט פון וואנען ער שטאמט, פון וועלכן לאנד געקומען. תמיד איז ער געווען א שווייגנדיקער, פאר־שלאסענער אין זיך, גאנצע טעג געזעסן אויף דער באנק פון בית־עולים גערטנדל, אונטערן ברייטן פייגנבוים און געלערנט עברית. דער ערשטער אויפן אולפן אנגעהויבן רעדן עברית, לייענען א העברעאישע צייטונג. עברית האט ער געלערנט מיט ברען און עקשנות. מיט יעדן נייעם ווארט האט ער ווי געבענטשט דאס לאנד רעדנדיק צו זיך:

— א נס... א נס איז די מדינה! מיטן שכל נישט צו באנעמען...

אין זיין פרימאָרגן־תפילה האט ער ארייגענומען דעם העלן זונ־אויפגאנג, די גרינע צעבליטקייט פון די יונגע בית־עולים־ביימלעך. די פרישע דופטיקע לופט האט אים געשטארקט, בארואיקט, ווי אראפגע־ווארפן די שווערע מאסע פון אלע גלות־יארן, פון זיין פארוואָגלטקייט.

— אבער אָן דת, וועט ישראל קיין קיום נישט האבן — האט ער א פארזארגטער געטראכט אין זיך, אין זיין אפגעזונדערטקייט, אין גערטנדל.

די מחשבה האט אים אויף א רגע נישט אפגעלאזט. געמינערט די פרייד, וואס ער איז זוכה געווען צו דער גאולה, געברענגט וואס אמאל נייע ספקות און שאלות:

— פון וואנען נעמען זיך אזויפיל אפיקורסים, עם־הארצים, אזוי־פיל קינדער, וואס ווייסן גארנישט וועגן יידישקייט?

— וואס פארא נעמען זענען דאס: זדענעק, מאַציעק, אָלגאַ? — צו וואס טראגן זיי זיך נאך דאָ ארום אין די פרעמדע בגדים?

— פארוואס איז אזוי שווער א מנין צונויפצוקלייבן? אפילו א שבת־ליכטל זעט זיך זעלטן אין די צריפים...

אממייסטן האט אים פארדראסן און אנטוישט דאס מחלל שבת זיין פון די עולים.

אויף אלע אוונט־שיעורים האט ער מיט פארדרוס און ביטערקייט איינגעטענהט מיטן לערער א געוועזענעם קיבוצניק:

מען איז מבייש די מלכה שבת... וואכעדיק איז זי דא געווארן, אויסגעליידיקט פון יעדן תוכן...

יעדעס מאל אויפסניי געגעבן צו פארשטיין די „תלמידים״, עולים פון טשעכאסלאוואקיע, פוילן און בולגאריע:

— די פרייהייט באשטייט נישט אין דעם, וואס יעדער טוט, וואס ער וויל! וואס איז דען ווערט דאס יידישע פאלק, אויב מען וועט אוועקווארפן די תורה, די מצוות, די קדושה פון שבת? עס איז דאך בפירוש געשריבן:

— זכור את יום השבת לקדשו...

זיינע טונקעלע אויגן האבן געגליט. א טרויער און ערנסטקייט איז געווען צעגאסן אויף זיין פנים. די ברייט־צעקעמטע בארד האט נאך מער חשיבות אים צוגעגעבן און אפגעטיילט מיט א פרעמדקייט פון אלע. די פרויען און מענער ארומגעזעצטע ביים לאנגן טיש פון בית־עולים משרד האבן געשוויגן, נישט געוואלט אים דערצערנען מיט זייער אומ־גלויבן. זייטיק צוגעווארפן איינצלנע, אפגעהאקטע ווערטער:

— דא דארף יעדער זיין טאָלעראנט... מיר ווילן זיין פריי...

— די תורה איז געשריבן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

— זאלן די פרומע יידן ווינען צווישן זיך, נישט אויפצווינגען קיינעם לעבן לויט זייער מוסטער...

— מיר זענען אין א פרייער מדינה, קיינער דארף זיך נישט מישן אין יענעמס לעבן! — ווילט דאס פארשטיין, אדון אברהמי!

אדון אברהמי האט עס נישט געקאנט פארשטיין. ביי יעדער געלעגנהייט איבערגעחזרט:

— עס קאָן נישט האָבן קיין קיום א מדינה אָן אמונה...

ער האט אויף זיך גענומען דעם עול פון א שומר־שבת אין בית־עולים.

יעדן שבת שוין פון פרימארגן האט ער גענומען ארומגיין צווישן די צריפים אין זיין העלן יום־טובדיקן אָנצוג און שטרויענעם הוט אויפן קאפ מיט א ספרל אין דער האנט. מיט א מנוחהדיקער גוט־מוטיקער שטים יעדן באגריסט:

— שבת־שלום...

מיט א טיפן באדויער האט ער אוועקגעקוקט פון די פרויען אין די וואכעדיקע קליידער, ביי די פולע שיסלען קינדער־וועש.

גארנישט זאָגנדיק, ווייטער געגאנגען אין זיין שבתדיקן טראכט, רואיק און מנוחהדיק.

און אזוי יעדע וואָך, ביז די פרויען האבן זיך גענומען אויס־באהאלטן מיטן וועש — וואשן אין די צריפים, אליין פון זיך אנגעהויבן זיך שעמען מיט דער וואכעדיקער ארבעט.

נאר די אונגארישע פרוי, וואס קיינער האט איר נאמען אין בית־עולים נישט געקענט, האט דווקא יעדן שבת זיך אוועקגעזעצט מיט קעסטעלע ניי־געצייג פארן באראק, פאריכטן די וועש, די שקארפעטן פון איר מאן. מיט א פאריאושטן, מעלאנכאלישן בליק, געווענדן צו איר ארבעט האט זי רואיק, פאמעלעך געצויגן דעם פאדעם, טראכטנ־דיק אין זיך:

— זאל ער נאר צוקומען... זאל ער נאר איין ווארט מיר זאגן וועגן אפהיטן שבת! וועל איך אים פרעגן, פארוואס האט „ער" נישט אפגעהיט מיינע קינדער? וו איז „ער" געווען, ווען מען האט זיי פון מיר צוגענומען?

דער אדון אברהמי זאגט אבער גארנישט. ער קוקט אוועק אין א זייט און שפאנט ווייטער צווישן די צריפים און צעלטן. יעדן דורכגייער ווי א גוטן ידיד זאגט ער אָן מיט א זינגענדיקן ניגון:

— ש־ב־ת—ש־ל־ו־ם...

אויף די עבירות פון די פרויען איז ער ווייניקער אויפמערקזאם, נאר די מענער וויל ער נישט אדורכלאזן, פארשווייגן.

— צי ווייסט איר נישט, אדוני, אז מען טאר נישט רייכערן אין שבת? — פרעגט ער א מאן אין א טייערן העל־בלויען אנצוג, ערשט וואס ראזירט און געשוירן, אינעם צריף פון בית־עולים־פריזיער.

דער סלאָוואק זדענעק מראַטשעק, וואס איז מיט זיין יידישער פרוי נאך ישראל געקומען, האט זיך פארלוירן, דערזעענדיק דעם מאן מיט דער באָרד, אנגענומען אים פאר א רב און זיך פארטיידיקט האלב־טשעכיש האלב־דייטש:

— אנטשולדיקט... איך האב פארגעסן... אוועקגעווארפן דעם ציגארעט, צוגעטרעטן מיטן פוס.

זיין פרוי מאַגדאַ האט ער א פארחידושטער געפרעגט:

— צי איז דאס ביי די יידן אזוי וויכטיק נישט רייכערן אין שבת? ווי דער מאן האט זיך דאס אויפגערעגט... דאס קול האט אזש ביי אים געציטערט. כ׳האב געזען, אז דאס קאסט אים געזונט... וואלסטו מיר דאס פריער געזאגט... כ׳וויל דאָ מיט קיינעם נישט איינרייסן...

— ווער זאל עס וויסן? — האט מיט א שמייכעלע אויף די דינע ליפן אפגעענטפערט זיין פרוי — מיין טאטע איז געווען זייער פרום, שטרענג „כשר" געהאלטן, נאר ציגארעטן האט ער גערייכערט שבת און אין אלע יום־טובים...

דער רוב עולים האט זיך באצויגן צום אדון אברהמי מיט ביטול, געלאזט אים גיין זיין וועג.

נאר דער טעכניקער סטאַניסלאוו פאַוולוק, וואס האט זיך בעת דער מלחמה געראטעוועט אין וואלד, און ביי זיין ארישן נאמען געבליבן, האט זיך ארויסגעשטעלט מלחמה האלטן מיטן פרומען יידן.

אזוי ווי ער דערזעט אים אין זיין שבתדיקן טראכט זיך דער־נענטערן צו זיין צריף, גייט ער אים אנטקעגן אין דער גופיה און קורצע כאקי־הויזן, אין די סאנדאלן אויף די בארוועסע פיס, בלשון הזה:

— איר האָט היינט צו פרי געענדיקט דאַוונען, פאַניע אברהמי.

אזא ייד ווי איר, דארף א גאנצן שבת זיצן אין דער שיל. וואס קוקט איר מיר עפעס אריין אין מיין צריף, צי מיין פרוי פרעסט, אָדער קאָכט? אן אינקוויזיציע ווילט איר דא איינפירן? א הייליקע אינ־קוויזיציע? — חזרט ער איבער און זיין קול הייבט אן צו ציטערן פאר אויפרעגונג. זאג איך אייך — נעמט ער שרייען וואסאמאל העכער, אז מיינעטוועגן, קאנט איר זיך שאקלען פון היינט ביז מארגן, פארלאזן א באָרד ביז צו דער ערד, נאר אין מיין צריף זאלט איר אייער נאז נישט אריינשטעקן. איינמאל פאר אלע מאל: פאַשאָל, געגאנגען!

די מענער פון די דערנעבנדיקע צריפים, דערהערנדיק די קולות זענען ארויס אויפן וועג, געוואלט אים בארואיקן, נישט צולאזן צו קיין מחלוקה.

— קומט פון דאנען — האט זיך איינער פון די עולים אנגערופן, צום „שומר־שבת", אנגענומען אים פארן ארעם, געוואלט מיט אים אוועקגיין.

— עזות פנים! — האט מיט רוגז אויסגערופן אברהמי. ווי געמיינט מיט דעם ווארט, אָפּענטפערן אלץ. א טריט געשטעלט פארויס, געוואלט ווייטער גיין.

— ווער איז דא אייער עזות־פנים? — איז אים דעם וועג פאר־גאנגען סטאניסלאוו פאַוולוק. מיט דער האנט צוזאמגענומען דעם שויבער האָר פונעם שטערן און מיט חוזק אָפגעלאכט:

— פארוואס א שטייגער קומט אייך דרך־ארץ? פאר אייער שיינער באָרד און פאות? ווער זייט איר דאָ אזעלכער?

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער באנק פארן צריף און נאכגעשריגן דעם יידן מיטן ספרל:

— די אבסקוראַנטן וועלן מיר נישט דיקטירן! זעט, ווער עס האט דאָ די מאכט! א דיקטאטור פון קלער רעגירט דא!

— אויב איך וועל אמאל מיט מיין טעקסי ארייַנפארן שבת אויף א טיול נאך ירושלים, וועט די מאַפיע בערד און פאות מיך באפאלן מיט שטיינער! זיי רעגירן דא!

אן עולה פון טראנסילוואניע, וואס פארשטייט נישט דעם זין פון דער מחלוקה, ווארפט אריין נישט דרייסט:

— צו וואס דארפט איר דווקא אין שבת אריינפארן אין ירושלים אין א טעקסי? דארט וווינען דאך נאר פרומע יידן?

— ווען דען קאן מען פארן, אויב נישט שבת? — היצט זיך סטאניסלאוו פּאוולוק — שוין א יאר בין איך אין בית־עולים און מער ווי חיפה און תל־אביב נישט געזען! הייסט עס, אז א מענטש קאן זיך קיינמאל אין ערגעץ נישט ארויסרירן. א וועלט בין איך אויסגעפארן און אומעטום מאכט יעדער זיין רו־טאג, ווען ער וויל. אין פראנקרייך שליסט איינער זיין געשעפט מאנטיק, אן אנדערער דינסטיק.

— ווער קאן מיך צווינגען היטן שבת?

פאלן פון אלע זייטן רייד ווי פעסטע באשלוסן:

— דא איז א יידיש לאנד...

— מיר ווילן נישט קיין גוישע מנהגים...

— טויזנטער יארן האבן זיך יידן געפירט לויט דעם אייגענעם סדר...

סטאניסלאוו פּאוולוק, דער פארטיזאן פון דיווישקאווער וועלדער האלט זיך פעסט ביי זיין מיינונג:

— ווער עס וויל זאל היטן שבת, אבער מיך קאן קיינער נישט צווינגען! אט, האב איך זיך געקאנט איינארדנען אין צפת, זאגט מען מיר, אז אַן א קאפל קאן מען דארט אין דער גאס נישט ארויס און מיין וולאַדעק וועט א גאנצן טאג מוזן לערנען תורה. זאגט אליין — פרעגט ער מיט א פארצווייפלטער שטים — וואס ווילן זיי דא פון אונדזער קינדער! א רחמנות צו קוקן ווי מען פארטומלט זיי די קעפ. וועמען איז היינט נויטיק די תורה?

— לאזט צורו די תורה, עס האט נאך קיינעם נישט פארשאדט, רייסט אים איבער א פקיד פון משרד, איר אליין וואלט נאך געקענט עפעס דערפון לערנען...

— איך? — שרייט אויס דער טעכניקער און צעלאכט זיך אויפן

קול — מיך ווילט איר שוין אויך אוועקזעצן ביי די אלטע, פאר־שימלטע ספרים?

— ווער האט זיך דאס געקענט פארשטעלן, אז אין די היינטיקע צייטן, וועלן מיר צוריקגיין צום מיטלאלטער? אז פרומאקעס וועלן איבער אונדז וועלן הערשן? פיינט האב איך זיי אלע ווי סם!

די פרויען פון די נעבן־צריפים, וואָס האָבן די גאנצע צייט פון א זייט זיך צוגעהערט און אליין היטן זיי נישט דעם שבת, ווייסן גארנישט וועגן תורה, קאנען נישט פארטראגן די לעסטערונג. זיי שטעלן זיך אויף דער זייט פון דעם פרומען ייד.

— ער איז נאך נישט דער ערגסטער — רופט זיך אן איינע פון זיי, אין א לאנגן געבלימלטן מארגן־קלייד — צום פיינט האבן זענען דא גענוג ספעקולאנטן, די וואס לויפן אין דער „מיסיאן", די וואס פארן צוריק קיין דייטשלאנד. דער אברהמי איז דווקא אן אפגעהיטענע נשמה...

— זאל ער היטן זיין נשמה, נישט מיינע! — ענטפערט מיט שנאה סטאניסלאוו פאוולוק.

— איין זאך וועל איך אים אויסלערנען, ביי מיר וועט ער זיין טאלעראנט!

אדון אברהמי קאן אבער נישט זיין טאלעראנט.

אזוי ווי ער עסט אָפּ זיין שבתדיקן מיטאג אין גרויסן חדר־אוכל, זעצט ער זיך אוועק ביים טויער פון בית־עולים.

מיט חידוש קוקן זיך צו די מענער און פרויען פון בולגאריע ווי דער נידעריקער חלוש אַמפּערט זיך מיט יעדן, וואס וויל אריינפארן מיט א טענדער, אדער וועלאסיפעד.

— לאזט עס אין דרויסן, דא טאר מען שבת נישט אריינפארן מיט א מאשין — באפעלט ער מיט א פעסטער שטים, ווי ער וואָלט דאָ דער באלעבאָס געווען.

— דרויסן איז אויך שבת! — שרייען צוריק די מענער, וואס זענען מיט זייערע משפחות געקומען באזוכן קרובים און באקאנטע. וואס ווילט איר, מיר זאלן גיין צופוס פון חדרה, פון עכו?

— נישקשה, מיר זענען אויך יידן, שרייט אראפ פון א לאסט־מאשין אן אנדערער, מאכט אויף דאס טויער... כ'בין געקומען פון מושב...

אדון אברהמי שטייט אבער פעסט ביים טויער, לאזט קיינעם נישט אריין. נעמען זיך אריינמישן די עולים פון ווארשע, פון ווילנע:

— לאזט עס צורו, אדון אברהמי, דער שבת איז אויך פאר אייך. צו וואס טויג דאס אייך. צו קעמפן מיט א וועלט יידן? גייט זיך אויסרוען ביסל. זארגט בעסער פאר אייער דירה, פרנסה... איר דארפט נישט גאט פארזארגן. צו וואס דארפט איר יעדן שבת אוועקגעבן דאס הארץ מיט דער נשמה? זאלן זיי...

דער אדון אברהמי שווייגט.

זיין עקשנותדיקער בליק, דאס פנים פון מידקייט און היץ צע־ברענט זאגט:

— ווי לאנג איך וועל דא זיין, וועט דער שבת — זיין שבת...

סבלנות

עס זענען אדורך וואכן, חדשים, יארן.

די התלהבות פון די ערשטע טעג אין לאנד איז פארשווונדן.

די יומטובדיקע פרייד האט איינגעשלונגען די וואָכעדיקייט מיט אירע זארגן. די קינדער אין די צריפים זענען אויסגעוואקסן.

די קאסטנס מיט מעבל, פעק מיט זאכן זענען נאָך אלץ גע־שטאַנען צוגעקלאפט, געווארט אויף זייער אָרט.

טאג־איין, טאג־אויס זענען אין משרד געגאנגען די פרויען אויס־פרעגן אין טשעכיש, אונגאריש, יידיש און דייטש:

— וואס הערט זיך מיט די נייע שיכונים? ווען וועט מען באקומען א דירה?

אין די בעסטע קליידער, וואס זיי האבן מיטגעבראכט, מיט דרך־ארץ און הכנעהדיק געזעסן ביים שרייב־טיש פון פקיד אין מזכירות און געגעבן צו פארשטיין:

— מיר קענען מער אזוי נישט לעבן... אָן ליכט און אָן וואסער...

— זומער צעברענט די צריפים די זון, ווינטער רעגנט אריין...

— ווי לאנג קאן דאס א מענטש שטיין מיטן טעפל אין דער ריי נאך אביסל עסן?

דער פקיד פון סעקרעטאריאט, אן עלטערער, קרעפטיקער מאן, אין ווייסן העמד און קורצע כאקי־הויזן, קען יעדן פון זיי. ער הערט זיי אלע אויס געדולדיק. ענטפערט יעדן אין זיין שפראך און גיט נאר צו דאס איינציקע ווארט אין עברית:

— סבלנות...

מיט א באטראכטער זיכערער שטים גיט ער יעדן צו פארשטיין אין ענגליש, רומעניש און דייטש:

— עס בויען זיך הונדערטער דירות אין אלע עקן פון לאנד. לאנג וועט עס נישט דויערן און יעדער פון אייך וועט צוזאמען מיט דער

דירה באקומען א הלוואה. איר מוזט אבער פארשטיין, אז א מדינה בויט זיך נישט דורך א נאכט... איר מוזט האבן געדולד און קענען אויסווארטן — קוקט אין זייערע פנימער פרייינטלעך מיט זיין טיפן דורכדרינגלעכן בליק, און זיכער פארענדיקט ער:

— סבלנות...

זענען די פרויען צוריק אין די צריפים, באראקן און בלאקן פון בית־עולים בארואיקט און געטרייסט.

א שיכון, אן אייגענע דירה, איז געווארן דער חלום פון אלע טעג. יעדנס רייד האבן זיך אנגעהויבן מיט די ווערטער:

— ווען מיר וועלן אריין אין שיכון...

מיט דער צייט איז זייער אנקומען אין משרד געווארן פול מיט ליארם און טומל. מיט געשריי און מיט רוגזה, מיט כעס און געוויין גענומען פאדערן:

— גיט אונדז א שיכון! מיר קאנען דאס מער נישט אויסהאלטן!

— דא איז א נייער לאגער. ווי לאנג וועלן מיר דא מוזן אָפקומען די יארן?

— מיר וועלן דא אויסגיין, ווי אמאל די יידן אין מדבר...

דורך די אפענע פענצטער פון משרד האט זיך יעדן טאג געטראגן דאס געשריי פון רחל די בעקערין, וואס האט זיך איינגעשאפט א טישל מיט זיסווארג און סאָדע־וואסער אין בית־עולים. הויך אויפן קול האט זי געשריגן מיט א פארכריפעטער, הייזעריקער שטים:

— איר האט מיר צוגעזאגט א שיכון — זאלט איר אים מיר געבן ביים לעבן! איר אלע דא זייט רוצחים, באנדיטן! איר האט דא צונויפגעפירט טויזנטער מענטשן און זיי אפגענארט! דא וועט קיינמאל נישט זיין קיין מדינה! איך האב געקאנט פארן קיין אויסטראליע... א נייער היטלער וועט שוין נישט אויפשטיין... איך דארף נישט פאר־זארגן דאס יידישע פאלק...

דער באאמטער ביים טיש האט מיט קיין ווארט נישט איבער־געריסן די פרוי. פארייכערט א ציגארעט און צווישן די ציין פאמעלעך, יעדעס ווארט באזונדער ארויסגעצישעט:

— איר בויט דא גארנישט פאר קיינעם... ביז איצט האבן אלע געבויט פאר אייך, נישט איר זייט פון די, וואס פארזארגן דאס פאלק. און נישט איר דארפט רעדן פון פאלק. גייט צו אייער ארבעט — האט ער מיט א מאַטער שטים פארענדיקט — ווען עס וועט קומען די צייט, וועט מען אייך רופן — און ווי געוואלט זי לערנען, אויסמוסרן, צוגע־געבן פארדראסיק:

— סבלנות...

קומען אן די פרויען מיט זייערע קינדער אויף די הענט, וואס זייערע מענער זענען פרימארגן אוועק צו דער ארבעט און ווילן נישט אפטרעטן:

— זאגט אונז אפן איינמאל פאר אלעמאל, וואס איז מיט די שיכונים! אפשר בויט מען גארנישט און מיר זיצן דא סתם אן א ציל און אן א סוף!

— אדורך א ווינטער און א זומער. איצטער גייט ווידער צום ווינטער! וואס האט איר געוואלט פון אונדז אלע? איר האט נישט קיין רחמנות אויף אונדזערע קינדער און אליין וווינט איר זיך אין לוקסוס־דירות, אין ווילעס...

שמייכלט דער מאן אין דער ווייסער בלוזע און קורצע כאקי־הויזן און ענטפערט אויף זיין שטייגער גוטמוטיק און געדולדיק:

— באטראכט זיך נאר ווי אומגערעכט איר זייט. אין וועלכן לאנד אויף דער וועלט, שטייען הײנט טויזנטער דירות צו פארטיילן? בא־טראכט זיך נאַר, אז אין ערגערע צריפים האָבן די בעסטע קינדער, יארן געלעבט אין די קיבוצים און שווער געהארעוועט. איר באקומט דאך דא אלץ אומזיסט. אייערע מענער ארבעטן און שפארן געלט אויף דירות, אויף מעבל. יעדער פון אייך וועט באקומען א שיכון מיט א שטיקל ערד. יעדער וועט זיך באארבעטן א גארטן מיט גרינס און מיט בלומען... איר מוזט אבער אריינגיין אין דער לאגע, זיין אביסל געדול־דיק, פארשטיין דאס וויכטיקסטע:

— סבלנות!

שווייגן די פרויען. גייען צוריק מיט אראפגעלאזטע קעפ.

פרוון די מענער צוריקקומענדיק פון דער ארבעט רעדן אויס־פירלעך און ענערגיש:

— מיר זענען מיד... שוין נישט יונג מער... דער קלימאט עסט אויף די כוחות... ווער איז דען היינט דער עולה? מענטשן פון געטאס און לאגערס! מענטשן פון פארוואגלטקייט... וואס זענען מיר דען די חלוצים פון אמאל?... איר האט אונדז גלייך באדארפן זאגן: אין א בית־עולים מוז יעדער אפזיצן יארן. פארוואס האָט איר אונדז נישט געזאגט דעם גאנצן אמת?

מיט א ביטערלעכן שמייכל נעמט שפאסן דער פקיד:

— דערציילן דעם גאנצן אמת, זאגט איר? זאלט איר עס וויסן זיין, אז ווען איר אלע זייט געקומען דא, יעדן טאג מיט נייע שיפן, איז נישט געווען קיין בוי־מאטעריאל, נישט געווען קיין ארבעטס־הענט, קיין געלט! ערשט היינט הייבט מען אן צו בויען! — רעדט ער ווייטער מיט ברען און מיט א נצחון אין דער שטים — בויען גיך און מיט טעמפא! ערשט געלייגט דעם יסוד און שוין שטעלט מען דעם דאך! עס בויען זיך טויזנטער וואונדערלעכע שיכונים אין די שטעט און ארום די שטעט, אין דערפער און אין די בערג איבערן גאנצן לאנד! וואלטן מיר אלע עולים געזאגט דעם גאנצן אמת, ווען זיי זענען גע־קומען, וואלטן זיי זיך צעלאפן אין אלע עקן פון דער וועלט! און איר זעט דאך, די שיכונים בויען זיך, מען דארף נאר האבן:

סבלנות!

טענהען איין מיטן פקיד די אמאליקע ציוניסטישע עסקנים:

— מען האט נישט באדארפן רופן קיין מאסן־עליה. די משפחות מיט קליינווארג, די אן פאכן און די זקנים; צוזאמען מיט די קראנקע און געזונטע. מען האט באדארפן אויסוואַרטן רופן נאר יונגע, געזונטע מענטשן. חלוצים. עס איז נאך נישט געקומען די צייט...

שווייגט א רגע דער פקיד. ער האט דרך־ארץ פאר די אלטע עסקנים, וואס האבן זייער גאנץ לעבן געארבעט דעם חלום צו פאר־וואנדלען אין וואר און נעמט לאנגזאם דערקלערן:

— היינט איז די בעסטע צייט... קיינער ווייסט נישט דעם מארגן,

עס קאן ווערן צו שפעט... איר פארשטייט ? — פרעגט ער שטיל און פארטרוילעך. עס איז נישט הייַנט, ווי אמאל, פאר דער מלחמה. עס וועלן שוין מער נישט קומען קיין חלוצים. די אלע דא — ווייזט ער אן מיטן האנט אויפן בית־עולים, זיי וועלן זיך צוגעווינען, זיי וועלן ווערן חלוצים. זיי וועלן בויען ! מיט צוואנציק יאר צוריק, אין מיין צריף איז מיר ערגער געווען, ווי די אלע דא, נאר מיר האבן געגלויבט. געזען דעם מארגן. איר פארשטייט — פרעגט ער נאכאמאל איבער — וואס דאס באדייט, אנהייבן הייַנט בויען א מדינה ? און מיט וועמען ? מיר מוזן אבער גלויבן... שטארק גלויבן און דער עיקר :

סבלנות !

שאקלט צו דער אלטער ציוניסטישער עסקן, וואס דרייט זיך ארום עובר־בטל אין בית־עולים און זאגט נאך ווי אן עכאָ :

— סבלנות... מיר זענען א פאלק אין ווערן... א מדינה אין ווערן...

אזוי ווי דאס ווארט „שלום" האט יעדער געלערנט אויף דער שוועל פון ישראל און געאייניקט אלע, אזוי איז געווארן א תשובה אויף אלע דאגות דאס ווארט :

„סבלנות".

זענען אין די צריפים צוגעקומען נייע עולים און גענומען זיך באַקלאָגן אויף די רעגנס און אויף די היצן, אויף די מאָסקיטן און אויף די כאמסינען, האבן די פריער־געקומענע אנגעהויבן מיט זיי איינ־חזרן די פרשה :

— סבלנות...

די נייע היים

שורות הייזער ווייסע, קליינע,
איבער זאמדן אָנגעשטעלט,
ווען ווערן נייע היימען,
אין דעם מדבר: וועלט —
געצעלט.

אין דעם טיפן מדבר־זאמד,
וועט א נייע וועלט זיך בויען.
פארן ייד אן אייגן לאנד,
אונטער ציונס הימל בלויען —
דויער.

צווייטער טייל

שיכון עולים

אינהאלט

יונגער וואלד (ליד) 89

זאמד 90

ערד 101

פענצטער 108

תחית המתים פון קאסרילעווקע . . 116

א מאמע פון קצינים 147

פאלאצן 154

אן אלטע וועשין 157

דער לעצטער צריף 164

מיר אלע גיבן דאך... 180

סטאנדארט 185

ערשט נעכטן איז ער געקומען (ליד) . 192

יונגער וואלד

א גרין געקרוינטער בארג,
ציט זיך צום הימל־בלוי
צעבליט זיך אלטער שטאַם —
אין א יונגן טרוים.

צווישן כרמל־פעלדזן,
איבער הויפנס שטיינער,
דורך די געלע זאמדן —
שפראָצן יונגע ביימער.

אין די שכונות קליינע,
אויף דער לענג פון וועגן,
א מויער גרינע ביימער —
באוואכט דאס נייע לעבן.

אלץ העכער און ברייטער,
צעשפרייטן זיך די צווייגן,
דעם מדבר א באפרייטן —
אין שאָטנס צו באקליידן.

ארום די נייע הייזער,
דעם נייעם דור צעבליטן,
די ביימער ווי דערלייזער —
ווען באשיצן, היטן.

און שפרייטן זיך אלץ ווייטער,
איבער פעלדז און זאמד,
ביז אין א גרינעם מאנטל —
ווען איינהילן דאס לאנד.

זאמד

די ערשטע אין נייעם שיכון איז אנגעקומען די פרוי לואיזא ביטנער.

אויף דער גרויסער לאסט־מאשין זענען געשטאנען קליינע בענקע־לעך באדעקטע מיט בראָקאט. לאנגע קאסטנס באצירטע מיט האלץ־שניצערייען, אנגעלייגטע מיט וועש, לעבן זיי פעקלעך מיט בעטגעוואנט, וואליזן מיט קליידער און מאנטלען. קעסטלעך מיט ביכער אין דער ענגלישער שפראך, ווערק אין דייטש געשריבענע. בילדער און זילבער־באשטעק.

רענצלעך אנגעפאקטע מיט פארשידנארטיקע קלייניקייטן, מיט וועלכע זי האט זיך נישט געקאנט שיידן אויפן וועג ווין־פאריז־שאנכיי.

זי איז געווען א בארימטע מוזיק־לערערין אין ווין.

די מוזיק איז געווען איר לעבנס־פרייד און איר לעבנס־אויסהאלט. אלע אירע יארן האט זי פארבראכט צווישן מוזיקער און אין די פראכטפולע דירות פון אירע שילערינס, פון ווינער אדל.

מיט באגייסטערונג האט די פרוי לואיזא ארויסגעקוקט אויפןברייטן אספאלט־וועג, לענגאויס אויסגעשטעלטן מיט גרינע עוקא־ליפטן־ביימער, ווי מיט א לאנגער מויער.

— מיין גאָט, וואס פארא וואונדערלעכע ביימער... און איך האָב געמיינט, אז דא וואקסט גארנישט... איך האב אזוי מורא געהאט פאר דער וויסטעניש... — האט זי זיך אליין געטרייסט פאר דער פרעמד־קייט, וואס האט זיך געטראגן פון דעם זאמדיקן שטח ארום.

פון צייט צו צייט, האט זי זיך אויפגעשטעלט פון איר ארט. א פארזאָרגטע באטראכט דעם קלאוויר, אַן ארומגעוויקלטן אין אַ גראָבער דעקע. גלייך זיך צוריקגעזעצט א בארואיקטע טראכטנדיק:

— מסתם וועט אים גארנישט געשען. דער קלאנג נישט באשעדיקט געווארן. דער אלטער כינעזער האט אים פארזיכערט צו אזא וועג...

טראכטנדיק וועגן קלאוויר האט די פרוי לואיזא מיט די געדאנ־קען זיך צוריקגעקערט צום לאנד, פון וועלכן זי איז נישט לאנג אפ־געפארן, צו דעם אלטן, געטרייען באדינער, מיט וועלכן זי האָט קוים זיך געקאנט פארשטענדיקן מיט עטלעכע ווערטער אין ענגליש.

דאך איז ער איר ליב געווען, ווי די אלע כינעזער, וועלכע זי האט באקענט אין דעם רחבותדיקן לאנד.

די געהארכזאמע, ארבעטסזאמע קינדער, די איבערגעגעבענע, טיכ־טיקע דינער, האבן דערוועקט אין איר טיפע געפילן צו זייער לאנד און מנהגים..

די מלחמה האט זי דארט פארוואגלט צוזאמען מיט א סך ווינער יידן. אבער קיינמאל האט זי דארט נישט געטראכט צו בלייבן.

א שטילע, נאגנדיקע בענקשאפט, האט זי געטראגן אין איר הארץ, צו איר היימשטאט, ווין.

דאך איז איר געווען שווער זיך צו שיידן מיט די כינעזישע משפ־חות און זייערע קינדער, וועלכע זי האט געלערנט מוזיק. מיט דער גרויסער שטאט שאנכיי, וועלכע זי האט אפילו אין חלום נישט גע־גלויבט צו זען אמאל.

— צי בין איך שוין אין פאלעסטינע ? — האט איר קול א ציטער געטאן. גלייך האט זי זיך געוואנדן אין ענגליש צום שאפער :

— אלעמאל האב איך סימפאטיזירט מיטן ציוניזם,... באטייליקט זיך פרייוויליק אויף אלע קאָנצערטן פון קרת קימת. ביי אונדז אין ווין, האט די גאנצע יידישע אינטעליגענץ אנגענומען, אז יידן האבן רעכט זיך אומצוקערן אין אייגענעם לאנד. נאר איך... האט זי צוגעגעבן מיט פארלעגנהייט, האב געטראכט, אז דאס איז אן אוטאָפיע...

— פארשטייט איר ענגליש ? — האט זי פלוצים א פרעג געטאן מיט א דינער, קלינגענדיקער שטים.

עס האט זיך איר אויסגעוויזן, אז דער פעסטער מאן, וואס זיצט לעבן איר א שוויגנדיקער און האלט דאָס רעדל פון דער מאשין מיט

זיינע אויסגעארבעטע הענט, אזוי זיכער און רואיק, פארשטייט גאר־נישט פון אירע רייד.

— „יעס" — האט ער קורץ אָפגעענטפערט און צוגעגעבן מיט א באהאלטענעם שמייכל:

— איך קען צופיל שפראכן און צופיל מלאכות, אבער איצט טראכט איך נישט וועגן ציוניזם, נאר ווי וועט איר זיך אן עצה געבן מיט די אלע פעקלעך, קאסטנס און וואליזן. צען יאר וועלן נישט סטייען דאס אלץ איינצואורדנען.

צווישן די ציין האט ער ארויסגעווארפן:

— צוליב וואס פירט איר אזא מחסן מיט זאכן, מעבל־שטיק, פעקעלעך? דא לעבן מענטשן פשוט און באשיידן.

עס האט זיך איר אויסגעוויזן, אז ער לאכט אפ פון איר און חוזקט. זי האט פעסטער ארומגעבונדן דאס זיידענע קאפטיכל אויפן בלאנדן, געלאקטן קאפ און א באליידיקטע געטראכט:

— א גראָבער מענטש... אין וואָס פארא טאָן ער רעדט דאָ, מיט וואס פארא גאווה!

קיינמאל וועלן די יידן נישט זיין אזוי העפלעך, ווי די עסטרייכער, אדער די כינעזער. אלע דא, זענען מקנא די, וואס ברענגען מעבל, טעפיכער, א קלאוויר. אלע אין בית־עולים האבן זיך ארומגעשטעלט ביי דער מאשין, ארייגעקוקט מיט גייציקייט, מיט דער טיפישער יידישער נייגעריקייט.

שווייגנדיק האט זי ארויסגעקוקט אויפן לאנגן, גלאטיקן אס־פאלט־וועג און נישט געקאנט באנעמען די פלוצימדיקע מחשבות, וואס די נייע סביבה האט ביי איר ארויסגערופן.

— אן אספאלט־וועג צווישן בערג מיט זאמד! ארום זאמד און זאמד! און צווישן דער וויסטעניש, הויכע שלאנקעביימער! א לעבן... ווי אומפארשטענדלעך איז דאס אלץ — האט זי געטראכט אין הארץ.

די זון בין־השמשימדיק האט ארויסגעשיינט מיט רויטע פלאמען צווישן די ביימער־צווייגן, וואָס האָבן מיט שווארצע פלעקן געלייגט זיך אויף דער לענג פון וועג.

פלוצים איז דער פרוי לואיזא באפאלן א שרעק און פארצווייפלונג:
— צי וועט דאָ אמאל ווערן א לעבן? ווי וועל איך זיך דאָ איינאָרדענען!? ווער וועט דאָ לערנען מוזיק? קויפן א קלאוויר און איבן שעהענלאנג, ווען יעדער טראכט דא נאר וועגן א דירה, פרנסה... מוזיק איז דא נאר א לוקסוס, נישט ווי אין ווין, אין כינע..."
טראכט נישט וועגן די זאכן — האט דער שאפער איבערגעריסן די געפרעסטע שטימונג. אין דער שטילקייט האט זי אויפגעכאפט זיין פליסיקע, ריינע דייטשע שפראך מיט אן אנגענעם געפיל, ווי א דער־מאנונג פון איר היים.
ער האט געקוקט פארויס, ווי לואיזא וואלט נישט געזעסן לעבן אים, גערעדט מער צו זיך, ווי צו איר.
„איך וועל שוין טראכטן וועגן די זאכן, איך וועל זיי ארייינטראגן. אויך א טרעגער בין איך שוין געווען"...
— א טרעגער? — די פרוי ליזא האָט מיט פארוואונדערונג געעפנט ברייט די אויגן. אירע בלויע אויגן האבן גענומען פריינדלעך פינקלען.
— איר רעדט דאך אזא ריינעם דייטש...
אין איר קול האט געקלונגען א פלוצימדיקע פרייד, ווי זי וואלט גאר אומפארהאפט געפונען א נאענטן מענטש, וואס האט שוין מיט־געמאכט אמאל די זעלבע אינערלעכע אויפטרייסלונג.
— א טרעגער איז אזא מענטש, ווי יעדער אנדערער — האט פשוט געענטפערט דער שאָפער און צוגעגעבן מיט א חוזק־שמייכל:
— „ווי איך זע, האט איר געהאט צו טאן נאר מיט פרינצן..."
ער איז אויסגעבראָכן מיט א הויל געלעכטער און מיטאמאָל אפגעהאקט.
די פרוי לואיזא האט א בלענד געטאן מיט אירע פערלדיקע ציין:
— ווירקלעך... איך האב געלעבט ווי א פרינצעסין. שפאסט נישט פון מיר. ווען איך בין נאך א קליין קינד געווען, האט מען מיך שוין גערופן: „די קליינע פרינצעסין". אויף די קינדער־קאָנצערטן בין איך אלעמאל אויפגעטראָטן אין א בלויער סאמעט־קרינאָלינע, גאָלדענע פאפילאטן איבערן האלדז אנגעלייגט. איך בין ארומגעגאנגען א שטאלצע

און קאלטע, אפגעזונדערט פון ארום, ווי אן אמתע פרינצעסין. דאס גאנצע לעבן בין איך ארומגעגאנגען אויף טייערע, ווייכע טעפיכער.

זי האט באמערקט דעם שמייכל, וואס האט זיך אויף זיין פנים געלייגט און פון זיין שווייגן פארשטאנען, אז ער נעמט אויף אירע רייד, ווי סתם בארימערייען. יעדער דערציילט דאך איצט וועגן זיין פארמעגן, הייזער און פאַבריקן, וועלכע ער האט געהאט.

די פרוי ליזא איז געווארן מער אפנהארציק. איר שטים האט זיך פריי צעקלונגען — אלעמאל האב איך געליבט די אריסטאקראטיע, די איידעלע און געפלעגטע. איך קאן נישט פארטראגן די פשוטע מענטשן מיט זייערע גרויע, קליינע זארגן. איך האב נישט געוואלט גיין צוזאמען מיט זיי אין איין שולע. כ׳האב נישט פארטראגן די יידישע שילערינס, אנגעלאפענע פון גאליציע, מיט זייער געבראכענעם יידיש, א נישט גראמאטיקאלע, ארעמע שפראך. אזוי לאנג האב איך געוויינט, ביז מיין מוטער האט מיך פון דער יידישער שולע ארויס־גענומען.

אין דער גימנאזיע און קאָנסערוואַטאָריום פון ווינער אדל האָב איך געלערנט. דערקענט זייערע קינדער, זייער שיינע, פריילעכע וועלט.

דער שאפער האט זיך א דריי געטאן אויף זיין געזעס, ווי אירע ווערטער וואלטן אים געגריילצט אין די אויערן. איז זי איבערגעגאנגען אין א טאן פון פארענטפערונג:

— נאר דערמיט בין איך אנדערש געווען פון זיי, וואס כ׳האב אלעמאל געוואלט ארבעטן, זיין זעלבשטענדיק. כ׳האב נישט פארטראגן זייער פוסטע ליידיקגייערײ.

מיטאמאל האט זי איבערגעריסן. עס האט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי האט צופיל דערציילט וועגן זיך, א גאר פרעמדן מענטש.

מיט א ווארעם געפיל האט זי באטראכט זיין פולן קארק. זיינע ברייטע אקסלען. די פעסטקייט פון זיינע הענט, וואס פירן די לאסט־מאשין, אזוי לייכט און געשיקט. אבער, ווען איר בליק האט זיך פארהאלטן אויף זיין פייכטן, מיט שווייס באדעקטן פנים, איז איר אדורכגעלאָפן א געדאנק:

איך האב דאך געקאנט נאָכפּארן אין א טאקסי, נישט ארומפירן זיך מיט אזא איינעם...

דאך האט זי געוואלט איר קאפ אנשפארן אויף זיין אקסל. געפינען ביי אים שוץ און ווארעמקייט, ווי זי וואלט זיך דערפילט א פארלוי־רענע צווישן די זאמדן.

זי ווייסט עס נישט אליין פארוואס דווקא איצט אויפן וועג אין שיכון, האבן גענומען פאר אירע אויגן אדורכרוקן זיך בילדער פון דער ווייטער קינדהייט. ווערטער פון לאנג ארויסגעזאגטע. דערמאנונגען פון הארץ, לאנג פארגעסענע.

איצט הערט זי קלאר די שטים פון גימנאזיע־דירעקטאר:

— גנעדיקע פרוי ביטנער, גערן וואלט איך געוואלט זען אייער טאָכטער אין מיין גימנאַזיע... דאָך קאָן איך נישט פארשטיין... צוליב וואס טוט איר עס? אייער מאן איז א סוחר, וואלט עס געווען ריכטיק, אייער טאכטער זאל גיין אין א שולע צוזאמען מיט די קינדער פון יידישע סוחרים... זאל זי זיין צווישן איר פאלק. א גלייכע צווישן גלייכע. גיין אין זייערע וועגן. חתונה האבן ווי איר, מיט א סוחר, אדער באאמטן, ווי איר, זיין א באלעבאסטע אין איר היים. איר דארפט נישט ארויסרייסן אייער טאכטער פון אייער קלאס, פון אייער פאלק... זי וועט דערנאך נישט געפינען פאר זיך קיין ארט אין לעבן, נישט אויפשטעלן א משפחה. זי וועט בלייבן איינזאם, אויסגעוואָרצלט...

דאס קול פון דער מוטער:

— הער דירעקטאר, מיר טראכטן נישט אזוי ווייט... מיר ווילן אונדזער טאָכטער געבן א גוטע דערציאונג, צווישן קינדער פון א העכערן שטאנד...

דאס קול פון די חברטעס:

— ליזא, ביסט גארנישט ענלעך צו די יידן... דו ביסט ווי מיר אלע... דו ביסט אן אונדזעריקע...

איצט ווערן איר קלאָר און פארשטענדלעך די רייד פון פראָפעסאָר. ווי גוט האט ער עס פארשטאנען... וויפיל חכמה איז געווען אין זיינע רייד!

זי טראכט איצט וועגן אים מיט דער זעלבער באגייסטערונג, ווי דאן, ווען זי האט זיך אין אים בסוד געליבט.

— ווי אזוי איז עס געשען? — פרעגט זי זיך אליין, אז איך האב אלעמאל געזוכט נאר אן ענלעכן צו אים... צי האט ער עס פארשטאנען? דערפילט...

אן אינערלעך קול באשטעטיקט און באשטימט עס מיט אנט־שלאָסנקייט און זיכערקייט:

...ער האט עס גוט פארשטאנען, אלץ געוווסט!

שרעקלעך איז עס געווען! זי טרייסלט אָפּ פון זיך די דערמאָנונג פון גימנאזיע־דירעקטאר, וואס האט צעשטערט איר קינדער־וועלט. עס זענען דאך געווען יינגערע און שענערע פון אים! ווי אזוי האב איך מיין שכל פארלוירן? אלע יאָרן געזוכט נאָר אן ענלעכן צו אים!

מיטאמאל האט זיך די לאסט־מאשין א וואקל געטאן און די רעדער זענען איינגעזונקען געווארן אין אן אָנשיט פון חצץ און בוי־מאטעריאל.

פאר די אויגן פון דער מוזיק־לערערין, לואיזא ביטנער האט זיך באוויזן א שורה נייע פארביקע פאַרטער־הייזלעך.

אין דער פוסטקייט פון די ארומיקע זאמדן, האבן די הייזער איר אנגעזאגט א ניי לעבן, וואס וועט אויפשטיין אין דער טיפער, ווי פארכישופטער שטילקייט.

— איז עס נישט וואונדערלעך, אז די יידן האבן דאס אלץ דער־גרייכט אין שטורעם פון קאמפן און שווערער ארבעט! — האָט אויס־גערופן מיט באגייסטערונג די פרוי לואיזא, ווי זי וואלט פלוצים אריינ־געדרונגען אין א צווייטער וועלט.

זי האט פארגעסן פון דעם תהום, וואס טיילט זי אָפּ פון דעם שאָפער. גערעדט צו אים ווי צו א נאָענטן מענטשן, וואָס איז אין דער רגע אזוי אייגן דערהויבן ווי זי.

אזוי ווי זי האט נישט געקענט צוזאמנעמען די געדאנקען, וואס האבן זיך וואס־אמאל איבערגעטראגן אויף אנדערע געשעענישן, אזוי האט איר שטימונג זיך געענדערט מיט יעדער רגע. איז געווען ענלעך

צו אן עמפינדלעכן אינסטרומענט, וואס יעדע בארירונג רופט ארויס אנדערע קלאנגען.

זי האט פון איר האנט־טאש ארויסגענומען א שליסל און מיט א ווייכער שטים, ווי זי וואָלט מיט זיך געטאָן א חשבון־הנפש, גענומען רעדן צו דעם פרעמדן מענטשן, וועלכן זי האט גאָר פלוצימדיק גע־טראָפן.

— זייט איך האב מיין היים פארלארן, האב איך געוווינט אין האטעלן. אין גערדונגענע צימערן, ביי פרעמדע... איצט וועל איך האבן אן אייגענע וווינונג. דאס גיט צו זיכערקייט. דאס איז ווי... ווי...

אירע גרויסע בלויע אויגן האבן זיך אנגעפילט מיט טרערן. דאס קול איז דערשטיקט געווארן. זי האט נישט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן די געפילן, וואס זענען אנגעשווומען צו איר הארץ, ווי א שטארקע כוואליע.

— מיין פאטער... מיין ארעמער פאטער, האט זי אנגעהויבן שטאמלען. ער האט אזוי געשטרעבט דא אהערצוקומען. און מיין טייערע מוטי... הלוואי וואלטן מיר פון דארט פריער אנטלאפן.

זי איז נישט געווען מער די קאפריזע דאמע, וואס בענקט צו דעם ווילטאג, וואס אירע רייכע באלעבאטים האבן איר צוגעטיילט. די פרעמדע, פארביקע פעדער, מיט וועלכע זי האט זיך געפוצט דאס גאנצע לעבן, זענען מיטאמאל אפגעפאלן. זי איז געבליבן אין איר ארעמקייט און פחד פארן מארגן. זי איז איצט נישט מער די „קליינע פרינצעסין", ווי מען האָט זי יארן לאנג גערופן. איצט איז זי, ווי די אלע געטריבענע פון שטורעם, וואס זוכן א רואיקן ברעג. מיד און איינזאם ווי זיי אלע, וואס קומען אן מיט די שיפן, יעדן טאג פון אלע עקן פון דער וועלט.

— דאס איז עס ! — האט מיט א שמייכל אויסגערופן דער שאפער און אראָפגעשפרונגען פון דער לאסט־מאשין. גלייך גענומען אַראָפּשלעפּן די קאסטנס, פעקלעך און וואליזן. אין א ווינקל פון דער שטוב האט ער זיי אנגעשטעלט. איידער די פרוי לואיזא האט זיך ארומגעזען, האט ער פארזיכטיק גערוקט פארויס דעם קלאוויר, צוזאמען מיט די

ארבעטער, וואס האבן געבויט דעם שיכון. דער שאפער האט מיט פארשטענדעניש און פּאַרזיכטיקייט אים אוועקגעשטעלט נעבן וואנט, ווייט פון פענצטער. די זון זאל אים נישט באשעדיקן.

מיט דער זעלבער געשיקטקייט און פלינקייט האבן די פיר מענער אראפגעשלעפּט דעם שווערן פריזשידער פון דער לאסט־מאשין און אריינגעפאסט אויף א וועגעלע מיט פיר רעדער. אריינגעפירט גלייך אין דער קיך, נאָענט צום קאָנטאַקט.

לויט זיין איינזען, ווי ער וואלט דער באלעבאס געווען, האט ער אויסגעסדרט די פעקלעך, אויסגעשטעלט דאס מעבל אויפן געהעריקן פלאץ, בעת זי איז ארומגעגאנגען אומבאהאָלפן צווישן די פעקלעך, נישט ווּיסנדיק פון וואס אנצוהויבן.

מען דארף אויסטרינקען א לחיים, לכבוד דער נייע דירה! — אבער ווו געפינט מען דעם ווײַן — האט זי א צעטומלטע זיך געפלאנ־טערט אין די רייד, זוכנדיק די קרישטאָל־גלעזעלעך אין זאַק מיט בעטגעוואנט.

זי האט צו אים אויסגעצויגן איר ווייסע, געפלעגטע האנט און אָנגעהויבן אים דאנקען:

— איר זייט באמת א קאָרעקטער, זייער העפלעכער מענטש, איך ווייס נישט ווי אזוי אייך דאנקען פאר דער מי און און... גוטן ווילן... אפשר זאל איך אייך וואס פאָרשפּילן? — האט זי זיך געפלאנטערט אין די רייד א צעטומלטע.

— „ניין, ניין, נאר נישט שפּילן!" — האט ער טרוקן א זאג געטאן, קוקנדיק זייטיק אויפן קלאוויר, ווי געוואָלט אויסמעקן אין זיין זכרון א פּיינלעכע דערמאנונג.

מיט א ציטערדיקער שטים האָט ער א פרעג געטאן:

— וועל איך קאנען דא ווען אמאל אהערקומען?

זיין בליק האט אומרואיק געבלאנדזשעט איבער דער קליינער דירה, איבער די פארביקע בראָקאַט־בענקעלעך, אויפן שמאָלן בעטל, ענלעך צו א קינדער־בעטל.

— „ביטע" — האט זי קורץ געענטפערט מיט אראפגעלאזטע אויגן.

פון איר קול האט זיך געטראגן אן עכאָ פון זיין ציטער.

דורך די אראפגעלאזטע ברעמען האט זי געזען, ווי ער האט געשיקט א שפרונג געטאן אויף דער מאשין, מיט א רעדער־טראסקעריי פארשווונדן צווישן די שורות נייע בנינים.

זי האט באדויערט, וואס ער איז אזוי גיך פארשווונדן. פלוצים איז איר קלאָר געוואָרן: ער איז אנטלאָפן.

די פוסטע הייזער אין נייעם שיכון, די ליידיקע וועגן, האבן זי אנגעפילט מיט א פחד. זי האט די גרויסע פתיליה אנגעפילט מיט נאפט. זי האט זי אנגעצונדן און אין די געדאנקען זיך געשלאגן מיט דער דעה:

„...נישט באדארפן אים איינלאדן... ער האט אפילו נישט געהאלטן פאר נויטיק זיך פארצושטעלן פאר מיר... א פראסטער שאפער... ווער ווייסט ווער און וואס ער איז?"

— הא, הא, הא! — האט זיך צעטראגן איר הויך געלעכטער.

א ביטער געלעכטער האט זיך געטראגן איינזאם און טרויעריק אין לערן הויז.

— מיין גאָט... וואָס פארא מענער האָב איך אָפגעשטויסן! סארא מתנות צוריקגעווארפן!... און צום סוף איינגעלאדן צו זיך איינעם אזאנעם... אבער פון דער צווייטער זייט, האט זי אנגעהויבן פארטיי־דיקן זיך אליין, קאן ער דאך עטלעכע שפראכן. באנומען זיך מיטן קלאוויר איידל און פארזיכטיק, ווי א מענטש וואס שפילט.

פאַמעלעך האָט זי גענומען אויסליידיקן די וואליזן. שפיצן־בלוז־קעס, טייערע כינעזישע מאָרגן־קליידער, געלייגטע רעקלעך אין פאר־שידענע מוסטערס און פארבן, זיידענע קליידער און ווייכע, וואלענע פעלערינען, אויסגעלייגט אויפן טיש און אלע בענקלעך. אומעטיק האט איר בליק זיך געטראגן איבער די דינע קליידער און קאסטיומען, ווי געפרעגט:

— צוליב וואס האב איך דאס אלץ דא אהערגעפירט ? פאר ווּעמען ?

— זאל ער נאר קומען... האט זי א פליסטער געטאן אין דער־וואַרטונג און אומגעדולד.

...נאך היינט... גלייך ! ווי זי וואלט פארגעפילט, אז ער וועט קיינמאל נישט צוריקקומען.

פון דרויסן האט זי דערהערט א געוואוי פון שאקאלן. א דויערנדיקע יללה, וואס צערייסט דאס הארץ און די נשמה, ווי א געוויין פון אן אומבאהאלפן קינד האט זיך געטראגן איבער די זאמדן און אויפ־געציטערט איר הארץ.

— שאקאלן... ווי שרעקלעך... האבן אירע ליפן ארויסגעשטאמלט. אבער מארגן וועלן דא שוין זיין מענטשן, דאס ליכט וועט זיי פאר־טרייבן, האט זי מיט אנטשלאסנקייט זיך געמונטערט.

מיט ליבשאפט איז זי צו צום קלאוויר. פאמעלעך און פארזיכטיק אראפגענומען די ליילעכער און דעקעס און געוישן דעם שטויב פון דער פּאַליטור און ווייסע העלפאנט־ביין־קלאווישן. זי האָט צו־געשטעלט דאס רונדיקע בענקעלע, ווייך אויסגעבעט מיט פורפור־סאַ־מעט און איבער דעם לאנגן אזן פוסטן שטח פון שיכון האבן זיך צעטראָגן די טענער פון בעטהאָווענס לבנה־שיין־סאָנאַטע.

אין די געדאנקען האט זי געשריבן א בריוו צו איר עלטערן ברודער אין לאנדאן : „טייערער קאַרל... א לאנגע צייט האב איך צו דיר נישט געשריבן... איך האב געווארט ביז איך וועל באקומען א שיכון. דו וואונדערסט זיך, וואס איך בין דא אהערגעקומען. וואס האב איך דא און ווּעמען ? מיין טייערער ברודער... איך ליב דעם זאמד...

ערד

עטלעכע טעג נאכאנאנד האבן איבער די וועגן פון מפרץ־חיפה געצויגן אויטאבוסן פול אָנגעפאקטע מיט פרויען, מענער און קינדער.

זיי זענען געזעסן אויף די קעסטלעך און קויבערס מיטן בעט־געוואנט.

מיט נייגער ארויסגעקוקט אויף דעם לאנגן כביש, געשוויגן. יארן האבן זיי געווארט אויף דעם טאג און איצט זענען זיי מיד פון דער־ווארטונג און פול מיט זאָרג.

די אָנגעפּאָרענע עולים פון די חיפהער בתי־עולים, אין דעם ערשט אויפגעבויטן שיכון, האבן מיט א נייער קראפט און בטחון זיך גענומען איינצואָרדענען די דירות.

נאך אין ערשטן טאג פון זייער אָנקומען, אויסגעשטעלט די אייזערנע בעטלעך, וואָס זיי האָבן באקומען אין בית־עולים, ווי א צו־שטייער צו דער איינריכטונג. די קאסטנס צוזאמגערוקט, ווי א טיש און ארומגעשטעלט מיט טאבאָרעטקעס. די בגדים צעהאנגען אויף דער וואנט, אין א ווינקל פון דער שטוב און אפגעאטעמט מנוחהדיק:

— גאט־זיי־דאנק איבערגעקומען דעם בית־עולים...

— סוף, סוף אריין אין אן אייגענער דירה!

ווי מוראשקעס האבן זיי גענומען ארומגיין ארום דעם שיכון. יעדעס מאל עפעס נייעס אויסגעטראכט אין דער שטוב, כדי צו פאר־שטעלן דעם דלות, וואס האט ארויסגעוויינט פון יעדן ווינקעלע.

נאר איינצלנע משפחות פון די ניי־אנגעקומענע אין שיכון האבן געהאט אויף איינצואלן אין דער חברת־חשמל פארן עלעקטרישן זייגער. ווי א גאלדענער פאדעם האט דאס פלעמל פון נאפט־לאמפ, ארומגענומען דעם שיכון און מיט א שוואכן שיין געטראגן זיך, איבער די נישט באוווינטע פעלדער, ווי אן אנזאג פון א ליכט, וואס וועט

דא אויפגיין. פון א ניי לעבן, וואס וועט זיך צעזינגען מיט קינדערשע קולעכלעך, מיט ארבעט און מי.

ווי איין גרויסע משפחה, וואס האט מיטגעמאכט דעם זעלבן גורל פון וואַגל און שטענדיקן פחד פארן טויט, זענען זיך אלע אי נאענט, אי היימיש, כאטש איינער ווייסט נישט דעם נאמען פון צווייטן.

יעדער ווייסט עס גוט, אז דער בראַך, וואס האט זיין היים געטראפן, האט געטראפן די אלע, וואס זענען אין דעם פוסטן, פאר־לאזענעם אָרטשאפט געקומען.

— מזל־טוב! אין א גוטער־שעה! — ווינטשט איינער דעם צווײ־טן. שכנים פון דער נאָענטסטער טיר, פון בלאָק, פונעם געסל.

שרייט פון א פענצטער א פרוי צו א ניי אָנגעקומענער משפחה:

— ביז איר וועט אויסשטעלן די זאכן, ברענגט צו מיר אריין ס׳קינד, ביי מיר איז אן אפענע טיר. קומט אריין, ווען איר וועט עפעס דארפן...

שאקלט צוריק מיטן קאָפּ די ניי־אנגעקומענע עולה מיט א דאנק. א פלעמל צינדט זיך אן אין אירע אויגן. אין הארצן טראכט זי:

— א מענטש מוז האבן א מענטש... גוטע שכנים זענען... ווי א משפחה...

אין די ערשטע טעג אין נייעם שיכון האט ביז שפעט אין דער נאכט אריין פון יעדער שטוב זיך געטראגן א קלאפן פון העמערלעך, סקריפען פון זעגן. דאס האט יעדער בעל־מלאכה פון די אָנגעברענגטע קאסטנס, צונויפגעקלאפט א שאנק, פּאָליצעס אויף ביכער, וועש און קיכגעשיר.

ווי נאר זיי זענען פארטיק געווארן מיטן „מעבל", האבן זיך אלע גענומען באארבעטן דאס שטיקל ערד ארום דער דירה. ווי א נישט־געזעענע האנט וואָלט מיט אלע אָנגעפירט, אָדער אַן אינערלעך קול, וואלט זיי צו דער ארבעט איינגעשפאנט, האט יעדער געטראָגן דאָס מיסט פונעם בוי, וואס האט זיך געוואלגערט איבער אלע וועגן. געטראגן די שטיינער. געריסן די טיף פארוואקסענע שטעכערס. גע־קאפעט די פארלאזענע, טויטע ערד.

— הא, יידן ווילן נישט ארבעטן, האָבן געטענהט די גויים — סאפעט אפ א הויכער, דארער ייד און ווישט דעם שווייס פונעם שטערן — נו, זאלן זיי זען... יידן ווילן נישט ארבעטן — חזרט ער איבער נאכאמאל, ווי די באליידיקונג וואלט אים אריין טיף אין דיביינער.

ער דעכעט שווער און לאזט נישט ארויס די לאָפעטע פון דער האנט. מארגן גלייך נאך דער ארבעט וויל ער צופארן צו א משק נאך א זעקל מיסט. ער פירט מיט דער גראבלע איבער דער בייט, גלייכט זי אויס ווי א ווירע און באלד וועט ער דעם גאָרטן באגיסן מיטן נייעם גומי־שפריצער, וואס ער האט פון חיפה געבראכט. א מידער איז ער פון זיין ארבעט אין לעדער־ווערקשטעל געקומען און גלייך ארויס אין גארטן, ווי דאס שטיקל ערד וואלט אים מיט זיין קראפט געצויגן און נישט געלאזט רוען.

— וואס פארא קבר האט איר דא אָנגעשיט ? — טרעט צו אים צו זיין שכן פון בלאק, א דארפישער ייד, וואס האט זיך דאס גאנצע לעבן ארום סעדער געדרייט. אליין א שטיקל אייגענע ערד באארבעט.

ער נעמט אים ארויס די לאפעטע פון די הענט, גלייכט אויס נאָכאמאָל די ערד, נעמט זי צעטיילן אויף גלייכע חלקים. באארבעט אויפסניי אַ בייט און גיט צוריק די לאָפעטע מיט שמחה אויפן פנים.

— דאס הייסט א שטיקל ארבעט ! גיט נאר א קוק וואס פארא גערטנער זיי האבן דא פאַרגעריכט ! יעדע בייט איז ווי אן אָנגעשיט קבר... כ'לעבן א בית־הקברות האָבן זיי דאָ געמאכט און ארומגעצויגן מיט שטעכל־דראט ! אלע זענען דאָ פון די לאגערס געקומען און קאנען אָן דראטן מער נישט לעבן... צי איז דא עפעס א נייער קאצעט ? צי זענען מיר נישט אין אונדזער לאנד הייגט ? — רעדט מיט היץ שמואל, דער סאדאָווניק, ווי מען האט אים גערופן אין דער אלטער היים.

עס האט לאנג נישט געדויערט און ארום יעדער דירה איז געווען באארבעט א גארטן. אלע אין דער שכונה האבן געהאט די זעלבע מיינונג :

— ארץ ישראל הייסט א שטיקל אייגענע ערד מיט א פארביימער, אייגן גרינצייג און בלומען.

א טייל פון די איינוווינער, וואס מאכן זיך זייער סדר באזונדער און פרעגן נישט ביי קיינעם, אין אימפעט פון גראבן און פלאנצן, זענען ארויס פון אייגענעם שטח, באצוימט די ערד פון שכן און מאכט מיר, וואס איר ווילט, איך פרעג נישט ביי קיינעם!

צוריקקומענדיק פון דער ארבעט, האט דער שכן, איידער ער האט זיך אוועקגעזעצט צו זיין מאלצייט, אומגעלייגט די פרעמדע צוים, צעטרעטן די בייטן, אפגענומען זיין ערד. אויפסניי באארבעט, פארזייט, ארומגעצוימט.

האָבן זיך אין נייעם שיכון אָנגעהויבן מחלוקות, זידלערייען, משפטים.

עס האבן נישט געקאנט פועלן די אייניקע, וואס האבן זיך איינגעשטעלט באַרואיקן די צעקריגטע און געהאלטן אין טענהן:

— ערשט זענען מיר דא געקומען און שוין פירט מען מען מלחמות איבער א מעטער ערד?! ווען מען טרעפט א נישט גלייכן מענטש, מוז מען אָפטרעטן און א סוף זאל עס נעמען מיט די קריגערייען, שלום זאל זיין!

דער לערער פון ענגליש, וואס האט נישט קיין צייט צו פארנעמען זיך מיט זיין גארטן, האט א באזונדערע מיינונג וועגן ערד. מיט זיין רואיקער שטים, איינגעווינט צו לערנען אנדערע, גיט ער צו פארשטיין זיינע שכנים:

— אין די אוראלטע צייטן, ווי נאר דער מענטש האט זיין שכל באקומען, האט ער אָפגעטיילט, אָפגעצוימט זיין ערד. די מלחמות האבן זיך אנגעהויבן, ווי נאר איינער האט איבערגעטרעטן דעם חלק פון צווייטן. וואס זאגן דען אלע מלחמות אין דער געשיכטע? — גיט ער א פרעג די צעקריגטע, צעהיצטע שכנים. און ענטפערט אליין: אלץ איבערן פארכאפן פרעמדע ערד. מיר האבן זיך פארשפעטיקט מיט אונדזער מדינה... מיר הייבן אָן דערמיט, וואס אלע פעלקער האבן שוין פון לאנג פארענדיקט.

די מענער, וואס שטייען מיט די לאָפּאטעס, ביי די צעקאָפּעטע בייטן, לאָזן דעם לערער נישט פאַרענדיקן זיין רעדע.

מיט צאָרן און פאַרביסנקייט שרייט איינער איבער דעם צווייטן:

— ערד איז ערד! ערד פאַרכאַפּט מען נישט!

— פון מיין חלק, וועל איך קיין שפּאַן נישט אָפּטרעטן!

— קעפּ וועלן פליען, ווען עמעצער וועט מיין גאָרטן באַרירן!

...עך וועל גיין צום פּרעזידענט פון חיפה, צו אבא חושי... עך וועל גיין צום ק.ק. זאָלן זיי קומען און גלייך פאַרטיילן פאַר אַלע די ערד — האָט מיט עקשנות געטענהט דער טישלער, אַ ייד אַ חלוש, וואָס וויל דווקא אַ גאָרטן מיט „אַלע פּרוכטן" פלאַנצן.

— עך וועל נישט לאָזן עמעצער זאָל מיר מיין גאָרטן אַרומזעגן — זאָגט ער אָן, ווי אַ וואָרענונג די שטאַרקע, וואָס פרעגן נישט ביי קיינעם.

צו פאַרזיכערן די ערד, האָט יעדער זיין גאָרטן אַרומגעשטעלט מיט ברעטער פון די צעקלאַפּטע קאַסטנס. אַרומגעצויגן מיט דראָטן. ווער עס האָט געהאַט אַן אַלט, אָפּגענוצט בעטל, האָט עס צענומען. באַ־שמירט מיט גרינער פאַרב, צוגעשטעלט אַ טיר באַהאַנגען מיט אַ שלאָס. ווייל:

— דאָ בין איך אַ בעל־הבית פאַר זיך אַליין...

— דאָ וועט מיך קיינער נישט באַרויבן...

— ערד איז ערד! ערד מוז מען היטן.

נאָר איין ייד האָט זיך אין שיכון צו זיין שטיקל ערד נישט צוגערירט. אָפּגעלאַכט פון אַלע מחלוקות איבער דער „גרענעץ־צוים". פון די אַלע, וואָס יעדע פרייע רגע „לייגן אַריין אין דער ערד".

— יידן, יידן, אַ שאָד אייער גאַנצע האָרעוואַניע. עס וועט דאָ סיי ווי נישט וואַקסן... איר אַלע זייט דאָ משוגע פאַר ערד! און דאָס איז

דאך נישט מער ווי זאמד... צו וואס האט איר נאך ארום יעדן גארטן ארומגעשטעלט ברעטער? איצט איז דער שיכון א גרויסע שטייג... און אויב עס וועט שוין ארויסוואקסן א דאר רעטעכל, ווער וועט עס אייך צוגנבענען? ווער וועט עס רירן? פאר וועמען די טירן מיט שלעסער? און צוריק געשמועסט, קאן דען א רעטעך דא יא ארויס־וואקסן? פרנסה מוז מען זוכן! צו פארדינען א לירע גיי איך צופוס א קילאמעטער, אבער קערן וועלטן איבער א מעטער ערד?

דאס טענהט אזוי יעדן טאג דער „אייזערנער ייד", ווי אלע רופן אים אויף זיין גאס. נאך אין דער נאכט פארט ער ארויס מיט זיין פערד־און־וואגן צוזאמנעמען פון דער געגנט ברוכטיילן פון אלטע פאר־זשאווערטע טענדערס, וואס וואלגערן זיך ארום נאך פון דער מלחמה צייט. ער קלייבט צוזאם פון די וועגן אייזערנע רייפן, אלטע פאכן און בלעך. האט זיינע שטענדיקע אפנעמער אין מפרץ און אין חיפה. אין יפו און אויפן אלטן מארק אין חיפהער פארשטאָט. פארנאכט קומט ער צוריק מיט א צעפּאַרענער סאפע און אלטע אָפּגעבליאקעוועטע פאטעלן. ער מאכט זיי איבער. גיט א נייעם „וויעזשד" און פירט זיי אוועק פארקויפן אין די שיכונים פון די מאראקאנער און תימנער יידן.

אין זיין שטוב שטייט שוין ניי מעבל. א פאלירטער טיש מיט געבעטע שטולן, א בופעט מיט גלאזווארג. פון זיין קליין קעכל, פאר־האנגען מיט געבלימלטע פארהענגלעך, טראגן זיך ריחות פון געקאכטע פיש, געדעמפט פלייש, פריש־געבאקענע חלות און פוטער־קוכנס.

יעדעס מאל ווען ער קומט צופארן מיט זיין וואגן ברענגט ער עפעס נייעס אין דער שטוב. שפעט פארנאכט זעט ער זיינע שכנים פארטאן אין גארטן, חזרט ער איבער ווידעראמאל:

— ווי לאנג וועט איר דא זיך מאטערן עס זאל זיך ווייזן א בלימל? וואס האט דערפון א יידענע? צי קאן מען עס ארײנלייגן אין א טעפל? וואס קאן מען שוין האבן פון אזא גארטן, אז א קילא מאראנצן קאסט פיאסטערס און צוריקגעשמועסט, וועט דא סיי ווי נישט וואקסן!

שאקלען די עולים מיט די קעפּ מיט דער עקשנות פון אלטע פויערים:

— עס מוז וואקסן! אלץ וועט דאָ וואקסן...

✶

אויפן ברייטן פעלד פון שיכון, וואס איז געבליבן א פרייער שטח, ליגן אנגעווארפן נייע קויבערס פון וועש און בעטגעוואנט. אין די קליינע שטיבלעך איז נישטא קיין ארט פאר זיי. ליגן זיי אין א הויכן בארג מיט וואליזן און רייזע־קעסטלעך, ווי א דערמאנונג פון ווייטע מרחקים, פרעמדע לענדער און שטעט.

די אלע, וואס האבן זיך אין די ענגע שטיבלעך די נייע היים געפונען, ווייסן, אז זיי וועלן די קאסטנס און וואליזן מער נישט באדארפן.

פענצטער

ווייסע, גרינע און ראזע בלאקן אויף דער לענג פון א גאס.
א פענצטער און א טיר. א טיר און א פענצטער.
שיכון עולים.

דורך יעדן פענצטער זעט זיך די זעלבע שאנק און בעטן. דער זעלבער טיש און בענקלעך.

אין יעדן פענצטער א משפחה פון אן אנדער לאנד. מיט קינדער און אן קינדער. און אלט פארפאלק, און איינזאמע פרוי.

יעדעס פענצטער א באזונדער לעבן. א באזונדערע וועלט.

קוקן זיך איבער פענצטער מיט פענצטער און זעען ווי דורך א שפיגל, יעדנס לעבן, יעדנס סוד.

ציט דער כרמל־בארג זיך לענגאויס דעם שיכון און באוואכט יעדנס טריט. שיקט זיין שטילע ברכה אין די קליינע, ענגע שטיבעלעך, ווי מענטשן, ווי די מוראשקעס, פילן אויס מיט ארבעט אלע זייערע טעג. שטייט דער בארג אויף דער וואך פון די פארהארעוועטע פרויען און מענער, וואס יאגן פון איין ארבעט צו דער צווייטער, פון פרימארגן ביז נאכט. אָן איבערייס, אָן אפרו. מיט יאָרן צוריק זענען זיי געקומען. ביי די טויערן פון לאנד, האט מען זיי אלע, ווי א ניי־געבוירן קינד געגעבן דעם נאמען: עולים.

יארן זענען אדורך. דאס קליינוואַרג איז אונטערגעוואקסן, נייע עופהלעך זענען צוגעקומען, די קעפ פון טאטע־מאמען האבן באדעקט זילבערנע פאסן האר און זיי טראגן נאך אלץ דעם נאמען פון אמאל: עולים.

דער ערשטער, ווייזט זיך יעדן טאג אין שיכון, אברהם פון ביאַ־ליסטאָק. א נישט דערשלאָפענער, טשלאַפעט ער, אין זיינע שטעק־שיך איבער די שטיינער. טראגט אין די הענט א בלעכענע שיסל מיט גרינצייג.

אזוי ווי א מאמע כאפט זיך אויף אין מיטן נאכט, אין סאמע בעסטן שלאף צו איר הונגעריק קינד, אזוי איילט ער מיט דער שיסל צעווייקט ברויט און גרינצייג צו די הינער, אין לול.

זיי באפאלן אים מיט א צעפלאַשעט געפילדער, רייסן זיך איבער א גרעזל און רינדל און גלייך צעלויפן זיי זיך, אין די ווינקעלעך פון לול, צעפיקן אלץ ביחידות.

דער אלטער שטייט און קוועלט.

די הינער זענען זיין לעבן.

אברהם לייזער האט קיינמאל נישט געלעבט לויט זיין אייגענעם ווילן. אין זיין קינדהייט האט ער אויסגעפילט דעם ווילן פון זיין פרומען, שטרענגן טאטן. נאך דער חתונה, דעם ווילן פון זיין קריגעריש און פארעקשנט ווייב. אויף דער עלטער, פילט ער אויס דעם ווילן פון זיינע קינדער און חוצפהדיק צעלאזענע אייניקלעך. נאר אין לול מיט די הינער טוט ער אלץ לויט זיין אייגענעם ווילן. דא איז ער א מאן. דא האט ער זיין מאכט. ער האט פון שיכון, ארום דער גאנצער סביבה, צוזאמגעשלעפט ברעטער און לייסטן. באדעקט דעם דאך מיט דיקטן און סכך, צונויפגעקלאפט א לול, א וונדער, מיט שטייגן, לייטערלעך און קליינע קאריטעס פאר די הינער.

יעדן פרימארגן, אויף זיין וועג אין לול, טרעפט ער זיך מיט דער אלטער פרוי פון קאוונע, וואס וואשט פון באגינען.

אירע קינדער שלאפן נאך און וועלן שלאפן, ביז די מאמע וועט אויפהענגען די וועש, אויפרוימען דעם הויף, אויסרייניקן די טעראסע, ברענגען פריש געבעקס, דערלאנגען דערנאך די אייניקלעך דאס פאר־טיקע פרישטיק, דער טאכטער א טאס קאווע, ווי נאר זי וועט אויפ־שטיין.

שטעלט ער זיך אפ אויף א רגע ביי איר שוועל.

די אלטע טאטע־מאמע, אויף קעסט ביי זייערע קינדער, פאר־שטייען זיך אָן ווערטער. יעדער טראכט אין הארצן:

— ס'וואלט רעכט געווען חתונה האבן... אוועקגיין פון דעם בחינמדיקן ביסן און שמאָלן בעטל ארייננגערוקט אין א ווינקל.

זיי זאגן זיך א פריינדלעכן שלום און יעדער מאכט ווייטער שווייגנדיק זיין ארבעט.

שוין פארביי זייער צייט. עס קאן שוין גארנישט מער געשען אין זייער לעבן. נישטא די כוחות אנצוהייבן אויפסניי... און דאך קומט די מחשבה יעדן טאג צוריק, א פארלוירענע בענקשאפט, צו זיין ביי זיך אליין.

לאכט זי, די באבע, צום אייניקל, וואס האט זיך אויפגעוועקט און רייסט זיך ארויס פונעם לול, ווי פון אן ענגער שטייג און רעדט צו אים מיט דער שפראך פון קינדער־פלאפל, וואס נאר זיי ביידע פארשטייען.

און ער, געוויינלעך, טענהט זיך אויס מיט די הינער, ווי מיט די נאענטסטע באשעפענישן, וואס פארשטייען אים.

זיינע טריט וועקן אויף יעדן טאג זיין בלאק, זיין גאס.

ערשט נאך אים, רוקן זיך ארויס פון די טעראסן־טירן די מענער צו דער ארבעט. אין אלע ווינקעלעך פון דער חיפהער אומגעגנט צעפאָרן זיי זיך. אין כפר־אתא און קורדניה טעקסטיל־פאבריקן. אין די קליינע ווערקשטעלן אין מוצקין און חליסה, אין די ניי־אויפגעקומענע פאב־ריקלעך אין מפרץ און אין די גרויסע געשעפטן פון חיפה.

זיי ציען אדורך, ווי א שטילע כוואליע דורך דעם כביש פון שיכון. מיט א פיינלעכן אומעטיקן בליק, קוקט זיי נאך דער ארבעטסלאָזער בעריש.

שוין צוויי יאר אין ישראל און נאך צו קיין ארבעט נישט געגאנגען. זיינע זילבערנע האָר און דאס טרוקן גערונצלטע פנים האט געפסקנט זיין גורל. ער פרוווט שוין אפילו נישט צו זוכן, כאטש זיינע הענט האבן נאך ווילן און קראפט. דער שטענדיקער „ניין", האט אים מיד געמאכט און אפגענומען דעם מוט. אלץ שרייט צו אים „נישטא"! די רעשיקע גאסן, די הייזער, אלע מענטשן, וואס איילן אימפעטיק אין די פול־געפאקטע געשעפטן. אין יעדנס פנים לייענט ער ארויס זיין פסק־דין. „נישטא" און קאָן נישט פארשטיין, פארוואס קיינער דארף אים נישט מער. דאס לעבן גייט אדורך נעבן אים. און ער, דער איבעריקער, קיינעם

נישט נויטיקער מענטש, זיצט יעדן באגינעןביים פענצטער און קוקט נאך, נאך זיי אלע, וואס איילן צו דער ארבעט, טאג איין, טאג אויס. פארדינען אויף זייער קיום און זעען נישט ווי לאנגזאם, פאמעלעך, קלאפט אויס דער זייגער די שעהען פון טאג.

נאכן פארשווינדן פון דעם לעצטן פון כביש, בלייבט נאר די „ווינערין" מיט איר הונט אויף איר פרימאָרגן־שפאציר.

זי זינגט אריין מיט א גוטמוטיקן שמייכל איר שלום אין יעדן פענצטער, ווי דעם אמאליקן „גריס־גאט", אין די ערשטע יארן, ווען דאס העברעאישע ווארט האט זיך צו איר נאך נישט פאראייגנט.

— שוין אויף א שפאציר? פרעגט א יונגע פרוי ביי א פולער וואנע קינדער־וועש. נישט געוואשן און נישט פארקעמט אפילו.

— יא, מאדאם, מיין הונט איז „פערוועהנט" — דער קליינער פרינץ, ערשט נאכן שפאציר, וויל ער עסן, רעדט די ווינערין שפאסיק און גלעט מיט ליבע זיין סאמעטענע פעל.

די „פוילישע" פרוי, ביי דער וואנע וועש גאפט, זי וויל וואס גיכער צושטעלן די וועש אויסקאכן אין געסל אויף דעם גרויסן פרי־מוס, איידער די קינדער וועלן זיך אויפוועקן; דאך לאזט זי איר ארבעט. קוקט זיך איין א רגע אין זאַרגפעליק געפלעגטן פנים פון דער „ווינערין" און פרעגט מיט נייגער:

— קאן מען באמת ליב האבן א הונט?

די „ווינערין" באנעמט נישט אזא פראגע.

— א הונט איז פילבארער און געטרייער פון א מענטש — ענט־פערט זי מיט איבערצייגונג. איר קאָנט זיך נישט פארשטעלן, ווי ער האָט געטרויערט נאָכן טויט פון מיין מאן. לאנגע טעג איז ער געלעגן אויף דער ערד נעבן זיין בעט און טרערן זענען גערונען פון זיינע אויגן, קיין מענטש וואלט נישט געקענט אזוי לאנג אויסהאלטן אָן עסן. ער האט געקוקט אין מיין פנים און געזיפצט, ווי... ווי א מענטש. א הונט איז א פריינד! אלע קינדער זענען אוועק אין די קיבוצים, וואלט מיר זייער טרויעריק געווען אליין.

— מיר פארשטייען זיך ביידע, אמת פעפי? — שמייכלט זי צו אים מיטן אומעטיקן בליק פון איינזאמע מענטשן.

— אפשר... שאָקלט די יונגע מאמע מיט באדויער. מיר אין דער היים, האבן נישט געהאדעוועט קיין חיות... זי וויל דער מיטווינערין אין שיכון צוגעבן אביסל ווארעמקייט, נעמט זי פריינטלעך און היימיש רעדן:

— קומט אריין פארנאכט צו אונדז, מירן מאכן א קאווע...

גלייך לויפט זי צוריק צו דער וועש. א מידע, נישט דערשלאָפענע, ברומט זי צו זיך:

— אזויפיל ארבעט... דער טאג הייבט זיך ערשט אָן און די הענט שטייען אָפּ...

די „ווינערין" גייט ווייטער מיט איר „פעפי" איבערן כביש. אויף א רגע לאזט זי אים פריי לויפן און גלייך רופט זי אים שטרענג:

— פעפי... נישט לויפן אויף קיין ראנדעווו! פארשטאנען? דו אלטער גנב! קום אהער, גיב א האנט. אט אזוי! מירן אהיימגיין אפעסן און באלד פאָר איך צו דער ארבעט. וועסט היטן די ווינונג. פעפי?

דער הונט קוקט פארשטענדלעך און איבערגעגעבן אין אירע אויגן און גיט זיין שטומע פארזיכערונג.

*

דער שיכון האט זיך אויפגעוועקט. עס האט זיך א רודער געטאן, ווי אין א בינשטאק.

דורך די אפענע פענצטער זעט זיך:

א מאמע באדט אן עופהלע אין א קליינער בלעכערנער וואנע.

פרויען נעמען זיך צו ראמען די שטובן.

קינדער גרייטן זיך אין דער שולע.

די „ווינערין" גייט פארביי אלע אָפענע פענצטער. אין זייער טיכ־טיקייט, זעט זי איר לעבן פון אמאָל, וואס איז פארגאנגען „דאָרט", אין דער פארלוירענער היים. זי בענקט נישט צו דער רחבותדיקער

דירה. נישט צו דער קאָמפאָרטפולער איינריכטונג. זאכן, זענען נאר זאכן — האט זי פון לאנג געפסקנט. נאר די שטאט.

— ווין, ווין... הערלעך האט זיך דארט געלעבט — דערמאנט זי אפט אין אירע איינזאמע פארנאכטן. נאר איצט ליבט זי דאס נייע פאטער־לאנד. עס איז אן אָרעם לעבן, אין איר קליינעם שטיבל אין שיכון, נאר דא האט זי איר מנוחה און רו געפונען. דאס גאנצע לעבן האט זי צווישן קריסטן געלעבט. כאטש פרעמד זענען איר די אלע יידן, דאך האט זי פאר יעדן פון זיי א גוטמוטיקן שמייכל. א שאָד נאר, א שאד — וואס איך וועל דאָ די שפראך, קיינמאל נישט פארשטיין — טראכט זי אָפט מיט באדויער.

אין א גערטנדל, ארום בלאָק, שטייט א פרוי איינגעבויגן, ביים פלאנצן שתילים. איר בלויער ארבעטס־קאמבינעזאן איז פריש און געפרעסט. אירע האָר גלאט פארקעמט. די אויגן גלאנצן מיט א יונגער לעבנס־פרייד.

— ווי טיכטיק ! גיט א זאָג מיט באוווּנדערונג די „ווינערין". שוין פון פרימאָרגן אין גארטן, ביי די בלומען !

— דאס איז מיין לעבן ! — ענטפערט מיט באגייסטערונג די פרוי פון טשעכיע. אזוי ווי איך באזארג מיין מאן צו דער ארבעט, גיי איך גלייך ארויס אין גארטן. באלד וועלן זיך צעבליען די נעלקן און שפעטער די גליאַדיאָלן און כריזאנטעמען... קוקט אויף די פארבן, ביטע. איז עס נישט קיין וווּנדער ! איך האב נישט געגלויבט, אז דא קאן עפעס וואקסן ! אט האט איר דא א בוקעט מיט אלע בלומען, ציט זי אויס די הענט צו די גלייך באארבעטע בייטלעך, מיט שטאלץ. פארוואס פלאנצן נישט אלע, דא אין שיכון, בלומען ארום די פענצטער, ביים ארייגאנג פון דער וווינונג ?

— זיכער, זיכער, ווער עס גערן האט — ענטפערט די „ווינערין". מיר האבן אלעמאל בלומען געקויפט... נאר, ווען עס קען א מענטשן געבן פרייד... יא, יא... פארענדיקט זי מיט א צארטער שטימע, ווי די בלומען־וועלט, וואלט איר א באזונדער קאפיטל פון לעבן דערמאנט, אלץ דארף דער מענטש טאן מיט ליבע.

די פרוי אין בלויען קאָמבינעזאָן נעמט פּאַרזיכטיק און פּאַמעלעך באַגיסן די בלומען.

די „ווינעריןײ גייט ווייטער.

יעדן פרימארגן מאכט זי דעם זעלבן שפאציר מיט איר הונט איבער אלע גאסן פון שיכון. מיט יעדן טאָג ווערן איר די צופעליקע פרעמדע יידן, די מיטוווינער פון שיכון, אייגענער און נענטער.

באלד וועט זי צוריקפירן איר הונט א היים. איבערטאן זיך פינקטלעך, אזוי אייגן, ווי זי האט עס געטאן אין די יונגע יארן. דער־נאך צופאָרן אין דער קונסט־שטאָפעריי, וו זי ארבעט אָן איבערייס, ביז פארנאכט. לאנגזאם און פרעציז טוט זי איר ארבעט א שווייגנדיקע. תמיד פארטראכט אין זיך. א סך טראכט זי פון קיבוץ. קאן נישט באנעמען, וואס האבן זיי דאָרט, אז זיי האבן אינגאנצן פון איר פאר־געסן. ווי קאן דאס דערקלערט ווערן, אז קינדער שרייבן זעלטן־ווען א פאר ווערטער און קומען קיינמאל נישט אויף א באזוך א היים? צי איז דער קיבוץ געווארן זייער היים? איז דאס זייער לעבן? — וווּנדערט זי זיך אין הארצן. ווער האט אזא לעבן אויסגעטראכט?

לאנג נאך דער ארבעט, שפאנט זי איבער די חיפהער גאסן. זי נעמט די שטאט אין איר הארץ אריין. ליבט אירע טרעפן־גאסן מיטן אויסקוק צום כרמל און די זייטיקע געסלעך, וואס פירן צום ים. חיפה... וואס פארא וווּנדערלעכע שטאט... און יידן האבן זי אליין אויפגעבויט! — גיט זי צו מיט א גאר א ניי געפיל פון שטאלץ, אונדזער שטאט! — חזרט זי אפטמאל איבער בעת איר איינזאמען שפאציר, פון קיינעם נישט באמערקט.

ביי נאכט, דאס ערשטע פענצטער, וו איר בליק וועט פאלן, וועט זיין פון דער בולגארישער משפחה.

זי וועט זיי ביידע זען ביים וויגעלע פון אדאָפטירטן קינד, גליק־לעכע, צעשטראלטע.

זיי שפילן זיך מיט אים צוזאמען, גיבן עסן צוזאמען. זיי לאכן אריין אינעם וויגעלע — די זייט יאָרן אויסגעבענקטע ליבשאפט, מיט נחת און פרייד.

דאס קינד איז זייער לעבן.

ביים פענצטער פון איר יוגאָסלאַווישער שכנטע שטייט א מאַראָ־קאנער בחור. א ברוינער ריז מיט פייערדיקע אויגן און א צעפלאמט פנים.

ער רעדט אריין דורך דער האלבאפענער שויב:

— צוליב וואס האסטו חתונה געהאט מיט אן אלטן יידן מיט א פליך אויפן קאפ? — האסט געמיינט, אז נאך דער מלחמה וועט שוין זיין אויס וועלט? נאך אלעמען? האסט באדארפן קומען אליין! איך האב געווארט אויף דיר... דאס איז א גורל פון הימל... קום ארויס צום כביש! איך ווארט אויף דיר מיט דער מאשין... דו מוזט קומען!

— גיי, טרעט אָפּ פון מיר! — טרייבט אים מיט ציטערדיקע הענט די פרוי פון פענצטער. גיי! באלד קומט ער צוריק... דאָ ווייסט יעדער וואס טוט זיך ביי וועמען! ווילסט ער זאל גיין אין ים אריין?! — און נעמט אין איילעניש זוכן די נייע אויערינגלעך, דאס זייגערל. דעם זיידענעם שאל.

קוקן זיך איבער פענצטער מיט פענצטער.

תחיית־המתים פון קאסרילעווקע

דער טאג אין שיכון שטייט אויף, ווען דער לעצטער שטערן לעשט זיך אויפן הימל.

נאך אין דער פינצטער, הערט זיך דאס געוויין פון די אויפגע־וועקטע קינדער. א כאָר פון קוויטשענדיקע צעשריגענע קולות טראָגט זיך איבער אלע בלאקן, דורך די אפענע פענצטער מיט א דינער דראטן־נעץ באצויגן.

דאס מאטערן זיי די מאסקיטן, וואס עסן זיך איין אין זייער צארטער הויט, ווי א מחנה פליגן. בייסן און שטעכן זייערע אויפ־געדעקטע גופימלעך, צעברענטע פון דער דומפיקער, געדיכטער לופט.

בעט זיך א מאמע מיט א מידער שטים:

— בערעלע, גיי צוריק אין בעט, בערעלע, אלע מענטשן שלאפן נאך! בערעלע... געווג געטרונקען!

דורך דער דינער שכנתדיקער וואנט הערט זיך א פעסט און אפגעהאקט קלאפן.

דאס גיט דאס אלטע פארפאלק א סימן, אז זיי ווילן נאך שלאפן.

אויף דער קעגנאיבערדיקער גאס נעמט בנימין דער איינבינדער שופר בלאזן.

אין זיין ווייטן שטעטל אין וואָלין, איז ער געווען א בעל־תוקע. זייט ער איז עולה געווען, ארבעט ער אין אן איינבינדעריי, אין חליסה. צווישן בערג ספרים, ביכער, טעפ מיט קלעבעכץ און אלטע פארשטויבטע צייטונגען, זיצט ער גאנצע טעג. דער שטויב פונעם קעלער, די ריחות פון די פארשידענע שמירעכצער מיט וועלכע ער קלעפט די טאוולען פון די ביכער, האבן זיין שטים פארלייגט, פארשטומט.

ווי א מרה־שחורהדיקער זיצט ער גאנצע טעג ביי זיין ארבעט אין קעלער און שווייגט.

פאר די ימים־נוראים גייט אויף אין זיין נשמה א ליכטיקייט. ווידער איז ער בנימין דער בעל־תוקע פון אמאל, ווי די אלע יארן פון

פארוואגלטקייט וואלטן זיינע כוחות נישט אפגענומען.

חדשים חזרט ער איין דאס שופר־בלאזן. ראנגלט זיך, קעמפט, ארויסצוברענגען א ריכטיקע תקיעה.

— טר־טר־טו... טראגט זיך אן אימהדיקע שטים איבערן פאר־שלאפענעם שיכון, ווי אן אומבאהאלפן רופן נאך הילף און בלייבט שטיין, ווי ביי א הויכן בארג, וואס איז נישט צו איבערשפאנען.

די קאטשקעס און אינדיקעס אין די קעסטלעך נעבן די שטובן מיט א ווילדן, הונגעריקן לארם פילן אן דעם ארום. קאנען זיך נישט דערווארטן אויף דער שיסל צעקלאפטן גרינצייג. קוואקען זיי, גע־וואלדעווען וואס אמאל העכער. פארטויבן און פארטומלען די קלארע פרימארגנדיקע שטילקייט.

ברומט א פאַרשלאָפענער דער צאָן־דאָקטאָר צו זיין פרוי:

— מ׳דארף איינמאל פאר אלע מאל א סוף מאכן מיט די קאטשקעס און אינדיקעס! נישטא קיין טאג, נישט קיין נאכט...

מ׳דארף גיין מעלדן... אַראָפּברענגען א סאַניטאַרע קאָמיסיע... זאלן זיי זען דעם שמוץ, דאס שטינקעכץ! וואס פארא שיכון איז דא אויפגעבויט געווארן!

— וועסט גיין... וועסט ברענגען קאמיסיעס! — שפעט נאך א בייז אויפגערעגט קול. שוין א האלב יאר גייסטו. און איצט האבן זיך אלע פארשאפט לולים. ביי יעדן פענצטער וועט שטיין א לול מיט עופות. עס הייבט זיך ערשט אָן די האָדעוואניע! און דו גייסט און גייסט...

גלייכצייטיק צעשפילט זיך פון אלע שטובן די מוזיק פון די ראדיא־אפאראטן.

כמעט דער ערשטער מעבל־שטיק אין יעדער שטוב, איז געווען א ראדיא. איבער לענדער און גרענעצן האט יעדער מיט זיך א ראדיא געפירט.

די וואס האבן נישט געקענט א ראדיא מיטברענגען, האבן פון ערשטן משכורת זיך א ראדיא־אפאראט פארשאפט, אויף תשלומים. שפילט די מוזיק פון סאמע פרימארגן. גיסן זיך צוזאמען די טענער

פון אראבישע אומעטיקע ניגונים מיט א ווילדן, צעיושעטן דזשאז. פון איין שטוב הערט זיך א באסאווע שטים פון א פארטראג אין עברית, פון א צווייטער אין ענגליש. אלע ראדיא־סטאציעס פון דער וועלט שפילן און רעדן צוזאמען. פארהילכן אלע גאסן, אלע בלאקן.

פון סוף שיכון הערט זיך א פעסטע מענער־שטים פון דער שוסטערין:

— לאה איך הענג שוין, ווען וועסטו הענגען?

שרייט צוריק א דין, צעצויגן קעלעכל:

— כ'על היינט נישט וואשן, כ'פאר נאך חיפה אפנעמען א פעקל...

הייבן אלע פרויען לענגאויס דעם בלאק אויף די קעפ פון די פולע וואנעס וועש. קוקן נאך דער פריזערשע אין אמעריקאנער קליידל מיט ווייסן האנטעשל, וואס איילט צום כביש.

די דאָפּלטע פרימוס־לעמפ סיקען און זשומען. די ווייבערישע קולות שרייען איבער זייער רעש. איינגעבויגן ביי א פולער שיסל וועש רעדט א פרוי אין א לאנגן מארגן־קלייד:

— איך זאג אייך דינה, מענטשן האבן מזל צו באקומען פעקלעך. אט די דאקטארין באקומט יעדן טאג א פעקל... וואגאנען מיט זאכן באקומט זי...

ענטפערט די שכנטע ביי דעם פולן קעסל וועש:

— אזא גברת, וואס עס פאסט איר נישט קיינעם צו זאגן שלום, אזא פאריסענע מאדאם, דארף אויך נישט צו פאסן נעמען פעקלעך — מיט אימפעט רייבט זי די ציכן, ווישט דאס פנים פון שווייס און פון דער פארע און ציט ווייטער פארדראסיק:

— א גביר האט מזל! וואלט מיין משפחה זיך דערמאנט צושיקן א פעקל! אלץ, וואָס דער דזשאָינט האָט אין דייטשלאנד געגעבן, איז שוין לאנג צעריסן. נישטא א מלבוש אויף איבערצובייטן. און זיי דארט מאכן זיך פארגעסן. איבער נאכט מיליאנערן געווארן, שעמען זיך מיט דער משפחה...

— זיי וועלן שיקן... אוודאי וועלן זיי שיקן — נעמט זי בארואיקן די פרוי אין מארגן־קלייד, רייבנדיק די איינגעזייפטע וועש. זי הייבט

נישט אויף דעם קאפ פון איר ארבעט, וויל וואס גיכער די וועש ענדיקן איידער די קינדער וועלן זיך אויפוועקן. איר קול קלינגט אבער זיכער.

— זיי ווייסן גוט, אז מיר זענען אפגעברענט געווארן, ארויס ווי נאך א שרפה... דער גאנצער שיכון קריגט, וועט איר אויך באקומען...

— וואלט מיין מאן געווען א געזונטער, געקענט ווי אלע אנדערע אויפהייבן זיך אין דער פרי און גיין צו דער ארבעט, וואלט איך אליין געשיקט א פעקל, א שיינע מתנה פון ישראל. האב איך דען געברענגט ווי אנדערע, קאסטנס מיט זילבער־באשטעק, קרישטאָלן, אדער טעפיכער צו פארקויפן? פון א פעקל קאן מען לעבן... עפעס אויסבייטן...

מיטאמאל האט זי אפגעהאקט, ווי באדויערט אירע רייד. שטיל געבליבן.

— נעמט א הלוואה... נישטא זיך וואס צו שעמען... דער גאנצער שיכון בארגט... — פרוווט צורעדן די פרוי ביי דער שיסל קינדער־וועש. דאס איז טאקע א גליק דא, וואס א מענטש קאן זיך תמיד א ביסל ארויסהעלפן. קויפט איינער א שאנק, אן אייז־קאסטן. אן אנדערער א בוילער, א לאמפ. איר וועט שוין אויסצאלן. אלע צאלן אויס און נעמען ווייטער. ווי אזוי דען קאן מען זיך איינאָרדענען א שטוב? — כדי צו פארעדן די שכנטעס זארג מיטן קראנקן מאן הייבט זי אָן זי צו טרייסטן — א מענטש טאָר נישט צופיל ארייַנ־טראכטן. שוין א צייט רעדן אלע, אז אין דער גאנצער סביבה וועט מען אנהויבן בויען פאבריקלעך, געשעפטן, סקלאדעס. עס וועט שוין זיין ארבעט, אי פאר אונדז אי פאר אונדזערע מענער. זאלן נאר די קינדער צוואקסן, גיין אין א גן, אין א בית־ספר. זי שווענקט גיך די קלארע וועש און איר שטים איז איצט פריידיק, וואס זי איז שוין גרייט צו הענגען, און די קינדערלעך, גאט צו דאנקען, שלאפן נאך, עצהט זי מיט א גוטמוטיקן שמייכל:

— ביז וואס וועט אונטערקומען, דארף מען פארזייען א קאר־טאפל, א בורעק, א פאמידאר מיט א ציבעלע. יעדן טאג נעם איך אראפ פון מיין גארטן א טאש מיט גרינצייג. דערפון קאן מען זיך

שוין א נאכטמאל, א מיטאג צוגרייטן. אויך מיין מאן קאן נישט גיין צו קיין שווערער ארבעט. איז ער אוועק צום בנין, געוואלט א פונט מער פארדינען, איז ער גלייך צוזאמענגעפאלן. היינט איז ער א שומר־לילה ביי א פאבריקל, בייטאג ארבעט ער צו א ביסל אין גארטן. וואס קאן מען מאכן, נישטא היינט קיין געזונטע מענער — פארענ־דיקט זי רואיק, ווי זי וואלט מיט איר גורל שוין פון לאנג שלום געמאכט און הייבט אָן אויסליידיקן די פולע כלים וואסער.

מיט אַ דין, קלינגענדיק געשריי באקלאָגט זיך די קלאָוויר־לערערין, שטייענדיק פאר א ברייטער לוזשע וואסער אין מיטן גאס:

— ווידער האט איר אויסגעגאסן דאס וואסער פאר מיין טיר... נישט איבערצוקומען די בלאָטעס דאָ. פון וואנען זייט איר געקומען? ווו האט איר דאס געלערנט? א וועלט בין איך אויסגעפארן און אין ערגעץ אזא זאך נישט געזען.

זי שטייט מיט א טאש פריש געבעקס און שרייט א צעטומלטע און פארצווייפלטע:

— איך בין נאר ארויס אויף א רגע איינקויפן און קאן נישט אריין אין מיין דירה! באלד דארפן קומען די קינדער שפילן!... און דא אזא זומפ פאר מיין טיר.

— און ווו זאל איך גיסן ס'וואסער? אין ים אריין זאל איך גיסן? — שרייט צוריק איינע און א צווייטע, שכנטעס פון בלאק.

— מיט אייער שפילן גאנצע טעג קאן מען אויך נישט אויסהאלטן און קיינער זאגט אייך נישט קיין ווארט — ווארפט צו אן אנדערע.

— און אז איר זייט א מוזיק־לערערקע, קומט אייך א ספעציעלע אוואזשעניע? — טרעט נישט אָפּ די שוסטערין — וואָס איז דאָ צו מאכן אזא טרעוואגע איבער א ביסל וואסער? באלד וועט עס אויס־טריקענען! אזא גברת וואס שפילט פיאנע, דארף נישט וווינען אין א שיכון נאר אין א ווילע אויפן כרמל!

דאס פעסטע קול פון נאפט־פירער פארהילכט אלע.

מיט א שטארקן טיפן באס, שרייט מנשה, דער היטל־מאכער איבערן גאנצן וועג:

— איך דארף נישט קיין פארהאנגען, איך האנדל נישט מיט גנבות... ערשט האב איך גענומען א הלוואה אויף דער סאפע מיט די פאטעלן און איצט ווידער א הלוואה! מיר ארט נישט וואס מען קוקט אריין צו מיר. זאלן זיי קוקן. די ותיקים האבן א האלב לעבן אפגעלעבט אן א שאנק און אן א לאמפ און דא א יאגעניש מיט פארהאנגען. כאטש אין איין חודש אלץ אנפירן! דער קאפ וועט עס נישט אויסהאלטן! נאר ברענגען און ברענגען! פון וואנען נעמט מען אויף אזא ברענגעניש? ווער דארף דאס פארהאנגען?

— אוודאי דארפסטו נישט קיין פארהאנגען! וואס דארפסטו דען יא? וואס האסטו דען געזען אין דיין לעבן, דו זאלסט וואס באדארפן? — ענטפערט רואיק און קאלט זיין פרוי מיט איינצלנע אפגעהאקטע ווערטער, ווי דינע שפיזן. שטעכיק און שארף.

— כ׳על נישט נעמען מער קיין הלוואות... כ׳על נישט קויפן מער פאר א פיאסטער — שרייט נאך היציקער דער מאן. וואס פארדין איך דען אויף צו באצאלן אזויפיל חובות? — זיין שטארקע שטים נעמט זיך פארהאקן, איינברעכן. גלייך ווערט שטיל אונטער די דינע ווענטלעך.

— גערעכט, גערעכט! — ענטפערט די גאס — וואס וויל זי דאס "דאמעלע" פון זיינע יארן? איבער די זאכן וועט ער באלד גיין אין זאמד אריין! זי וועט גאר שנעל בלייבן מיט די זאכן... מיט אלעמען!

— ער קאן זיין איר זיידע... וואס פארא לעבן האט זי דען ביי אים? וויל זי כאטש א שטוב מיט זאכן...

— יא, היינט איז ער א זיידע... אבער ווען ער האט פאר איר אין וואלד אויסגעטוישט א ברילאנט אויף א לחמ׳ל, אויף א טעפל מילך, איז ער נישט געווען קיין זיידע! האט זי נישט באדארפן נעמען... א מאן גיט גארנישט בחנם...

די גאס האט איר משפט.

די גאס האט איר פסק־דין.

די גאס האט פיינט דאס „דאמעלע". אירע שטענדיק פיין גע־פלעגטע האר. אויסגעפיעשטשעטע הענט. איר ארומגיין גאנצע טעג פוסט און פאסט. אן זארג, אן עול.

— אט אזעלכע האט מען געראטעוועט. „אזעלכע" טראגט מען שטענדיק אויף די הענט, נאר פאר אזעלכע גיבן „זיי" אוועק דאס גאנצע לעבן! אזוי רעדט די גאס. יעדעס מאל, ווען זי גייט פארביי אין אירע טייערע, שטענדיק נייע קליידער.

די זון מיט א גליאיקן פלאקער צעטראגט זיך איבערן שיכון. לייגט זיך אויף די שנורן מיט קלארע וועש, קינדער־העמדער אפגעטרא־גענע, אויסגעוואקסענע, ליילעכער געלאטעטע, צונויפגעקלאפטע פון אלטע ציכן. אויסגעריבענע, דורכזיכטיקע האנטעכער.

טריקנט זיך דאס גאנצע ביסל גלותדיקע אָרעמקייט ארומגענומען מיט דער הייסער ישראל־זון, פלאטערט געצערטלט פון ווינט, זארגלאז, שטיפעריש, האפערדיק. הייבט זיך אן א יאגן און איילן אין דער שטובן־ווירטשאפט. עס איז דאך שוין אדורך א האלבער טאג און נאך מיט דער וועש נישט פארטיק געווארן. די הענט פאלן שוין אפ פון דער ארבעט און ווייטער מוזן זיי רוימען, קאכן, נייען, פרעסן און... גע־וואלד, אלע קינדער זענען אויפן כביש...

אן אומגליק מיטן כביש, מיט די אויטאבוסן און וועגענער. אלע קינדער זענען דאך אונטער די רעדער!

צעלויפן זיך פון די שטובן די מאמעס מיט א וויינענדיקן רופן:

— מלכהלע, חצקל, אי־צע־לע...

נאר די קינדער זענען ערגעץ אוועק. ווער קאן וויסן ווו? אפשר צום זאמדבארג? אפשר אין ק. ק.־וועלדל? אפשר גאר צום נייעם בנין... פון דער פתיליה רינט דאס צעקאכטע מיטאג און דאס פיצל קינד אין בעטל וויינט, אפשר נאס, אפשר הונגעריק? וואס מאכט מען פריער?

— רייזעלע, שלינג אראפ! — בעט זיך מיט א פארצווייפלטער שטים א דארע, הויכע יידענע אויף דער שוועל פון איר שטוב. זי האלט אין דער האנט א פולע שיסל מיט ברייטע לאקשן און ווייסן קעז. שטופט א גרויסן בלעכנעם לעפל אין מויל פון בלייכן, פארדארטן מיידעלע. שרייט וואס אמאל העכער:

— שלינג אראפ, כ'על מיר דאס לעבן נעמען, שלינג אראפ!

רייזעלע וויל נישט אראפשלינגען.

פעסטע קלעפ פאלן אויפן קינדערשן קעפל. צעוויינט זיך דאס קינד מיט דער מאמען צוזאמען.

גייט ארויס פונעם ליפט דער זייגערמאכער. ער האט אן אלטן ליפט אפגעקויפט, אויסגעקלאפט אין די ווענט צוויי פענצטער, אריינגעשטעלט א גרויסן טיש מיט א באנק. דער ליפט איז פאר אים איצט א ווערקשטעל. מיט לאנגזאמע טריט גייט ער צו צו דער יידענע און נעמט זי בעטן.

— שכנטע, לאזט צורו דאס קינד... איך קאן נישט צוזען ווי איר שטאפט עס ווי א גאנדז... איר דארפט צוגיין צו א דאקטער... אפשר קאן זי באמת נישט עסן? אפשר דארף זי וואס אויף אפעטיט?

— כ'בין געווען, טייערער... כ'בין געווען — צעכליפעט זיך די יידענע און ווישט דאס פנים מיט דער ברייטער, לאנגער שערץ — רק איך גיי צו די דאקטוירים. אין דייטשלאנד בין איך אפילו צו א גרויסן פראפעסאר געגאנגען. נישט געזשאלעוועט קיין געלט, ווי לאנג מיין מאן האט נאך געלעבט.

— נו, וואס האט אייך געזאגט דער פראפעסאר? — פרעגט דער זייגערמאכער מיט א פארזארגטקייט פון א משפחה־מענטש, און קוקט ליבלעך אויפן מיידעלע מיטן אומעטיקן בליק פון אן אלטן בחור, וואס האט נישט קיין היים, קיין פרוי, קיין קינד.

— וואס האט ער געזאגט? ברענען זאל ער! שרייט אויס די מאמע מיט צארן און נעמט דערציילן:

— ער האט דאס קינד אויסגעהערט, באקוקט און באטאפט און קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן געפרעגט: „צו וואס דארפט איר, יידן, ברענגען קינדער אויף דער וועלט. איר האט נישט קיין לאנד, קיין רעכט. אייערע קינדער שיקט מען אין אויוון אריין"... טפו זאל ער ווערן! כ'האב געכאפט דאס קינד און אנטלאפן, געגאנגען צו אן אייגענעם דאקטער, א יידישן. זאגט ער מיר, פארט מיטן קינד נאך ארץ־ישראל. דארט וועט זי עסן מאראנצן מיט באנאנען. די זון וועט עס אויסהיילן...

זי כאַפּט דעם אָטעם און רעדט ווייטער:

— וואָס הייסט עסן מאַראַנצן מיט באַנאַנען? ביי אונדז האָבן זיך עלף קינדער געכאַוועט מיט ברויט און קאַרטאָפל. די הענט זענען אָפּגעפּאַלן פון שניידן און שיילן. קיין פּראָפעסאָר האָט מיין מאַמע אויף די אויגן ס׳גאַנצע לעבן נישט געזען. ביי אונדז אין דער היים זענען אַלע קינדער געוואָרן געזונט. וואָס הייסט דאָס עפּעס עסן מאַראַנצן מיט באַנאַנען? אַזוי כאַוועט מען נישט קיין קינדער! וואָס איז שלעכט, ברייטע לאָקשן מיט קעז? וואָס עפּעס זאָל זי נישט עסן וואָס מען גיט איר?

מיטמאָל נעמט די מאַמען אַ כעס און זי צעשרייט זיך אומזיניק:

— כ׳וועל זי דערהרגענען! גאַנצע טעג שטיי איך אָפּ ביי איר מיטן שיסעלע און דאָס מאַכט נישט אויף דאָס מויל, וויל נישט אַראָפּשלינגען!

— רייזעלע, קום צו מיר אין ליפּט — נעמט וואַרעם רעדן דער זייגער־מאַכער. ער נעמט דאָס קינד אויף דער האַנט ווי אַ שיינע פּופּע. טוליעט זי צו זיך — קומט אַריין, רופט ער מיט די מאַמען. זי וועט זיך פאַרקוקן אויף די זייגערס און וועט שוין אַראָפּשלינגען. אפשר. עס איז דאָך אַ רחמנות אויף די דינע הענטלעך, אויף די דאַרע פיסלעך.

דער ציכטיק־געקליידטער מאַן אין בלויען אַרבעטס־בגד זעצט אַוועק רייזעלען אויף אַ הויך בענקל ביים טיש, אַן אָנגעשטעלטן מיט צענדליקער זייגערס, פון אַלע וועלטן אַנגעפּירטע.

פאַרקוקט זיך רייזעלע אויף אַ גרויסן רונדיקן זייגער אויף דער וואַנט מיט אַ קוקאַווקע אין דער מיט און לאַנגע צוויי קייטן, וואָס הענגען אַראָפּ, הערט זיך איין אין טיק־טאַק פון צענדליקער זייגערס, מאַכט אויף דאָס מויל און נעמט שלינגען. אַ לעפל נאָך אַ לעפל, ביז דאָס שיסעלע ווערט ריין ווי אויסגעפּוצט.

— אַט זעט איר! זעט איר — קוועלט די מאַמע פאַר נחת. וואָס קאָן זיין בעסער פון ברייטע לאָקשן מיט קעז?! — איר האַרץ גייט איבער פאַר פרייד, הייבט זי אָן זיך אַראָפּרעדן פאַרן שכן:

— איר דאַרפט וויסן, אַז דאָס איז דאָך אַן אויסגענאַרט קינד...

אלע דאקטוירים האבן געזאגט, אז איך וועל נישט האבן קיין קינד... אז אין לאגער איז מיר דאס בלוט קאליע געווארן פאר שרעק! האב איך ס'קינד אויסגענארט ביי גאט... און האב עס! טא וואסזשע זאל זי עפעס נישט עסן? — פרעגט זי אומבאהאלפן און אין אירע אויגן שיינט דאס גליק פון איר נצחון.

— באלד וועט דא זיין א גן ילדים — נעמט זי פארעדן דער בלייכער זייגער־מאכער און גלעט צארט דאָס קינדערשע פנימל — איך זע, ווי פרויען גייען ארום פארשרייבן... דאס הייסט, דער בנין איז שוין דא, נאר די מענטשן ווילן די קינדער נישט שיקן... זאלט איר טאקע זי שיקן. זי וועט זיך שוין אין אזא גן אויסמענטשלען, אויסלערנען וואס מען דארף.

— אוודאי וועל איך זי שיקן. שוין פינף יאר אלט מיין רייזעלע און קאן נישט קיין ווארט עברית. ווי אזוי וועט זי קאנען גיין אין בית־ספר? וואס עפעס נישט שיקן? — וואונדערט זיך די אלמנה. האט מען נישט קיין געלט, גייט מען רוימען צו יענעם און א קינד מוז מען לערנען. — זי האלט דאס ליידיקע שיסעלע און שטראלט — קום רייזעלע — נעמט זי רעדן צום קינד — דער דוד דארף ארבעטן... קום קעצעלע.

זי ווארפט צו צום שכן:

— כאפט זיך אריין פארנאכט. מירן עסן צוזאמען. ביז איר וועט חתונה האבן, וועל איך אייך קאכן, נישט געפערלעך, מען קאן צושטעלן נאך א טעלער.

א שטילע פריינדשאפט האט זיך פארקניפט צווישן דעם איינזאמען זייגערמאכער און דער אלמנה מיטן קינד.

יעדן פארנאכט נאך זיין ארבעט, ווארפט ער אראָפּ פון זיך זיין ארבעטס־בגד, קומט זיך א שפיל טאָן מיטן קינד. דערנאָך דערציילט ער, מיט זיין שטילער פארבענקטקייט נאך היימישקייט, וועגן זיין לעבן אויפן „פאסיאלעק" אין טיפן רוסלאנד, ווו ער האט אלע זיינע כוחות פארלוירן ביים זעגן דיביימער אין די וועלדער. ווי ער האט געהונ־גערט און געקרענקט. אפטמאל קומט ער צוריק צו די רייד:

— ווייסט איר שכנטע, וואס האט מיך גערעטעוועט:

— שילדקרעט־פלייש... אוי איז דאס א טייער פלייש!... אן אלטער ארעסטאנט האט מיר אויסדערציילט דעם סוד. פון דאן, האב איך אזוי ווי ער, יעדן טאג אין א זאק באהאלטן עטלעכע שילד־קרעט, ביי דער ארבעט אין וואלד. ביינאכט געריייניקט, אפגעקאכט אויף די שפענער. דער לאגער־דאקטאר האט דאס געעצהט דעם ארעסטאנט ווען ער איז שוין געוועןביים סוף. אויך אים האט דאס אפגעראטעוועט. ווי פאר א גאר נאענטן מענטש רעדט זיך דער זייגער־מאכער אראפ פון הארצן:

— איך וועל עס קיינמאל נישט פארשטיין פארוואס די סאוויעטן האבן מיר איינגעזעצט? איך בין דאך געווען א זייעריקער, נאך היינט בין איך א סאציאליסט!...

אזוי פארגייען שעהען. ער דערציילט פון זיין פארשיקונג, זי פון די לאגערס. דער שאטן פון נעכטן פארשטעלט זיי דעם היינט. פירט אלעמאל צוריק צו די פארגאנגענע טעג.

איצט לויפט זי גיך צו זיך אהיים. פארגעסן פונעם קרח. שוין ווייט איז אפגעפארן ברוך מיט זיין אייזל, ווער ווייסט צי עס וועט נאך בלייבן א שטיקל קרח? זי כאפט דאס האנטעך, נעמט ארומגיין איבער די געסלעך פון שיכון. ווי... ווי, מסתמא וועט שוין קיין אייז נישט זיין מער און די מארגארין קאכט... ס'ביסל מילך פארזויערט... אירע האר זענען צעשויבערט, דאס פנים נאס, פארשוויצט. אין די שטוב־לאטשן אויף די באָרוועסע פיס, גייט זי אלץ ווייטער, איבער דעם וועג פון שיכון און שעמט זיך מיט איר „הוילעך" אזוי פאר א מענטשן צו ווייזן.

גלייך אטעמט זי אפ לייכטער.

גאט צו דאנקען, איז נאך געבליבן א ביסל קרח! אין א זייטיק געסל שטייט ברוך מיט זיין וועגעלע און נעבן אים א לאנגע ריי פרויען.

אלע זענען זיי צעטראָגן, אויפגערעגט. צום העכסטן פון אלע שרייט דאס „דאמעלע":

— איר זייט היינט איינגעשלאפן מיטן אייזל... קוים וואס איר

רירט זיך פון ארט מיטן וואגן... דאס אייז איז צערונענע פישיוך! און איר האלט זיך נאך דא אין גרויסן! לאזט שטיין אלע אויף א היץ־פייער!

ענטפערט ברוך רואיק, קאלטבלוטיק:

— געפעלט אייך נישט מיין קרח, קויפט אייך א פריזשידער! וואס דארף איך עפעס לויפן, יאגן זיך אויף אזא היץ? פארמאטערן מיין אייזל, ער זאל מיר חלילה אוועקפאלן? איר מאכט מיך נישט גליקלעך מיט די פאר פיאסטער! גייט זיך טאקע קויפן א פריזשידער!

— אוודאי וועט מען קויפן! — זידלט צוריק דאס „דאמעלע". נאך א ביסל וועט איר זיך איינמארינירן אין אייער קרח און גיין שפאצירן מיטן חמור. האט איר געזען שוין ארומגיין צווי חמורים? — נעמט זי לאכן מיטן גאנצן הארץ פון אייזפירער מיטן אייזל.

איצט קוועלן פון איר אלע ווייבער:

— אזעלכן דארף מען ארייניזאגן, אנלערנען! א געזונט אויף איר! זאל ער זיך נישט מיינען, אז ער מיטן אייזל איז דער מלך פון שיכון...

דאס געלעכטער פון די ווייבער האט אים צעטומלט, צעמישט, שניידט ער מיט זיין אייזערנעם פיילער גרויסע, קרומע שטיקער אייז און די ווייבער פאקן עס ארום אין האנטעכער, עס זאל נישט צעגיין אויף דער זון, לויפן גיך אהיים ווי מיט א געפונענעם אוצר.

גייט זיי פארביי אן אראביש יינגל מיט א שווארצן בייגל אויפן ווייסן קאפ־טוך. יעדן טאג קומט ער אין שיכון פון ווייטן דארף תמרה. אין די הענט האלט ער צווי קויבערס מיט שטרוי באדעקטע.

— אייער, אייער פריש! — זינגט ער אויס איבערן כביש מיט א פארצויגענעם ניגון. גייט נאך די פרויען ביז צו די שטובן. זעצט זיך אוועק אויף דער ערד, דעקט אויף דאס שטרוי פון קויבער און פרעגט שטיל:

— ווילסט א צוקער? צווי לירות... און ווייזט אויף די קליינע דינע טארבעלעך אונטערן שטרוי.

— מ'דארף נישט קויפן... אזא יקרות! — זאגן אייניקע. וויפל קאסט דאס אים? קוים צווי גלעזער צוקער... זיי שאקלען מיט די

קעפ מיט באדויער און גייען אוועק. ווען וועט זיך ענדיקן די „צנע",
דער צוגעטיילטער ביסן ? — טראכט יעדע פון זיי און באשליסן נישט
קויפן אויף „שווארץ".

צעכאפן די אנדערע די אייער מיטן צוקער און שמייכלען מיט
נחת :

— זאג נאר, ווו האסטו זיך דאס אויסגעלערנט יידיש ? גיט נאר
א קוק ווי ער רעדט גאר בעסער פון אונדזערע קינדער און נעמען
זיך האנדלען :

— אזויפיל געלט, אחמד, צו וואס דארפסטו אזויפיל געלט ?

צעפירט אחמד, זיינע צוויי קליינע, אויסגעארבעטע הענט און
ענטפערט מיט פארזארגטקייט :

— מ׳מוז אָנזאַמלען אויף א כלה... איך וויל נישט אזאנע פון
אונדזער דארף... איך וויל זיך קויפן א פיינע מאדאם... דארף מען
א סך געלט, שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ שווארצע, צעשויבערטע האָר,
וואס רוקן זיך ארויס פון דער פאטשיילע. ער בלייבט א רגע שווייגן,
ווי דער עול וואלט אים א שווערע מאסע געווען און גיט צו
פארדאגהט :

— א שיינע כלה וויל א סך מתנות... מ׳דארף קויפן גאלדענע
רינגען... א דירה מיט זאַכן, מ׳דאַרף זיך אָנטאָן... מ׳דאַרף אַ סך,
חזרט ער איבער. נעמט צוזאם די אנגעקלאפטע אייער און בעט זיך,
ווידער אין יידיש :

— אלץ א האלבע לירה, פרישע אייער...

פאקן אים די ווייבער דאס געלט אין די הענט. זאל זיין אנגע־
קלאפטע, וועט זיין וואָס צום מיטאָג. קום מאָרגן אויך, אחמד —
באשטעלט אים יעדע פון זיי. מיט די קייבערלעך אין די הענט שטייען
זיי פאר די טירן און נעמען זיך יישובן :

— הייסט, ביי זיי איז עס פארקערט : ביי זיי גיבן די מענער
דעם נדן...

פאמעלעך און פארזיכטיק גלייכט אחמד אויס די צעקנייטשטע
לירות, לייגט זיי אריין אין טארבעלע, וואס אויפן האלדז און גיט

מיטאמאל נייגעריק און קינדיש א פרעג:

— ווי מיינט איר, וואס איז בעסער: חתונה האבן, צי גיין אין אן אוונט־בית־ספר?

שטיל נעמט ער רעדן צו זיך:

אין די היינטיקע צייטן, דאַרף מען קענען שרייבן און רעכענען... סי נישט ווי אמאל...

✶

— ווידער גייסטו אין דער גינה? לייג זיך צו א ביסל אויסרוען נאך אזא טאג ארבעט... וואס ברענט עס מיט דער גינה? איך האב שוין געשפריצט און ארומגעקאפעט — בעט זיך איין פרוי און א צווייטע ביי איר מאן.

עס העלפט נישט דאס בעטן. גלייך זענען אלע מענער אין לול און אין גארטן.

איינער זוכט א פאמידאָר אויף א צווייגל, אן אַנדערער קאָפעט אונטער די ערד, וויל זען א קארטאפל, אן אוגערקע.

— אוגערקעס וואקסן נישט אין ד׳רערד, לאזט צורו די בייטן. ס׳איז נאָך נישט צייטיק — רעדט פון דער ווייטנס דער שלאָסער־מעכאניקער צו זיין שכן, וואָס האָט זיך אין זיין שטוב א וועשעריי איינגעפירט.

— קוקט, אוגערקעס וואקסן אויף צווייגלעך, ווי פאמידארן און אין דער ערד וואקסן קארטאפל, ציבעלעס. האט איר קיינמאל נישט געזען ווי סע וואקסט? — וואונדערט זיך דער מעכאניקער און קאָפעט ווייטער אין זיין גערטנדל. זיין פנים איז טונקל אפגעברענט, באדעקט מיט א מאטן שווייס. די כאקי־הויזן אויסגעריבן, באדעקט מיט אייל־פלעקן און זשאווער.

— ס׳קאן נישט פאסירן — שפארט זיך דער וועשער מנחם, אוגערקעס וואַקסן אזוי ווי בוראקעס, אין ד׳רערד...

— איר זייט א ייד אן עקשן... לאזט צורו די בייטן, איר וועט צעקלאפן די בלעטער, צעקאפען און צעכוירעקן... א שאד די ארבעט, ואס איר האט דא ארייגעלייגט, קומט אהער, וועט איר זען, וו סע

וואקסן ביי מיר אוגערקעס, דווקא אויף דער ערד! אויף צווייגעלעך!...

גייט צו דער וועשער אין שכנותדיקן גערטנדל און נעמט שאָקלען מיטן קאפ:

— כ'וואָלט קיינמאל נישט געגלויבט. הייסט עס טאקע, אַז אוגער־קעס וואקסן אויף ד'רערד... ווער זאל עס וויסן? מיט א ווארעם געפיל נעמט ער ארום אלע צעבליטע גערטנדלעך ארום די דירות און נעמט זיך פארטיידיקן:

— א מענטש לערנט זיך דאס גאנצע לעבן...

ער גייט צוריק אין זיין גערטנדל און נעמט זארגעוודיק באקוקן יעדע שורה גרינצייג. יעדן חציל און רעטעך.

דער מעכאניקער האט פון דער טאש ארויסגענומען א העברעאישע צייטונג, אוועקגעזעצט זיך אויף דער באנק אין דער גינה און לאנגזאם גענומען לייענען.

שטייט צו אים צו דער מאלער אין אויסגעקאלעכטן אנצוג. זיינע האר זענען אויסגעמישט מיט קאלך און שטויב פון די נייע געביידעס, וו ער ארבעט. ער קוקט א ווײַלע און ציט מיט די אקסלען:

— א מענטש קוקט אריין אין א בלאט און פארשטייט גארנישט. ווען האט איר זיך אויסגעלערנט לייענען עברית? מיר גייט נישט קיין ווארט אין קאפ אריין. גיי איך אין א קינא — קוק איך נאר אויף די בילדלעך. קום איך אויף אן אסיפה — קאן איך דאס מויל נישט אויפמאכן...

— צו וואס גייט איר אויף אסיפות? — פרעגט מיט חוזק דער מעכאניקער, רק מען קריגט זיך. איינער וויל איבערשפארן און אראָפּ־ווארפן דעם צווייטן. יעדער וויל זיין א גדול! גיי איך אין ערגעץ נישט. וויל מען פון מיר ביי דער ארבעט א פאר פיאסטער — גיב איך אויף יעדער פארטיי.

— וואס הייסט „אויף יעדער פארטיי"? — פרעגט איבער דער מאלער און קראצט די איינגעגעסענע פארב פון די נעגל. איך גיב נאר אויף ק.ק.ל. אויף פארטייען גיב איך נישט...

— וואס האב איך זיך צו שטעלן... איינרייסן מיט מענטשן? —

נעמט טענהן דער מעכאַניקער — קומען צו מיר קאָמוניסטן, איך זאל קויפן זייער צייטונג — קויף איך. וואס אַרט עס מיך?

— זענען געקומען די בונדיסטן מיט זייער צייטונג, קויף איך אויך. רופט מען מיך אין מפא״י אויף א מסיבה — קויף איך א קאַרטע. וואלט דער באַלעבאָס געוואָלט כ'זאל אנטאָן א קאַפּל, איז מהיכא תיתי... א מענטש דאַרף מיט אַלע לעבן בשלום. א ניט... קאָן מען נישט לעבן... יעדן אויסהערן און גיין דעם אייגענעם וועג — פאַרענ־דיקט דער מעכאַניקער, נעמט צוזאַם דעם שויבער פון שטערן און קוקט ווייטער אין דער צייטונג. נאָך א רגע שווייגן גיט ער צו:

— כ'האָב געזען דעם יושר פון פאַרטייען אין דייטשלאַנד. זיי האָבן גלייך נאָך דער מלחמה גערעדט פון ארץ־ישראל און געפאָרן קיין אַמעריקע... ס'נישט ווי אַמאָל, פאַר דער מלחמה...

שטייען צו די איבעריקע אַרבעטער פון בנין און פון כבישים, פון פאַבריקלעך און וואַרקשטעלן. מישן זיך אויס אַלע דעות:

— ווער דאַרף דאָ אַזויפיל פאַרטייען? וואָס קאָן דען אַרויסקומען פון אַזאַ גרויסן יריד? אַלע דאַרפן זיך פאַראייניקן... וואָס איז דאָ געוואָרן, א נייער גלות מיט פאַרטייען?

...און וואָס וועלן טאָן די גדולים נאָכן פאַראייניקן? קאַרטאָפל זעצן? — צעלאַכט זיך הויך דער מעכאַניקער.

— ביי אונדז אין שטעטל האָט מען גערעדט:

— א שילעכל איז א מילעכל... יעדער האָט געוואָלט זיין א גבאי. היינט איז א פאַרטיי א מילעכל. מאַלט פאַסטנס, הלוואות... אַמאָל א שליחותל, קויפט מען זיך א דירהלע, א טאַקסעלע. צו וואָס דאַרפן זיי זיך פאַראייניקן? פון א פאַרטיי קאָן מען לעבן...

— מיין באַלעבאָס איז אין איין פאַרטיי, זי איז אין אַן אַנדערער פאַרטיי. רק מען גייט אויף אַסיפות... מיין באָבע האָט געזאָגט, אַז מען גייט, גייט מען עפּעס אויס...

— אויף מיר געזאָגט אַזאַ לעבן. ביידע זענען זיי סאָציאַליסטן, נאָר ווען אַן אַרבעטער קומט צו זיי, שטייט ער ביי דער טיר. פון סאָציאַליזם רעדן זיי נאָר אויף די אַסיפות, אין דער היים פירן זיי

זיך ווי פּריצים! צו וואָס דאַרף איך זיך מיט זיי קריגן? וואָלט איך געקענט רעדן, וואָלט איך אויך געגאַנגען אין פּאַרטייען. פון רעדן קאָן מען לעבן...

נו, נו, נישט אַלע אין די פּאַרטייען לעבן פון רעדן. אַן פּאַרטייען — וואָלט קיין מדינה נישט געווען — נעמט שטיל אין געצוימט רעדן דער בוכהאַלטער. ער ווינט מיט די אַלע אַרבעטער און בעל־מלאכות בשכנות, אָבער ער מישט זיך כמעט נישט אין זייערע רייד.

— אַלע יאָרן בין איך געווען אין דער פּאַרטיי — ציט ער ווייטער. כ'האָב געגעבן געלט, געגעבן צייט. טויזנטער מענטשן האָבן יאָרן געאַרבעט פאַר דער פּאַרטיי. ס'לעבן אַוועקגעגעבן, פאַרנאַכלעסיקט געשעפטן, די משפּחה... אין דער גאַנצער וועלט זענען דאָ פּאַרטייען! — פאַרענדיקט ער און איז גרייט צוריקגיין אין זיין שטוב. די געהערטע רייד האָבן אים אויפגערעגט, אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט.

— וויפל פּאַרטייען זענען אין ענגלאַנד און וויפל אין אַמעריקע? — וואַרפט אַריין דער מאָלער. צוויי אָדער דריי אין אַזעלכע ריזן מדינות! און ביי אונדז, איין פּאַרטיי פון די גרויסע קאָפּעלעך, און אַן אַנדערע פון די קליינע קאָפּעלעך. אַ פּאַרטיי פון גאָלע קעפּ, מיט בערד און אָן בערד! האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן אַ טעאַטער מיט די וואַלן... האָט „חרות" אויפגעקלעפּט זייערס אַ פּלאַקאַט, איז געקומען מפּ"ם און אַרויפגעקלעפּט זייערן. ביינאַכט זענען געקומען די קאָמוניסטן און אַלץ אַראָפּגעריסן — אַרויפגעקלעפּט זייערע פּלאַקאַטן! אין דער פרי זענען אַלע פּלאַקאַטן געווען פון מפּא"י. אַ מענטש איז גאָר צעמישט געוואָרן. יעדן טאָג זענען געקומען אַנדערע מיט רעדעס... ווו האָט איר אַזאַ זאַך אין דער וועלט געזען? פון וואַנען קאָן מען וויסן אויף וועמען צו וויילן? איז שוין בעסער ווי אין רוסלאַנד, דאָס הייסט, נאָר איין פּאַרטיי און אַ סוף אָן עק...

דער בוכהאַלטער בלייבט אויפן אָרט. רואיק און פּאַמעלעך ציט ער ווייטער:

— וואָס ווילט איר, אַז די וואָס האָבן זייער לעבן אַוועקגעגעבן

פאר דער מדינה, זאלן איצט גיין זעצן קארטאפל? דארף א מנהיג עסן טרוקן ברויט און אוועקגעבן זיינע כוחות בחינם? ס׳איז נישט מער ווי קנאה, נאר קנאה — נעמט שרייען דער בוכהאלטער, ווי ער וואלט ארויס פון די כלים — ווער האט געפירט פראפאגאנדע אין שטעט און שטעטלעך, אין דער גאנצער וועלט? ווער האט ארגאני־זירט א באוועגונג? איצט דארף מען זיי נישט מער! נישט די פאר־טייען. איך בין נישט היינט קיין פארטיי־מענטש. נאר דאס זאג איך אייך, אלע פארטייען האבן געשאפן, זאלן זיי זיין. יעדער לייגט צו א ציגל.

— מען מיינט נישט די גרויסע פירערס — מישט זיך נישט דרייסט אריין דער זייגער־מאכער. ער גייט אלעמאל זייטיק און אויך זיינע רייד ווארפט ער אריין פון דער זייט.

— מען מיינט די קליינע שרייפעלעך... דער זייגער וועט שוין גיין אן זיי... צופיל מויל־מאכערס דרייען זיך דא ארום, צופיל ליידיק־גייערס... רעדן זיי פון נגב, זאלן זיי אליין גיין. רעדן זיי פון גיין אין דאָרף, זאָלן זיי גיין די ערשטע. צו וואס דארפן זיי רעדן פאר אנדערע — ער פארהאַקט זיך. קאָן זיינע געדאַנקען נישט צוזאמענעמען, ווען ארום ווערט דער קרייז וואס אמאל גרעסער.

— אמתדיקע רייד — האלטן צו אנדערע. אין א קיבוץ גייט דער גרעסטער מענטש צוזאמען מיט אלע אין פעלד. וואשט אין קיך די טעלער, ווען ס׳איז זיין ריי. און דאָ, נאָר מען רעדט פאר יענעם! אויף יעדן ארבעטער אדער א מנהל, אדער א רעדנער...

אזוי רעדן די טישלער און שלאסערס, מאלער און שניידער. זייערע פנימער זענען אין דער פארנאכטיקער טונקלקייט מיד און אפגעצערט. די אפגעארבעטע הענט הענגען ווי טרוקענע צווייגן. אויף די דארע גופים הענגען אויסגעבליאקעוועטע העמדער, אויסגעריבענע כאקי־הויזן.

ס׳איז צנע.

צו דער ארבעט נעמט יעדער פון זיי, א פלעשל לבניה מיט עטלעכע פאָמידאָרן. א האלב ברויט מיט א טערמאָס טיי.

אויף מיטאג איז אין יעדער שטוב א סאלאט פון חצילים און א שיטערע זופ.

נאר אויף שבת לאזט יעדער שעכטן א הינדל פון זיין לול. טראגט זיך איבערן שיכון דער ריח פון א פעטער פלייש־זופ, מישט זיך אויס מיט די ריחות פון געפילטע פיש און שבתדיקע פוטער־קוכנס.

*

די אוונט־שטילקייט נעמט ארום אלע געסלעך און וועגן. אייג־ציקוויייז גייען זיך אלע פונאנדער אין די שטובן. הערט זיך א רוקן פון טישן און בענקלעך, וואס פארנעמען כמעט די גאנצע שטוב. דער־נאך, ווען דאס „מעבל" ווערט פארוקט אין די ווינקלען, שלעפט יעדער ארויס דאס טאפלטע בעט. פאלט צו די נאכט איבערן שיכון. לעשן זיך די לעמפעלעך, שטילן זיך איין די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן.

אויף די גאסן פון חיפה איז ליכטיק און רעשיק.

*

זיצט פאר דער טיר, אויף דער פוסטער גאס, א יונגע מאמע אייג־געבויגןביים קינדער־וועגעלע. מיט איין האנט וויגט זי דאָס קינד, מיט דער צווייטער טרייבט זי די מאסקיטן פון דער דורכזיכטיקער טיול־פארהאנג.

דאס דינע, געבלימלטע קליידל ציט פעסט ארום איר פולן גוף. די לאנגע געלאקטע האר פאלן נאכלעסיק אויף איר ווייסן האלדז מיט א שנירל פערל ארומגעפאסט.

מיט א ציטערדיקער שטים פרעגט זי איר חברטע פון צווייטן בלאק:

— שרהלע, זאג, ווי אזוי איז עס אמאל געווען, אז אונדזערע באבעס און מאמעס זענען געווען טריי... און מיר... קענען נישט? פארוואס?

אירע שווארצע אויגן זענען צעפלאמט. אויך דאס רונדיקע, פולע פנים פלאמט פון בושה. זי לאזט אראפ דעם קאפ נידעריק, ווי נישט געוואלט זיך טרעפן מיטן בליק פון איר חברטע, אזא יונגע מאמע, ווי זי.

— ער קומט צו מיר... קומט יעדן טאג... אינדערפרי... ווען מיינער גייט צו דער ארבעט...

— וואס טוט מען ? — פרעגט זי א צעטומלטע. איך קאן אים נישט פארטרייבן... כ'וועל אן אים נישט לעבן... און כ'האב מורא... שטארק מורא, עפעס וועט דא אויסברעכן פלוצים א שרעקלעכע זאך... איך פיל דאס, כ'זע שוין דאס בילד פאר די אויגן...

נעמט צארנען די חברטע מיט א שטיל דערשטיקט קול, קיינער אונטער די דינע ווענטלעך זאל קיין ווארט נישט אויפכאפן :

— לייביש וועט אים דערהרגענען... און דיך אויך. ער וועט אייך אמאל פאקן ! לאנג וועסטו נישט דארפן ווארטן ! דא אין שיכון זענען נישטא קיין סודות. אלץ זעט מען, אלץ ווייסט מען, ס'איז דא ווי אמאל אין א קליין שטעטל... ס'איז קאסרילעווקע, מען וועט אים שוין צוטראגן, דערציילן... אלע צייטונגען זענען דאך פול מיט אזעלכע ליבעס... מיינט מען, אז דאס איז סתם אזוי' אויסגעטראכטע מעשיות.

זי פארוקט טיפער דאס טיכל איבערן קאפ און נעמט זידלען די חברטע, וואס פארטרויט איר אלע סודות :

— ס'איז א חרפה און א שאנד. א מאמע פון א קליין קינד...

פלוצים האקט זי איבער אירע רייד, קוקט זיך איין בייז און דורכדרינגלעך אין פנים פון די ביים וועגעלע און גיט א פרעג, קורץ און שארף :

— דאס קינד... וועמענס איז עס ? פון דיינעם אדער פון יענעם ? זאג, זאג דעם אמת.

— כ'ווייס נישט... שרהלע... כ'ווייס נישט... א שגעון איז אויף מיר געקומען... איך האב דאך אויף מיינעם רחמנות — נעמט זי נאך שטילער רעדן, מורא האבנדיק ארויסצורעדן זיין נאמען — ער גייט אויס פארן קינד. הארעוועט איבערשעהן... שלעפט אהיים פון אלע

זייטן... אָבער כ׳האָב אים נישט ליב... שרהלע. כ׳זע נישט קיין אויס־וועג, וואס טוט מען, וואס טוט מען? — פרעגט זי פול מיט פחד.

— האסטו דיינעם באדארפן זאגן, אז „ער" איז פון פריער, פון פאר דער מלחמה. איצט איז שוין צו שפעט — טענהט די צווייטע מאמע ניכטער און באטראכט. ווערסט מיט „אים" נישט אנטלויפן. א קינד איז בילכער. א מאן איז א מאן! שלאָג דיר ארויס דאָס משוגעת פון קאפ, אדער אפשר גאר אוועקציען זיך ערגעץ ווייט? נאך באר־שבע. א לעבן איז דארט, א ביליקייט... און איי קאסט פיר פיאס־טער. מיטאמאל נעמט זי מיט חוזק אפלאכן:

— ווער איז ער דען, וואס דו פירסט מיט אים אזא ליבע? קאנסט אן אים נישט לעבן! וואלט ער דיך געמיינט... וואלט ער נישט אנטלאפן אליין, זיך צו ראטעווען — זי רעדט פאמעלעך יעדעס ווארט אונטערשטרייכנדיק, ווי געוואלט די מיטן אראפגעלאזטן קאפ, זאל עס גוט באנעמען, פארשטיין:

— ווי עס זאל נישט זיין, וואלט ער פריער מיט דיר חתונה געהאט. היינט וויל ער ווערן א חתן, הא, הא, הא! א שותף צו יענעמס ווייב! עסן פון פרעמדע טישן און ס׳געלט אוועקלייגן אויף א בערגעלע! איר געלעכטער הילכט אפ אין דער ליידיקער גאס און ווי א נאגל אין הארץ שטעכט די אין געבלימלטן קליידל.

— אזעלכע האבן קיינמאל נישט חתונה. אין א שיינעם פרימארגן וועט ער אנטלויפן קיין אמעריקע... דו דארפסט אים ארויסטרייבן! — נעמט זי שרייען וואס אַמאָל העכער — איינמאָל פאר אלעמאָל, ארויסטרייבן!

— ס׳איז באשערט... — שטאמלט ארויס די פרויביים קינדער־וועגעלע מיט א געבראָכענער שטים. זי בלייבט זיצן ווי א פארגליווער־טע. כ׳האב געמיינט... ווערסט מיך פארשטיין... נאר דאס אליין, וואס מיר האבן זיך דא גע... געפונען, נאך אזויפיל יארן... קעגנאיבער די פענצטער! עס איז דאך א גורל... וואס ווייסט דען א מענטש? — פרעגט זי א צעטומלטע, ווי אירע געדאנקען וואלטן זיך מער נישט געבונדן, נאר יעדער געגאנגען א באזונדערן וועג. איינמאל מיטן מאן,

און אנדער מאל מיט „אים”, דעם ערשטן. זי בלייבט שווייגן א רגע און גאנץ פלוצים גיט זי א פרעג רואיק אָבער מיט א פעסטער שטים:

— מרים... האסט זיך אמאל געליבט...

א טיפע שטילקייט צעטיילטביידע חברטעס. דערנאך הערט זיך א פליסטערנדיקע באנומענע שטים:

— ניין...

מרים, די מאמע פון דריי קליינע קינדער, גלייכט זיך אבער באלד אויס און גיט צו מיט א מאט רעזיגנירט פנים:

— מען קאן לעבן אן דעם... מיינע קינדער זענען פאר מיר אלץ...

זי האָט געוואָלט נאָך וואָס זאָגן, נאָר די ווערטער זענען איר אין האלדז געבליבן.

ביידע חברטעס זענען אנטשוויגן געווארן. א גאנצע וועלט האט זיך צווישן זיי געשטעלט און צעטיילט.

סקריפעט דאָס וועגעלע. פאָרט פאָרויס און צוריק.

פון דער טונקלקייט האבן זיך פלוצים באוויזן א מאן און א פרוי. די משפחה דובנער.

— שלום, שלום! — האבן זיי ביידע אויסגעצויגן די הענט. מיר זענען געקומען זיך געזעגענען. מיר פארן אין א קיבוץ. וווּ איז לייביש? נאך נישט געקומען פון דער ארבעט?

— אין א קיבוץ? — האבן ביידע פרויען געפרעגט מיט באדויער. וואס עפעס פלוצים אין א קיבוץ? ווען א מענטש האט זיך שוין דערשלאגן צו א דירה, א פאסטן...

— מיר האבן באשלאסן צו גיין אין א קיבוץ — האט די פרוי האפערדיק געענטפערט. מיר האבן דארט א חברה, אלץ אייגענע. דא האבן מיר גארנישט, נאר ארבעטן און ארבעטן. אלץ פרעמדע מענטשן... מיר האבן שוין אלץ פארפאקט, די דירה פארקויפט!

— פארקויפט די דירה? — האט די פרוי אין דינעם געבלימלטן קלייד איבערגעפרעגט און נישט געקענט באנעמען — וואס האט דען א מענטש אין א קיבוץ? כ'האב פיינט א שותפות־לעבן. כ'וויל מיין טאפ מיט מיין טעלער, אבער אייגנס! באזינט זיך — האט זי גענומען

זיי איבערצייגן — די קיבוצניקעס אליין אנטלויפן פון די פינצטערע דערפער. וואס האבן זיי דארט?

— אין די פינצטערע דערפער האבן זיי טעאטערס און קאנצערטן און איך בין שוין פינף יאר נישט געווען אין א טעאטער, אפילו א קינא איז דא נישטא.

ער האט אפגעהאקט זיינע רייד. געוואלט זאגן, אז לייביש, זיין חבר גייט צו דער ארבעט, ווען ס'איז פינצטער און קומט צוריק ווען עס איז פינצטער. ער האט עס אבער נישט געזאגט. ער האט געטראכט, אפשר בעסער פאר אים וואס ער ווייסט גארנישט און צוגעגבן:

— מיר זענען נאר געקומען זיך געזעגענען... יעדער טוט, ווי ער פארשטייט, יעדער האט זיך זיין וועג.

— שלום... גריסט אייער מאן. קומט אמאל יום־טוב אויף א טיול.

— שלום! מיט הצלחה — האט די פרוי מיטן טיכל אויפן קאפ צוגעגעבן. זי איז מיטאמאל אומעטיק געווארן. אויפגעשטעלט זיך פון דער באנק. מיט פאמעלעכע טריט גענומען אהיימגיין. איינמיטן כביש שטיין געבליבן. פארטראַכט זיך וועגן מרימס זינד, וועגן דער משפחה דובנער. געשטאנען אין מיטן וועג, ווי קיין אייגענעם נישט געהאט, מיט א פארהאקטן אטעם, מיט א ציטערדיק הארץ, איינגעהערט זיך אין די מידע, טשלאפעדיקע טריט פון לייבישן, דעם מאן פון איר חברטע, וואס האט באדארפן זיין איר מאן.

✶

שפעט האט זיך פארענדיקט די זיצונג פון ועד פון שיכון.

גיך זענען אלע זיך פונאנדערגעגאנגען.

געבליבן זענען, דער מזכיר שלמה וויינבערג און דער אלטער פארטיי־טוער פון פוילן, נחום זאלצמאן.

זיי ביידע זענען תמיד די לעצטע. זיי האבן פארמאכט די פענצטער. פארשלאסן די שענקלעך מיט די פראטאקאל־ביכער. פארהאנגען דאס שלעסל אויפן לייכטן טירל פון צריף, פון דינע ברעטלעך צוזאמענ־געקלאפט.

אויפן וועג אהיים האבן זיי שטענדיק וואס איבערצורעדן, אויפ־סניי באטראכטן. פאמעלעך שפאנען זיי פארויס.ביידע זענען זיי ארויס פון דער זיצונג נישט צופרידן, צעהיצט.

— הײַנט ווידער אפגעזעסן אן אוונט אויף גארנישט. ווי אלע מאל האָבן גערעדט אַלע און קיין זאך איז נישט באשלאָסן געוואָרן. יעדער זוכט נאר א בענקל, כבוד... און אין שיכון איז א פוסט, מאנאטאן לעבן. מען טראכט נישט אפילו צו מאכן א פארלעזונג, אן אימפרעזע... און אז מ'עט שוין מאכן, וועט קיינער נישט קומען — רעדט נחום פארדראסיק — אמאל ביי אונדז אין שטעטל, איז מען א קילאמעטער אויף א רעפעראט געגאנגען... מען וויל נישט דערהייבן דעם שיכון, מ'פירט נישט קיין פראפאגאנדע! צו גארנישט זענען זיי, די פון ועד און די פון שיכון — פארענדיקט אן אנטוישטער נחום, דער אלטער פארטיי־טוער, א מיטלוווקסיקער מאן אין די פופציקער יארן. אויך די פארטיי, איז נישט ווי סע דארף צו זיין, נישט אריינ־געצויגן די נייע מענטשן, פירט נישט קיין פראפאגאנדע... קיינער טראכט נישט פארנעמען זיך מיט עולים.

— מען דארף נישט קיין פראפאגאנדע — שלאגט אים איבער די רייד דער מזכיר, מיט זיין פארצויגענער, זינגענדיקער שטים, ווי ער וואלט זיך געפילפולט וועגן א פסוק. זיי אלע ווייסן עס גוט, אז אין ערגעץ אין דער וועלט איז נישטא קיין אָרט פאר זיי. פראפאגאנדע איז א נייער כביש, די נייע פאבריקלעך, וואס האבן זיך דא ערשט וואס אויפגעבויט, דער נייער גארטן ביים בית־ספר... יעדעסביימל אין זאמד איז פראָפּאַגאַנדע. מען דארף נישט מער די אַלע רעדעס... זעען זיי דען נישט, אז מיט יעדן טאג בויט זיך וואס נייעס, איז אן ארט פון פרנסה צוגעקומען?! די בעסטע פראפאגאנדע איז ארבעט פאר די עולים. זאגסט, אז דער שיכון איז אויף גארנישט, און וואס פארא יום עצמאות איז דא געווען! אין אלע שטובן א ליכטיקייט, א נייער יום טוב צוגעקומען ביי יידן. מען האט געטאנצט מיט די קינדער אינמיטן וועג... געטרונקען לחיים פאר דער מדינה. שבועות, די חגיגה אין בית־ספר, די קינדער אין די ווייסע בגדים מיט בלומען־קרענץ אויף

די קעפּלעך האָבן זיך אַרומגעפּירט מיט קויבערס גרינס, פון אַלעמען וואָס וואַקסט... דאָס איז פּראָפּאַגאַנדע. עס וועט שוין דאָ ווערן... עס וועט שוין גיין — פאַרהאַקט זיך אין רעדן דער מזכּיר פון ועד, ווי די מידקייט פון גאַנצן טאָג, וואָלט אים דאָס לשון פאַרהאַקט. אַ הייסער טאָג געווען. שטאַרק הייס און אין דער פאַבריק גליִען די ווענט. דאָך גיט ער צו מיט התלהבות:

— מען וואָלט זיי אַלע דאַרפן אַוועקפירן אין נגב אויף אַ טיול און שפּעטער אין עמק, אין גליל, זאָלן זיי זען אַן אונטערשיד... גאָר־נישט האָבן זיי נאָך פון לאַנד געזען, אַפילו נישט געווען אין ירושלים... יעדער פון זיי איז נאָך מיט די געדאַנקען דאָרט, אין דער „היים"... ווינטער דאַרף מען מאַכן אַן אולפּן. אַלע מוזן לערנען עברית! וואָס זאָגסטו, זיי וועלן נישט לערנען? — פרעגט איבער דער מאַן אין די קורצע כאַקי־הויזן און כאַקי־בלוזע, זעענדיק נחומס צווייפלענדיקע מינע. אומעטום לערנט מען עברית, אַלט און יונג. וועלן זיי דאָ אויך לערנען. מע דאַרף דאָ איינפירן חוגים פאַר תנ"ך, פּסיכאָלאָגיע, ליטעראַטור... אַ ביבליאָטעק מוז זיין אין שיכון... כ'מיין דאָס איבער־געבן דער פרוי קראַפט. זי פאַרשטייט דאָס, זי וויל דאָ וואָס טאָן... זאָל זי דערווייל זאַמלען ביכער. כ'האָב אַ סך פּלענער — צערעדט זיך שלמה וויינבערג, ס'דאַרפן נאָר צושטיין אַ פּאָר לייטישע מענטשן... מען דאַרף דערהייבן דעם שיכון.

נחום גייט נעבן אים שווייגנדיק. הערט זיך צו צו די פּלענער ווי צו אַ פּוסטן חלום.

— נישטאָ מיט וועמען — וואַרפט ער אַריין מער צו זיך, ווי צו זיין חבר — דער רוב שפּילט קאָרטן אין דער נאַכט אַריין. דאָס יונג־וואַרג טליקעט זיך אַרום אויף די כּבישים. ס'איז נישט ווי אַמאָל, ווען דער אַרבעטער האָט געלייענט האַלבע נעכט, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. די יוגנט האָט געשלונגען ביכער, געריסן זיך צום לערנען. אַנדערע מענטשן הייַנט, אַן אַנדערע וועלט. נישטאָ קיין אידעאַליזם... גאָרנישט; מען יאָגט זיך נאָר צו געלט, געלט, קויפן זאַכן, מעבל, שמאַכטעס! אַ פּוסט לעבן. וואָס קאָן מען מאַכן? — פרעגט נחום

מיט ביטול — איינער איז פון סטאַמבול, דער אַנדערער פון אַדען. גיי רעד צו זיי וועגן פּסיכאָלאָגיע, ווען אַלץ זיצט אויף דער ערד, אויף די קישעלעך און עסט פון איין שיסל. זיי דאַרפן גאָרנישט... נישט באַדאַרפן אַלץ אויסמישן — ציט ווייטער נחום, ווי דאָס וואָלט אים אַממייסטן אַנטוישט. צו פרי נאָך, נישט אין אונדזער דור...

— אַלץ וועט דאָ זיין, זאָל נאָר קומען דער ווינטער. די מענטשן זענען מיד פון די היצן — רעדט דאָס זייניקע דער מזכיר. מ'עט דאָ אַראָפּברענגען די גרעסטע קעפּ! ס'וועלן קומען מיניסטאָרן, שרייבער, אַרטיסטן! אַלע וועלן דאָ קומען. אין די שיכונים איז היינט די מאַסע! זאָלן נאָר צושטיין אַ פּאָר לייטישע מענטשן. אַלעמאָל האָבן ביי אונדז אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט נאָר עטלעכע, בעסערע... שטייט נישט אָפּ שלמה, וואָס איז מיט די ערשטע אין שיכון געקומען.

די לייטישע מענטשן ווילן אַוועק אויפן כרמל, נאָך תל־אביב... יעדער פון זיי איז אַ יחסן... איינער געווען אַ דירעקטאָר פון ק. ק. ל. אָן אַנדערער געווען אין צ. ק. אָדער געפאָרן אויף קאָנגרעסן. ווילן זיי הויכע פּאָסטנס... זיי שטייט נישט אָן דאָ בלייבן אין שיכון... די אינטעליגענץ וויל אַ קאַריערע, אַ לייכט לעבן. דו גייסט אַרום אַ פּאַרחלומטער, זעסט נישט וואָס סע טוט זיך דאָ... אַ נייע קאָס־רילעווקע וואַקסט!

— וואָס איז מיט דיר נחום? — פּאַלט אים אַריין אין די רייד דער „היץ־קאָפּ", ווי אַלע רופן אים — אינגאַנצן אַ פּעסימיסט געוואָרן! די מענטשן דאָ זענען פאַרשידענע, גוטע און שלעכטע. אַזוי איז עס אומעטום. יעדער האָט זיך זיינע דאגות. אַלע זענען דאָ געקומען מיט איין העמד אויפן לייב... און היינט האָט יעדער אַ שטוב מיט זאַכן, לערנט די קינדער! דאָ דאַרף מען אַרבעטן און דו שטייסט שוין אָפּ: אַלץ איז גאָרנישט! און וואָס פאַראַ מענטשן זענען אַנדערשוווּ? ווייניק געווען ביי אונדז פאַריסענע יחסנים, כבוד־זוכערס, בטלנים? דאָ אַרבעט דאָך יעדער ערלעך מיט זיין מי. ס'איז גוטער שיכון, זאָג איך דיר. מען דאַרף אים נאָר אויסבויען! אַ פּלאַץ פאַר די קינדער צום שפּילן זיך, אַ מועדון פאַרן נוער, מען מוז בויען אַ וועג

איבער די בלאָטעס צום קינא. אלע ווילן אמאל גיין אין א קולנוע... מען דארף... מען דארף, א סך דארף מען דא! און ווי אזוי זענען אויפגעשטאנען די אנדערע שיכונים, ישובים, דערפער? אויך אזוי, פאוואליע, פאוואליע...

זיי גייען לאנגזאם איבערן ליידיקן כביש. קוקן אריין אין די האלב־פינצטערע שטובן. ווו שטייט נאך א פרוי ביים פרעסן די וועש. דער דאקטאר לויפט מיטן רענצל. מסתמא ווער פלוצים קראנק געווארן — גיבן זיי ביידע א טראכט. ער גיט שנעל א שאקל מיטן קאפ, ווי צום באגריסן און לויפט ווייטער.

דער פאַרט־ארבעטער האט זיך אומגעקערט אהיים מיט זיין לאסט־מאשין. אייליק שלעפט ער אריין אין זיין שטוב פעק, וואליזן, קעסטלעך. טראגט זיך איבערן געסל א זיסער ריח פון עפל, אויסגעמישט מיט ריחות פון גערייכערט פלייש און פרישע ווורשטן.

— טריפהנע מציאות... — ברומט בייז נחום. היינט איז זייער צייט, זיי מאַכן א לעבן. איינער ווערט רייך פון שוואַרצן מארק, אַן אנדערער הארעוועט און קומט צו גארנישט! שלמה, כ'האב עס אנדערש געמיינט — פארענדיקט ער, זאגט א שטילן שלום און פארמאכט נאך שטילער די טיר, נישט צו וועקן די פרוי מיט די קינדער.

אליין איז שלמה ווייגבערג אהיימגעגאנגען. יעדע נאכט האט ער ליב ארומצוגיין איבערן שיכון, ווען אלץ שלאפט שוין.

א געפיל פון מנוחה און רואיקייט נעמט אים ארום, ווען ער גייט פארביי די צעבליטע גערטנדלעך מיט ביימער און בלומען. קוקט אויף די נייע טאראסן, וואס יעדער האט זיך אליין אויפגעשטעלט. מען בויט זיך צו — טראכט ער, יעדער מאכט זיך אלץ באקוועמער, שענער. א סך קינדער צוגעקומען. די דירות זענען געווארן צו קליין... טראכט ער זיינע טראכטעניש. ענג איז דא געווארן. די קינדער, די קינדער, טראכט ער ווייטער, זיי וועלן שוין אויסקומען צווישן זיך, אויסמישן זיך. שיין וואקסן זיי דא און אנדערש. דאס איז עס, אז אינגאנצן אנדערש. ס'איז א מלכות פאר קינדער!

ביי דער טיר האט זיך דערהערט א שטיל געוויין. א דערשטיקט

כליפּען. — ביסט שוין געקומען... געפונען צייט פאַר דער שטוב, פאַרן ווייב? — האט ביטער געגומען רעדן די צעוויינטע פרוי. נאר קהל, אלץ פאר קהל. א שטוב איז גארנישט, א קינד איז גארנישט, א ווייב איז גארנישט...

א שולדיקער האט זיך שלמה געזעצט אויפן בעט. געשוויגן. פאר־לאשן דאס לעמפּל. אין דער פינצטער ווייטער געצויגן זיינע געדאנקען:

... א שאד וואס נחום איז אפגעשטאנען... גוט געווען צו פּראַ־פּאגאנדע אין פוילן. גערופן פארזאמלונגען, געשלעפּט מענטשן צו עליה, געזאמלט געלט אויף הגנה... און אַפּגעשטאנען... מילא איז ער זיך מייאש פון זיין אלטן חבר. עס וועלן צושטיין אנדערע, ארייננעצויגן זיך א סך נייע, לייטישע מענטשן... מען דארף זיך אמאל אריינכאפּן צום פארטיזאנער — באשליסט ער, אַראָפּציענדיק די שיך פון די פיס. ערשט איצט נעמט ער אויספרעגן:

— וואס האט געזאגט מלכהלע אויף דעם נייעם מורה? זי וועט ווייטער זיין די בעסטע, ועסט זען...

די פרוי רופט זיך נישט אָן. ליגט אויסגעדרייט א ברוגזע מיט פארמאכטע אויגן.

אויפן פינצטערן שטח פון שיכון ברענט נאך איין לעמפּל, ווי דער איינציקער צייכן פון לעבן.

דאָס זיצט סענדער־פּארטיזאן און שרייבט זיין בוך: „זכרונות פון וואלד". אזוי ווי ער קומט פון זיין אַרבעט פון דער טעקסטיל־פאבריק אין כפר־אתא, עסט ער אָפּ מיט דער משפחה ס׳מיטאָג, נעמט מיט די קינדער אויפן שוק איינקויפן. ערשט ווען ער קומט צוריק מיט די טאשן שפּייז און ירקות, לייגט ער זיך צו שלאפן, אויסרוען.

איצט אין דער שטילקייט פון דער נאכט, לייענט ער פאר זיך אויפן קול: „מיר האבן אין וואלד נישט געשראקן זיך פאר די פינצטערע נעכט, נישט פארן הונגער, נישט פאר די חיות. מיר האבן געציטערט פאר די טריט פון א מענטש. מורא געהאט פאר די דייטשן,

וואס זענען געווען אכזריותדיקער פון חיות, מורא געהאט פאר די פויערים פון דארף, וואס האבן געמסרט פארן שונא..."

ער רייסט איבער דאס לייענען און פרעגט איבער אין זיך:

— „פאר וואס זאגן אלע אין די פארלאגן, אין די רעדאקציעס: מען דארף נאך באארבעטן, ס'איז נישט ליטעראריש?...

עטלעכע מאל האט ער זיין כתב־יד איבערגעשריבן. צעריסן די זייטלעך. אנגעלייענט זיך מיט פנקסים פון חרובע קהילות, אויסגע־ליידיקטע שטעטעלעך, ביכער פון פארטיזאנער און געשריבן אויפסניי.

— וואס הייסט ליטעראריש? — טראכט ער. באארבעטן? ארומ־פוצן? אויספיינערן? וואס וועלן דערפון וויסן די צוקונפטיקע דורות? וואס פארא בילד זיך קענען אויסמאָלן?

...די חיות זענען געווען בעסער פון מענטשן — חזרט ער איבער און גיט צו: אפשר איז עס נישט ליטעראריש. כ'בין נישט קיין שריי־בער. נאר דאס איז דאס לעבן, דער נאקעטער אמת. ליטעראטור דארף זיין נאר אמת...

די בלעטלעך ליגן אויפן טיש צעווארפן. קאפיטלען פון איינזאמען קאמף אָן געווער. פון פחד פארן טויט, וואס האט געלויערט פון די ביימער־שאטנס, קאפיטלען פון גבורה און גרויסקייט, פון חברים וואס האבן זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן.

„נישט ליטעראריש"... קומען צוריק די עטלעכע טרוקן ארויס־געזאגטע ווערטער, וואס האבן אויף יארן זיין מוט אפגענומען. דאס פייער אויסגעלאשן. איצט ווידער ברענט אין אים די זעלבע שנאה און אימפעטיק נעמט ער שרייבן:

— „קיינער האט אונדז נישט געלערנט קעמפן, טראגן א ביקס. טרעפן צום ציל. הרגענען. נעמען נקמה. דער וואלד האט אונדז געמאכט פאר זעלנער. מיר אין וואלד האבן נקמה גענומען פאר אונדזער שטעטל, וואס איז אוועק אין פייער. מיט א סך דייטשן האט דער וואלד אָפגעברענט..."

ער לייגט אוועק די פען. קוקט אויף זיין פערלדיקן כתב מיט

צווייפל. די ליטעראַטור ווערט פאַר אים אַ פינצטערער וואַלד, דורך וועלכן ער קאָן זיך נישט אַדורכשלאָגן, אַרויס אויף אַ גלייכן וועג.

זיין בליק פאַרהאַלט זיך אויף די שלאָפנדיקע קינדער, זייערע פּולע, ברוינע פּנימלעך, בלייבט הענגען אויף דעם ליידיקן אָרט נעבן זעלדען.

זייערע רעגולערע אָטעמס טראָגן זיך איבער דער שטוב, נעמען אים אַרום מיט אַ זיסער וואַרעמקייט. אַלע נישט דערשלאָפענע יאָרן נעמען אים ציען אין בעט. די מידע אויגן פאַלן צו. ער בלייבט אָבער זיצן ביים טיש, ווי אַ קינד, וואָס וויל דערגיין פון זיין שפּילצייג דעם סוד. דרייט ער אין אַלע זייטן דעם קליינעם ראַדיאָ־דעטעקטאָר, וואָס שטייט האַרט ביים ראַדיאָ, נעבן טיש.

— ווי אַזוי האָסטו דאָס געמאַכט? עמוס? — האָט ער גע־שטוינט, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל צוגעלייגט די אויערן־טרייבלעך און געהערט, ווי עס שפּילט.

— ע, סתּם אַזוי — האָט עמוס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ס'איז גאָרנישט... כ'מיין נישט צו מאַכן ראַדיאָ־קעסטלעך! כ'וועל זיך דערמיט נישט פאַרנעמען! סענדער דער פּאַרטיזאַנער האָט דאַן דאָס ערשטע מאָל פאַרפירט אַזאַ שמועס מיט זיין צוועלפיעריקן זון:

— וואָס מיינסטו דען, מיין זון, צו ווערן? האָסטו ווען געטראַכט וואָס דו זאָלסט מאַכן? ער האָט געקוקט אויף זיין העל צעשויבערט קעפּל מיט אַ צעשטראַלטן בליק פון נחת און געוואַרט אויף אַן ענטפער, ווי פון אַ דערוואַקסענעם.

— איך טראַכט אַ סך... אַ סך... כ'וויל זיך פאַרנעמען מיט גרויסע זאַכן. כ'וועל לערנען די אַטאָם־לערע...

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אַזוי פּשוט און איינפאַך, ווי ער וואָלט עס פון לאַנג שוין באַשלאָסן.

— עמוס... — נעמט אין אים זינגען אַ קול. גייט אין אים אויף אַ זיכערקייט אין אַ ניי לעבן. אין זיין נשמה וועט שוין נישט זיין קיין שאָטן פון וואַלד. אין די נעכט וועלן אים נישט נאָכגיין גע־שפּענסטער, ביימער, ווי אויסגעשטרעקטע ביקסן.

— פארוואס האט זעלדע נישט געוואלט דעם נאמען? — טראכט ער מיט פארוואונדערונג. זי האט זיך פארעקשנט: נאר ישראל! דעם נאמען פון דער מדינה... און ער טראגט דאך טאקע א גרויסן נאמען!

— וואלט מיין טאטע דערלעבט אזא אייניקל אין ישראל — נעמען טרערן טריפן פון זיינע אויגן און פאַלן אויף די צעוואָרפענע קאפיטלעך.

ער נעמט די פען אין דער האנט און הייבט אויפסניי שרייבן זיין בוך: „זכרונות פון וואלד". זיין שטענדיקער אומרו פארגייט און שטילט זיך אין אויסדערציילן דעם פיין פון נעכטן. מיט א נייעם בטחון וואכט ער איבערן שלאפנדיקן שיכון. דער שוואכער שיין פון זיין לעמפל הערלט אין דער נאכט, ווי א ציטערדיקער שטערן.

פעסט און זיכער, הילכן אפ די טריט פון אלטן זעליג פון פּאַלעסיע, דעם נאכט־וועכטער, ביי די נייע פאבריק־בנינים, לענגאויס דעם וועג.

— גאָט זיי דאנק — בענטשט ער די נייע פאבריקלעך. הונדערטער ארבעטער וועלן איצט ארבעט באקומען... אלץ ארום בויט זיך... גאט זיי דאנק...

א מאמע פון קצינים

דער צערונענער קרעם אויף איר פּנים, די קאָראַל־פאַרבן אויף אירע פאַרטריקנטע באַקן און ליפּן, האָבן איר צעקנייטשטן פּנים געגעבן א מאָדנע, משונהדיקן אויסדרוק. און דאָס ערגסטע, די אפּגעבליאַקעוועטע רויטע, שלעכט געפאַרבטע האָר.

די מיטפאָרער אין אויטאָבוס האָבן מיט אן אומווילן און חוזק־שמייכעלע געקוקט אויף דער דאַזיקער פרוי און דאָך מיט נייגער אויפגעכאַפּט אירע רייד. קיין וואָרט נישט געוואָלט פאַרלירן, ווי א קינד פון א וואונדער־מעשהלע.

איר קול איז וואָס אמאָל העכער, ווי זי וואָלט גאָר פאַרגעסן, אַז נעבן איר זיצן פרעמדע צופעליקע מענטשן.

— איר פרעגט אויף מיינע זין? — רעדט זי האַלב־יידיש, האַלב־עברית, — איר וואָלט זיי זיכער נישט דערקענט. שוין א צייט אַוועק, זייט איר האָט פאַרלאָזט דעם משק. איר וועט נישט גלויבן, ווי זיי זענען אויסגעוואַקסן! — קוועלט איר שטים מיט מאַמעדיקער פרייד. איך זאָג אייך, אמתע גיבורים! איר ווייסט דאָך, מיין איסר און שמעון זענען קצינים.

— קצינים? — רייסט איבער דער אַמאַליקער שכן פון משק מיט באַוווּנדערונג און גלייך גיט ער צו:

— ווי קאָן דען זיין אַנדערש? איר אַליין זייט דאָך א גיבורה... אן אַלמנה... א פרוי אַליין און אַזעלכע זין אויסגעהאָדעוועט, אַזאַ בילדונג געגעבן! אין פעלד געאַרבעט, אין לול, אין שטאַל...

זיין פּנים, פון דער זון צעאַקערט, שמייכלט גוטמוטיק. ער איז ביז גאָר צופרידן פון דער צופעליקער באַגעגעניש מיט דער פרוי פון זיין פאַרשטאָרבענעם ידיד. פאַרטראַכט אין דערמאָנונגען, ווי ער וואָלט איצט אין זכרון אויפגעפרישט די פאַרגאַנגענע יאָרן, וואַרפט ער צו וואָס אמאָל נייע ווערטער פון ליב און אָנערקענונג.

— הם... הם... פיינע געלערנטע קינדער...

— געלערנטע איז היינט דא א סך. דאס איז נאך נישט אלץ — רייסט איבער די פרוי — וואס זאל איך אייך זאגן — ווארפט זי ארויס און בלייבט שווייגן, ווי זי וואלט געזוכט שטארקערע ווערטער:

— זיי זענען אנדערע. אנדערע פון אלע! און דאס איז עס... מען קאן עס נישט אויסדערציילן סתם אזוי...

זי נעמט פארריכטן אירע פון ווינט צעשויבערטע האָר. אירע קליינע, ווי אויסגערונענע אויגן הייבן אן צו טרערן. דאס פנים איז אויפגעהייטערט, לאכעדיק, נאר די אויגן אליין פון זיך וויינען.

— אדון קריבי, ווען איר וואלט געוווסט, ווי זיי האבן דאס לעבן איינגעשטעלט אויפן נגב און אין צפת, אין חיפה און ווו נישט?!... נישטא קיין ווערטער צו דערציילן, וויפל נעכט איך בין ארומגעגאנגען איבער די פוסטע שטובן מיט נאסע האנטעכער אויפן קאפ. נישט געקאנט זיך דערווארטן די ליכטיקייט פון טאג. אויסגעווארט די מינוט, זיי זאלן זיך ארייכאפן כאטש אויף א שעה אהיים.

דער אמאליקער שכן פון משק שאקלט צו מיטן קאפ, ווי געוואלט געבן צו פארשטיין, אז ער קאן אויך דעם טעם... דאס אימהדיקע אויסוואַרטן — און שווייגט.

די מיטפארער, עולים, וואס זענען געקומען פון די גרויסע אייראָ־פעאישע שטעט, און ווייסן כמעט גארנישט פון א משק, פון די קאמפן פון דער באפרייאונג־מלחמה, בייגן זיך צו נענטער, כאַפּן אויף יעדעס ווארט, וואס איז פאר זיי „געשיכטע".

— איך זאָג אייך, ביכער קאָן מען שרייבן פון מיינע זין — ציט ווייטער די מוטער — קומט אמאל אריין, אין זומער, מיין שמעון אהיים. דאס הייסט... די טיר גיט זיך א פראל אויף און עס פאלט אריין מיין זונדל... אויסגעשמירט אין זאמד פון קאפ ביז די פיס. אפילו די האר מיט די אויערן פול מיט זאמד — לאכט זי מיט איר צעקנייטשט פנים, ווי דאס וואלט געווען איינע פון זיינע קינדער־שטיפערייען — פרעג איך ביי אים: שימעלע, פון וואנען קומסטו?

זעץ זיך עפעס אפעסן... איך וועל דיך א ביסל ארומוואשן. גיט ער גאר א קוק אויף דעם נייעם טעפיך און פרעגט אנגעברוגזט:

— אמא, פון וואנען איז דער טעפיך?

— איך האב אים געקויפט, מיין קינד, זאג איך אים. ס'איז פשוט א מציאה. פון שטענדיק האב איך געחלומט פון אזא טעפיך. א סוחר האט אים מיר אין דער שטוב אריינגעבראכט — ענטפער איך אים.

— דו זאלסט שוין צוריקטראגן דעם טעפיך! — נעמט ער מיר באפעלן, ווי ער וואלט דאס געווען א גענעראל און איך א זעלנער. זי צעלאכט זיך ווידער מיט הארץ, אזש די דינע אדערלעך פון איר האלדז ווערן אנגעקוואלן, — וואס זאגט איר אויף דעם? ער שטייט נעבן מיר און באפעלט:

— שוין זאלסטו אים צוריקגעבן, עס איז א געראבעוועטער טעפיך! מיר דארפן נישט די זאכן פון די אנטלאפענע אראבער. אמאי־לע, האט ער מיך גענומען בעטן, זאל נאר זיין שלום, וועסטו זען, וואס פארא זאכן איך וועל דיר קויפן... א שענערן טעפיך... נישט ער פרעגט וואס איך מאך, נישט ער וויל וואס פארבייסן, דאס וויכ־טיקסטע אין דער מינוט איז געווען ביי אים, איך זאל שוין צוזאמענ־וויקלען דעם טעפיך... וואס זאל איך אייך א סך דערציילן? איך האב דעם טעפיך צוריקגעטראָגן. קוים צוריקבאקומען א פּאָר פונט. אזעלכער איז ער, מיין שמעון... אין איין לערנען האלט ער מיך: זאָלסט געדענקען, אז דו ביסט א מאמע פון א קצין...

די מיטפארער זיצן שטיל אויף די בענק. דער בטול־שמייכל איז אוועק פון זייערע פנימער. איר יידיש איז אזוי אומקלאר, ווי איר עברית און דאָך פארשטייען זיי אלע אירע רייד און שמייכלען צו איר פריינטלעך, ווי צו א נאענטן, אייגענעם מענטש.

די איינציקע פרוי וואס איז געזעסן פארטיפט אין איר העברעאישן לערן־ביכל, אן עולה חדשה, האט עס צוזאמען מיטן העפטל אוועק־געלייגט און גענומען מיט נייגער אויפכאפן יעדעסווארט באזונדער. אומגלויבלעך איז פאר איר אלץ, וואס זי זעט און הערט אומעטום אויף יעדן טריט.

— קומט אן אנדער מאל מיין קליינער איסער — דערציילט ווייטער די מאמע פאר איר אמאליקן שכן — איך זאג, דער קליינער... אין שטוב איז ער שטענדיק געווען דער קליינער. ווי א בוים איז ער אויסגעוואקסן, הויך און שטראַם און שטענדיק א לאכעדיקער, א צעזונגענער, א נחת צו קוקן. כאפט זיך אמאל אריין צו אונדז. איר ווייט אים נישט דערקענען.

— וו האלט איך גאר — פארלירט זי זיך אויף א ווײַלע און גלייך נעמט זי ווייטער דערציילן — מיט א טרעמפ איז ער צוגעפאָרן צום משק, כ'ווייס אליין נישט פון וואנען. אריינגעכאפט זיך אויף א רגע. וואס מיינט איר איז געווען זיין ערשט ווארט: — „אמא, פון וואנען האָסטו די ניילאָן־זאָקן? איך וויל דו זאָלסט זיי שוין אויסטאָן! איך צעשנייד זיי אויף שטיקלעך, פיצלעך...״ האט עס מיך פארדראסן און איך נעם אויף אים שרייען: מער האסטו ביי מיר נישט צו פרעגן? און וואס מאכט א מאמע אליין אין א מלחמה אין די ליידיקע שטובן? ווי אזוי גיב איך מיר אן עצה אין לול און אין רפת. ווער באַאַרבעט דעם משק? האָט מיך אזש פארקלעמט ביים הארצן. דאָס זאל גאר זיין דער שיינער גוט־מארגן?... אבער ער הערט נישט אויף: „כ'וויל עס נישט זען, איך בין א קצין. זאל קיינער נישט זאגן, אז מיין מאַמע קויפט־אויף מלחמה־מציאות. אמא'לע נעמט ער רעדן, איך וועל דיר קויפן א גאנצן בארג זאקן, וועסט זען, עס וועט דיר גארנישט פעלן״.

זי בלייבט אויף א רגע שטיל, קוקט ארויס אויף די שורות נייע געביידעס פון שכון עממי, אויפן נייעם גרויסן סטאדיאן אין קרית חיים און נעמט פאריכטן די שפיצלעך פון דער ווייסער בלוזקע, די פאלדן פון שמאלן, פליסירטן רעקל. מיט א טיפן זיפץ הייבט זי אן שטיל, פארטרוילעך צו רעדן:

— עס וואלט זיך נאך געוואלט א ביסל לעבן, ווידער יונג ווערן... זען ווי אלץ ארום בויט זיך, צעוואקסט... איר מיינט מסתמא אז איך בין שוין אן אלטע, אבער דאס האט די ארבעט פארמאטערט... די

זארגן — הייבט זי זיך אן א ביסל פארלוירן צו פארטיידיקן. שווערע צייטן געווען... איז מען אלט געווארן אן יארן...

— לאזט צורו... איר זייט א יונגע, שיינע פרוי — נעמט זי פארעדן דער שכן — און אמאָל, כ׳געדענק נאָך, זייט איר דאָך א שיינהייט געווען... כאפט זיך אריין צו אונדז אין א שבת מיט אייערע זין. מירן זיך א ביסל דערמאנען די אלטע צייטן, איידער די מדינה איז געבוירן געווארן...

ער בעט פריינטלעך און היימיש מיט א יונגן חן אויף זיין ברוין, אפגעברענטן פנים און אלע ארום שמייכלען ליבלעך צו זיי ביידע, טראכטן אין זיך:

...שווער, שווער צו זיין — א מאמע פון קצינים...

פאלאצן

אונטערן פרייען הימל, אין סאמע מיטן נאקעטן פעלד, האט שלמה פון בוקאווינע געגומען בויען א שפייז־קראם.

פון דעם כביש חיפה — עכו האָט זיך איבער די פוסטע פעלדער געטראָגן א רעש פון לאסט־מאשינען, א וואָרטשען פון די קיבוצישע טראקטארן.

איבער די פעלדער ארום קורדניה הענגט א שטילקייט און פאר־לאזנקייט, ווי קיין מענטשלעכער פוס וואלט די ערד דאָ קיינמאל נישט באטרעטן. האבן די קרובים און באקאנטע פון שלמהן אפ־געלאכט:

— א שפייז קראם אין מיטן נאקעטן פעלד? ווער וועט צו דיר קומען קויפן א לחמל?

— וואס הייסט ווער? — האט זיך שלמה אנגעברוגזט — יידן וועלן קומען, יידן פון דער גאנצער וועלט. איר וועט זען, דא אויף די פעלדער, וועלן אויפגעשטעלט ווערן דערפער, שטעט, פאלאצן!

זענען צו אים צוגעפארן די לאנגיאריקע ידידים פון חיפה, מיט א חוזק־בליק ארומגענומען דעם פארלאָזענעם שטח, באוואָקסן מיט ווילדגראז און פארביקע פעלד־בלימלעך, און מיט באדויער געשאקלט מיט די קעפ:

— שוין א ייד אין די יארן און נישט ביים קלאָרן שכל... דא וויל ער גאר וווינען, איינער אליין, ווי אין א מדבר!

שלמהס ווייב איז געבליבן אין חיפה. נישט געוואלט אפילו הערן פון זיין משוגהדיקן איינפאל. שלמה האט אויף די דאזיקע פוסטע פעלדער דעם ערשטן בנין אויפגעשטעלט און אין דער גרעסטער שטוב איינגעארדנט די שפייז־קראם. אויסגעסדרט די נייע ווייסע פאליצעס מיט פושקעס פלייש־קאנסערוון און פיש־קאנסערוון. פארשידנארטיקע מאכלים. אויף דער ערד ארום די ווענט אויסגעשטעלט זעק מיט מעל.

צוקער, רייז. אפילו אביסל שרייב־מאטעריאל אויך און אייזנוואַרג אויך.

ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים נייעם לאנגן טיש באַדעקט מיט א מארמאר־פליטע און גענומען ווארטן אויף די קונים.

פון צייט צו צייט האט פון דערבייאיקן אראבישן דארף דורכ־געצויגן א סטאדע שעפסן מיט זייערע פאסטעכער.

און אן אנדער מאָל איז פארביי א קאַראוואַן קעמלען, אדער גאר אייזלען באלאדענע מיט זעק ארבוזן, מעלאנען. פון די רייכע אראבישע דערפער האט זיך ווען אמאל אריינגעכאפט א מאן אין שלמהס שפייז־קראָם און הנאה געהאַט איינצושאפן זיך אַביסל בעסער עסנוואַרג. פון די משקים פלעגן צופארן די באלעבאסטעס אויף זייערע פערד־און־וואגן איינקויפן שפייז און זיסוואַרג פאר די קינדער. יארן לאנג האט שלמה געווארט ס'זאל ווער אנרירן דאס הענטל פון דער געוועלבטיר. ער איז אבער געווען רואיק און זיכער. זיין געשעפט אין חיפה האט געפירט די פרוי מיט די אַנגעשטעלטע. דא האט ער געוואלט ארבעטן אליין. זיצן און ווארטן אויף קונים.

מיטאמאל זענען געקומען אויסקוקן די ארטשאפט עולים פון דייטשלאנד, אונגארן און פוילן, ארומגעדרייט זיך איבער די פעלדער, געמאָסטן, געחשבונט און צום סוף געקויפט א „שטיקל ערד״. ווייל ערד איז דאָ ביליק און נאָענט צום כביש.

א שפייז־קראם איז שוין דאָ, האט זיך יעדער צוגעגעבן מוט צו איינווארצלען אין דער איינזאמקייט.

האבן די דייטשע יידן גענומען בויען הייזער ברייטע, באקוועמע, און מיט אַרבעטס־ליבע גענומען באַאַרבעטן דעם וויסט־פארלאָזענעם, מיט שטיינער און מיסט אנגעלייגטן שטח, ארום בנין.

שלמה האט געקוקט אויף די וועגעלעך זאמד, צעמענט, אויף די אויסגעלייגטע שטאבעס, און געקוועלט פון נחת. איידער די בנינים זענען אויפגעשטעלט געווארן, זענען שוין געוואקסן קארטאפל און אלע גרינס. באלד דערנאך, זענען פאר זיינע אויגן, ווי ווייסע טויבן, שוין

געשטאַנען אַ ריי ווייסע הייזער. איינס פון אַנדערן אָפּגערוקט מיט עטלעכע מעטער און אַלע ענלעך צו זיך.

צו די קינדערלעך, וואָס האָבן מיט ברייט צעעפנטע אויגן אַרויס־געקומען פון די לולים, האָט ער האַלב־יידיש האַלב־עברית גערעדט :

— נישט לאַנג וועט איר אַזוי שטיין דאָ איינגעשפּאַרט אין די שטייגן... באַלד וועט איר קומען צו מיר נאָך גרעינים... שפּעטער נאָך אַ העפט... אַ ביכעלע... כ׳האָב אַלץ צוגעגרייט, אַלץ !

פּלוצים זענען אָנגעקומען מיט מאַשינען באַאַמטע, רעגירונגס־מענטשן, אַרומגעקוקט זיך אין דער סביבה, געמאָסטן, געליאַרעמט. אָפּגעפאָרן.

איבער נאַכט איז אויסגעוואַקסן אַ מעברה. צענדליקער הילצערנע בודקעס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין לאַנגע שורות, מיט גאַסן און געסלעך. אַ שטעטל איז אויסגעוואַקסן אינמיטן פעלד !

אויף גרויסע לאַסט־מאַשינען זענען אָנגעקומען יידן פון באָמביי און פון אַדען. פון קאַסאַבלאַנקאַ און מצרים, מיט קינדער און זקנים. מיט געפּעק אין קאַסטנס און פול־געפּאַקטע זעק.

איבער די באַבלימלטע פעלדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן זייערע באָרוועסע, אָפּגעריסענע קינדערלעך.

די דאַרע, שוואַרצע יידעלעך מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאות און דינע, שיטערע בערדלעך, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די אַרומיקע דערפער, אין די משקים זוכן אַרבעט. זייערע דינע, אויסגעטריקנטע הענט, זענען גרייט אַלץ צו טאָן. שטיינער פירן, אויסלייגן, אַקערן און פלאַנצן.

— ארץ ישראל יופי ! — רעדן זיי מיט באַגייסטערונג און די שוואַרצע, טיף איינגעפאַלענע אויגן ברענען מיט דער דורותדיקער ליבע צו דעם ווייסן, טרוקענעם זאַמד. צום בלויען הימל, וואָס זיי האָבן אין זייער הארץ געטראָגן איבער אַלע יאָרן גלות.

פאַרנאַכט קומען זיי צוריק מיט עטלעכע לירות איינגעקניפּט אין אַ טיכל, אַ קויבערל מיט קאַרטאָפל און גרינע ציבל. אַ לבניה און אַ טאַרבעלע זיתים.

— יהיה טוב, תהיה עבודה — גיבן זיך צו מוט יענע, וואס קומען צוריק מיט ליידיקע הענט און ליידיקע טאשן און שוין אין דער האלבער נאכט גייען זיי צוריק אין די אמטן, געדולדיק ווארטן אין דער ריי כאטש אויף עטלעכע טעג ארבעט אין דער וואך. זייערע ווייבער און דערוואַקסענע טעכטער מיט געבלימלטע קאָפּ־טיכלעך פּאררוקט צניעותדיק איבער די קעפּ, אין לאנגע קליידער ביז צו דער ערד, צעשיטן זיך איבער די פעלדער, ווי רויטער מאָן. אומעטום טרעפן זיי. צו די באלעבאסטעס אין קרית־מוצקין וואשן וועש. רוימען, פּוצן די רייכע, גרויסאַרטיקע ווילעס אויפן כרמל.

נאָכמיטאָג קומען זיי צוריק אויסגעפּוצט אין אַן אלטמאָדיש קלייד מיט א לאנגן שלעפער, א ברייטן שטרויענעם הוט אויפן קאפּ, אין אפּגעבליאקעוועטע, לאקירטע האנט־טאש. שטאלץ גייען זיי איבער דער מעברה אין די געשענקטע קליידער פון די פיינע „שיקינאזים".

מיט באוואונדערונג קוקן אויף זיי די פרויען און מיידלעך פון די צריפים, וואס האבן זיך נאך נישט אויסגעלערנט זוכן ארבעט ביי מענטשן און זיפצן שטיל:

— יעדע ווי אן אמתע גברת...

אויך פאר די קינדער ברענגען זיי אהיים פעקעלעך גוטע זאכן. אן אפּגעטראגן סוועטערל, ווארעמע וועש, קאלירטע פּיזשאמקעס. ביי־נאכט טוען זיי אַן צום שלאף די דבורהלעך און אוריאלעך אין די געשטרייפטע פּיזשאמעס, און קוועלן פאר נחת און פרייד:

— ברוך השם... כמו מלך!

לאנג אין דער נאכט דערציילן זיי אויף דער צריף־שוועל פון דעם ווילטאָג פון די אשכנזים. פון זייערע שטובן מיט ווייסע פאָרהאַנגען אויף די פענצטער, פון זייערע מאדנע שענק אויסגעסדרטע מיט פאר־שידנארטיק גלאזווארג. פון דעם וואונדער פון ראדיא און קלאַוויר, און דער עיקר — פון די אויסגעפּוצטע „שיקינאזישע פרויען", וואס האבן כל טוב און טוען גארנישט...

✶

ארום דער מעברה קומען כסדר צו נייע געשעפטן פון שיך און קליידער. ס׳בויען זיי די יידן פון רומעניע און מצרים.

אין דער לענג און אין דער ברייט בויט זיך דאס דארף. יעדער וויל האבן זיין אייגן הויז מיט א גאָרטן. אייגענע מאראנצן און לימענעס. ביי יעדן הויז א לול מיט הינער און קאטשקעס, א קו, אדער עטלעכע ציגן. אין יעדן הויז אויפן טיש א וואַזאַן בלומען, צעבליטע אין אייגענעם גאָרטן, פון אייגענער מי. דאס שפייז־קרעמל פון שלמהן איז אויסגעוואָקסן אין א כל־בו און אַן אויסקונפט־ארט פון דער גאַנצער סביבה. וואס עס זאל נישט געשען אין דער וועלט, אין לאנד און ביי יעדן באזונדער אין דער היים — דערוויסט מען זיך ביי אים, ביי שלמהן פון בוקאווינע.

טאקע ער, שלמה, האט דער ערשטער אנגעזאגט די ידיעה, אז היינט־מאָרגן טרעט מען צו בויען א נייעם שיכון. הייזער פאַר אלע עולים. דא, ארום דעם דארף, לענגאויס קורדניה.

צעצינדן זיך די אויגן פון די איראקער און תימנער פרויען, זייערע טונקעלע, אליוון־פנימער באדעקן זיך מיט א ראָזאַ פארב. זיי קומען צו אים אין געשעפט יעדן טאג מיט די קינדער אויף די הענט און ביי די הענט איינצוקויפן א לחמל מיט א פלעשל מילך און גייען אוועק מיט א שטילן „ברוך השם" פארן ברוינעם וואַרעמען ברויט צו דער זעט. און שלמה מונטערט זיי אלע און מוטיקט:

— דא וועלן זיין נישט קיין פשוטע הייזער, דא וועלן נאך זיין פאלאצן מיט ווייסע קאפלעס, מיט ווייסע טירן, מיט חשמל, און אפילו מיט ווארעם וואסער צום באָדן זיך.

שלמה פון בוקאווינע, קוקט מיט נחת פון אונטער זיינע ברילן אפער, אויף זיינע קונים, „יידן פון דער גאנצער וועלט", און זיינע הענט ציטערן פון אלטקייט און פרייד.

אן אלטע וועשין

עס האט זיך אלע אין געסל אויסגעוויזן גאר אויסטערליש, ווען זיי האבן אין איינעם א טאג דערזען מרימען ליגן אויף א ליגשטול, באקוועם און זארגלאז, אין די פרימארגנדיקע ארבעטס־שעהען.

— וואס איז מיט אייך מרים? מסתמא זייט איר קראנק היינט? — האבן מיט מיטגעפיל אויסגעפרעגט די שכנות, וואשנדיק די טאראסן, די פענצטער פון די שטובן, די טירן באדעקטע מיט זאמד און שטויב, וואס דער ווינט האט ביי נאכט אנגעטראגן.

זיי זענען געוווינט צו זען מרימען שוין אין באגינען העגגען די וועש און גלייך לויפן צו דער ארבעט. אין די אָוונטן פרעסט זי תמיד, קאָכט, וואשט, פאריכט די מלבושים. נאָך דער ארבעט שטריקט זי ביז שפעט אין דער נאכט אריין. ווי קומט עס פלוצים, מרים זאל ליגן אין מיטן העלן טאג און רוען? אזא יום־טוב איינדערוואכנס, קאָן קיינע פון זיי נישט פארשטיין.

— וואָס עפעס קראַנק? פרעגט מרים אן אנגעברוגזטע. אויך איך קאן ליגן אויף א לעזשאק און פיעשטשען זיך פארן מאן, ווי אנדערע פרויען, אז עס איז מיר הייס... אז איך האב נישט קיין כוח. ווער האט עס געפסקנט, אז מרים דארף אויפשטיין, ווען עס איז נאָך פינצטער. גיין צו דער ארבעט אין יעדן כאמסין אדער רעגן? פארזארגן א שטוב! זוכן פרנסה!?

— אבער וואס עפעס פלוצים זייט איר אנדערש ווי שטענדיק? — האט א פארוווּנדערטע אויסגעפרעגט די פרוי מעצקער, א שכנטע פון דער צווייטער טיר — ביי אייך אין שטוב איז דאך פסח א גאנץ יאר און אין איין מאל האט איר אלץ געלאזט ווי אויף הפקר... איר זייט דאך אזא ארבעטסזאמע, טיכטיקע פרוי!

— נישט כדאי, מיין טייערע — האט מרים א מאך געטאן מיט דער אָדערדיקער אויסגעארבעטער האנט, ווי געוואָלט פארטרייבן די

רייד, וואס ווילן זיך ארויסרייסן פון איר פארביטערט הארץ — גענוג געוועז טיכטיק, גענוג...

קוקט זי אן, די פוללייביקע פרוי מעצקער מיטן ברייט אנגע־גאסענעם פנים, גלאטיק פארקאמטע האר, אין דער ווייסער ארבעטס־שערץ און פארשטייט גארנישט, פון וואנען קומען מיטאמאל אזעלכע רייד צו דער שכנטע.

מרים, די פרוי פון לייזער רובין, דעם אמאליקן קירזשנער, האט צוגערוקט דאס בענקל צו דער שכנטע און מיט א מאדנער גאר פרעמ־דער שטים גענומען רעדן:

— זיצט, זיצט... א ביסל. די טעפלעך וועלן אייך נישט אנטלויפן, נישט די וועש און נישט די שמוציקע פאדלאגעס. קיינער וועט עס נישט אויסכאפן... אלץווארט אויף אייך!

זעט זי ווי די פרוי מעצקער זעצט זיך שווייגנדיק נעבן איר און קוקט זי אן מיט זארג, ציט זי ווייטער שטיל און אומעטיק:

— אמת, פרוי מעצקער, מרים איז דאס גאנצע לעבן געוועז טיכטיק, איז וואס דערפון ארויסגעקומען? און אלטע וועשין בין איך איצט פאר מיין... מאן — פאמעלעך ציענדיק יעדעס ווארט באזונדער ווארפט זי אראפ פון זיך די ביטערקייט, וואס דריקט זי, ווי א שווערע מאסע:

— נישט געוועז קיינמאל, ווען זיך אוועקלייגן... קיינמאל נישט געוועז קיין צייט... אָבער היינט האָב איך שוין גענוג צייט... נעכטן קומט ער, לייזער מיין מאן, איר ווייסט דאך, שטענדיק איז ער א שטילער, א שווייגעניש איז אויף אים שטענדיק... און א כמורנער... אזעלכער איז ער שוין. נאר נעכטן איז ער עפעס מיטן לשון ארויס. אט זעצט ער זיך צום עסן, מישט מיטן לעפל די זופּ. מישט און נעמט גאר אײנטענהען:

— ווואלסט זיך א לייטיש קלייד געמאכט, אן אנדולאציע... זע, ווי דו זעסט אויס, ווי אן אלטע וועשין... ער זיצט און מעסט מיך מיט די אויגן, דרייט מיטן קאפּ... ברומט אין טעלער אריין: זע, וואס פון דיר איז געוואָרן!

מיטאמאל האט ער זיך ארומגעזען — שאקלט מרים מיטן גרויען קאפ און רייבט דעם אנגעקארבטן שטערן — ער מיינט, אז נאר איך בין אלט געווארן, און ער האט א פנים, ווי מיט פערציק יאר צוריק, צו דער חתונה! פאר אים האט זיך דער זייגער נישט גערוקט! ער איז ביי זיך א יונגער געבליבן, נאר איך אליין בין אלט געווארן... א וועשין בין איך איצט פאר אים. צו וואס האב איך אפגעהארעוועט א לעבן? צו הערן אזעלכע ווערטער?

— לאזט זיך דאס אלץ פון קאפ ארויס — נעמט חוזקן די פרוי מעצקער אויף איר שטייגער. מיט איר קלוגן פארשטענדיקן שמייכעלע בארואיקט זי מרימען:

— אויב א פרוי וועט זיך נעמען צום הארצן אלץ וואס דער מאן זאגט איר אריין, וועט די וועלט נישט האבן קיין קיום — גלייך גיט זי צו ערנסט:

— יא, יא, שווער מיט א מאן א מעסטל זאלץ אויפעסן... מיט איר געמיטלעכן שמייכל, לייכט און גוטמוטיק מיט א שטילן זיפץ אויף די ליפן, נעמט זי פון אייגענעם לעבן אויסדערציילן:

— איר ווייסט דאך מרים, אז מיין מאן איז א דייטש און א יעקע... פאר מיר האט ער זיין משפחה פארלאזט. ביי היטלערן א גיהנום מיטגעמאכט. אלץ געמוזט מאסקירן, אויסבאהאלטן. די דריי זין מיינע מיט די בלאָנדע קעפ האָט ער אין ס. ס. איינגעאָרדנט! זיי האבן ווי אמתדיקע שקצים אויסגעזען — שיינט איר פנים מיט נצחון — אוי האבן מיר די יעקעס אפגענארט. באלד נאך דער מלחמה איז ער גלייך אוועק מיט מיר אין ישראל. ער האט זייער פנים נישט געוואלט אנקוקן מער. דא האבן מיר געהאט צרות אויף צרות. ער האָט נישט געהאַט קיין ארבעט, קיין חברה... א ביסל יידיש קען ער, נאָר אויף עברית האט ער אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. ווי א שאָטן האָט ער זיך דא ארומגעדרייט, קיינמאל זיך נישט באקלאגט. און איר ווייסט דאך, ביי מיר איז א יידישע שטוב מיט שבתדיקע ליכט און מיט אלע ימים־טובים, ווי סע דארף צו זיין. נישט ווי ביי אייך, פוילישע, איר זייט דאך נישט קיין יידן און נישט קיין גוים! מיין קארל זאגט

מיר קיינמאל קיין דעות, ער נעמט אלץ אן. נישט איינמאל טראכט איך, אז ער איז א צדיק... און דאך מיין איך... אז א יידישער מאן איז בעסער, אנדערש. ווען איר האט א יידישן מאן, דארפט איר זיך נישט באקלאגן. די גאנצע וועלט ווייסט דאך, אז די יידן זענען די בעסטע מענער!

— צו גוטסקייט פעלט זיי א סך! — ווארפט בייז אריין מרים און חזרט איבער ווידער אירע פארצווייפלטע רייד — נישט כדאי, נישט כדאי געווען, סיי ווי אן אלטע וועשין...

לאנג און אויספירלעך, ווי עס וואָלט אויף איר נישט געווארט די גאנצע שטוב־ארבעט, הייבט זי אן צו דערציילן:

— ביי אונדז אין דער היים בין איך געווען נישט ווייניקער געראטן פון אלע אנדערע קינדער, נאר איין חסרון האב איך געהאט: ווען אלע האבן גערוט האב איך געארבעט. אלעמאל זיך וואָס נייעס געפונען. ווי איך בין נאר ארויס פון אונטער דער חופה האב איך מורא געהאט ביי מיין מאן עסן ברויט בחינם. באלד זיך אן ארבעט אויס־געזוכט. קיינמאל נישט געהאט קיין שכל זיך צו שוינען. געארבעט אין א געשעפט, אין דער היים. געהאדעוועט קינדער, גאנצע נעכט ארומ־געגאנגען ארום זיי. געלאפן אויף די מערק זוכן מציאות. שטענדיק זיך אפגעריסן די זייטן מיט די פעק, מיט די טארבעס מערן, קארטאפל... נאר געוואלט איינברענגען, שפארן. האט מיין מאן געזען, אז איך קאָן שלעפן א וואָגן האָט ער וואָס אַמאָל וואָס צוגעלייגט, צוגעוואָרפן! ביז עס איז אים אזוי לייכט געווארן און גוט, אז פאר ווילטאג שמעקט אים קיין זאך מער. גארנישט געפעלט אים אין שטוב. געדענקט איר, פרוי מעצקער, מיר האבן געהאט נישט לאנג א צנע, אין די בעסטע שטובן איז נישט געווען קיין איי, נישט קיין שטיקל פוטער, נישט קיין שטיקל פלייש. בין איך געלאָפן פון איין שוק אויף דעם צווייטן, געפארן פון חליסה ביז עכו און געבראכט פיש אויף שבת. וואס הייסט א שבת אָן פיש ביי אזא פריץ? ביי אים מוז דאָך אַלץ זיין. האָב איך יעדעס מאל א הינדל געבראכט פון קרית מוצקין. איר ווייסט דאך, פרוי מעצקער, אז אזוי אייגן ווי עס איז נישטא קיין שלום צווישן די

מענטשן, אזוי להבדיל ביי די בהמות און עופות. די הינער אין לול רק זיי דזשוביען זיך, בייסן זיך אויס די קעפ... האב איך תמיד פאר א וועש באקומען עטלעכע צעדזשוביעטע הינדלעך. א טאש גרינצייג, א שאכטל אנגעקלאפטע אייער. ווען אנדערע האבן נישט געהאט וואס אין מויל צו נעמען, האט מיין מאן געגעסן לעקעך אין דער וואכן, ווי א מלך. אויב די מענער זאגן יעדן טאג „ברוך שלא עשני אשה", ווייסן זיי וואס זיי זאגןביים דאווענען...

— איך ווייס נישט וואס סע זאגן די מענער ביים געבעט — צעלאכט זיך די פרוי מעצקער און אזוי פארטרוילעך און אינטים, ווי נאר צווישן זיך די פרויען זענען, ציט זי ווייטער — און אז זיי זאגן, איז וואס? זיי בלייבן שטענדיק ביים זאגן... אויב מען וויל אין לעבן מנוחה האבן, דארף מען אריבערקוקן. איר פארשטייט, מרים? אפילו די קייזערינעס, וואס האבן אלץ אין לעבן, פארשטייען דאס! לאנגע יארן האב איך געלייענט פונעם לעבן אין קייזערלעכן הויף — רעדט די פרוי מעצקער מיט איר הויכער בילדונג צו דער קליינשטעטלדיקער שכנטע פון פוילן. — דאס דארף זיין אייער דעוויז: שטענדיק אריבער־קוקן!

לאזט זיך מרים נישט איבעררעדן. זי פארשטייט נישט דעם זין פון די רייד און פרעגט מיט אַ שטים פון א באַוואוּלט קינד — פון וואנען זאל איך וויסן, ווי עס לעבן די קייזערינס. נאר מיט וואס בין איך ערגער פון די אנדערע פרויען.

ווי זי וואלט איצט אלע אירע יארן באדויערט, רעדט זי שוין מער צו זיך, ווי צו דער שכנטע:

— ווען איך האב געזען, ווי זיי, דא אין שיכון, טראכטן נאר פון די שמאַטעס, נאַר וועגן פוצן זיך, יעדן טאַג דרייען זיי אַן די לאָקן און ווייסן שוין נישט וואס מיט זיך צו טאן, האב איך געטראכט: פוסטע קעפ! וואלטן זיי געקענט פארדינען א פיאסטער, וואלטן זיי זיך נישט געווארפן מיט די פונטן! אבער היינט זאג איך: זיי זענען חכמות! פאר א שיינער פרוי האט א מאן אן אוואזשאניע, דרך ארץ. איך בין גרוי און אלט געווארן און עס נישט פארשטאנען.

די פרוי מעצקער גיט א קוק אויפן וועגעלע קרח, וואס קערט זיך אום מיטן אייזל פון סוף שיכון און כאפט זיך אויף א צעטומלטע:

— ליבער הער־גאט — איך האב א האלבן טאג אפגעפלוידערט און נאך נישט באגאסן דעם גארטן, נישט צוגערוימט די שטוב! זי כאַפּט א בליק אין מרימס שטוב. זעט די צעוואָרפענע בעטן, אָנגע־שטעלטע שמוציקע כלים אין דער קיך און הייבט אָן זי צו מונטערן:

— מרים, מרים, לאזט זיך אלע נארישקייטן ארויס פון זינען. וויפל קאן דאס א מענטש ליגן אויף אן אויסלייג־שטול געזונטערהייט. גייט אריין צוראמען, אפקאכן א מיטאג פארן מאן...

ציט זיך אויס מרים מנוחהדיק, ווי א פערד, וואס איז ארויס פון שפאן און רעדט שטיל און פארדראסיק:

...עס איז מיר הייס... איך האב נישט קיין כוח...

מיטאמאל גיט זי א קלאפ אין די הענט. הא, הא, נעמט זי וואנזיניק לאכן:

— ער האט געמיינט, אז ער וועט זיך אויסבאהאלטן, אנטלויפן פון יענעמס אויגן... דא זענען נישטא קיין סודות... הא, הא, מען האט אים געפאקט אין ק.ק.ל.־וועלדל מיט אַ געליבטע! אין א שיכון ווייסט מען אלץ...

איר פנים נעמט ברענען מיט רויטע פלאמען, ווי דאס גאנצע בלוט וואָלט איר א זעץ געטאָן אין די פארגעלטע, פארטריקנטע באקן.

— ווער איז זי? ווער? — פרעגט זי אומבאהאלפן. וואס האט זי ביי אים דערזען? ער איז דאך שוין א זיידע... א הינקענדיקער מיט א שטעקן!! זי רייבט דעם שטערן. טראכט, טראכט און קאן נישט דערגיין, ווער פון שיכון פירט דאס א ליבע מיט איר אלטן?

זי האט נאר איינצלנע ווערטער אויפגעכאפט, צוזאמענגענומען און ווייסט: ... יענע איז א יונגע... א שיינע... א לאכעדיקע...

נעמען זיך פלאנטערן אירע געדאנקען: צוליב וואס גייט זי מיט אזעלכן... זיצט אפּ א האלבע נאכט אין וועלדל?

פאמעלעך קומט זי צום אויספיר:

— מסתמא גיט ער איר מתנות... טייערע מתנות! פיינע זאכן! עס פעלט אים דען געלט? איך האב דאך געשפארט דאס גאנצע לעבן! געשפארט! הא, הא, לאכט זי אין זיך אריין און באהאלט דאס פנים פאר בושה אין אירע אויסגעארבעטע הענט.

דער לעצטער צריף

אין גרויסן זאל פון דער פּרעסעריי, אָנגעלייגט מיט בערג וועש צום מאנגלען, מענער־העמדער און הויזן צום פּרעסן, שטייט ביי איר פּרעס־טיש מזל און רעדט הויך אויפן קול מיט איר פּעסטער, מענערי־שער שטים. זי וויל די פּרעסערינס און קונסט־שטאָפּערינס פון דער פּרעסעריי זאלן וויסן פון איר נצחון.

זי שטעלט אוועק דאָס פּרעסל אויף דעם טעצל פון פּרעס־טיש און פּרעגט מיט א צעפלאמט פּנים:

— וואס מיינט איר דען, האט מיר געזאגט דער רב? זי צעלאכט זיך מיט הארץ.

— הערט א מעשה גאָר, ער האָט זיך פארעקשנט: א זון, אָדער א גט!

— זאל זיין א גט! — האב איך אים געענטפערט. מירן גיין צום רב!

איר פולער ברייטער בוזעם נעמט זיך טרייסלען פון געלעכטער. די שווארצע פינקלדיקע אויגן ווערן פארשוווּמען אין די פעטע פּנים־קנייטשן. די צעלאזענע שווארצע האר טרייסלען זיך אויף דער פּלייצע און די צוויי גאלדענע רינגען אין די אויערן הוידען זיך פאראויס און צוריק.

מיט א זינגענדיקער שטים נעמט זי באריכות דערציילן:

...זענען מיר אוועק אין רבנות. האט אונדז אויפגענומען דער רב... אן אלטער, פארדארטער ייד, א רחמנות צו קוקן אויף אים און ער נעמט איינטענהען מיט מיר:

— דו ביסט עס דאָס ווייב פון דעם מאן? זאלסטו וויסן, אז יעדע משפחה, מוז האבן קינדער... דאס איז איר קיום. פארוואס װילסטו נישט האבן קיין קינדער?

האב איך מער נישט אויסגעהאלטן און אנגעהויבן שרייען:

— טייערער רבֿ, וואָס האָט דאָ דער ממזר אָנדערצײלט? וואָס הייסט דאָס אַ משפּחה און קינדער האָט נישט קיין קיום? מיינע שונאים זאָלן נישט האָבן קיין קינדער... איך האָב דאָך פינף קינדער. פון ערשטן מאַן — צוויי קינדער. פון צווייטן מאַן — אַ זון. פון אים, יצחקן — אַ צווילינג. צוויי מיידעלעך, געזונט זאָלן זיי זיין. איצט האָט ער זיך איינגעעקשנט, אַז ער וויל אַ זון. וואָס הייסט דאָס, איך מוז האָבן אַ זון? האָב איך געפרעגט ביים רבֿ. אויב עס וועט זיין אַ מיידל, איז עס נישט קיין קינד? וועט זי נישט אויסוואַקסן אויף אַ מענטש? צי האָבן מיר נישט דעם שענסטן כּבֿוד פון אונדזער גבֿרת גאָלדה מאיר? פּופּציק לירות אַ חודש גיט ער מיר אויף צו לעבן, ווי אַזוי וועל איך קאָנען אויסהאַלטן מיט זעקס קינדער? אַזאַ יקרות... און דער חמור האָט זיך איינגעעקשנט: נאָר אַ זון אָדער אַ גט!

— אַזוי? — האָט מיר דער רבֿ איבערגעריסן — הייסט, אַז איר האָט שוין קינדער... נו, אַז איר האָט פינף קינדער, זאָל אייך גאָט העלפן מיט געזונט און פּרנסה...

— מזל, מזל, גענוג געפּלוידערט — וואַרפט אַריין די איינגענטי־מערין פון דער פּרעסעריי — די אַרבעט מוז היינט אָפּגעליפערט ווערן.

דרייט זיך מזל אויס צום פּרעס־טיש, ציט אַרויס פון שטעקער דאָס צעגליטע פּרעסל, באַשפּריצט די העמדער צום פּרעסן און ווי אַ רעשיקער וואַסער־שטראָם, נעמען פליסן אירע רייד:

— זעט איר וואָס פאַראַ פיינער רבֿ דאָס איז? פון אָנהייב האָט ער נישט פאַרשטאַנען דעם ענין. אַזוי אָבער, ווי ער האָט מיך נאָר אויסגעהערט, האָט ער גענומען איינטענהען מיטן יצחקן: — פינף קינדער מוז מען געבן גוט צו עסן, באַזאָרגן מיט קליידונג, לערנען... זאָל אייך גאָט העלפן... נישטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן אַ גט. גייט אַהיים, פירט אַ שיינע שטוב, בשלום... איר דאַרפט רואיק, איידל צווישן זיך רעדן, געבן די קינדער אַ גוטן ביישפּיל... — אוי, איז דער חמור אַרויס פון רבֿ מיט אַ ביטער פּנים. אַ קדחת האָט ער באַקומען, נישט אַ גט.

מזל נעמט אָן א פול מויל וואסער און גיט א האסטיקן שפריץ אויף די לאנגע ארבל פון א מענער־העמד.

צעשרייט זיך ווידער די אייגענטימערין, די פרוי קלאַראַ ליטקע:

— וואס פארא שפריצן איז דאס, אויף זיידענע העמדער! וויפיל מאל האב איך געזאגט, שפריצן נאר מיט דער פלאש! גענוג מיט די רייד... מיט די מעשיות!

— מזל ווייסט אבער, אז די פרוי קלארא, וויל דווקא וויסן דעם סוף פון דער מחלוקה, איר נשמה גייט אויס צו וויסן אלץ, וואס טוט זיך ביי יעדער פון אירע ארבעטארינס אין שטוב. שפריצט זי פאוואליע פאַרזיכטיק מיטן שפריצער, די אָנגעשטייפטע וועש און געוויינלעך, ווי קיינמאל גארנישט ציט זי ווייטער:

— אהיימגעגאנגען, שווייגנדיק, שוין נישט געשריגן: א זון אדער א גט... נאך ביים רב האט ער פארלוירן ס'לשון. ווי מיר זענען אריין אין צריף, האט ער גענומען רעדן שטיל און גאר איידל:

— מזל, זיי אזוי גוט, איך בעט דיך, באד אויס די קינדער... צי איבער ס'קישעלע ביי שמחה... קויף די קינדער היטעלעך מיט ברייטע שלייפן...

געהערט א רעדן: — „זיי אזוי גוט און באד אויס די קינדער".

יעדן טאג ווי איך קום פון דער ארבעט, באד איך די קינדער אין גרויסן קעסל. ווו איך קאך די וועש... פארשאף אלץ פאר דער שטוב! וואש א האלבע נאכט. אין באגין, ווען עס איז נאך פינצטער, הענג איך ארויס די וועש, באקלייד די קינדער און ער איז מיטאמאל א גוטער טאטע געווארן, הייסט קויפן א זיידן היטעלע די קינדער... ס'געפעלט אים, ווי די אשכנזים פוצן זייערע קינדער. קוים פופציק לירות גיט ער אַ חודש און צו יעדן מיטאָג וויל ער הון מיט אַ פלאש קאניאק. יעדע וואך א פלאש אראק, די בעסטע ציגארעטן קויפט ער זיך...

קום איך אמאל פון דער ארבעט, זע איך ווי די קליינע שמחה ליגט אויף דער ערד און וויינט, האָט זיך אריינגענומען א טשוואַק אין פוס און ער ליגט זיך אויפן בעט און לייענט זיין קאמוניסטישע

צייטונג. נעם איך שרייען: א קאמוניסט ביזטו? אז דיין אייגן קינד ליגט מיט א טשוואָק אין פוס און קאן דעם ווייטאג נישט אויסהאלטן, גייט עס דיך נישט אן?

זי בלייבט א רגע שווייגן, ווי די האסטיקע רייד וואלטן זי פארמאטערט און מיט א טיפן זיפץ ווארפט זי ארויס:

— אוי, וואלט איך אים אפגעגט! אין פארגלייך מיט מיין ערשטן מאן, איז ער דאך א גארנישט. ביי אונדז אין דער מעברה ווינט אן עלטערער בחור, אבער נאך א יונגער מענטש... כ'ווייס, אז ער קוקט מיר נאך אלעמאל... ער וואלט געוואלט מיט מיר חתונה האבן... ער האט מיר געזאגט, אז ער איז פון יוגאסלאוויע. איך האב אפילו פון אזא לאנד נישט געהערט, נאר ער זעט נישט אויס אויף אזעלכן, ער זאל זיך עפעס סתם אויסטראכטן... אן איידעלער שטילער מענטש. ער האט מיר געזאגט אויף פראנצויזיש, אז היטלער ימח שמו, האט זיין גאנצע משפחה אומגעבראכט. א רחמנות צו זען ווי ער קומט פון דער ארבעט, רוימט דעם צריף. קלאפט אויס יעדן טאג זיין מזרון, שפעטער טראגט ער ארויס דאס בעטל פארן צריף און זעצט זיך אוועק לייענען א בוך. שעהען זיצט ער אזוי ביים בוך... וואס זאל ער דען טאן? קיינעם האט ער נישט! ווען ער טראגט פארנאכט אריין דאס בעטל און גייט אוועק, ווייס איך שוין, אז ער גייט נאך אן אנדער בוך ערגעץ... יא, איך וואלט מיט אזא מענטש חתונה געהאט... פאסט אבער נישט... צוליב די קינדער... ער וואלט שוין געווען ביי מיר דער פערטער... זיכער וועט ער אויך וועלן, כאטש איין קינד...

ווי נאר מזל האט וועגן איר נצחון אויסדערציילט, איז זי א דערשעפטע שטיל געבליבן, האט גענומען אָניאגן די ארבעט. שנעל און געשיקט האט דאס פרעסל זיך געגליטשט איבער העמדער און קליידער. פון צייט צו צייט האט זי געמורמלט א צופרידענע: א טייערער רב... גאר א פיינער רב...

✶

זייט עטלעכע טעג איז מזל ביי איר ארבעט א פארשטומטע, אן אויסגעלאשענע. איר פנים איז געווארן געל און די רעדער אונטער די אויגן שווארצע, טיף־איינגעפאלענע. גיך האבן אירע הענט געיאָגט איבער די אנגעשטייפטע העמדער בעת זי האט שווייגנדיק געטאן איר ארבעט, פארזונקען אין אומעטיקע מחשבות.

די מיטארבעטער פון דער פרעסעריי זענען געוווינט צו הערן אירע אנסופיקע רייד, וואס אלץ טוט זיך אפּ אין די צריפים. זייערע מחלוקות אין סוכנות, אין דער לישכה.

די פלוצלינגע שטילקייט לייגט זיך שווער אויפן געמיט, אָבער קיינע פון זיי פרעגט נישט וואס איז מיט מזל געשען. זיי פארשטייען, אז עפעס אויסטערלישעס האט פאסירט אין איר משפחה, אויב זי קאן אזוי שטיין טאג איין, טאג אויס, א פארזונקענע אין זיך.

לאנג האָט אָבער מזל איר שטומע פארזונקענקייט נישט אויסגע־האלטן. אין איינעם א פרימארגן, ווי נאר זי האט די ווייסע ברייטע שערץ אויף זיך ארויפגעצויגן, האט זי אויסגעבראכן פול מיט ביטער־קייט:

— וואס זאגט איר דערויף? דער חמור איז אנטלאפן.

נישט ווארטנדיק אויף קיין פראגן האט זי גענומען אלץ אויס־דערציילן:

— ער איז שוין אמאל אנטלאפן קיין באר שבע. געווען דארט א חודש און געמיינט, אז די וועלט איז זיינע — קיין פיאסטער נישט געלאזט... מיט פאליציי האב איך אים אהיימגעבראכט. האט דער שקרן אנדערציילט פאר אלע, אז דארט פארדינט זיך בעסער, דערפאר איז ער דארט אוועק. געוואלט מאכן אביסל געלט. ער וואלט אליין צוריק געקומען, ווייל ער האט געבענקט צו די קינדער. האב איך דעמאלט געמיינט, אז ער האט אזא חלק אין דער משטרה באקומען, אז ער וועט שוין ווערן א מענטש, גיין צו דער ארבעט און אויסהאלטן א שטוב, ווי יעדער מאן. איז קוים אדורך א חודש און שוין איז אים באפאלן א משוגעת, ער מוז האבן א זון (א מהנדס וויל ער פון אים מאכן).

אויף די ווייסע, אנגעשטייפטע וועש נעמען קאפען גרויסע, שווערע טרערן. זי לאזט זיי רינען איבערן פנים, ווי מיט זיי וואלט דער ווייטאָג אפגעשווומען און קלאָגט אויפן קול:

— זעקס און דרייסיק יאר בין איך אין גאנצן אלט און שוין בין איך ביי אים אַ זקנה... ער איז אביסל יינגער, איז וואָס? שיין וואָלט ער אויסגעזען, ווען ער יאגט אזוי ווי איך, פון איין ארבעט צו א צווייטער, קיין מאָל נישט רוען, אָפּדעכען... ארבעטן טאָג און נאכט. ער קומט נאך צו מיר מיט טענות: וואס מאכסטו זיך נישט קיין מאניקיר, קיין פערמאנענט? פארבסט נישט די ליפּן? וואס בין איך עפּעס א זונה, איך זאָל מיר פאַרבן די נעגל? האָב איך אַן איבעריקן פונט, לייג איך צו צו א פונט, און קויף א ליילעך, אמאל עטלעכע פאר שיכלעך.

מזל לייגט אוועק א פּעקל אויסגעפּרעסטע זאכן. שטעלט אוועק ס'פּרעסל אויף דער בלעך, צעפּירטביידע הענט אין פארצווייפלונג און גיט א פּרעג מיט א קלאגעדיקער שטים:

— זאגט מיר, צו וואס האב איך באדארפן מיט אים חתונה האבן? אויף מיין שטיקל ברויט פארדין איך אליין.

זי נעמט אויפסניי באַנעצן די קליידלעך צו פּרעסן און הייבט פון אָנהייב אָן צו דערציילן וועגן איר חתונה.

...דאָס האָט מיך זשאַק, מיין זון פון ערשטן מאַן, צוגערעדט צו אים: אמא, ווי לאנג וועסטו קאנען אזוי ארבעטן? — האט ער אלע מאל מיט מיר גערעדט. דער שכן פון אונדזער צריף... גייט ארום דאָ אליין... ער זעט אויס צו זיין בסדר. וואָס מיינט איר איז דערפון ארויסגעקומען? אזוי ווי איך האב נאר חתונה געהאט מיט אים, האָט ער זיך גענומען ארומרייסן מיט זשאקן, קיין גוט וואָרט אים נישט געגעבן.

ווי נאר זיין צווילינג איז געבוירן געווארן, איז אים ענג געווארן. זיינע קינדער דארפן לופט. ווו זאל איך אהינטאן מיינע קינדער. ער האט אזויפיל ארומגערודערט, ביז איך האב עס מער נישט אויסגע־האלטן און ארויסגעטריבן אים פון צריף. האט זיך דער ממזר אוועק־

געשטעלט ביי דער טיר וויינען, אז ער וויל זיך געזעגענען מיט די קינדער... א קוש טאָן פאַרן אַוועקגיין... ווידער האָט זיך מיין זשאַק אַריינגעמישט, כ׳זאָל אים אַריינלאָזן, אַזאַ האַרץ האָט ער. אַזוי ווי איך האָב אים אין צריף אַריינגעלאָזט, האָט ער די קינדער גענומען אויף די הענט, געוויינט פאַר זיי: זעט איר ווי די אמא טרייבט מיך אַרויס... האָבן שמחה און מלכה אָנגעהויבן וויינען, האָב איך אים מוחל געווען, געמיינט, ער וועט שוין ווערן אַ מענטש. איז אים אַריין אין קאָפּ איצט, נאָכדעם ווי דער רב האָט דווקא מיר געגעבן גערעכט, אַז כ׳בין שוין אַלט. אפשר איז ער אַוועק אין אַ קיבוץ? אָבער לאַנג וועט עס נישט דויערן... באַלד וועט ער זיך אומקערן... ער וועט צוריקקומען מיט געלט... מיט מתנות... ער האָט דאָך ליב זיינע קינדער! אַ טאַטע אַנטלויפט נישט ווייט...

מיטאַמאָל גלייכט אויס מזל איר געבויגענע פּלייצע. נעמט צוזאַם די פאַרשוויצטע האָר, צוגעקלעפּטע צום שטערן און שרייט אויס מיט אַ צאַרנדיקער שטים:

—איך וועל אים שוין געפינען, צוריקברענגען מיט דער פּאָליציי, זיי וועלן אים שוין מיט כבוד אַהיים ברענגען — נעמט זי לאַכן מיט אַ ביטער נקמה־געלעכטער.

— נאָר אין צריף וועל איך אים נישט אַריינלאָזן. ווי אַ כלב וועט ער שטיין אין דרויסן. זאָל ער זען, וואָס מזל קאָן!

צו מאָרגנס איז מזל צו דער אַרבעט נישט געקומען. ערשט דאַן האָט די אייגנטימערין פון דער פּרעסעריי איינגעזען, וואָס פאַראַ אַרבעטס־קראַפט זי איז. די פרויען האָבן געוואָלט אָניאָגן די אַרבעט. זייערע פּנימער זענען געווען נאַס פון שווייס און מיד פון אָנשטרענג. דאָך איז פאַרנאַכט געבליבן אַ באַרג העמדער און בלוזקעס צו פּרעסן, אָנגעלייגט אין די דינע ניילאָן־זעק.

די פרוי קלאַראַ ליטקע איז אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטע און געשריגן אויפן קול:

— וווּ איז מזל געפאַרן זוכן „איר שאַץ״? ווי קאָן מען דאָס נישט קומען צו דער אַרבעט, ווען אַלע וואַרטן אויף די וועש?

אין הארצן האבן אלע פרויען געטראכט: מסתמא האט עפעס געטראפן איר משפחה אן אומגליק, א שאד...

גערן וואלטן זיי זי באזוכט. ווייסן זיי אבער נישט ווו צו זוכן מזל אין דעם לאבירינט פון צריפים.

נאך צוויי טעג איז מזל צוריקגעקומען. אן אויפגעפרישטע, אויפגעהייטערטע, גאר אן אנדערער מענטש.

— איך בין געפארן צו מיין שוועסטער, האט זי פון דער טיר דערקלערט. איך האב פון איר באקומען א קארטל, אז די קינדער זענען קראנק, האט זי גענומען דערציילן, באשפריצנדיק די וועש. אלץ האב איך איבערגעלאזט און געפאָרן. וואָס מיינט איר, אז מיין שוועסטער וואלט זיך אליין אן עצה געגעבן מיט קראנקע קינדער? איך האָב אָפּגעקאכט א טאָפּ עסן, אַלץ צוגעגרייט אין אייז־קאסטן און ווען עס איז נאך פינצטער געווען, בין איך געלאפן צום ערשטן אויטאבוס. איך האב נאך א לירה געגעבן א שכנה, זי זאל מיר אויפפאסן אויף די קינדער. צען קינדער האט זי, מיין שוועסטער. קיין זאך פעלט איר נישט. דער מאן פארדינט גענוג. שטיצע קריגט זי גענוג. א גוטע דירה האָט זי באקומען און קיין לעבן איז נישטאָ ביי זיי. נישט קיין סדר, נישט קיין ווירטשאפט. א פוילעניץ איז זי, צוויי פאפירענע הענט — צארנט מזל — ווען איך קום צו איר, טרעף איך זי ליגן אין בעט אדער אויפן בעט, א גלאז קאווע קאן איך ביי איר נישט טרינקען. אלץ ליגט שמוציק אין דער וואש־שיסל. די קינדער גייען ארום ביי איר הונגעריק, שמוציק און אפגעריסן. כ׳נעם שרייען אויף איר:

— וואס פארא ווירטשאפט איז דאָ ביי דיר? ווי קאָן מען אזוי לעבן? בארג איך ביי א שכנה א וועגדל און באד זיי אלע אויס. כ׳פאריכט די וועש, וואש אלץ אויס, ווי עס דארף צו זיין. טו זיי אן פריש און שמעקעדיק. ווי שיין זיי זענען, גאלד, אמתדיק גאלד איז נישט אזוי ליכטיק.

— מזל! — זארג זיך פאר זיך! — פאלט אריין די באלעבאסטע אין אירע רייד. ס׳איז פאר פסח, די ארבעט מוז פארטיק ווערן.

— ניין, ניין! — רייסט זי האסטיק איבער — מזל לעבט נישט נאר פאר זיך... יעדעס מאל, ווען איך קום צו איר, קיין קרית גת, מאך איך איר פסח אין אלע שטיבער. רייניק אויס אלע ווינקעלעך, און זי, די פוילעניץ איז נאך ברוגז!

✶

די פארפסחדיקע ארבעט איז אנגעיאגט געווארן. אזא שד איז די מזל, אז ווי נאר זי גיט זיך א נעם צו פרעסן, וואקסן בערג אויס־געפערטיקטע, אויסגעסדרטע שטיקער וועש נעבן איר.

צופרידן זענען די פרויען, וואס מזל ברענגט אריין אביסל לעבן אין דער פרעסעריי. תמיד האט זי וואס צו דערציילן און רעדט צו זיי אפן און היימיש. וואונדערן זיי זיך, וואס זי איז מיטאמאל שטיל געווארן.

איר הארץ איז פול מיט ווייטיק. ווערטער צאפלדיקע ווילן זיך ארויסרייסן ווענן דעם נבל, וואס האט אלץ אויף איר פלייצע ארויפ־געווארפן. זי ווייסט אבער, אז איצט איז נישט די צייט. אן אויפהער קלינגט דער טעלעפאן. די פארפאקטע פעקלעך וועש ווארטן אויף דער מאשין, וואס וועט זיי צעפירן, פעק מיט געפרעסטע פארהענגלעך. אויף די שטאַנגעס אויסגעהאַנגען בלוזקעס און קליידער, וואָס וואַרטן אויף זייערע אָפנעמער. אין א טאג צוויי, וועט די פרעסעריי אויסגעליידיקט ווערן. דער יום טוב איז שוין ביי יעדער שוועל.

מזל זיפצט וואס אמאל העכער. צום סוף קאן זי דאס שווייגן מער נישט פארטראגן און פרעגט א צערודערטע:

— וואס זאגט איר אויף די היינטיקע קינדער? ווער קאן דאס פארשטעלן זיך, וואס פארא צרות איך האב אויסצושטיין פון מיין זון פון ערשטן מאן!

זי נעמט ארויס פון איר האנט־טאש דעם טייסטער מיט דער תעודת זהות. דארט האט זי די בילדער פון אירע קינדער.

— איר זעט דאָס בילד? — זאָגט זי צו איר נאָענטסטער מיטאר־בעטערין ביים פרעס־טיש — דאָס איז מיין זון, אַזאַ פנים איז נישט צו טרעפן! שיין איז ער, ווי אן ארטיסט! דאס איז ער, זשאק...

אינגאנצן געראטן אין מיין ערשטן מאן... צו פופצן יאר האב איך מיט אים חתונה געהאט.

ווען אלע האבן זיך געגרייט פארן קיין ארץ־ישראל, האט ער געזאגט, אז ער וועט זיין פאסטן נישט אפלאזן... אז... אז... ער גלייבט נישט אין א יידישער מדינה... איך האָב נישט געוואָלט בלייבן אָן משפחה אין קאסאבלאנקא.

— ניין, ניין, האב איך מיר געזאגט, אָן משפחה בלייב איך נישט!
מיט דער עלית הנוער איז געקומען זשאק און גלייך אוועק אין א מוסד לערנען. א קאפ האט ער, ווי זיין פאטער, אלץ כאפט ער אויף גיך און הענט זענען ביי אים גאָלדענע. ווי נאָר ער האָט געענדיקט דאָס לערנען, האט ער גלייך א פיינעם פאסטן באקומען. נאר וואס קומט ארויס פון זיין ארבעט? א פארשווענדער איז ער, א גרויסער ביזבוז־ניק! תמיד הער איך פון אים דאס זעלבע: העיקר — זה לעשות חיים! געגוג פארדינט ער אין עלעקטריע־געשעפט, אן עבירה זיך צו באקלאגן. נאר גארנישט ווערט פון זיין געלט, אלץ גייט אוועק מיטן ווינט...

וויפל מאל האב איך אים געגעבן צו פארשטיין: זשאק חביבי, לייג אוועק א פונט צו א פונט... טראג אוועק יעדן חודש אין באנק אביסל געלט אנזאמלען, קומען צו א שיכון... חתונה האבן. אָט דארפסטו באלד זיך צושטעלן אין צבא. און וואס וועט זיין דערנאך? וואס וועט זאגן אילנה?... איר ווייסט? זי קען דאך אן אים נישט לעבן. אזוי ווי זי קומט נאר פון תיכון, גיט זי א ווארף דעם תיק, עסט אפ און שוין כאפט זי דעם ראווער און פליט אין דער מעברה... כ'זע, אז דאס הארץ גייט איר אויס... כאפט זי די קליינע שמחה אויף די הענט, קושט זי אויס, זעצט זיך אוועק פארן צריף אויפן זאמד שפילן מיט איר. בחיי, זי שפילט זיך מיט איר, ווי מיט אן אייגן שוועסטערל.

מאנכעס מאל גייט ער אוועק מיט איר אין א קולנוע, אדער אין א מסעדה. עסן אָפּ א חומוס מיט א פלאפל, גייען דאָ... גייען דאָרט... קומט שפעט ביי נאכט אהיים...

— זשאַק, זאָג איך צו אים, דאָס איז נישט אַ מיידל אויף אַרומפירן זיך מיט איר אין מסעדות, זאָג איך צו אים. מ׳דאַרף טראַכטן פון אַ חתונה. איך וועל צוגיין צו איר מאַמען. זאָגן, אַזוי און אַזוי ווי אונדזערע קינדער גייען מיט זיך אַרום שוין אַ לאַנגע צייט, זאָלן מען זיי חתונה מאַכן. איך וועל געבן, וואָס איך קאָן געבן, איר וועט אַרויס־העלפן, ווי איר פאַרשטייט... אין די היינטיקע צייטן דאַרף מען לאַנג נישט וואַרטן... דרייט ער אָבער מיטן קאָפּ און ברומט: — זיי וועלן נישט וועלן אַן „אונדזעריקן". נישט איינמאָל בין איך אַרומגעגאַנגען אַרום זייער הויז אין ביאַליק, אַן אַרמון איז עס. איר פּאָטער זיצט אין אַ חדר מיט ביכער אויף אַלע פיר ווענט, טייער מעבל ביי זיי, אַ גאָרטן מיט ביימער און בלומען... ווער בין איך פאַר זיי? זי איז נישט פאַר מיר! איך האָב ליב אַ מיידל, זאָגט ער, מיט גאָלדענע רינגען אין די אויערן און לאַנגע צעלאָזענע האָר, מיט שיך אויף הויכע דינע קנאַפּל און ווען זי טאַנצט מיט מיר זאָל מיר פינקלען פאַר די אויגן.

ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף אילנה, וואָס ווייסט נישט, אַז ווען זי גייט אַהיים, פירט ער זיך מיט אַנדערע. כ׳וואָלט איר געזאָגט, מיין קינד, דו דאַרפסט ענדיקן דעם בית ספר. לאָז אים אָפּ, ער איז נישט פאַר דיר... איז מיר אָבער אַ רחמנות אויף איר. זי וועט עס נישט אויסהאַלטן. זי קאָן זיך עפּעס טאָן...

די פרויען שאַלטן אויס די פּרעס־אייזנס און זעצן זיך אַוועק צום טיש עסן, אָפּרוען, און אָפּקילן פון דער הייסער יאָגעניש.

מזל בלייבט ביי איר טיש און טוט איר אַרבעט ווייטער.

— קום אָפּעסן, אויסטרינקען אַ קאַווע. ער איז אַ בחור... זיי אַלע זענען אַזוי — באַרואיקן זי די פרויען פון טשעכיע, בולגאַריע און פּוילן — פריער ווילן זיי יעדע און שפּעטער קומען זיי צום שכל, הייבן אָן שפּאָרן געלט, ווילן אַן אַנשטענדיק מיידל, וואָס קאָן פירן אַ שיין משפּחה־לעבן...

מזל לאָזט זיך אָבער נישט איבעררעדן. זי בלייבט ביי איר אַרבעט אַ שווייגנדיקע, ווי די גאַנצע לעבנס־קראַפט וואָלט פון איר אויסגע־

גאנגען. שווימט א שעה נאך א שעה און עס הערט זיך נאר דער שארך פון די אויסגעפרעסטע מלבושים ביים צוזאמלייגן זיי אויף די פאליצעס. מיטאמאל האט זיך די טיר צעעפנט. עס האט זיך באוויזן א געקרייזלט קעפל, א פאר שווארצע אויגן האבן א פינקל געטאן און א ייִנגלש נישט דרייסט קולכל האָט א רוף געטאן:

— אמא, קום אהיים... דער אבא איז צוריקגעקומען...

✶

א וואך צייט איז די פרעסעריי געווען געשלאסן.

אויף יעדן יום־טוב פאָרט אוועק די פרוי ליטקע מיט איר מאן, אין קיבוץ צו איר טאכטער. האבן די ארבעטארינס א „חופש" אויף אויסצורייניקן די דירה און ארײַנפירן דעם פסח, ווי עס איז געווען אמאל אין דער אלטער היים. קויפט איינע א טיש מיט בענקלעך און ווארפט ארויס דעם אַלטן קאַסטן, וואָס קיינער האָט נישט געזען, אונטערן רײַנעם טישטעך. אנדערע קויפן נײַע בגדים, כדי זיך באַנײַען צום חג און פאָרן צו זייערע משפחות, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די שטעט און ווייטע מושבות.

מיט רענצלעך זאכן און מתנות האבן זיי זיך געלאזט איבערן לאנד און צוריקגעקומען צו דער ארבעט מיד און פול מיט איינדרוקן פון די נײַע שיכונים, וואס בויען זיך אומעטום.

דערציילט יעדע פון איר סדר; און איבער אלע טראגט זיך דאס פעסטע קול פון מזל:

— אזא סדר, איז נאך ביי אונדז נישט געווען!

איר פנים האט געשטראלט. די שווארצע האר האָבן ווידער גע־גלאַנצט מיט ברילאַנטין, צוזאַמגענומען מיט קעמעלעך און בלישטשענ־דיקע שפילקעס. די פארביקע בלוזקע אָנגעשטייפט און פריש געפרעסט האט נאך בולטער געמאכט איר פולן גוף. לעבעדיקע בלומען שיינען אראפ פון איר קרעפטיקער געשטאלט. זי אליין איז פול מיט גליק, וואס לאכט ארויס פון איר ליכטיק אנגעצונדן פנים.

די פאליצעס און שטענדערס זענען כמעט ליידיק אין דער פרע־סעריי. נישטא זיך צו וואס צו איילן. טראגט זיך אין דער לופט א ריח פון קראכמאל, וואס איז געבליבן נאך דער אפגעליפערטער וועש. זיי ענדיקן מנוחהדיק די ארבעט, וואס איז איבערגעבליבן און ווילן כאטש אין דער פרעסעריי אפרוען זיך נאכן קאכן און פרעגלען פון פרימארגן ביז נאכט. נאכן באדינען די געסט, וועלכע זענען זיך אנגעפארן אויפן יום טוב.

מזל קאן אבער קיינעם נישט אויסהערן. וואס אלץ זי האט אנצודערציילן: — בחיי, וואס פארא סדר איז ביי אונדז געווען, חזרט זי איבער. מענטשן זענען ארום דעם צריף געשטאנען, ארייננגעקוקט — קוועלט זי פאר נחת.

זי פארהאקט זיך אין די רייד מיט פארלעגנהייט. ווייסט נישט ווי אָנצוהייבן דערציילן וועגן איר מאן, וואָס איז צוריקגעקומען. ווי זי וואלט זיך געשעמט פאר די פריערדיקע רייד, און גיט א זאג מיט א זיפץ:

— אוי מענער, מענער... ווער קאן זיי פארשטיין? ... יא, מיין יצחק איז צוריקגעקומען. וואס מיינט איר, האט ער מיר געזאגט, ווען איך האב אים געטראפן אין צריף? — האסט מסתמא געמיינט, אז איך בין אנטלאפן ערגעצווו, וואס? גלייך האט ער מיר גענומען קושן די הענט, ווי א יינגל איז ער לעבן מיר געשטאנען. מורא געהאט, אז איך וועל אים ווידער אָנזידלען און ארויסווארפן פון צריף. א רחמנות איז מיר געווארן צו קוקן אויף זיין פנים. קייןווארט האב איך אים שוין נישט געזאָגט. אלץ מוחל געווען. און ער חנפעט זיך גאָר צו מיר: — מזל, דו קאנסט נאך נישט דיין מאן. דו ווייסט נישט ווער איז דיין יצחק? איך בין נישט ווי זיי אלע אין דער מעברה, וואס לויפן פאר פסח אין סעד, מען זאל זיי געבן געלט, בגדים, די גאנצע הילף. ניין, ניין! יצחק ציט נישט אויס די האנט! איך בין אוועק זוכן ארבעט אין די קיבוצים, האט ער געזאגט. זיי זענען גאר אנדערע מענטשן און ווילן לעבן נאר צווישן זיך, בויען זיי איין קיבוץ ביי א צווייטן. ביי טאג האב איך אין איין קיבוץ געארבעט, פארנאכט אין א

שכנותדיקן. א גן עדן איז ביי זיי! אויף די טישן שטעלן זיי אָן געקאכטס און געבראטנס, אלע מינים עסן, וואס נאר א מענטש פארגלוסט.

ווי ער רעדט אזוי, האב איך דערזען א קויבער אייער אונטערן טיש און זיך דערשראָקן. יצחק, פרעג איך ביי אים, צו האָסטו די אייער געגנבעט אין קיבוץ?

לאכט ער, דער ממזר:

— וואס בין איך עפעס אזעלכער, וואס גנבעט אין א קיבוץ? יעדן פרימארגן קומט צו מיט א וועגעלע עסן א מיידעלע אין קורצע הויזן, א בובה, און שטעלט מיר אן א טעלער מיט ירקות, קעזן און ריבה. פרעגט זי נאך ביי מיר, צו איך וויל א הארט איי, אדער א חביתה?!

האב איך געזאגט דער תורנית, אז איך בין נישט געקומען אין קיבוץ זיך אנשטופן א בויך און מיינע קינדער זאלן נישט האבן קיין איי אפילו אין יום טוב! מיר איז גענוג די ירקות מיט א לבן, ברוך השם, בין איך נישט הונגעריק און פאר מיינע קינדער האב איך געבעטן געבן די אייער, ווען איך וועל אהיימפארן. ער האט פון אונטערן טיש ארויסגעשלעפט אן עמער אייער מיט שטרוי באדעקט און דער־ציילט:

— פארן אוועקפארן האב איך זיך געשעמט דערמאנען, אז עס קומען מיר די אייער, וואס איך האב די גאנצע צייט נישט געגעסן, נאר די בובה, וואס טיילט עסן אין חדר־האוכל, האט מיך אריינגע־פירט אין לול, געזאגט עפעס צו א פרוי, וואס ארבעט ביי די הינער. האט זי גענומען אן עמער, נישט געציילט אפילו און אנגעלייגט וויפל עס איז אריין. דערנאך האט זי מיר צוויי הינער געגעבן.

— דאס איז א מתנה פון קיבוץ פאר דיין ארבעט, האָט זי געזאגט. דאס זענען די מענטשן פון קיבוץ, גאר אנדערע. פון דעם קאן מען שוין מאכן א יום־טוב האט ער געקוואלן און פון אונטערן בעט ארויסגעשלעפט צוויי ווייסע הינער. דערנאך האט ער ארויסגענומען דעם טייסטער און אוועקגעלייגט אויפן טיש.

בחיי, לאכט מזל און ווייזט די ווייסע, גלאנציקע ציין, וואס זאגט איר אויף אים גאר? — דאס איז מיין פארדינסט, האט ער געזאגט, קויף פאר די קינדער שיך, קליידלעך. קויף ווײַן און קאניאק... ס'איז פסח אין אונדזער אייגענער מדינה... דו ווייסט עס גארנישט, וואס פארא פסח זיי גרייטן אין קיבוץ. מענטשן זאגן, אז די טישן ברעכן זיך אונטער פון כל טוב! נאר נישט יעדער קאן צו זיי קומען צום סדר... דאס הייסט נאר די, וואס האבן דארט א משפחה. ווי ער האט שוין דאס אלץ אויסדערציילט, ציט ווייטער מזל, קוקט ער מיר אין די אויגן און פרעגט:

— „מיינסט אז איך האב פאר דיר גארנישט געבראכט? אלע מאל איז מיר א בושה געווען, וואס מיין ווייב האט נישט קיין פיינעם זייגער. צו קומט דיר נישט א פיינער זייגער, ווי אנדערע האבן עס? צי ארבעטסטו נישט טאג און נאכט פאר דער משפחה"?

מזל בלייבט שווייגן א רגע, ווי זי וואלט געוואלט זען וואס פארא איינדרוק ס'מאכן אירע רייד, אפשר גלייבן זיי איר נישט? מיינען, אז זי וויל זיך נאר בארימען? זי לייגט אריין די האנט אין בוזעם, שטעלט אוועק דאס פרעסל אין א זייט און ציט ארויס א טיכעלע. וויקלט עס אויף פאוואָליע, פאַרזיכטיק און ווייזט אלע א גאלדן זייגערל.

די פרויען וואָס זיצן ביי דער זייט פון פענצטער ביי דער אַרבעט פון קונסט־שטאָפעריי, גייען צו נענטער, קוקן אָן דאס זייגערל מיט מבינות און הייבן זי אן צו מוסרן:

„זעסט, מזל, אומזיסט זיך געמאכט פארדרוס... געזארגט, געוויינט, אויפגעגעסן זיך דאס אייגענע הארץ..."

גלייך גייען זיי צוריק צו זייער ארבעט צופרידן פון דעם שלום־בית אין מזלס משפחה און שמייכלען צו זיך: „די מענער זענען, ווי גרויסע קינדער. טומלען, רודערן מאכן אן צרות, נאר אָן זיי איז ערגער..."

מזל פארגינט זיך נישט לאנג צו קוקן אויף איר טייערער מתנה. זי פארוויקלט עס צוריק אין קליינעם נאז־טיכעלע און לייגט צוריק אויף זיין שטענדיקן ארט. מיט אנערקענונג גיט זי צו:

— עס איז נישט א זייגערל, ווי ביי די אשכנזים... גרויס ווי א קאַװעלע, ס'איז אן אמתער זייגער!

זי שאלטעט איין דאס פרעסל און נעמט זיך פאמעלעך און לייכט צו פרעסן א זיידן רעקל.

די אייגנטימערין פון דער פרעסעריי איז נאך נישט צוריקגעקומען. איר קרובה האלט די שליסלען און זיצט אויף איר ארט ביי דער קאסע. זי האָט אלעמאל הנאה פון מזלס רייד. דווקא, ווען זי שווייגט, גייט איר נישט די ארבעט. זאָל זי רעדן, טענהט זי אלעמאָל איין מיט איר קרובה, סיי ווי ארבעט זי שנעלער פון אלע און ברענגט אריין א היימלעכקייט אין דער פרעסעריי.

„אלץ האט ער פון צריף ארויסגעווארפן אויפן פעלד, דערציילט מזל א באנומענע, אויסגעמאלט די ווענט, אויסגערייניקט יעדעס ווינ־קעלע. א טיש האבן מיר אנגעשטעלט, ווי ביי די וותיקים, די קינדער האבן די קשיות געפרעגט. אלץ ווייסן זיי, און פון בית הספר אויס־געלערנט. נחמן, מיין זון פון צווייטן מאן, האט געזונגען די אלע לידער, וואס ער האט אין דער תנועה אויסגעלערנט. וויפיל כוסות מיר האבן דאס אויסגעטרונקען און זשאק האט אויך מיט אלעמען מיט־געהאלטן. יצחק האט אים ליב באקומען ווי אן אייגענעם זון.

— איר וועט זען, פארזיכערט מזל האפערדיק, דעם צווייטן סדר, וועלן מיר שוין מאכן אין אן אייגענער דירה. אין א נייעם שיכון! איצט וועט שוין זשאַק שפּאָרן, ער האט צוגעזאָגט צוצוהעלפן... ער וועט שוין זען עס זאל זיין א פריזשידער. גענוג זיך אנגעליטן מיטן שלעפן אייז. אלץ וועט ביי מיר זיין, ווי ביי די אשכנזים. א סך פון דער מעברה זענען שוין אוועק אין די נייע שיכונים. איר אלע וועט נאך קומען צו מיר אין דער נייע דירה. אין דער מעברה האב איך קיינעם צו זיך נישט געבעטן, פארטיידיקט זיך מזל. נאר בעטן זענען ביי מיר אויסגעשטעלט, ווי אין א שפיטאל. אלע מאל האב איך געדאנקט גאט, וואס מיין צריף איז דער לעצטער. קיינער הערט נישט די מחלוקות און געשרייען. און איצט באדויער איך, ס'קאן נאך אזוי געשען, איך זאל ארויס די לעצטע פון דער מעברה.

מיר אלע גיבן דאך...

א גרויער פראָסט איז געהאָנגען איבער דער מעברה, ווען תמר איז ארויס פון צריף. פון דער שוועל האט זי נאך אַמאל זיך איינגע־קוקט אויף די קינדער, צי זיי זענען צוגעדעקט און שטיל פארמאכט נאך זיך די טיר.

דער ווינט האט א ריס געטאן איר קאפ־טיכל, מיט בייטשן געשמיסן אירע בארוועסע, בלויע פיס פון דער קעלט. אין אויסגערי־בענעם סוועטער, אין דינעם לייַנען־קלייד, האט זי געיאגט איבער די פארפרוירענע גרודעס ערד פון די פוסטע פעלדער, צו דער אויטאָבוסן־סטאציע.

איר גרין אֲליון פנים, איינגעקורטשעט פון קעלט, איז נאָך טונקע־לער געווארן, מיט טיפע שווארצע ראנדן ארום די אויגן. קוים האט זי דעם אטעם געצויגן, לויפנדיק פארויס, אין דעם ווויענדיקן ווינט־שטורעם.

דער אויטאבוס איז אנגעקומען כמעט א לערער. נאר אייניקע בחורים און מענער זענען געפארן צו דער ארבעט. דער רוב עולים פון אינדיע, מאַראָקא, זענען אריבער אין די נייע שיכונים. אין דער מעברה זענען נאר די ארבעטסלאזע און קראנקע געבליבן.

— וווהין אין אזא קעלט ? — פרעגן זיי די שוואנגערע תמר און באלד פארמאכן זיי די אויגן, ווי געוואָלט איבערשלעפן דעם וועג, נישט פילן דעם פראָסט, וואס שניידט ווי מיט מעסערס, דערגייט ביז צום מאַרך פון די ביינער.

— מ׳דארף זוכן ארבעט... אכט קינדער אין דער היים... — גלייך בלייבט זי שטיל. שווייגט. וואס קאן דען העלפן דאס רעדן ?

קיינער פון די מיטפאָרער פרעגט נישט, פארוואס דוד, איר מאן, גייט נישט זוכן אן ארבעט ?

זיי ווייסן :

א מאדנע קראנקייט איז אים באפאלן. ער פארשטייט אלץ, זעט אלץ וואָס טוט זיך ארום אים, נאר קיין זאך גייט אים נישט אָן. חדשים ליגט ער אויף זיין שטרויזאק אָן ווילן. אויסגעלאשן, גלייכגילטיק. מיטאַמאָל גיט ער זיך א כאַפּ אויף. לויפט אין דער לשכת־עבודה, שרייט, טומלט און קומט צוריק א דערשלאגענער, ווי דאס לעבן וואלט פון אים אויסגעגאנגען, נאר דער גוף וויל זיך נאר אלץ נישט אונטערגעבן. פירט א מלחמה מיטן טויט.

איבער די נייע שיכונים פון קורדניה, שפאנט תמר נישט דרייסט. ווייסט נישט ביי וועלכער טיר זיך אָפּשטעלן. אָנקלאַפּן.

לויפט פארביי א פרוי אין א לאנגן ווינטער־מאנטל מיט א טעקע אין דער האנט. זי איילט קיין חיפה צו דער ארבעט. בלייבט שטיין א רגע. באטראכט די פרוי אין קורצן קליידל, וואס צעשפארט איר פולן לייב און ווארפט גיך ארויס:

— קומט צו פארנאַכט צו דעם־אָ הויז... כ'האָב פאַר אייך א מאנטל... א פאָר ווארעמע שיך... איצט האָב איך נישט קיין צייט... — און לויפט ווייטער איבערן וועג, אָניאגן דעם אויטאבוס, וואס האט פארשפעטיקט.

תמר בלייבט שטיין אן איבעראשטע. וויל עפעס זאגן דער גברת. די טרערן לאזן נישט. שטיקן אין האלדז. גיט זי א שאקל מיטן צעפלאָשטן קאפ מיט דאַנקבאַרקייט און דרך־ארץ. נישט אלע זענען שלעכט, גיט א צאפל איר הארץ. א דערמוטיקטע שטעלט זי זיך ביי דער ערשטער דירה. קלאפט אן אין דער טיר.

מאכט אויף א פארשלאָפענע פרוי אין א וואָלענעם מארגן־קלייד. פון דער שטוב טראגט זיך א ליבע, היימישע ווארעמקייט.

טרוקן און קאלט גיט זי א פרעג די פרעמדע, וואס שטייט נישט דרייסט אויף דער שוועל:

— וואס ווילט איר?

— איך זוך ארבעט... איך וואש... פרעס... איך קאן אלץ מאכן אין א שטוב... ווארפט ארויס תמר אין איין אטעם, ווי זי וואלט מורא

געהאט, אז גלייך וועט זיך פארמאכן די טיר און זי וועט נישט באַ־ווייזן צו זאגן אלץ, וואס זי איז גרייט צו טאָן.

מיטביידע הענט פארשטעלט זי דעם הויכן בויך, וואס שטארט ארויס פון שמאלן זומער־קליידל און קוקט מיט א בעטנדיקן בליק אויף דער באלעבאסטע.

די טיר האט זיך אבער נישט פארקלאפט. רעדט זי ווייטער אייליק און הכנעהדיק:

— איך האב געארבעט אין א בית־תינוקות. אלע זענען געווען פון מיר צופרידן... און שטיל פארענדיקט זי:

— כ'האב אכט קינדער אין דער היים... מיין מאן איז קראנק...

טראכט די באלעבאסטע:

— אויב אן עוזרת... איז כאטש א געזונטע... א שטארקע... נישט סתם אזוי, פון דער גאס אראפ...

די צווי הענט אויפן בויך אויסגעלייגטע, האבן א ציטער געטאן. די פרוי אין מארגן־קלייד האט דעם ציטער אויפגעכאפט און ווי ער וואלט זי מיט א מורא אנגעפילט, האט זי מיט א פריינטלעכער שטים געזאגט:

— קומט אריין... איר וועט מיר אויסוואשן א ביסל וועש, אויפ־ראַמען.

זי האָט אריינגעפירט תמרן אין דער גרויסער קיך מיט מאָדערנער איינריכטונג. אויף דעם ברייטן קיך־טיש זענען געלעגן אנגעלייגט שמוציקע טעפּ און טעלער, רעשטלעך פון עסן פון נאכטמאָל און פרישטיק.

דער אומווילן צו א „מענטש סתם פון דער גאס", איז צערונען. היימישלעך און פשוט האט די באלעבאסטע געפרעגט:

— צי האט איר שוין היינט וואס געגעסן?

תמרס בלאסע ליפן האָבן זיך נישט באוועגט.

נעמט די פרוי אין מארגן־קלייד שמירן פעניצער ברויט, באלייגן מיט ווייסן קעז. דערלאנגט א טעפל הייסע קאווע, טראכטנדיק: נאך א נפש וועט מיטעסן... זי האט נישט געקענט פארנעמען אירע בלויע,

באָרוועסע פיס אין די צעטרעטענע לאַטשן און א פרעג געטאָן מיט פארדרוס:

— ווי אזוי גייט איר דאס ארום א בארוועסע, אין אזא קעלט? מיינע קינדער טראָגן אוועק פעק מיט מלבושים אין בית־ספר פאר די עולים...

— מיר האבן נישט באקומען, גברת — הייבט תמר זיך פאר־טיידיקן, ווי א שולדיקע — אין דער „סאציאלע‟, האט מען מיר גארנישט געגעבן. חנה פון משרד האט געזאגט, אז זי וועט מיר צוגרייטן פאר די קינדער ווינטער־זאכן, נאר דאס זענען געווען אלטע „סמר־טוטים‟. איך האב זיי דארט איבערגעלאזט — פארענדיקט זי מיט אן אראפגעלאזטן קאפ.

זי טרינקט דורשטיק די ווארעמע, פארווייסטע קאווע און רעדט מער צו זיך ווי צו דער גברת:

— די קינדער גייען נישט איצט אין בית־ספר, זיי האבן נישט קיין שיך, קיין זאקן... וואש איך אויס מיין קלייד, זיץ איך איינגע־הילט אין א דעקע, ביז עס טריקנט אויס...

— אזוי? אזוי גאר — וואונדערט זיך די באלעבאסטע, וואס האט זיך ערשט וואס אריינגעצויגן אין דעם נייעם שיכון. אזא ארעמקייט, דאָ אין חיפה, ביי אונדז? הונגער און קעלט? אָבער מיר גיבן דאך — חזרט זי איבער, ווי געוואלט רייניקן פון איר מיטשולד — מיר אלע העלפן מיט געלט, מיט זאכן, וווּ קומט דאס אלץ אהין?

תמר איז נישט פויל. זי וויל ווייזן, אז טראץ „דעם מצב‟, קאן זי ארבעטן. זי פוצט די נייע פאטעלן. שלעפט די גרויסע טעפיכער. וואשט די פאדלאגעס. שווימט א שעה נאך א שעה, נאר אירע לאנגע, אדערדיקע הענט שטייען נישט אפ. געשיקט גליטשט זיך דאס פרעסל איבער העמדער און בלוזקעס. נאר מיט די געדאנקען איז זי אין איר היים, ביי די קינדער.

זי קאן אבער נישט טראכטן אין זיך, אין דער שטיל. רעדט זי נישט דרייסט, שעמעוודיק:

— אוי, זענען דאס פרעסער, מיינע קינדער... אין איין רגע

צעשנייד איך א ברויט — לאכט זי נחתדיק מיט אירע גרויסע, ווייסע ציין — די גברת וועט נישט גלויבן, פינף ברויטן א טאג צעשנייד איך און אלץ איז זיי ווייניק. גוטע קינדער, ברוך השם. די בעסטע אין דער כיתה.

ווי פלוצים וואלט אין איר א נייע האפענונג אויפגעגאנגען, הייבט זי זיך אן אליין צו טרייסטן:

— עס וועט נאך גוט זיין! זאלן נאר די קינדער אויסוואקסן! באלד וועט קומען דער זומער... דארפן זיי גארנישט. בארוועס און אין תחתונים לויפן זיי ארום... און מיין מאן איז א גוטער מענטש, פארנעמט זיך מיט זיי. וואשט, גיט צו עסן, רוימט נאך זיי. אוי, האט ער ליב די קינדער... נאָר א קראַנקער נעבעך, קיינער ווייסט נישט וואס אים איז...

א גליקלעכע ציילט זי די לירות. פארפאקט זיי פארזיכטיק אין קליינעם בייטעלע. נעמט א פעקל קינדער־זאכן. סוועטערלעך און א מאנטעלע און וויל גיכער זיין צוריק אין צריף, אין דער מעברה.

ביי דער אויטאבוסן־סטאציע שלאגט זי זיך מיט דער דעה:

— אפשר בעסער צוגיין צופוס, איינשפארן א בילעט?

אירע מידע פיס, פאמעלעך און שווער הייבן אן שפאנען פאראויס.

סטאנדארט

צופעליק האבן זיי זיך געטראפן אין א קאלטן ווינטער־פרימארגן אויף דער הרצל גאס, אין חיפה.

א קלינגענדיקע שטים האט מיטאמאָל אויסגערופן:

— רייזעלע! דערקענסט מיך נישט? מיר זענען דאך געווען אין איין באראק! שטענדיק האָב איך באדויערט, וואָס דו ביסט גע־שטאָרבן, און איצט, טרעף איך דיך אין ישראל! וואס אַלץ דער גורל קאן צונויפפירן!

רייזל האט זיך איינגעקוקט אויף דער פרוי אין טייערן ווינטער־מאנטל מיט דער מאדערנער, ברוינער לעדערנער האנט־טאש. א סך מאל האט זי זיך געטראפן מיט מענטשן, וואס האבן זי נישט געדערכנט מער צווישן די דאיקע און פשוט אויסגעהערט די משונהדיקע רייד.

זי האָט אין איר נישט דערקענט איינע פון די טויזנטער פרויען, וועלכע זי האט אין קאצעט, אין שטוטהאף באגעגנט.

לכבוד דער באגעגעניש זענען זיי ביידע אריין אין א קאפע. אוועק־געזעצט זיך ביי א טישל. באשטעלט א פארבייס.

רייזל האט נייגעריק באטראכט איר פנים, באצויגן מיט דינע קנייטשן, באדעקט מיט א ראָזעווער שיכט פודער און גענומען זיך דערמאנען —

— יא, איך ווייס שוין... איר זייט שטענדיק געזעסן ביים פענצטער מיט א דעקע אויפן קאפ...

— ס'שטימט, האָט די פרוי מיט א פארלעגנהייט באשטעטיקט. איך בין עס געווען... צוליב דער אסטמע, בין איך שטענדיק געזעסן ביים פענצטער. נישט געהאט קיין לופט, געשטיקט זיך...

— ווי דו זעסט, האט זי גאר היימיש ארויסגעוואָרפן, האב איך איבערלעבט.. וואס אלץ א מענטש קאן מיטמאכן, אליין זיך געוווּנ־דערט, וואס אירע כוחות האבן איבערגעטראגן.

אין איין אטעם האט זי גענומען אויסדערציילן אלץ, וואס האט מיט איר פּאסירט נאָך דער באפרייאונג, ווי פּאַר אַ נאָענטן מענטשן, וועלכן מען געפינט נאָך יאָרן צעשיידונג.

הערט רייזל א געשיכטע פון וואנדער מיט דער בריחה. מיט באגייסטערונג און א סודותפולן ווונק מעשיות וועגן ליבע־פּאסירונגען „ראמאנען צו שרייבן", קאן שוין רייזל נישט פרעגן איר נאמען, אין וועלכער שטאָט זי האָט געוווינט.

אין קאנצענטראציע־לאגער, שטוטהאף, האט יעדע געהאט א נומער אויף דער האנט אויסגעטאטוירט. געשעמט זיך צו דערציילן דעם אמתדיקן פאמיליע־נאמען. איז דען וויכטיק ווי מען הייסט, ווי אזוי געלעבט אמאל, ווען ארום, אויף די שמוציקע שטרויזעק, אויפן דיל, ליגן הונדערטער פרויען, צונויפגעפירטע פון אלע לענדער פון אייראפּע.

א צעטומלטע הערט רייזל פּליסיקע, נישט געצוימטע רייד און דערנאָך:

— דערצייל מיר עפּעס וועגן זיך... ווי אזוי האסטו זיך געראַטעוועט, ווען אהערגעקומען? ווי האָסטו זיך איינגעאָרדנט? האָסטו א משפחה, א...

רייזל וויל זיך אָפּטרייסלען פון די אלע פראגן אין א פּלוצימדיקער באגעגעניש. גיט זי א קוק אויפן קליינעם האנט־זייגערל און ווארפט ארויס:

— באלד קומט ס'קינד פון גן... ווי שפּעט איז שוין? איך מוז צוריק... פארשרייב זיך מיין אדרעס... איר קול איז דערשטיקט, ווי די שאטנס פון נעכטן וואלטן איר אפּגענומען דאס לשון.

אין זכרון האט זי זיך איינגעחזרט:

... א גרויער מאנטל, א ברוינע האנט־טאש, א לענגלעך, העל פּנים...

✶

אין דער פרי האָט ווער האסטיק אָנגעקלאפּט אין דער טיר, אריינגעקומען נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער.

אויף דער שוועל פון דער שיכון־עולים־דירה איז געבליבן שטיין א יונגע פרוי אין א ברוינעם וואַלענעם קאסטיום מיט א העלער האנט־טאש און העלע שיכעלעך אויף דינע, שמאלע קנאפל. פריש געקעמט מיט א בוקעט בלומען אין דער האנט.

מיט א רחמנות בליק איז זי געשטאנען און באטראכט דאס קליינע קינדער־שטיבל.

— ביטע, קומט אריין... האט רייזל אנגעוויזן דעם „עס־צימער" און פארטיידיקט זיך:

— כ'האב נאָך נישט באוויזן צוראמען... ערשט געקומען פון שוק...

די פרוי, וואס איז געקומען פון חיפה אויף א באזוך אין שיכון, האט זיך אוועקגעזעצטביים שמאלן טישל. איר נעבעכדיקער בליק האט געוואנדערט איבער די ווענט, די פארהענגלעך אויף די פענצטער און אויפן מעבל. איר פנים איז געווען פול מיט באדויער, ווי זי וואלט זיך גאר אן אנדערע דירה פארגעשטעלט צו טרעפן. דאסמאל איז זי געווען אין אן ערנסטער שטימונג. א מאדנע פרעמדקייט האט זיך געטראגן פון איר שטייפער האלטונג.

רייזל האט ארויסגענומען איר טעשל פון דער האנט, אוועקגעלייגט אויפן טיש און גענומען פריינטלעך אויספרעגן:

— ווו וווינסטו? ווי האסטו זיך איינגעארדנט? זי האט אויפגע־האנגען איר זשאקעט אויפן בענקל און געווארט אויף אן ענטפער.

בכיוון נישט געפרעגט וועגן קינדער, ווייל די קללה פון קינדער־לאָזיקייט, האט זיך אנגעזעצט אויף דער מערהייט פרויען פון די קאצעטן.

ווייל די פרוי האָט שווייגנדיק געטרונקען דעם טיי אָן ארויסצורעדן א ווארט, האט רייזל ווייטער אויסגעפרעגט:

— ווו ארבעט דיין מאן? ווי לעבט זיך אייך?

קוקט די פרוי מיט א רעזיגנירטן בליק אויף איר און ענטפערט מיט א זאָג:

— סטאנדארט...

— ווי אזוי זאל איך דאס פארשטיין? — פרעגט איבער רייזל און

שטעלט אוועק איר טיי אין מיטן טרינקען א פארוואונדערטע. אין וואָס פארא זין — סטאנדארט ?

— גאנץ געוויינלעך... ענטפערט די פרוי, פארבייסנדיק דעם קוכן. מיר וווינען אין א סטאנדארט שיכון עממי, צוויי שטובן מיט א קיך, א סטאנדארט־בופעט...

פאלט רייזל אריין אין אירע רייד:

— נו, דאס איז דאך גארנישט קיין סטאנדארט! אזא וווינונג אין די רייכע אייראפעאישע לענדער האלט מען פאר א לוקסוס און א סך פארמעגלעכע מענטשן קאנען עס נישט דערגרייכן. א שאנק מיט פיר טירן, א בופעט און א סאָפע איז היינט אויך נישט קיין סטאנ־דארט. דער רוב עולים האט געקויפט צנע מעבל אויף אויסצוצאלן... איר... דו... דארפסט זיך נישט באקלאגן, אויב נאר דיין מאן ארבעט... און אויב נאך אזא מלחמה...

רייזל האט מיטאמאל איבערגעריסן, ווייל זי האט דערזען אין די אויגן פון איר גאסט הייבן אָן זיך צו צינדן פונקען.

— יא, יא... מיין מאן ארבעט, הייבט אָן די פרוי מיט א שטעכיק געלעכטערל. באקומען די פענסיע, אויפגעגעסן די פענסיע, קאן איך ווען אמאל ארויספארן אין א טייערן פענסיאנאט? האבן א פאר־געניגן פון לעבן? יעדעס מאל א בית־הבראה אין א קיבוץ און ווידער סטאנדארט... דאס איינציקע, וואס האלט מיך אין לעבן, איז מיין מאן! גאט זיי דאנק וואס איך האב אים געפונען נאך דער מלחמה! דאס פארגאנגענע וויל איך מער נישט דערמאָנען. געווען אמאל... דאָך מיט א שטילער אומעטיקער שטים הייבט זי אָן צו דערמאנען:

— גארנישט איז געבליבן פון מיין וואונדערבארער וווינונג, מיינע טעפיכער און סערוויזן. אזעלכע קרישטאלן, ווי איך האב געהאט, זעט מען נישט אין די שויפענצטער פון חיפה...

ווערט רייזל צערודערט פון די רייד און פארגעסט, אַז לעבן איר זיצט א פרוי, וואס ערשט נעכטן איז זי געווען אזוי גליקלעך זי צו זען ווידער און פרעגט שארף, מיט ביטערקייט:

— ווי קאָן מען באַדויערן ווינונגען, טעפּיכער און סערוויזן, אַז א גאנצע וועלט איז אומגעקומען! אונדזערע עלטערן זענען פארברענט געווארן! זיי האָבן דאָך נאָך געקאָנט לעבן! ווו זענען אונדזערע משפחות? וואס איז דא צו רעדן וועגן קרישטאלן? באַדויערן די טעפּיכער! דו לעבסט היינט אין א יידישער מדינה, האסט באַקומען א ווינונג, דיין מאן ארבעט און פארדינט... דארפסטו זיין צופרידן!

יאָ, מיר זענען זייער צופרידן וואָס מיר לעבן, וואס מיר זענען געזונט — הייבט אָן די פרוי ביים טיש איראָניזירן. מיר זענען רק צופרידן. אבער אנדערע וווינען אין ווילעס, יעדער גאַרנישט פאַרט מיט אן אייגענעם קאַדילאַק!

איר צערייצטע שטים רייסט זיך איבער. מיט א רעזיגנאציע ווארפט זי ארויס:

— שוין נישטא די יארן פון אמאל, נישטא קיין כוחות אויף מאכן רעוואלוציעס...

ענטפערט גאַרנישט רייזל, די טאָכטער פון א באַקאַנטער נגידישער משפחה אין בענדין, אויף די אלע טענות. זי האט געוואלט דערמאנען די לאגער־שלעגערין לענא, וואס איז אין ערשטן טאג נאך דער מלחמה אין מיטן מארק געשאסן געווארן פון א רויט־ארמייער. דעם דייטשן אָבער־שארפירער, וועלכן די קאצעטלער האבן צעמימתט איידער ער האט באוויזן צו אנטלויפן. געוואלט אויספרעגן וועגן די איבעריקע פרויען און מיידלעך, וואס האבן זיך גראטעוועט און איבער דער וועלט צעלאָפן זוכן די פארלוירענע משפחות. קיין ווערטער האָבן אבער אויף איר מויל זיך נישט געלייגט.

האט די פרוי ארויסגענומען פון איר האנט־טאש א נאטיץ־ביכעלע און פארשריבן איר פאמיליע־נאָמען מיטן אדרעס, איינגעלאדן רייזלען אויף א באזוך און גענומען זיך אָנטאן.

— איך וועל אייך באגלייטן צום כביש, צום אויטאבוס, האט רייזל געזאגט אין א געדריקטער שטימונג און צוזאמען מיט איר גאסט ארויס פון דער שטוב.

אויף דעם וועג צו דער אויטאָבוס־סטאציע, האט די פרוי קורץ,

מיטן זעלבן באדויער אין איר בליק, ארומגענומען די ארטשאפט, די בנינים פון שיכון־עולים און א פרעג געטאן מיט מיטגעפיל:

— ווי קאן מען דא וווינען? אין א קריה... אַן גאסן... אַן געזעלשאפט? אונטער דער שטאָט... ס'איז וועגעטאציע...

איז מיטאמאל צערונען ביי רייזלען די געדריקטע שטימונג. מיט א הארציק געלעכטער האט זי איר אפגעענטפערט, אנרופנדיק ביים נאמען, ווי זי האט עס אויף איר צעטעלע אויסגעלייענט:

— גינא, האָסט מיך נישט וואָס צו באדויערן... ס'וווינען דא מענטשן פון גרויסע שטעט פון גאנץ אייראפע! פון ווין און בערלין, פון פראג און פוןווארשע, און די פון די קליינע שטעטלעך זענען גאר־נישט ערגער! איך האב דאָ זייער א גוטע געזעלשאפט פון מענטשן מיט הויכער בילדונג און גרויסע שטעלעס! ס'איז דאָ גארנישט קיין וועגעטאציע! — האט זי ארויסגערופן מיט איבערצייגונג און צוגעגעבן, מען קאן אויך וועגעטירן אין די גרויסע שטעט! אין די בעסטע דירות!

די פרייד פון דער באגעגעניש איז אויסגעלאשן געווארן. געטראפן זיך אויף צו דערמאָנען די אַלטע צייטן, טרייסטן מיטן היינט. אויפסניי זיך באפריינדן. צום סוף געזעגנט אנטוישט און אנגעברוגזט. מיט געמישטע געפילן איז רייזל צוריקגעגאנגען פון כביש. באדויערט די שארפע רייד. זיכער וואלט געווען בעסער צו רעדן וועגן פארגאנגענעם זומער, אדער די לעצטע שלאקס־רעגנס, וואס האבן פארגאסן אלע וועגן.

✶

איז אבער קליין די וועלט און די מענטשן דרייען זיך ארום איר, ווי אין דער היים, ארום דעם אייגענעם טיש.

גייט רייזלען אנטקעגן פייגעלע, „דאס אויג פון שיכון", וואָס זעט אלץ און פרעגט גאר פשוט: איר האט געהאט היינט א גאסט? פון וואנעט קאנט איר די פרוי קורץ? מיר ביידע האבן געארבעט אין איין קאָנפעקציע־געשעפט אין קאַטאָוויץ.

ווייסט שוין רייזל, אז זי דארף מער גארנישט פרעגן. באלד וועט זי אַלץ הערן וועגן איר לאגער־באקאנטער פון אמאָל, וואָס ערשט איצט האט זי זיך וועגן איר פאמיליען־נאמען דערוווסט.

— אַ, די פרוי קורץ איז זייער א פיינע פערזאָן, ציט גוטמוטיק די שכנה. נאר נעבעך קיין מזל האט זי נישט געהאט. געוווינט אונטער דער שטאט אין א שטיבל מיט א קרומען דאך. מער ווי א שענקל מיט א בענקל איז אין שטוב נישט געווען... איר מאן איז זייער א ווילער מענטש, א געלערנטער, נאר קיין פרנסה איז ביי אים נישט געווען. זי האט פארן מאגאזין איינקאסירט די ראטעס ביי די ארבע־טער, וואס האבן גענומען מלבושים אויף אָפּצוג. יעדן טאג האט זי אויסגעמאסטן די שטאט מיט אלע גאסן און געסלעך. זייער א טיכטיקע געווען... א פארדינערין און בריה, א באלעבאָסטע... דאָ, א דאמע געוואָרן... מאכט זיך וויכטיק, מיך האט זי גאָרנישט דערקענט! אָבער ס'מאַכט נישט... זאָל זי אויך אמאָל געניסן פון א גוטן לעבן... רעדט אָן איבערייס „„דאָס אויג פון שיכון".

רייזל שפאנט נעבן איר שווייגנדיק. מיט די געדאנקען איז זי אוועק ווייט אין די וואנדערלעכע ווינונגען מיט טעפיכער און קריש־טאָלן פון קאַטאָוויץ, סאָסנאָוויץ, בענדין...

ערשט נעכטן איז ער געקומען...

ערשט נעכטן איז ער געקומען,
אויפן לייב — אן איינציק העמד.
אויפן הארץ א בארג מיט אש,
פון זיין היים, וואס איז חרוב, פארברענט.

ערשט נעכטן איז ער געקומען,
מיט א פחד אָן גרענעץ, אָן ברעג,
ווי דער לעצטער בלאט פון א בוים,
וואס איז מיטן שטורעם אוועק.

און דאָ איז דער וונדער געשען,
דער בלאט האט גענומען זיך מערן,
צעבליט זיך מיט נייעם שטאם —
און ווידער א בוים וועט דא ווערן.

און דא איז דער וונדער געשען,
אין ארעמע, אייגענע ווענט,
ווארט אים א היימישער מאָלצייט —
געגרייט פון צארטע, ווייבערשע הענט.

און קינדער — ווי בלומען מיט חן,
אים ווארטן מיט בענקשאפט אין בליק,
און ווידער אָטעמט זיין היים —
מיט פרוי, מיט קינד און מיט גליק.

ערשט נעכטן איז ער געקומען...

דריטער טייל

בית משותף

אינהאלט

אין דערוואַרטונג (ליד)	197
פרילינג אין די שכונות	198
בית משותף	204
דער טראַקטאָריסט	210
דער קרומער יאַן	216
מיליאַנען	243
גברת רומא	260
טוריסטן	266
א נייער יום טוב אין ישראל	276
פאַרן שטורעם (ליד)	282

אין דערוואַרטונג

הענגען אויגן אויף דער טיר
אויסגעגלאָצט און אויסגעוויינט
וואַלט געקומען כאָטש א בריוו,
פון שוש און פון גבי היינט.

איבער וואַלקנס ווייטע הייכן
איז איר ייִנגל היינט א רייטער,
און די גרינע פעלדער ווייט,
האָט איר טעכטערל פאַרזייט.

איז דאָס לעבן איר אַנטרונען
צווישן הייכן, צווישן טאָלן.
איז דער קיבוץ אַזא ברונעם,
וווּ א מיידל ווערט פאַרפאַלן ?

שבת־ליכטלעך טריפן טרערן,
ביי דעם שבת־טיש דעם לערן.
וואַלט כאָטש גבי אין זיין פלי,
צוגעפאַלן צו דער טיר...

אויגן איינגעפאַלן, אויסגעלאָשן,
אַלע טרערן אויסגעגאָסן.
לאַנגע וואָכן אַפּגעשוווּמען
און פון שוש קיין וואָרט געקומען.

הענגט אויף טיר א שטומער בליק
אין דערוואַרטונג האָפט און וואַכט,
ביז אויף טרעפּ די ליבסטע טריט,
וועלן אויפוועקן די נאַכט.

פרילינג אין די שכונות

די גרינע ווינטער־וואסערן פון חיפהער ים זענען ערגעץ ווייט אפגעשווומען. בלויע, קליינע וואלקנדלעך האבן זיך אפגעריסן פון הימל און אויסגעמישט מיטן ים, אנגעטאן אים אין בלוי.

פון קרית ים און קרית חיים זענען ארויס די קינדער מיט לערע קאנסערוון־פושקעס, מיט די בלעכערנע לעפל גראָבן דעם זאמד, וואָס איז פייכט נאך פון די ווינטער־רעגנס.

טרייבט זיי אהיים דער קערער, שרייט:

— וואס צעטראָגט איר דאָ מיר דעם זאמד, שלעפט צונויף די שטיינער!

— מ׳מאכט א כביש... א מגדל מים — שרייען די קינדער און לאזן זיך נישט פארטרייבן.

— גאט צו דאנקען, ווארעם געווארן. מ׳קאן שוין די קינדער ארויסלאזן פון דער שטוב — רעדן זיך איבער די מאמעס אין קורדניה, אומעטום אין חיפהער אומגעגנט, ווו די קליינע עולים־שטיבעלעך נעמען נישט אריין די מענטשן מיט די זאכן אין זייערע שמאלע, דינע ווענטלעך.

— גאט צו דאנקען, ווארעם געווארן!

ארויס זענען פון די בעטלעך די האלב־נאקעטע קינדער אין די מעברות; גענומען טשלאפען אין די צעריסענע שיכלעך איבער די ברייט־צעגאָסענע קאלוזשעס, קוקן פארחידושט אויף די גרינע ביימלעך, וואס האבן זיך אויסגעפוצט אין פרישע בלעטער און דערמאנען די אלע ערטער פון דער סביבה, וואס זייט חדשים האבן זיי נישט געזען.

— דאָרט איז כּפר־אתא — ווײַזט אַן מיטן פֿינגער דער קלײנער יוסף פֿון באָמבײ.

— נישט אמת, דאָרט איז אַ קיבוץ... ער הייסט כפר מאסא־ריק... — ענטפֿערט חנניה פֿון איראַק.

— און דאָרט איז דער כּרמל! — ציען זיך אויס דאָרע טרוקענע הענטלעך צום באַרג.

דער כּרמל ציט און כּישופֿט די קינדערשע פֿאַרשטעלונג. וואָס אַמאָל אַן אַנדערער איז ער אין זייערע אויגן. פֿרימאָרגן — אַ שוואַר־צער, ווי אַ בייזער וואָלקן וואָלט זיך אויף אים אָנגעהאָנגען, צוגעדעקט. בײַטאָג — אַ גרינער, ערטערווײַז אַ העלער, זאַמדיקער, ציט זיך אַראָפּ צו דער מעברה, ווי ער וואָלט געוואָלט צו איר צו גאַסט קומען. בײַנאַכט איז דער כּרמל באַצירט מיט טויזנטער גאָלדענע לעמפּלעך, שײַנט ליכטיקער, ווי דער הימל מיט אַלע שטערן. דאָרט אויפֿן כּרמל גייען יעדן טאָג איצט אַרויף די מיידלעך פֿון בולגאַריע, פֿון מאַראָקאָ, פֿון איראַק און תּימן וואָשן, רײַמען און פּוצן די פּערסישע טעפּיכער פֿון די רײַכע אשכּנזים, וואָס האָבן די „שענסטע שיכּונים אין דער וועלט".

קומען בײַנאַכט צוריק מיט טאָרבעלעך עסנוואַרג, אָפּגעטראָגענע זאַכן, עטלעכע לירות אין טיכל פֿאַרקניפּט. דערציילן וווּנדער פֿון די גרויסע ליכטיקע שטובן מיט די יופּי־שענק און בעטן, מיט פֿאָרהאַנגען ביז צו דער ערד און קינדער־שטובן פֿול מיט שפּילצײַג.

— מײַן אסתּר איז אַ בריה — רימט בתיה די תּימנערין איר טאָכטער — יעדן טאָג ברענגט זי אַהיים פֿאַר אונדז נײַע מתּנות, געלט און אַליין גייט זי אָנגעטאָן ווי אַ גבֿרת... ווי אסתּר המלכּה... ברוך השם, וואָס זי איז תּמיד נושא חן בײַ אַלע... האָט אַזאַ אַרבעט באַקומען!

— וווּ אַרבעט דײַן אסתּר? — פֿרעגן פֿאַרוווּנדערט די מאַמעס מיט די פּנימער פֿון אויסגעטריקנטע שוואָמען, מיט קליינע, טיפֿע אײַנגעפֿאַלענע אייגעלעך, ווי פֿון דער זון אויסגעברענטע. זייערע צאַרטע,

שטילע טעכטער רוימען אין פאבריקלעך פון מפרץ. קומען אהיים יעדן טאג אפגעהארעוועטע, מידע און קאנען זיך אלץ נישט ארויפארבעטן אויף א קליידל מיט א פאר שיך. די לירות בלייבן אין די שפייז־קרעמלעך פון דער מעברה.

— אויפן כרמל! — ענטפערט בתיה מיט גדלות — ביי א פיינער משפחה, עס זענען אויך דא גוטע אשכנזים, אזוי ווי יידן דארפן זיין. זיי ליבן זי ווי אן אייגענע טאכטער.

קוקן נאך די מיידלעך פון דער מעברה, די שלאנקע, הויכע אסתר מיט גאלדענע קייטלעך באהאנגען, מיט גרויסע פארביקע אויערינגען, אין די זיידענע, טייערע בלוזקעס און לאקירטע שיכלעך אויף די קליינע, געטאקטע פיסלעך און שושקען זיך צווישן זיך פארשעמטע, מיט רויט־צעפלאמטע בעקעלעך:

— זי ארבעט נישט אויפן כרמל... זי גייט אוועק ערגעץ אין חיפה...

— ווו גייט זי? — פרעגן שטיל די צניעותדיקע מיידלעך פון אינדיע און זייערע אליון־פנימער ווערן נאך טונקעלער, צעציען זיך. די שווארצע, זיידענע אויגן־וויעס דעקן צו זייערע אויגן, ווי זיי וואלטן נישט געוואלט זען דאס בילד, וואס אומקלאר און סודותפול, ווארנט זיי פאר דער גרויסער רעשיקער שטאָט, מיט ריזיקע בנינים און טויזנטער ליכט.

— זי ארבעט אין א בית חרושת אין אתא... דערציילט אלע אסתרס חתן, א בחורל פון זיבעצן יאר פון קאזאבלאנקא.

— נישט אייער זאך ווו זי ארבעט! איר זייט מקנא יעדן, וואס האט עפעס... וואס קאן פארדינען, אפשפארן געלט... זיינע שווארצע אויגן גליען, ווי צעברענטע קוילן. ער שרייט און זידלט די מיידלעך אויף אראביש און פראנצויזיש, אז זיי זענען נישט ווערט איר נאמען צו דערמאנען... זיצן גאנצע טעג אין דער מעברה און באַרעדן, באַרעדן!...

זיין יינגליש הארץ איז איבערפולט מיט ליבע און בענקשאפט. ער באשליסט:

— זאלן נאר די שיכונים פארטיק ווערן... וועלן מיר חתונה

האבן... זי וועט זיצן אין דער היים ווי א מאדאם. איך וועל שוין אויף אלץ פארדינען.

אין „וואלקאן" און „פעניציא", אין די ביוראען און אנשטאלטן, אין „נשר" און אין „אתא" און אומעטום, ווו מענטשנס ארבעט ברענגט ברכה דעם לעבן, זינגט דער פרילינג זיין ליד פון ווידעראויפלע־בונג און בליאונג. טאנצן די זון־שטראלן אויף די מאשינען, אויף די הענט און צוריק, שיינען אויף יעדנס פנים מיט פרייד און בטחון.

אין די גערטנדלעך פון נוה־שאנן און קרית ביאליק, זייען די פרויען ווידער רויטע רעטעכלעך און גרינע דינע ציבל, אוגערקעס און פאמידארן. פארזיכטיק רייניקן זיי דאס ווילדגראז צווישן דעם אויפ־גייענדיקן גרינס און פרייען זיך מיט יעדן בלעטל, ווי מיט א ניי לעבן.

מיט באגייסטערונג רעדט מרים צו אירע מיטשותפים פון גרויסן גארטן, וואס די שכנים האבן צווישן זיך אויף גלייכע חלקים פאר־טיילט:

— גיט נאר א קוק אויף דעם זאמד. אלע בלומען האב איך דאָ פארזייט. אלץ האָט פאראַיאָרן געבליט. הויכע גלאדיאָלן, רויזן, נעלקן און מארגאריטקעס. אין קיבוץ פאר מיין הויז איז געווען א שטענדיקע בלומען־אויסשטעלונג. — זי ווערט אנטשוויגן אן אומע־טיקע. נאך אלץ נישט צוגעווינט זיך צו דער שטאט. צוליב דעם מאן וואס וויל לעבן „פאר זיך" האט זי דעם קיבוץ פארלאזט. איצט אין דעם גאָרטן, וואס זי האָט מיטן ערשטן זון־אויפגאנג גענומען באַאַר־בעטן, איז די בענקשאפט צו אלע פארגאנגענע יארן אין דארף ווידער אויפגעקומען.

— איך... איך האב ליב אייגענע בלומען פון גארטן — פארענדיקט זי מיט א בלאסן שמייכל.

— איך האלט נאָר פון דעם, וואס מען קאן ארייַנלייגן אין טעפל — ווארפט אריין א צווייטע פרוי. כ'פארזיי גרינס און פירות, האב איך מיר יעדן טאג א טעלער פרישע פאמידארן, ארבעס און אוגערקעס. א נייער קארטאפל מיט א לבניה איז א פארטיק מיטאג, ס'איז צנע... וואס קומט מיר ארויס פון די שיינע בלומען, אז נאר פון

קוקן קאן מען זאט נישט ווערן. מ׳דארף פון דער ערד ארויסציען א ביסן...

איר גארטן מיט אלע גרינסן איז ווי א פארביק בילדל. אלע אירע כוחות לייגט זי אריין אין דער גינה. „איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען — זאגט זי, אז א מענטש קאן ליב האבן די ערד. איצט זע איך דאך, אז פון דער ערד קומט לעבן"...

בעת איר אנקומען אין לאנד, פלעגט זי אין דער פרייער צייט זיצן מיט שכנות און רק אויסדערציילן וועגן דעם וועג נאך אוישוויץ אין די געשלאסענע וואגאנען. פון בירקענאו און שטוטהאף. אנגעהערט זיך, וואס אלץ האט מיט יעדן פאסירט אין בעלזען און אין בוכענ־וואלד, און שפעטער האלבע נאכט אריינגעוויינט אין קישן, קיינער זאל איר דערשטיקטן שלוכץ נישט דערהערן. אן אויסגעמאטערטע איינגעשלאפן און געחלומט פון די אומגעבראכטע טאטע־מאמע אין די פינצטערע לאגערן אין הונגער, שרעק און קעלט.

מיט יעדן טאג רוקט זיך אפ דער קאשמאר פון נעכטן אלץ מער אין דער פארגעסונג. נאר פון צייט צו צייט, בעת זי זיצט איינגע־בויגן ביי די יונגע, גרינע צווייגעלעך, גיט א פלייץ א כוואליע טרערן אויף די ניי־אויסגעוואקסענע בלעטער. איר חלום איז אן אייגענער סאַד. דא רופט מען עס פרדס.

— א מענטש דארף נישט דאס גאנצע לעבן קוקן דעם באלעבאס אין די אויגן — טענהט זי איין מיטן מאן. זאלן מיר אוועק אין א דארף. פון דער ערד קאן מען לעבן. מירן אויף עטלעכע דונאם פאר־זייען מאראנצן און באנאנעס... ווי שיין מוז דאס זיין, ווען סע בליט...

שטייט אויף דעם לייטער דער זיבעציק־יעריקער בערקא פון רומעניע, דער זקן מיט דער ווייסער בארד און שניידט ארום די פאר־דארטע צווייגן פון בוים.

— גוט איז דעם בוים — טראכט ער — מיט יעדן יאר ווערט ער פרישער, באנייט. דער מענטש מיט יעדער שעה עלטער, שוואכער... זיין הארץ איז פול מיט תפילה צום לעבן.

נישט נאך געלט בעט ער, ווייל די ארבעט פון זיין גאנץ לעבן האט ער אין איין רגע פארלוירן. נישט נאך זאכן, ווייל זיי האבן אים פאר א קנעכט געמאכט, געמוזט זיי אייביק דינען. נאר נאכן פשוטן לעבן. קאנען זען יעדן טאג די פרישעביימעלעך, וואס ער האט מיט זיינע אייגענע הענט פארזעצט, ווי נאר ער איז אין זיין נייער דירה געקומען. מיט יעדן פרילינג צעוואקסן זיי זיך אלץ מער אין דער ברייט און הייבן העכער און העכער זייערע קעפּ.

בית משותף

אין שטאטישן גארטן, צווישן די גרינעביימער, אין א ווינקל אלייע, זיצט אויף א באנק אן איינזאמע פרוי מיט אברייטן לייוונט אויף דער שויס. פאמעלעך ציט זי די נאָדל מיט א פארביקן פאָדעם, ווי זי וואלט געצייכנט. איר האנט־שטיקעריי איז ענלעך צו א בילד פון א מאלער, וו יעדע בלום האט זיין פארב און זיין ריח.

פארהאלטן זיך פון צייט צו צייט דורכגייער; א יונג מיידל, אן עלטערע פרוי, באוואונדערן די קונסט־ארבעט, ווילן זאגן א ווארט פון לויב, אבער ווייל איר קאפ איז אלעמאל אראפגעבויגן צום לייוונט, די ליפן פארצויגן, גייט יעדער ווייטער זיין וועג.

די ערשטע צייט, ווען די פרוי פרידא גרין האט באשלאסן ארויס פון דער רחבותדיקער דירה, טאן איר ארבעט אין גארטן, איז זי אלע־מאל מיט איר האנט־ארבעט אריבער אויף אן אנדערער באנק, ווי נאר עמעצער האט זיך צו איר צוגעזעצט.

צום סוף האט זי פארשטאנען, אז א גארטן איז א היים פאר אלע, וואס קאנען נישט פארנעמען די פוסטע וועגט. יעדער, וואס קומט זיך אוועקזעצן אויף די בענק פון די לאנגע אלייען, זוכט עמעצן, צו פארעדן די צייט, אנטלויפן פון זיך.

זי האט זיך צוגעוווינט צו די פנימער פון די מענער, וואס קומען יעדן טאג אפזיצן שעהן; צו זייערע אפגעטראגענע מלבושים, אפגע־בלאקעוועטע היטן, שטילע פארכריפעטע שטימען, אדורכגעברענטע פון ציגארעטן. דערקענט יעדע פרוי, וואס קומט אין פרימאָרגן; צו די אלטע אין די אלטמאדישע, לאנגע קאסטיומען, מיט ברייטע האנט־טאשן און זיידענע טיכלעך אויף די גרויע קעפ. זיי זיצן גרופנווייז, תמיד די זעלבע, ווי איין משפחה. געאייניקט אין רעדן, געאייניקט אין שווייגן. פארטראכט אין נעכטן. אין זייערע היימען און קינדער, וואס זענען אוועק, אין זייערע אייגענע אויסגעליידיקטע היימען. זי דערקענט שוין

אפילו די צופעליקע פארבייגייער, צווישן די שטענדיקע באזוכערס, וואס מעסטן אויס דעם גארטן אליין מיט פאמעלעכע טריט, ווי די צייט וואלט געווען איבער זיי, נישט געהאט מיט וואס אויסצופילן די אנסופיקע שעהען פון טאג.

פון שפיל־פלאץ דערגייען צו איר לאכעדיקע קינדערשע קולות, אָן איבערעדן פון יונגע מאמעס הילכט אָפּ אין דער לופט און צעטראגט זיך אין ארום.

די וועלט פון מארגן מיט דער וועלט פון נעכטן אטעמען איין די גרינקייט און שטילקייט פון שטאטישן גארטן, אָן אפגעטיילטן פון ארומיקן רעש און יאגעניש.

זי, די פרוי פרידא גרין, האט פיינט באקומען די נייע דירה. זי וואלט זי גערן פארקויפט, אוועק פון איר. איר מאן קלמן, האט אבער יארן לאנג געשטרעבט צו א גרויסער שיינער דירה אין א בית־משותף. צוליב אים היט זי און פוצט די דירה, ווי ער קלמן, וואלט נאך געלעבט אין אירע ווענט.

*

דאָך איז איר אָנגענעם געוואָרן, ווען אין איינעם א טאָג האָט זיך נעבן איר אוועקגעזעצט אן עלטערע פרוי, ארויסגענומען פון דער ברייטער האנט־טאש א פאר ברילן. דערנאך א בוך. פאמעלעך געמישט א בלאט נאך א בלאט. אפגעגעסן איר מאלצייט. א צייט שווייגנדיק באטראכט די פארבייגייערס. געזאגט א שטילן שלום און אוועק.

די פרוי גרין האָט דרך־ארץ באקומען פאר דער זארגפעליק גע־קליידעטער פרוי, מיט תמיד געלייגטע האָר און געפלעגטע הענט, א רואיקע אין איר האלטונג. גענומען אויסקוקן אויף איר קומען, ווי אויף א שותף פון גורל.

מיטאמאל האט זי דערזען אירע אייגענע אפגעטראגענע מלבושים, ווי זי וואלט גאר נישט געדענקט די פול געפאקטע קליידער־שאנק.

פון א זייט זיך צוגעקוקט, ווי די פרוי לייענט, פארטיפט אין אן אנדערער וועלט, ווי דער ארום וואלט זי נישט אנגעגאנגען.

זייט חדשים פירט זי מיט זיך אליין דעם אמאליקן וויכוח, וואס האט זיך יארן לאנג געצויגן מיט איר מאן.

— צוליב וואס דארפסטו פארלאזן דעם צריף? עס פעלט דיר דא נישט קיין ארבעט. צען מאל פאריכט יעדער א שוך, ביז ער קויפט א נייעם. מיר ווינען דאָך נאָענט צו דער מעברה! ערשט וואָס ארויס פון די חובות... זאלן מיר א ביסל אָפּאָטעמען...

זי הערט ווידער זיין שטענדיק פארטיקן ענטפער:

— אזוי ווי מיר זענען אוועק אין א שיכון, וועלן אויך אנדערע אוועק... מען דארף באצייטנס זוכן א געשעפט אין חיפה. וואס פארא תכלית איז פאריכטן אלטע שיך אין א צריף? ווער עס וויל ארבעטן און קוקט נישט אויפן זייגער, קאן זיך צו עפעס דערשלאגן, זיין מיט מענטשן גלייך...

— פרנסה איז פרנסה — האָט זי זיך געהאלטן ביי איר דעה און איינגעטענהט:

— קלמנשי, זעסט דאך, אז וואס אמאל קומען צו נייע עולים אין דער מעברה. ווער זענען זיי דען. גבירים? עס קומען דאך נאר די, וואס האבן איין פאר שיך... עס וועט דיר קיינמאל נישט פעלן קיין ארבעט. מיר האבן שוין ניי מעבל, א פרידזשידער... ווער דארף נייע חובות? ווען וועלן מיר א ביסל ארויספארן, זען דאס לאנד?

קלינגט איר איצט אין די אויערן זיין האָפערדיקע שטים:

— עס וועט שוין קומען די צייט... מירן איבערלאזן דעם צריף, קויפן א געשעפט אין חיפה... ארייננשטעלן ראדיא־אפאראטן אויף אויסצאלן...

זי זעט זיין ליכטיק אנגעצונדן פנים, ווי נאר ער האט אנגעהויבן צו רעדן פון נייעם געשעפט. ווי א חלום פון לאנגע יארן, וואס ווערט מיטאמאל פארוואנדלט אין א ווירקלעכקייט, האט ער זיך געזען אין זיין געשעפט אין חיפה. אפטמאל האט ער איבערגעחזרט:

— אלעמאל האב איך געוואלט זיין א ראדיא־מאנטער. איצט איז א צייט, אז יעדער מענטש, ווי נאר ער גייט אריין אין א דירה, פארשאפט ער זיך א ראדיא... מען קאן אָן דעם היינט נישט לעבן, ווי... אָן א

פרידזשידער, ווי אָן א בוילער... ווען מיר וועלן אויסצאלן ס׳געשעפט, וועלן מיר פארקויפן דעם שיכון... אריבער קיין חיפה אין א בית־משותף.. האבן אן אָנזען ביי מענטשן...

— ווי אזוי ? פאר וועלכן געלט ? — וויל זי אויסשרייען, ווי ערשט איצט וואָלט זי איינגעטענהט מיט אים, ער זאָל נישט נעמען אויף זיך א נייעם יאָך. זי הערט זיין דערשלאגענע שטימע.

— מיט וואס בין איך ערגער ? פארוואס מוז איך ס׳גאנצע לעבן זיך שטיקן אין א צריף, פאריכטן אלטע שיך ? איך וועל זיך שוין אויסצאלן... ווער עס ארבעט, קאן זיך צו עפעס דערשלאגן...

מיט א שולד־געפיל טראכט זי :

איך האב נישט באדארפט צולאזן... אזא משוגעת ! אלץ אויס־ארבעטן מיט די צען פינגער ? נאך אזא מלחמה. אלע קינדער זענען געבליבן אויפן „פאסיאָלעק״... וואס דארפן צוויי מענטשן ?

נעמען זיך ציען פאר אירע אויגן, ווי א פילם־באנד די פארגאנגענע יארן... די מעברה, דער שיכון אין מוצקין, ס׳געשעפט אין חיפה, ס׳משוגעת מיטן בית־משותף, מיט ניי מעבל. אלץ האט ער געוואלט — שווימט אָן א הייסע כוואליע בלוט צו איר הארץ און גיט א שלאָג אין פנים — וואס איז דערפון ארויסגעקומען ? — טראכט זי אין קלעם — קאן דען א מענטש ארבעטן טאג און נאכט ? שבת און זונטיק, א גאנץ יאר אן אפרו. אלע מאל חובות אויף חובות.

זי גיט א שווערן זיפץ, ווי ערשט איצט וואלט דאס אומגליק געשען... גאר פלוצים אוועקגעפאלן... אינמיטן שלאף... אזא טויט ! אומבאהאָלפן קוקט זי אין דער ווייט, ווי פאר איר וואלט זיך געצויגן א פוסטער חלל און מורמלט צו זיך :

...איצט היט און פוץ דעם בית־משותף !...

*

פארזונקען אין דערמאנונגען פון שטענדיקע מחלוקות איבער געשעפטן, דירות, מעבל, האט די פרוי גרין מיטאמאָל דערהערט א גוטמוטיקע שטים :

— איר האט שוין א גאנצן גארטן אויסגעשטיקט און אלעמאל

אזוי פארטראכט. העלפט דען דאס ארייַנטראכטן — האט די גרוי־
האָריקע פרוי געגומען זי מוסרן, ווי זי וואלט גאר היימיש מיט
איר געווען.

זי האט אויפגעהויבן דעם קאפ, אויסגעגלייכט דעם איינגעבויגע־
נעם רוקן ביי דער ארבעט, מיט א בליק פול מיט דאנקבארקייט
ארומגענומען די שכנטע פון דער באנק, וואס האט די ערשטע איבער־
געריסן דאס שווייַגן. זי, א פארשלאסענע אין זיך, נאך דעם פלוצימדיקן
אומגליק, וואלט אזוי אפגעזעסן אן אייביקייט אָן אויסצורעדן א
וואָרט. אין פארצווייפלונג ארויסגעווארפן:

— איך וועל שוין גארנישט אויסטראכטן...

— דאס קאן קיינער נישט וויסן — האט די עלטערע פרוי מיט
זיכערקייט אפגעווארפן — איר זייט נאָך א יונגע פרוי... אפילו איך
וואלט דאס נישט געזאגט, וואס בין שוין פון די איבעריקע...

די פרוי גרין האט א פארוואונדערטע צעעפנט די אויגן. אויך זי
האט דאס זעלבע געפיל, זיצנדיק אויף דער באנק אין גארטן, אז זי
איז קיינעם נישט נויטיק.

ווי אן עכאָ האט זי איבערגעחזרט:

— אן איבעריקע...

ווי פון א צאפלדיקן קוואל, האבן גענומען שטראמען ווערטער
פון דער טיף. זייערע הערצער האבן זיך אויפגעמאכט און ליפן בלאסע,
האבן ארויסגעווארפן אלץ וואס דריקט, ווי א שווערע מאסע.

שטיל און אומעטיק האט די עלטערע פרוי גענומען אויס־
דערציילן:

— איך האב נישט געוואלט גיין אין בית־אבות... מיין מאן איז
געווען א סך עלטער... לאנג נעבעך געקרענקט און געשטארבן... באלד
האבן אלע גענומען צורעדן; די בעסטע זאך איז א בית־אבות...

— יארן לאנג האבן מיר די דירה געבויט, איך האב יעדעס
ווינקעלע אויסגעפוצט... פארוואס זאל איך אוועק אין פרעמדע מויערן?
עסן ביי א פרעמדן טיש? איך האב א היים, מיין אייגן לעבן —
קלינגט איר שטים מוטיק און זיכער. די וועלט איז שיין. איך לאנג־

ווייליק זיך נישט — קלינגט איר שטים מיט דער פעסטקייט פון א מענטשן, וואס לאזט זיך נישט איינברעכן.

זי האט זיך נענטער צוגערוקט צו דער פרוי גרין און פארטרויליך ווייטער געצויגן:

— איך וויל נישט באלעסטיקן מיינע קינדער, קיינעם נישט שטערן. דעם זון, האבן מיר אויסשטודירט, איז ער אוועק קיין לאנדאן. זיין פרוי האט אלעמאל געצויגן צו איר משפחה. די טעכטער האבן מענער מיט קינדער.

בלייבן אין האלדז נישט דערזאגטע ווערטער און אויפן פנים א שמייכל פון פארגעבונג: ס'איז אן אנדערע וועלט. מיט אַ שטילן זיפץ פארענדיקט זי:

— א מענטש דארף זיך לערנען לעבן אליין...

— איך האב נישט געוואלט דעם בית משותף — האט די פרוי גרין גענומען קלאגן ווי אן אומבאהאלפן קינד — מיין מאן איז נאך געווען א יונגער מענטש! געזונט. קיינמאל נישט געקרענקט און מיט־אמאל געשטארבן. די דאקטוירים האבן געזאגט, אז ער איז געשטארבן פון א הויכן בלוט־דרוק, פון א הארץ־אנפאל... ער איז אָבער געשטארבן פון דער ארבעט! פון שטענדיקער הארעוואניע... מיר האבן געהאט א שיין געשעפט פון ראדיא־אפאראטן. מיין מאן איז געווען א ראדיא־מאָנטער... האט ער זיך פארעקשנט: א בית־משותף אין חיפה! פאר־קויפט א שיכון אין מוצקין... געיאגט פון איין ארבעט, צו דער צוויי־טער, ביז... ער איז אוועקגעפאלן אין שלאף — ווארפט זי אלץ ארויס אין איין אָטעם און פרעגט:

— פארוואס האט דאס מיך געטראפן?

די ארבעט איז געבליבן ליגן אויף דער שויס. אירע הענט האבן א ציטער געטאן, ווי עס וואלט זי ארומגענומען דער פחד, וואס דריקט זי אין די פוסטע ווענט.

מיט א פארשטיקטער שטים האָט זי פארענדיקט:

— איצט היט און פוץ דעם בית־משותף...

דער טראַקטאָריסט

איבער די נאַקעטע פעלדער פון עין־המפרץ איז רואיק און זיכער געפאָרן אפרים פון דערנעבנדיקן קיבוץ אויף זיין טראַקטאָר.

דאָס שאַרפע אַקעראייזן בייסט זיך איין פעסט אין דער ערד, דרייט איבער די האַרטע ליימיקע גרודע און רוקט זיך פאָרויס איבער דער לענג פון פעלד.

דער הימל, באַדעקט מיט דער פאַרנאַכטיקער גרויקייט האָט איינגענומען דאָס אומאויפהערלעכע וואָרטשען פון טראַקטאָרן און אין אימהדיקער שטילקייט געוואַכט איבער די צריפים פון דער מעברה פון עולים פון אינדיע און מאַראָקאָ, איבער די איינזאַם־אויסגעשטעלטע הייזקעס פון משק.

לענגאויס דעם כביש חיפה־עכו האָבן זיך געצויגן הונדערטער לאַסט־מאַשינען און מיליטערישע דזשיפּן. טענדערס און ברייטע פּלאַט־פאָרמעס, באַדעקטע מיט גרינעם ברעזענט, אַרומגעצויגן מיט גראָבע שנורן.

דאָס זענען די ישראל־בחורים פון דער פרימאָרגן־שעה געפאָרן צו דער גרענעץ פון לאַנד. דער טאָג פון חשבון מיט די רוצחים, אַנגע־שיקטע פון עזה, דורך די מצרים די „פידאיון" — איז געקומען און זיי זענען גרייט.

צעשויבערטע יינגלעך, מיט נאָך קינדערשע פּנימער, בלוט און מילך, אויגן פלאַמיק־צעגליטע, האָר פון ווינט צעוואָרפענע, מיט זאַמד באַדעקטע. מיט דער רואיקייט און זיכערקייט פון פעסטע, רייפע מענער, צילבאַוווסט און גרייט אַוועקצוגעבן זייערע יונגע לעבנס; האָבן זיי מחנותווייז געצויגן איבער די כבישים. נאָר די אָנפירער פון דעם בליץ־אָנגריף האָבן געוווסט, אַז דער וועג פירט צו די מדבר־זאַמדן פון סיני, צו פאַרניכטן די מאַגאַזינען פון ניי צוגעגרייטן טשעכיש־רוסישן גע־ווער — וואָס גרייטן דעם אומקום פון לאַנד ישראל.

איין צוג לאסט־מאשינען מיט מילואים יאָגט א צווייטן פולגע־פאקט, שווייגנדיק, סודותפול.

א פרוי פון קרית־חיים געזעגנט זיך מיט איר זון, וואס איילט אומגעדולדיק אין זיין יחידה:

— גדעון, מיין קינד... נאר איין זאך בעט איך ביי דיר... שרייב יעדן טאג נאר צוויי ווערטער: איך בין געזונט... געדענק!

— להתראות, אמא, — ווארפט אימפעטיק צו גדעון. מאמע און זון קלאמערן זיך איין אין לעצטן קוש און שוין לויפט ער נאך דעם אויטאבוס מיט מילואים, וואס איז מיט רעש און רעדער־טראסקע־ריי פארביי פאר זיין הויז.

א זקן באגלייט זיין זון פאר דער טיר פון זיין צריף:

— גיי מיין זון... גאט זאל דיך שיצן... איך בין שוין אלט... זיי מצליח...

— זיי געזונט טאטע — ציט אויס די האנט אויף שלום דער זון, ווי א יונגער בוים, ווישט דעם זקנס טרער, וואס קייקלט זיך אראפ פונעם פנים אויף דער ווייסער בארד.

— אמא, פארוואס האסטו מיך נאר איינעם געהאט? — רעדט פארדראסיק דער 17־יעריקער יגאל פון קרית־ביאליק צו זיין מאמען — אויב מען וועט מיך נישט קומען רופן, וועל איך אליין גיין. איך וועל נישט בלייבן איינער אין דער היים...

— קיינער וועט נישט בלייבן — ענטפערט, ווי אן עכא די מאמע און נעמט ארום מיט איר וועזן זיין ליכטיק אנגעצונדן פנים.

זי וויסט:

— ער איז נאך דא... און באלד קאן ער נישט זיין מער...

זענען אוועק די מענער פון די יוגאסלאווישע, טשעכישע און ליט־ווישע פארטיזאנער־גרופעס, די זעלבע, וואס האבן געקעמפט אויף די סאוויעטישע פראנטן, די חיילים פון דער באפרייאונג־מלחמה, חיילות און קראנקן־שוועסטער. פון שטעט און פון דערפער, פון משקים און מעברות, פון גאנץ ישראל.

אין דער היים זענען געבליבן די מאמעס און די קינדער.

שטייען זיי מיט צעצונדענע אויגן ביי די אפענע פענצטער. באַגלייטן מיט די בליקן יעדע פולגעפאַקטע מאשין, וואס טראָגט זיך איבערן כביש. אין דער טיפעניש פון הארצן ציטערן תפילות:

— זיי זאלן זיך נאר אומקערן צוריק אהיים...

— רבונו של עולם, נעם צו די קראַפט פון אונדזערע שונאים... ווי לאנג וועט אונדזער בלוט זיין הפקר?

— אבא... אבא! — שרייט פון א פענצטער א יונגע פרוי מיט פארבראָכענע הענט צו איר מאַן, וואס איילט מיט א פעקעלע אין דער האנט איבער דער גאס.

זי איז איינע אין דער וועלט געבליבן, און ער, שמואל, איז איר מאַן און איר אבא.

שמואל דרייט זיך אויס אויף א רגע, פאָכעט מיט זיין האנט צום אפענעם פענצטער און מיט גיכע טריט פארשווינדט ער ביי דער קרייצונג פון וועג.

די פרוי ביים פענצטער פארגייט זיך אין א יאָמערלעך געוויין, ברעכט זיך איין אין צווייען און אָט וועט זי באלד פאלן מיטן קינד אין שויס שרייענדיק: אבא, אבא...

קיינער פון די שכנותדיקע שטובן גייט נישט אריין זי טרייסטן, בארואיקן. אלע מענער אין בלאָק זענען אוועק, און קיינער שרייט נישט אין די גאסן; יעדער איז אן אבא...

— הייסט עס... ס'איז א מלחמה? — כאַפן זיך אויף עטלעכע ווי פון א גליווער און לויפן אין די שפייז־קראַמען נאך א קילא צוקער, נאך א קילא רייז. נאך נישט פארגעסן דעם הונגער אין דער פארשיקונג אין רוסלאנד און נישט אין די דייטשע לאגערס.

— עס וועט גארנישט זיין, אלע וועלן זיך באלד אומקערן — דרשנט א יידענע באַלאָדן מיט פולע טאָרבעס סאַרדינען, פלייש־קאָנסערוון, מאַרגאַרין־פעקלעך און פלעשער אייל.

זי שטייט מיט די צוויי פולע טאָרבעס אנגעפאקט מיט עסנוואַרג און שאקלט מיטן קאפ מיט ביטול:

— א מענטש קאן זיך נישט פארזארגן...

באפאלן זי די ווייבער מיט היציקע רייד:

— טראגט זיך אפ מיט די טאָרבעס, מאכט נישט קיין פאניק אין די געשעפטן. נישט די פלעשער אייל וועלן אייך ראטעווען.

שטייען די ווייבער פאר די שפייז־קראמען אָן שרעק, אָן בהלה, דערציילן פון זייערע זין און מענער, וואס זענען אין פרימארגן אוועק.

— מיין מאן האט זיך נישט געקענט דערווארטן ביז מען וועט אים קומען רופן — זאגט א פרוי פון פוילן — באלד אין דער פרי האט ער זיך גענומען גרייטן. אזוי ווי מען איז געקומען מיטן צעטל, האט ער געזאגט „להתראות" און איז אוועק.

איילט איבערן פולגעפאקטן וועג, צווישן צענדליקער מאשינען, דינה פון שיכון עולים, צו איר שוועסטער, וואס איז אליין מיט די קינדער אין דאָרף געבליבן.

— קום צו מיר — בעט זי די עלטערע שוועסטער. ביי אייך דא איז נישטא קיין ליכט, מירן זיין צוזאמען! ווער ווייסט, וואס קאן געשען אין דער נאכט...

— ניין — שאָקלט מיטן קאפ די עלטערע שוועסטער, אנטשלאסן און רואיק. איך בלייב אין דאָרף. אלע בלייבן!

איבער אלע וועגן פון ישראל ציען לאסט־מאשינען מיט מילואים און ערשט מאביליזירטע חיילים.

איבער די נאקעטע פעלדער פון עין המפרץ פאָרט רואיק און זיכער אפרים אויף זיין טראקטאר פארויס, פארויס...

*

זעקס טעג זענען אדורך.

אין די מעכטיקע טאנקען פון שונא מיט א בראזג פון רעדער־טראסקעריי, אין לאנגע שורות איבער ברייטע וועגן, האבן די טאטעס און זין זיך אומגעקערט פון שלאכט־פעלד, פון מדבר סיני.

מיט דער קראפט פון יונגע לייבן מיט זאמד און שטויב באדעקט, מיטן ליד פון נצחון און גלויבן אין א זיכערן מארגן, געברענגט די בשורה פון קיום און לעבן.

פארן כלל ישראל אנגעזאגט:

— דער שונא איז פארטריבן פון עזה־פּאס, סיני האלב־אינדזל, ביזן ים סוף!

און ווייל דער יידישער קריגער האט מיט דער מילך פון דער מאמען אויך איינגעזויגן דעם „לא תרצח", הערן זיך אומעטום רייד צו באַרואיקן דאס אייגענע געוויסן:

— זיי האבן געוואלט אונדז פארניכטן.

וויפל טאנקן בענזין, נאפט, צוקער, מאגאזינען מיט באקליידונג האבן זיי קעגן אונדז אנגעזאמלט!

— טאנקן, הארמאטן, אמוניציע, מעדיקאמענטן פאר מיליאנען!

— חזרן איבער באנומענע די יינגלעך, וואס זענען ארויס אין שלאכט.

— אזעלכע כלים... מיר האבן זיי צעקלאפט דאס נייעסטע טשעכישע און רוסישע געווער.

— צי ווילן די רוסן אונדז אומברענגען מיט די אראבישע הענט? — פרעגן די יידן ביי די יום־טובדיקע טישן.

דער אייביקער נס לאכט ארויס פון די אויגן פון די זיגער:

— מיר האבן אונדזער פאָן אויף משהס בארג אויפגעהאנגען, אויפן הר סיני... פון פרעה ביז נאצער א שטיקל צייט אדורך! הא?

צי וועט דאס זיין דער סוף פון מלחמות? — פרעגן די מזרח־יידן, וואס האבן דורות לאנג געלעבט צווישן די אראבער און קענען זייער בלוטיקע שנאה.

די איינגענומענע קריגס־שיף איברהים אל אול, וואָס האָט באָמבארדירט חיפה שטייט אין פארט, ווי אַ מלחמה־שלל, באזיגט אין בליץ־נצחון.

פון אלע וועגן פון חיפהער אומגעגענט איילן די וותיקים מיט די עולים, משפחות מיט קינדער און יונגווארג, אָנקוקן די שיף, די מעכטיקע געביידע פון שטאָל און אייזן, שפאנען איבער די געדרייטע טרעפ, גייען ארום איבער די לאנגע קארידארן, באטראכטן דעם קאבינעט פון געפאנגענעם מצרישן גענעראל. די וועגט מיט אייזן באַקלאפט, זיין שרייבטיש, דעם הארמאט, וואס האט באמבארדירט די

שטאט חיפה. געוואלט זי פארוואנדלען אין מיסט און אין ברוך. גלאָצן די אויגן אויף דער איינגענומענער פעסטונג, וואס האט ארויסגעהאנגען א ווייסע פאָן און א געפיל פון קיינמאל איבערלעבטער פרייד, צעזעצט דאס הארץ, קוועלט אין די בלוטן:

— דא וועט אונדז קיינער נישט פארניכטן, מיר האבן אַן ארמיי, אויסגעשולטע קעמפער מיט מוט און מיט גבורה — זאגן זיי מיט התפעלות, — מיר האבן א ים־פלאט!

אפרים דער טראקטאָריסט, איז נישט ארויס אָנקוקן. ער האט פיינט די טויט־מכשירים.

דער האַרבאַטער יאַן

די שיף האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט צום חיפהער פּאָרט. אויפן דעק איז געזעסן דער האַרבאַטער יאַן, פונעם קליינעם אָרעמען דאָרף אָרום לאָדזש.

זיינע קליינע, תמיד טריפנדיקע אויגן, זענען געווען איינגעקוקט אין דער אין־סופיקער הימל־בלויקייט, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן ים, און זיין האַרץ איז געווען פול מיט דאַנק און ליבּ צום באַשעפער. די גרויסע וועלט האָט ער דערזען ערשט אויף דער שיף, ווען צו זיינע זיבעציק יאָר איז ער צום ערשטן מאָל אַרויס פון זיין שטילן דאָרף אויף דער פּוילישער ערד.

ער האַלט אין דער ברייטער, אויסגעאַרבעטער האַנט זיין אַלטן, פאַרקנייטשטן געבעט־בוך. אויף זיינע ליפּן אָבער, האָט ער אייגענע תפילות, וואָס קומען אַרויס פונעם איבערפולטן האַרץ. פון דער גרויסער איבעראַשונג, אַז ער, יאַן, האָט זוכה געווען צום סוף פון זיינע יאָרן צו פאָרן קיין ישראל, אין דעם הייליקן לאַנד, וווּ דער האַר פון נצרת האָט באַוויזן זיינע וווּנדער, און אַלע קדושים האָבן געשפּאַנט אויף איר ערד.

ער פאָרט אויסגעפּוצט אין זיין שוואַרצן אַנצוג, וואָס דער פּאַן גוטמאַן האָט פאַר אים געלאָזט נייען אויף באַשטעלונג; אין פיינעם, ווייסן פּאַפּעלין־העמד און אין די שוואַרצע, סקריפּענדיקע שיך, וואָס ער האָט קוים עטלעכע מאָל באַוויזן צו טראָגן אויף זיינע פיס. די פיירלעכע אויסשטאַטונג האָט ער באַקומען פון די יידן, וואָס ער האָט בעת דער מלחמה אויסבאַהאַלטן. איצטער פאָרט ער זיי באַזוכן.

די פּאַסאַזשירן, וועלכע פאָרן צוזאַמען מיט אים אויף דער שיף און פאַרשטייען זיין פּוילישע שפּראַך, האָט ער עטלעכע מאָל דערציילט פון זיין נס. און ווייל זיין זכרון דינט אים נישט מער, חזרט ער איבער הן ביים פרימאָרגן־מאָלצייט, הן ביים מיטאָג־עסן, די זעלבע רייד:

— איך האב די יידן דאך בלויז געהאלפן איבערקומען די שווערע צייט, אויסבאהאלטן זיי אין קעלער, אין חזרים־שטאל און אויפן פעלד אין די בינטלעך היי, אבער זיי טוען דאך פאר מיר אזא גרויסע זאך, נעמען מיך אריבער קיין איזראעל. קוים צוויי יאר, ווי זיי זענען אוועק־געפארן און שוין האבן זיי מיר געשיקט פאפירן און פארן וועג באצאלט. פאמעראנצן געשיקט! — ווארפט ער ארויס מיט התפעלות. נאך א רגע שווייגן נעמט ער ריידן שטילער, אומעטיק פארטראכט.

— פארבענקט האב איך זיך צו מיינע פשיאטשעלעס און אמ־מייסטן צו דאווידעקן, ווען מיר האבן די גאנצע מלחמה־צייט גערופן וויצעק. באזשע־מאַי — גיט ער א זיפץ — ווי מיר האבן אים ליב באקומען, נישט געקענט זיך מיט אים שיידן; א קינד נאך איז ער דאך צו אונדז געקומען! ביי אונדז אויסגעוואקסן. איך און מיין שוועסטער טערעסא האבן זיך צעוויינט ביים געזעגענען. ווי וועלן מיר דאס קענען לעבן אָן דאווידעקן?

ער געמט ארויס פון טייסטער עטלעכע בילדער, פריער דאס בילד וואס די אפגעראטעוועטע יידן האבן מיט אים געמאכט פאר זייער אָפּפאָרן און דערנאָך דאס בילד פון דאווידעקן, וואָס ער האָט נישט לאנג צוריק באקומען צוגעשיקט. ער קוקט אויפן בילד מיט פארגעניגן און ליבשאפט און וואונדערט זיך אויפן קול:

— ווי ער איז דאס אויסגעוואקסן! ווי שיין ער זעט איצט אויס! אוי, אַנגעליטן האט ער זיך, נעבעך, אַנגעליטן... טאג און נאכט האב איך געבעטן צום האר: „שטיי אויף אונדז צו ראטעווען, לייז אונדז אויס מיט דיין בארמהארציקייט" — נעמט ער ציען מיט א פרומען ניגון. — דער האר פון דער וועלט און די הייליקע מוטער האבן מיינע תפילות אויסגעהערט. דאס קינד און די באהאלטענע יידן אונטער זייער שוץ געגומען. א חסד געטאן צו אלע. איצט וועלן זיי אלע מיך אפווארטן אין פאַרט, אין חיפה, ווי דער פאן גוטמאן האט מיר אין זיין בריוו געשריבן — פארענדיקט ער מיט שטאלץ און באטראכט ווידער זיין טראכט: די פיינע בגדים, וואס ער האט ביז איצט אינעם קאסטן געהיט, זיי זאלן בלייבן ניי און פריש.

די פאסאזשירן, הערנדיק זיינע רייד, האבן געשאקלט מיט די קעפ, ווי א צייכן פון אנערקענונג און יעדער באזונדער האט צוגעגעבן:

— הלוואי א סך אזעלכע... זיי האבן געטיילט זיך מיט אים מיט זייער שפייז. געגעבן די אדרעסן פון די משפחות אין ישראל און איינגעלאדן צו באגעגענען זיך ביי זייערע קרובים אין ירושלים, אין תל־אביב.

ערשט ביים דערנענטערן זיך צום פארט, האט זיך דער האַרבאטער יאן דערוואַיטערט פון אלע זיינע נייע באקאנטע. געזעסן אליין מיטן געבעט־בוך אין האנט, אדער פאמעלעך געקרייזט ארום דעק און אריינגעטראכט אינעם נעכטן.

וואס מער ער האט זיך דערווייטערט פון זיין היימלאנד, אלץ נענטער זענען צו אים צוריקגעקומען די דערמאנונגען פון אלע מלחמה־יארן, ווי דאס אלץ וואלט ערשט איצטער זיך אפגעשפילט.

✶

שוין אין די ערשטע טעג, באלד נאך דעם ווי די משפחה גוטמאן איז געקומען אין געטא אריין, האט די פרוי לענא צוגעפירט איר פיר־יאריק מיידעלע צום קלויסטער און שטיל אנגעזאגט:

— חנהלע, פון היינט אָן הייסטו זאָסיא. דו האסט נישט קיינעם... האב קיין מורא, דא וווינען גוטע שוועסטערס, זאלסטו זיי אלע פאלגן... וואס מען זאל דיך נישט פרעגן, ענטפער: איך ווייס נישט... רייד גארנישט, גארנישט!...

די מוטער האט דאס מיידעלע ארומגעכאפט, אויסגעקושט די בעקעלעך, דאס קעפל, די פולע, ווייכע הענטלעך און שוין איז זי נישטא מער.

חנהלע האט נישט געוווסט פארוואס די מאמושיא איז אזוי גיך פארשוואונדן, וווהין איז זי אוועק?

זי האט גענומען וויינען אויפן קול, אבער זי האט שוין באנומען און גוט פארשטאנען, אז די מאמעשי טאר זי מער נישט רופן.

די שווערע, אייזערנע טיר פון דער פעסטער קלויסטער־געביידע האט זיך אויפגעעפנט. אן עלטערע פרוי, איינע פון די בארמהארציקע שוועסטערס, אין א לאנג שווארץ קלייד ביז צו די קנעכלעך, מיט א ווייסן ברייטן קאפ־טוך ביז צו די אויגן אראפגעצויגן, האט מיט שטילע טריט זיך דערנענטערט צום וויינענדיקן קינד. באטראכט א רגע איר שיין פארקעמט קעפל, מיט די ווייסע, זיידענע שלייפן אין די פארפלאכטענע האָר, דאס רויטע קליידעלע מיט די ברייטע פאלדן און א באנומענע געפרעגט:

— ווער ביסטו מיין קינד? פון וואנען ביסטו דא אהערגעקומען?

חנהלע האָט א דערשראָקענע געוויינט, געהעשעט אָן כוחות און גארנישט געענטפערט. איר גאנץ גופל האט געציטערט פון פחד פאר דער פרעמדער פרוי מיטן צלם, אנגעהאנגען אויף א לאנגער קייט. נאך א בארמהארציקע שוועסטער איז צוגעקומען.

די פרוי גוטמאן, פארשטעקט הינטער א מויער, האט א טויט־בלייכע, מיט א פארכאפטן אטעם זיך צוגעקוקט ווי זיי האבן חנהלען גענומען פארן הענטל און ווי זי פארשווינדט מיט זיי הינטער דער אייזערנער טיר. א רגע האט דאס רויטע קליידעלע שימערירט פאר אירע אויגן און פארשוווּנדן.

אין אירע אויערן האָט נאָך אָפּגעהילכט דאָס אומבאהאָלפענע קינדערישע געוויין, דאך האט זי א בארואיקטע גענומען שפאנען צוריק אהיים. גאט וועט העלפן, האט זיך די אומגליקלעכע מאמע גע־טרייסט, זיי וועלן זי ארייננעמען צווישן די יתומים, און אפהיטן ווי אלע קינדער.

ביינאכט זי נישט ארויסווארפן... ניין, ניין!...

צוויי וואכן שפעטער, האט מנשה גוטמאן מיט זיין זעקס־יאריקן דודל, אין גרויען באגינען געשפאנט אויפן ברייטן אלעקסאנדערער וועג צום נאענטן דארף.

דודל, נאך א פארשלאפענער, אין פשוטע אפגעטראגענע הויזן, הויכע שיך, מיט א פעקל אין האנט. מנשה גוטמאן, אין אלטע אפגע־נוצטע מלבושים מיט א דארפיש היטל איבערן שטערן אראפגערוקט

און א זעקל אויף דער פלייצע פארוואַרפן. ווי צווייַ מידע דאַרפסגייער האָבן זיי געשפּאַנט איבערן ברייטן שאָסיי און קיינעם וואַלט עס נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס אַנטלויפט דער באַקאַנטער לאַדזשער סוחר אין פאַרוואָרפענעם שטילן דאָרף, אויסצובאַהאַלטן דאָרט זיין יינגעלע, ווי זיין פרוי האָט עס געטאָן מיט חנהלען.

טעג און נעכט האָט ער איינגעטענהט מיט זיין פרוי, אַז זי זאָל צושטימען אַרויספירן דאָס קינד פון געטאָ. אויסגערעכנט און לאַנג אַרומגערעדט וועגן אַלע באַקאַנטע פּאַלאַקן, וואָס זיי האָבן זינט יאָרן געקענט און צום סוף באַשלאָסן צופירן דודלען אין דאָרף צום אָרעמען פּויער, דעם האָרבאַטן יאַן, צו וועלכן זיי זענען יעדן זומער, ווען די לופט אין שטאָט האָט געשטיקט מיטן רויך פון די פאַבריקן און צעגליטע מויערן, אויף זומער־וווינונג געפאָרן. זיי האָבן אים גוט געקענט, געהאַט צוטרוי צו זיין ערלעכקייט און פּשוטקייט און איצט האָבן זיי באַשלאָסן אַנפאַרטרויען אים דודלען.

שטום זענען פאָטער און זון געגאַנגען פאַרויס, קיינער פון זיי האָט זיך נישט אַרומגעקוקט, נישט אויף לינקס און נישט אויף רעכטס, ווי זיי וואַלטן פון תמיד אָן גאַר היימיש געווען מיטן וועג, און געהאַלטן די אויגן צו דער ערד צוגעשמידט, כדי מיט קיינעם זיך נישט טרעפן פּלוצים, אומדערוואַרט.

האָט מנשה גוטמאַן פאַרזיכטיק שטיל גערעדט צום קינד:

— נאָר א קורצע צייט וועסטו בלייבן אין דאָרף... איך וועל צו דיר אַלעמאָל צוקומען. ברענגען דיר זאַכן, עסן... זאָלסט זיך דאָרט פירן ווי זיי אַלע, בעסער איז ווייניקער צו ריידן, נישט אַרומלויפן איבערן דאָרף...

דער פאָטער האָט אָפּגעהאַקט, ווי געזוכט ווערטער אַרויסצו־ברענגען א געדאַנק, וואָס מאַטערט אים און נאָך עטלעכע מינוט ווידער אָנגעהויבן גוטמוטיק, ווייך:

— געדענק מיין קינד, אַז נאָר אין האַרצן ביסטו א ייִד... זיי אין דאָרף דאַרפן עס נישט וויסן... געדענק! — נאָך א מאָל איבערגעחזרט און אָפּגעהאַקט.

אין קאפ האט געהאמערט וואס א מאל אן אנדערע מחשבה: ווי פילט זיך חנהלע, אליין צווישן פרעמדע? וואס וועלן די דייטשן טאן מיט די יידן אין געטא? פארשיקן זיי אויף ארבעט אדער אויס־הונגערן אלע? אלעמאל איז ער צוריקגעקומען צום זעלבן געדאנק: צי וועט יאן וועלן נעמען צו זיך דודלען? ווי וועט אין אזא צייט זיך אויפפירן דער אזוי גוטער און הארציקער פויער?

*

די כאטע פון הארבאטן יאן איז געשטאנען אויפן ראנד פון וועג, אפגעזונדערט פון די הייזער, אזוי־ווי ער, יאן, איז אפגעזונדערט פון אלע פויערים אין דארף.

ער איז געווען א געזונטער, א קרעפטיקער, ווי אלע קינדער אין זיין משפחה, נאר אן אומגליקלעכער פאל האט זיין לעבן צעבראכן. צו צען יאר, פארנדיק פון פעלד אהיים מיט א וואגן קרויט, איז ער אראפגעפאלן אין א גרובן מיט שטיינער. עטלעכע טעג איז ער געלעגן אין בעט ווי א געליימטער, נישט געקענט באוועגן מיט קיין גליד; ווען ס'איז געקומען דער דארפס־פעלדשער, דער מומחה אויף אלע שלאפקייטן, האט ער געפסקנט אז דער ווייטיק וועט אליין פון זיך אוועק, ער דארף נאר ליגן רואיק און געדולדיק.

נאך א צייט איז דער ווייטיק באמת פארגאנגען, נאר ווען ער איז אויפגעשטאנען, איז ביי אים דער רוקן געווען א קרומער און אזעלכער איז ער שוין געבליבן. נישט אין דער הויך איז ער געוואקסן, ווי אלע זיינע ברידער, נאר ווי א געבראכענער בוים, מיט די צווייגן גענייגט צו דער ערד.

איז יאנעק געבליבן א פאראומערטער מיט אויסגעלאשענע אויגן. זיינע אמאליקע שטיפערייען זענען אויף שטענדיק פארשוווּנדן. מיט די דארפס־יינגלעך נישט געקענט מער זיך ארומיאגן, און אויך זיי האבן זיך פון אים דערווייטערט, גענומען אויסמיידן. האט ער מיט לייב און לעבן זיך איבערגעגעבן דער ארבעט.

פון באגינען אן געזעסן אויפן פעלד. מער פון אלע ברידער ארומ־

געגאַנגען אַרום די בייטן מיט גרינסן און אַרום די פּרוכט־ביימער. אין די איינזאַמע פּאַרנאַכטן, ווען אַלע קינדער זענען זיך צעלאָפן איבערן דאָרף איז ער געבליבן אין שטוב מיט טאַטע־מאַמע. גענומען זיך צו האַלץ־שניצערייען, צו פּאַרטרייבן דעם לאַנגווייל, די צעצויגענע פּוסטע שעהן. מיט יעדן יאָר זענען אַרויס פון זיינע הענט אַלץ שענערע האָלץ־שניצערייען : פייפלעך, צאַמלעך, שטעקנס מיט קעפּ פון פייגל און חיות. ביז ער האָט גענומען מאָלן בילדער פון דאָרף און זיי צעהאַנגען אויף די ווענט, ווי אַ שטענדיקע אויסשטעלונג.

אין די זונטיק־פרימאַרגנס איז ער לענגער פון אַלע דאָרפס־יונגען געזעסן אין קאַשטשיאַל, געדאַוונט הייסער און געטרייער, אַ טיפע אמונה האָט אים אַרומגענומען. אין די תפילות האָט ער געפונען אַ טרייסט און באַרואיקונג. ער האָט גענומען לערנען אין די הייליקע ביכער דאָס לעבן פון די מאַרטירער און קדושים, אַנגענומען זיך מיט זייערע זיטן און צוגעאייגנט זיך אַ פרומען ניגון. אויך אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט איז ער ווי אַריינגעטאָן געווען אין תפילה.

נאָכן טויט פון זיינע טאַטע־מאַמע, האָבן זיך די ברידער צעטיילט מיט די פעלדער, מיטן וואַלד און בהמות, און אים, דעם האַרבאַטן יאַן, איבערגעלאָזט די איינגעפאַלענע כאַטע מיטן ברייטן הויף, די פּוסטע שטאַלן, אַ קעלבל און דאָס אויסגעדאַרטע פערדל. די אַלטע בגדים פון טאַטן מיטן ביסל אָנגעזאַמלטן שפּייז אין קעלער. זיין שוועסטער טערעסאַ, אַ קראַנקע אַלמנה אָן קינדער, האָט פאַר אים געקאָכט, אָפּגעהיט אים ווי אַ קינד און ער האָט זי געליבט ווי אַ מאַמע.

איז טאַקע פאַר זיי ביידע, די משפחה גוטמאַן, געווען זייער אָנגע־לייגט, ווען זיי זענען יעדן זומער אויף פרישער לופט געקומען.

אַ גאַנצן ווינטער האָט טערעסאַ, די אַלמנה, געהאָדעוועט קאַטש־קעס און הינער פאַר די לעטניקעס. מיט ליבשאַפט האָט זי זיך געגרייט אויפצונעמען זייערע קינדער מיט אירע געשמאַקע פּאַווידלעס, וואָס זי האָט אין ערדענע טעפּלעך אין איר שפּייכלערל אָנגעשטעלט.

יאַן האָט פון זיין אָרעם שטיקל ערד אַרויסגעכישופט אַלע גרינסן און אַרום וועג פּרוכט־ביימער געפלאַנצט. יעדן יאָר אַראָפּגענומען פון

זיי קויבערס זאפטיקע קארשן, פלוימען און עפל מיט רויטע, פולע פנימער.

בצמצום, אבער צו דער זעט, האבן זיי געלעבט פון זייער שווערער מי. אויף יעדן ווינטער אָפגעשפּאָרט אַ ביסל געלט. אין קליינעם קע־לערל אַנגעשטעלט זעקלעך מיט ארבעס, פעסער מיט זויער־קרויט, אויס־געהאנגען שנורן מיט געטריקנטע שוואמען און עטלעכע זייטלעך גערויכערט פלייש. נישט איינמאל איז אן ארעמער דארפס־גייער ארויס פון זייער כאטע מיט א זעקל קארטאפל, אדער א ברויט פון אייגענעם היימישן געבעקס.

דווקא דעם צעלאזענעם דודל האט יאן זייער ליב באקומען. אפשר דערפאר ווייל ער האט קיינמאל זיך מיט קינדער נישט געשפּילט, זענען אים אלע זיינע שטיפערייען געפעלן געווארן, הנאה פארשאפט. נאר ער אליין האט געקענט איינשטילן זיין נישט געצוימטע ווילדקייט, אדער איבעררייסן א פארעקשנטן פארלאנג, פון וועלכן דער „שדי" האט נישט געוואלט זיך אפזאגן.

לאנגע שעהן אין די אוונטן איז דודל געזעסן און באוואונדערט ווי קונציק יאן שניידט אויס מיט זיין מעסערל קינדער־שפּילצייג פון שטיקער האלץ און הארטער קאָרע פוןביימער. קלאפט צונויף פון ברעטער פאליצעס און קעסטלעך, באפוצט זיי מיט האלץ־שניצערייען און דערציילט דערביי כלערליי מעשיות פון דארף: וועגן בהמות און זייערע קראנקייטן, פון פויערים וועלכע גייען אין דער ארמיי, וועגן שריפות אויף פעלדער, גנבים פון שטאָט, וואס קומען רייסן די פרוכטן פון די ביימער און ווערן צעממיתט פון די דארפישע שקצים.

אפטמאל האט זיך דאס קלינגעוודיקע געלעכטער פון דודלען אויסגעמישט מיטן כריפּענדיקן געלעכטער פון יאנען, וואס איז א סך עלטער געווען פון זיין טאטן.

ווי נאר עס זענען אין דארף געקומען די טרויעריקע ידיעות וואס די דייטשן טוען אלץ אָפּ אין די דערפער, ווי זיי פירן אוועק די בהמות פון די פויערים אוןליידיקן אויס די שפּייכלערס, האט יאן גענומען גראבן גריבער ארום דעם הויף. בייטאג ארומגעלייגט דעם גרוב מיט

צווייגן און בייגאכט פארגראבן א קעסטל מיט אן אנגעפאקטן זאק מעל. ווידער געגראבן אין די נעכט ביז אלע זעקלעך מיט קאשע, ארבעס און געטריקנט שפייז זענען פארגראָבן געווען אין דער ערד.

פון די צוגעהערטע רייד וועגן די דייטשע רדיפות איז זיין פרומ־קייט נאך פלאמיקער געווארן. אויך זיין שוועסטער, טערעסא, פלעגט איצט לענגער קניען ביי די הייליקע בילדער און תפילה טאן, אז „דאס פייער פון סדום זאל נישט פארברענען אלץ". די אמונה האט געשטילט זייער פחד און געשטארקט אין דער שרעק און פארלוירנקייט פאר דער מאכט פון דער ריזיקער דייטשער ארמיי.

✶

צו יאנס כאטע זענען מנשה מיט דודלען צוגעקומען כמעט אן כוחות. און וואס מער די כוחות האבן מנשהן אפגעלאזט, אלץ גרעסערע ספיקות זענען אים באפאלן.

ווי אזוי וועט מיך אויפנעמען יאן? — האט ער געטראכט מיט א געפיל פון אומזיכערקייט און פחד. צי וועט ער זיין גרייט צו העלפן אין דער סכנה פון אומקום? אפשר וועט ער נישט אריינלאזן איבער דער שוועל, וועט מורא האבן פאר א מסירה?

גלייך האט ער זיך אליין בארואיקט: זינט יארן בין איך זומער צו אים געפאָרן... נישט איינמאל א טובה געטאן... מתנות געבראכט... צי וועט ער עס אבער געדענקען? — האט אים דער אומרו אויף א רגע נישט אפגעלאזט.

פון צייט צו צייט האט ער דודלען געמונטערט:

— באלד וועסטו זיך אויסרוען... שוין נישט ווייט... טייערער...
ער האט קיינמאָל מיט קיין איבעריק צאַרטע ווערטער צו זיין יינגעלע נישט גערעדט. איצט, אין זיין אומבאהאלפנקייט, איז דאס וואָרט ארויסגעשוומען פון הארץ, ווי א געבעט צום קינד, ער זאל נישט אפשטיין אין וועג, נישט באשווערן אויסצופירן זיין פלאן.

זיין הארץ איז געווען אזוי פארקלעמט, אז ער האט נישט געהאט גענוג ווערטער צו ריידן צום קינד איבערן לאנגן וועג. צום ערשטן מאל האט ער געזען זיין דודלען אזוי ערנסט, אזוי פארשטומט. געפילט,

אז זיין הערצעלע איז אויך פול מיט שרעק. דווקא דאס שווייגן האט אים ווי געטאן, צענומען.

מידע, מיט שטויב און שווייס באדעקטע, האבן זיי לייכטער אפגעאטעמט, ווען זיי האבן דערזען די גוט־באקאנטע, ווייס־אויסגע־קאלכטע כאטע, מיטן שיפן דאך באדעקט מיט רויטע דאכצוועקעס. באלד האבן זיי אויך דערהערט די ווארעמע, זינגעוודיקע שטים פון באלעבאס פול מיט פארוווּנדערונג:

— ווי קומט דאס דער פאן גוטמאן מיטן קינד צופוס פון שטאָט? זאל זיין געלויבט זיין הייליקער נאמען! א גאסט אין שטוב — גאט אין שטוב! — און ביי די רייד פרום זיך איבערגעצלמט.

אין די האלצערנע טרעפעס אויף די בארוועסע פיס איז ער צו־געקומען צום פארקאן אנטקעגן די פלוצימדיקע געסט. באגלייט צו דער טיר פון זיין היים און אריינגעפירט אין דער ברייטער פויערישער שטוב. פול מיט רחמנות איז געווען זיין פנים, ווען ער האט דודלען שטיל געפרעגט:

דורשטיק ביסטו מסתמא? — אויסגעדרייט זיך צו מנשהן און מיט זארג א פרעג געטאן:

— וואס מאכט די פאני און דאס זיסע מיידעלע? — נישט ווארטנדיק אויף אן ענטפער אריין אין דער צווייטער שטוב, וו ס׳איז אויף דער ברייטער באנק געזעסן טערעסא פארטאן ביי איר ארבעט.

בלייך און טרויעריק איז טערעסא זינט דעם ערשטן טאג פון דער מלחמה: אונטער אירע אויגן הענגען שווערע, אנגעלאפענע זעקעלעך, די נאז איז ביי איר אויסגעצויגן געווארן און פארשפיצט, דאס מויל ציטערדיק; אלע שלאפקייטן, וואס זי האט באקומען נאך איר מאנס טויט, אין אייביקן טרויער און בענקען, זענען איצטער פארדאפלט געווארן. און דאס ערגסטע, וואס האט זי געטראפן, איז די שוואכקייט אין אירע הענט און פיס.

זיצט זי גאנצע טעג און דאוונט. לייענט די הייליקע ספרים. קוים וואס זי גרייט צו א ביסל עסן, וואשט אויס די כלים און שוין זיצט

זי ווידער נעבן די הייליקע בילדער ארומגעשטעלטע מיט וואקסענע ליכט, אן איינגעליבטע אין זייער קדושה.

דערהערט, אז דער פאן גוטמאן איז צופוס פון דער שטאט געקומען מיט דאַווידקן, האָט זי זיך ווי פון א חלום אויפגעכאפט. זי האָט פון קעלער ארויסגעצויגן א קענדל מיט קאלטע זויערמילך, ארויס צו די געסט, הן א דערפרייטע הן א פארזארגטע, און פון גרויס צעטומלקייט נישט געוווסט וואס צו זאגן:

— טרינק דאווידקו, טרינק! — האט זי ווארעם געבעטן. און וואס מאכט די מאמושיא? ווו איז זי? אך, אך... — האט זי אָפגעהאקט אומבאהאָלפן, געקוקט א פארלויירענע אויף די פנימער פונעם פאטער מיטן קינד און באלד אויף איר ברודער, א דערשראקענע און באנומענע געטראכט: — ווי אפגעריסן איז דאס דער פאן גוטמאן; ווו זענען זיינע פיינע, שטאָטישע בגדים? און דאָס ייִנגעלע, ווי אָפגע־צערט, ווי בלייך...

— וואס הערט זיך אין שטאָט? פון דאנען אנטלויפן אלע... אוועק א סך, א סך! — האט זי נישט דרייסט ארויסגעווארפן פון זיך.

— טרינקט, קאלטע מילך, גלייך פון קעלער ארויס — האט אויך יאן צוגערעדט זיינע חשובע געסט פון דער שטאָט.

ער האט צוגערוקט צו זיי די צוויי ערדענע טעפלעך און גענומען ווידער ארומשפאנען איבער דער ברייטער שטוב.

מנשה גוטמאן האט פיינלעך געשוויגן. געקייט דאס דארפישע ברויט ווי א זויערע מאסע, און נישט געוווסט מיט וואס פארא ווערטער אנצוהויבן.

— גראד אזא ייִנגל דארף איך איצטער... צו די גענדז... אין פעלד ארויסהעלפן, ס'וואסער שעפן פון ברונעם. קראנק איז מיין שוועסטער געווארן. יא, פאניע גוטמאן, פון וויינען אין די נעכט, פון נישט עסן איז איר א שלאפקייט אריין אין די אויגן... אויך די הענט ציטערן ביי איר אן אויפהער. זי וועט אבער גערן פארנעמען זיך מיט אים... דאס הייסט מיט אזא קינד...

נישט דרייסט לייגט ער פאר:

— וויצעק וועלן מיר אים רופן... די מענטשן אין דאָרף זאלן נישט דערקענען. אָט, א צייט אזא! ביים הער גאט זענען אלע מענטשן גלייך, נאר איצטער איז א צעמישונג געווארן, מוז מען זיך היטן... האט ער זיך געפלאנטערט מיט די רייד.

—איך מיין נישט בחינם, — האט מנשה גוטמאן גענומען שטאמלען, מירן באצאלן, כ׳וועל ברענגען געלט, אונדזערע זאכן, איר וועט עס פארקויפן אויף עסן.

— זאל גאט מיך אפהיטן פון אזא זינד — האט זיך יאן אנגעברוגזט — ער וועט זיך שוין אויף זיין עסן פארדינען. דער הער יעזוס און די הייליקע מאמע וועלן אים שיצן...

ער האט זיך אויסגעדרייט צו די הייליקע בילדער, שטיל האבן זיינע ליפן א תפילה געטאן, ביי זיי הילף געבעטן און גלייך צוגעגעבן:

— אין אונדזער דארף זענען עטלעכע יידן אויסבאהאלטן אין די שטאלן, אין די שייערס... דער סאָלטיס האט אין קאשטשיאל, נאך דעם זונטיק־געבעט, אנגעזאגט:

„איך ווייס, אז אין נאענטן וואלד באהאלטן זיך אויס יידן מיט זייערע פרויען און קינדער... אנטלאפענע פון די שטעטלעך... איר זאלט זיי, חלילה, נישט אויסגעבן... זאל קיינער פון אייך נישט באשמוצן די הענט מיט יידיש בלוט. באלד וועט זיך ענדיקן די מלחמה און יעדער איינער וועט זיך אומקערן צוריק אין זיין היים". אזוי האט ער מיט אונדז איינגעטענהט — האט יאן איבערגעחזרט און שטילער צוגעגעבן:

— אבער היטן מוז מען זיך!

דער פחד און די אומזיכערקייט, וואס האבן מנשהן דעם גאנצן טאג געפייניקט, זענען אפגעטראטן. ס׳איז אים לייכטער געווארן פון די געהערטע רייד.

— יא, די פויערים זענען שטענדיק געווען גוטהארציקע — האט ער מיט א בלאסן שמייכל פון זיך ארויסגעווארפן — איך מיין איצט צוריקגיין אין געטא, אהיים...

ער האט זיך שווער אויפגעשטעלט, אוועקגעלייגט דאס זעקל מיט

מלבושים און עסנווארג. ארויסגענומען פון קעשענע א זילבערן ציגא־רעטן־פושקע צוזאמען מיטן טייסטער און נישט זיכער געבעטן:

— ווען איר וועט עס נישט באדארפן, וועט איר עס מיר צוריק־געבן. זאל עס טערעסא האלטן.

דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו דודלען:

— זאג מיר צו, מיין זון, אז דו וועסט דא זיין געהארכזאם, היטן זיך... איך וועל קומען צו דיר יעדע וואך, זונעלע... אפשר אפילו שוין מארגן...

ער האט נישט געהאט קיין כוח צו געזעגענען זיך מיט דודלען, זיין בכור, מורא געהאט, אז גראד איצטער, ווען אלץ איז שוין אפגע־רעדט געווארן בשלום, וועט ער זיך א ריס טאן אויף צוריק, נישט וועלן בלייבן. ער האט אויסגעצויגן די האנט צו יאנען, פעסט זי גע־דריקט, געוואָלט אין דעם האנט־דרוק איבערגיסן אלץ וואס ער פילט.

ווען מנשה איז פארנאכט, דורך זייטיקע וועגן און קרומע געס־לעך, געקומען צוריק אין לאָדזשער פארשטאָט באלוט, האט ער קיינעם אין דער וווינונג נישט געטראפן. אלץ איז געווען צוזאמענגע־לייגט אין ארדענונג, ווי שטענדיק, נאר זיין פרוי, לענא איז דארט נישט געווען.

— לענא! — האט אין דער שטילקייט פון דער פוסטער שטוב אפגעהילכט זיין פארצווייפלטע שטים.

איז ער אריינגעפאלן צום נאָענטסטן שכן ביי זיין טיר, א טויט־בלייכער געגומען אויספרעגן:

— וו איז מיין פרוי? וואס איז דא היינט געשען? די שטוב איז אפן... קיינער איז נישטא! לענא, מיין לענא — איז ער א הילפלאזער אנידערגעפאלן אויפן שטול, באהאלטן דעם קאפ אין די הענט.

— ווער האט זיך דאס געקענט פארשטעלן, ווער האט זיך גע־קאנט ריכטן? ... — האט ער ווי געווארט אויף אן ענטפער, נאר דאס אומגליק שוין געאנט, פארשטאנען.

דער שכן האט צוערשט טרויעריק געשוויגן, נישט געפונען קיין

ווערטער צו טרייסטן, און מיט געציילטע ווערטער גענומען דערציילן:
באלד פון פרימאָרגן האָבן די דייטשן געכאפט מענטשן פון די גאסן... די מענער ארייגעפאקט אין מאשינען... דערנאך אויך געגאנגען איבער די הייזער, צוזאמענגענומען די יונגע פרויען... ערגעצוו אוועקגע־פירט. ווער ווייסט וווהין... ווער קען עס וויסן? מסתמא אויף ארבעט!
— נישטא ביי וועמען צו פרעגן... נישטא ווו צו זוכן — האט מנשה א צעטומלטער גערעדט צו זיך אליין.
— אפשר אויף ארבעט איז היינט בעסער, ווי... ווי דא צו זיצן... מען דארף אנטלויפן פון דאנען! נאך ביאליסטאק, נאך לובלין... נאך... — האט דער שכן צוגעגעבן, נאר זיין טרוקן, פארגעלט פנים האט אבער געזאגט, אז די כוחות וועלן אים אין ערגעץ נישט פירן.
מנשה גוטמאן איז צוריק אריין אין זיין וווינונג. זיינע אויגן האבן געבלאָנדזשעט איבער די פאָליצעס וועש און געשיר, וועלכע ער האָט ערשט נישט לאנג צוריק צונויפגעקלאפט און אויסגעסדרט אויף זיי די זאכן, וואס ער האט אין געטא אריבערגעפירט.
— איז שוין נאך אלעמען? — האט ער געטראכט אין שטומען וויי.

די פוסטקייט פון דער שטוב האט אים גענומען שטיקן. ער האט זיך א ריס געטאן. אראפ פון די טרעפ, געלאזט זיך אין דער ריכטונג פון קלויסטער.
פארזיכטיק זיך געשלייכט לענגאויס דעם מויער, געוואלט כאטש פון דערווייטנס דערזען חנהלען.
עטלעכע מאל האט ער דאָך זי געזען ארומגיין אין א ריי מיט די קינדער איבערן ברייטן הויף. זאל זי זיך איצטער כאטש אויף א רגע באווייזן — האט זיין הארץ געהאמערט אין דערווארטונג.
אומזיסט האט ער אבער אויסגעקוקט די אויגן. דער הויף איז געווען ליידיק, געשראקן מיט זיין שטילקייט. די פענצטער פארהאנגען, די טירן פארקלאפט.
— ווו זענען די קינדער, די שוועסטער? אן אימהדיקע שרעק האט אים צעטומלט. צי זענען זיי אוועק, אדער ארויסגעפירט געווארן?

א קעלט איז אדורך איבער זיין קערפער. ער האט גענומען פאמעלעך שפאנען אויף צוריק אין דער ריכטונג פון זיין וווינונג.

— ניין, ניין... די נאָנעס וועט קיינער נישט רירן — האט אים דער שכל ניכטער אונטערגערוקט א טרייסט.

די גאנצע נאכט איז ער געלעגן אויפן בעט און נישט געקענט איינשלאפן, איינגעקוקט אין דער פינצטערקייט, ווי געוואַרט אויף א נס, אז די טיר זאל זיך פלוצים אויפמאכן און די טייערע געשטאלט פון זיין פרוי זאל זיך באווייזן. מיטן פרימארגן איז ער איינגעשלאפן א מידער, אן אפהענטיקער און באלד זיך אויפגעכאפט מיטן פחד פון א גענאַגטער חיה. אין איילעניש האט ער גענומען צוזאמלייגן די זאכן, אריינגעשטופט אין די רענצלעך און קויבערס, וועלכע ער האט אין באלוט געבראכט. מיט דער פולער זיכערקייט, אז אָט אָט, וועט אלץ אוועק ווי א בייזער חלום און די וועלט וועט ווייטער זיין וועלט. יעדער וועט זיך אומקערן אין זיין היים, צו זיין ארבעט, צו זיינע נאענטע.

ער האט די פענצטער פארהאנגען. דעם טיש אראפגעטראגן אויפן הויף, איבערגעקערט אים מיט די פיס ארויף, אריינגעלייגט דארט די פעק מיטן בעטגעוואנט און מלבושים און פארבונדן מיט א דיק געפלאכטענעם שטריק. פארשלאסן די טיר און פארשוווּנדן פון הויף, צוריק אין דארף, צו זיין קינד, צום איינציקן באשיצער, דעם האָרבאטן יאן, וואס האט מיט פריינטלעכקייט אויפגעמאכט פאר אים זיינע ארעמע ווענט.

צומארגנס, ווען יאן האט דערזען דעם פאן גוטמאן א פארשוויצטן, מיט שטויב באדעקטן, שלעפנדיק אזא אויסטערלישן וואָגן מיט רענצלעך און זעק, האט ער גלייך באנומען דאס געשעענע. כאטש זיין פויערישער שכל איז בדרך־כלל געווען שווער תופסדיק און יעדע געשעעניש האט ער תמיד לאנג באטראכט, האט ער איצט דעם מצב בליציק שנעל פארשטאנען. דער געזונטער אינסטינקט פון א מענטש, וואס לעבט מיט דער נאטור האט דאס אים אונטערגעזאגט, אז דער פאן גוטמאן האט קיינעם אין זיין שטוב נישט געטראפן.

איז ער צוגעלאָפן צום פּאַרקייטלטן טירל פון פּאַרקאַן, מיט דרך־ארץ באַגריסט דעם פּאַן גוטמאַן און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— דאַווידעק איז אַוועק אין פעלד מיט די גענדז. אַ ייִנגל, אַ כוואַט! באַלד זיך צו דער אַרבעט גענומען.

שטיל־שווייגנדיק האָט ער אַוועקגערוקט אַ ברעטל פון קעלער, דערנאָך אַ צווייטס. מנשה האָט אייליק די זעק און רענצלעך אין קעלער געוואָרפן, געטריבן דורך אַ מורא, אַז אָט, אָט, וועט זיך אַ פרעמדער מענטש באַווייזן אויף דער שוועל. ער האָט פאַרשטאַנען אַז אויך ער מוז אין דעם קעלער פאַרשווינדן.

יאַן האָט די ברעטער פון קעלער פּאַמעלעך צוריקגעלייגט, איבער־לאָזנדיק שמאַלע עפענונגען פאַר פּאַסיקלעך ליכט און פאַר לופט. דעם טיש אַרויפגעשטעלט איבער די ברעטער און ווי צו זיך אַליין גענומען ריידן:

— זאָל זיך דער פּאַן נישט זאָרגן... נאָר בייטאָג... קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. קיינער אין דאָרף וועט וועגן דעם נישט וויסן. שפּעטער וועל איך מיט טערעסען שוין עפּעס וואָס צוטראַכטן... איינ־אָרדענען... שאַ... שאַ! — האָט ער אייליק איבערגעריסן, דערשראָקן זיך פאַר דער סכנה וואָס ער נעמט אויף זיך.

פאַר מנשה גוטמאַן איז דער פינצטערער קעלער מיטן געדיכטן געשטאַנק אַ נייע היים געוואָרן. זיין פריערדיק לעבן איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט זיין אייגענעם איך.

*

פּאַמעלעך, שווער ווי די פאַרגליווערטע ווינטער־וואָלקנס, איז געשוווּמען די צייט.

אין דאָרף זענען נאָר די זקנים געבליבן. די פעלדער פאַרטריקנט, די בהמות אַוועקגעפירט, צוגעזלט. אין די פאַרלאָזענע כאַטעס נאָך די פויערים, וואָס זענען אויף אַרבעט פאַרשיקט געוואָרן, האָבן זיך פאַר־שיידענע מענטשן געיאָוועט, — פאָלקסדייטשן...

מיידט יעדער אויס די פּרעמדע, וועלכע דרייען זיך אַרום אין דאָרף און זייער דייטש לשון הילכט אָפּ חוצפּהדיק און זיכער אויף יעדן טריט, ווי זיי וואלטן פון שטענדיק אָן די באלעבאַטים פון דאָרף געווען.

דודל — איצט שוין וויצעק — מיט אַ צלמל אויפן האלדז אָנ־געהאנגען, שפּאנט יעדן זונטיק אין קאשטשיאל צוזאמען מיט זיין באלעבאס, דעם האָרבאַטן יאַן.

דער גלח האט אויסגעשריבן אַ פּאפּיר און דער סאָלטיס האט געחתמעט, אַז יאַן מיכאַלאַק איז דער אַפּוטרופּוס פון דעם יתום נאָך זיין עלטסטן ברודער, אַ פאַרשטאָרבענעם אין שטאָט. אַ באַזונדער פּאַפּיר צוגעגעבן, וווּ ס'איז געגנוי פאַרשריבן געוואָרן, וווּ און ווען וויצעק איז געבוירן געוואָרן און ווי זיינע עלטערן האבן געהייסן.

צעריסן און אָפּגעטראָגן זענען געוואָרן די בגדים און שיך פון דודלען. די קראַנקע טערעסאַ האט אַלץ געטאָן, אַז ער זאל זיין ריין אָנגעטאָן. זי האט געוואַשן און געלאַטעט זיינע זאכן, פון אַלטע שטיק־לעך סחורה אַ פּאָר שטעקשיך צונויפגענייט; און יאַן האט צו דער אַרבעט אַ פּאָר האָלצערנע טרעפּעס אויסגעאַרבעט. אָפט פלעגט ער אַרומשניידן דודלס געקרייזלטע האָר רונדיק אַרום שטערן און טרעפּנ־וויַיז פון די זייטן, ענלעך צו אַלע שקצים אין דאָרף.

ווי אַן אייגן קינד ליבן זיי אים פול מיט טאַטע־מאַמע־ציטער, אַז ער זאל כאַטש פון דעם שלעכטן עסן נישט פאַרשוואַכט ווערן, פון דער קעלט זיך נישט צוקילן, — אַ שטאָטישער דאָך, אַן איידל קינד...

זיין יונג קלינגעוודיק קולכל איז פאַר די צוויי אײנזאַמע מענטשן געווען אָפּפרישנדיק ווי דאָס קוואַל־וואַסער פון דאָרפישן טייכל.

צוזאַמען מיט מנשהן האבן זיי באַשלאָסן, אַז דאָס קינד דאַרף נישט וויסן אַז זיין טאַטע איז באַהאַלטן אין קעלער. זאל ער זיך רואיק טאָן זיין אַרבעט. נישט אויסגעשטעלט ווערן פאַר אַ נסיון... ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען.

יעדע נאַכט, ווען מנשה איז אַרויס פון קעלער, אַרומוואַשן זיך, אָפּעסן און אויסגלייכן די ביינער, האט ער איינגעטענהט :

— ווי לאנג עס איז נאר מעגלעך... דארף אלץ זיין א סוד...

אין די ערשטע טעג נאכן אנקומען אין דארף, האט דודל זיך געבעטן אהיים כאטש אויף עטלעכע שעה. געבענקט צו טאטע־מאמע. צו דער קליינער חנהלען. נישט געוווּסט, צו וועמען ער בענקט שטאר־קער. די גאנצע משפחה האט ער תמיד געזען צוזאמען און מיט דער גאנצער נשמה געריסן זיך צו זיי אלע. אין די נעכט פלעגט ער באהאלטן דאס קעפל אונטער די גראָבע דעקן און הילפלאָז אויסוויינען זיין בענקשאפט צו דער היים. אין זכרון האט ער געהאלטן איינגעקריצט די ווערטער פון זיין טאטן:

— געדענק, מיין זון, נאָר אין הארצן ביסטו א ייד...

דאך, ווען ס'איז אים א פחד באפאלן, האט ער תפילה געטאן מיט די ווערטער, וואס די פרומע טערעסא האט אים געלערנט. די ערשטע צייט האט ער מיט אן אינערלעכן ציטער געטראכט: צי וועט אים גאט נישט שטראפן דערפאר. מיט דער צייט איז ער אבער געווארן צוגעוווינט צו די בילדער פון די הייליקע אויף דער וואנט, און כאטש ער האט געוווּסט, אז די תפילה איז א פרעמדע, און אז דעם יידישן גאט איז נישט צו זען אויף א בילד, האט ער אזוי אייגן ווי זיינע אפוטרופסים אייפעריק געדאוונט און געבעטן, אז די מלחמה זאל זיך וואס גיכער ענדיקן, עס זאל זיין צו דער זעט ברויט און קארטאפל, און האט אויך צוגעגעבן זיין אייגענע תפילה: זוכה זיין זיך אומקערן אין זיין היים, אין דער שטאָט.

ער געדענקט שוין נישט די היים, קען זיך נישט דערמאנען, אבער ערגעץ־ווו אין זיין נשמה צאנקט נאך א קליינער פונק, א געדעכעניש פון די פארגאנגענע יארן.

טראָץ דער שטענדיקער אויסגערעכנטקייט מיט יעדן ביסן אין דער ארעמער פויערישער משפחה האבן זיי איינמאל אין דער וואָך א טאָפּ קארטאפל לאנג געשווענקט, געריייניקט, געוואשן אין עטלעכע וואסערן און שפעט אין אוונט געקאכט. ארומגעוויקלט דעם טאָפּ אין א האנטעך און באהאלטן אונטער א דעק.

דודל האט געוווּסט, אז ביינאכט וועט קומען א מענטש פון וואלד

נאך דעם טאָפּ הייסע קארטאפל. זיין הערצל האט אים ווייטיקלעך געזאגט, אז דער מענטש איז א ייד, וואס ליגט ערגעץ־ווו אין א גרוב אויסבאהאלטן אין הונגער און קעלט. ער האט געפיבערט אין שרעק:

— אויך איך בין א ייד... א ייד!

מיט יעדן יאר איז ער דארער געווארן, ווי א געוויקס וואס מען האט פון איר צוגענומען אלע נערונגס־זאפטן. שווער איז זיין קעפל געהאנגען אויפן דינעם האלדז, די דארע פיס האבן קוים געטראגן דאס גופל. ווי א ציטעריק צווייגל האט ער זיך געצויגן אין דער הויך, אַט, אַט, ווערט עס זיך איינברעכן. פון זיינע גרויסע, שווארצע אויגן האט ארויסגעקוקט דער טרויער פון דורות יידישע קינדער, איינגעשרומפענע פון פחד פארן שונא. יאן און טערעסא האבן איינגעזען, אז ס'איז ריכטיקער, אז וויצעק זאל זיך פאר קיינעם נישט ווייזן, בעסער זאל ער ארבעטן נאר אויפן הויף און אין שטוב.

דודל האט וואס אפטער פון א זייט גענומען צוהערן זיך צו די רייד פון די שכנים וועגן די דייטשן, וואָס זוכן ביי נאכט אין די שטאלן. פירן ארויס די פויערים אויף ארבעט און פרעגן זיך נאך אויף די „יודען"!

ער האט געזען, ווי זיי שאקלען מיט די קעפ, נישט דערזאגן, דאך אויפגעכאפט איינצלנע ווערטער:

— „זיי" פארטרייבן ערגעץ ווייט... אלע זשידעס...

פול מיט פחד איז דודל געווארן, געשראקן זיך פאר יעדן וואס דערנענטערט זיך צום פארקאן פון הויף.

אין די נעכט, ווען ער האָט פון פחד נישט געקענט איינשלאָפן, פלעגט ער זיינע הענטלעך צונויפלייגן און שטיל תפילה טאן, ווי די פרומע טערעסא האט אים געלערנט.

*

יאן האט איינציקווייז אויספארקויפט אלץ, וואס מנשה גוטמאן האט געבראכט אין זיינע פעקלעך און זעק.

אפטמאל, אין גרויען באגינען, פלעגט ער זיך לאזן אין וועג מיט זיין גראבן שטעקן אין האנט, צום גוט פון אלטן פראפעסאר זאלעצקי.

ביז צו דער מלחמה איז זאלעצקי געווען א לערער פון געשיכטע אין דער גרויסער שטאָט, און גוט פלעגט ער קומען נאָר זומערצייט, אויסרוען זיך ביי דער משפחה.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז זיין משפחה זיך צעלאפן; איינער קיין פראנקרייך, אנדערע קיין ענגלאנד. אויך די דינערשאפט איז זיך צעלאָפן און נאָר דער פראפעסאר מיט זיין פרוי זענען דארט געבליבן. ווייל ער איז זיין גאנץ לעבן געווען א פארשער פון תנ״ך, איז ער זינט יארן באפריינדעט געווען מיטן האָרבאטן יאן — דעם פרומען ביבל־לייענער. יאן פלעגט אָפט צו אים קומען בעטן אן אויסטייטשונג אויף א פסוק, וואס ער האט נישט געגוג תופס געווען. ביי דער געלע־גנהייט פלעגט ער דעם ערלעכן און גוטן פויער איינלאדן אויף א גלאז טיי, און הנאה האבן פון שמועסן מיט אים. אין די מלחמה־יארן זענען זיי נאך נענטער געווארן. ביי יעדע באגעגעניש האט ער יאנען געגעבן צו פארשטיין די לאגע אויף די פראנטן, געלייענט די ביבל און צוזאמען מיט א פארבענקטן ניגון געזונגען די פסאלמעס.

נאר דעם פראפעסאר און זיין פרוי, האט יאן אנפארטרויט דעם סוד, אז אין זיין קעלער באהאלט ער אויס א ייד און אז זיינס א קינד ארבעט ביי אים אין דער ווירטשאפט, כדי אנצוגיין ווי אן אייגענער אין דער משפחה.

דעם פראפעסארס פרוי האט דאס טאקע צוגערעדט יאנען, אז מען דארף פאר וויצושן מאכן א פאפיר:

— וואס עס זאל זיך נישט טרעפן, — האט זי געזאגט — מוז יעדער מענטש האבן א דאקומענט. ביי די דייטשן א פאפירל איז אלץ...

אויך די טייערע קליידער און זיידענע וועש פון די גוטמאנס, וואס יאן פלעגט פון צייט צו צייט ברענגען, האט זי פארקויפט, ווי אייגענע, ביי אירע פריינדינס און שכנים.

יאנען איז דאס באלעסטיקן די „פאני פראפעסאראווא״ געווען שווער, נישט אנגענעם, האט ער זיך פארטיידיקט:

— א סך וואלטן ביי מיר געקויפט אזעלכע שיינע זאכן... אבער נאכער גלייך נאכקוקן, נאכשפירן פון וואנען קומט דאס צו אזא ארעמען פויער ווי איך אזעלכע קליידער און וועש? אפשר וועלן זיי טראכטן, אז איך האב עמיצן באגזלט? אז איך מאך געשעפטן מיט דייטשן אָדער איך בין גאר א מוסר, חלילה...

האט יאן נאך יעדן באזוך אין גוט פון פראפעסאר זיך אומגע־קערט אין דארף מיט א זעקעלע צוקער, איינגעפאקט אין די לאנגע הויזן־קעשענעס, טאָרבעלעך מעל און גרויפן. א שטיק פעטס צו שמעלצן דאס געקעכץ, און א גוטן ביסן פארן קינד.

יאן האט מיט א געדריקטער שטימונג דערציילט דעם פראפעסאר און זיין איידעלער פרוי וועגן דעם אומגליקלעכן ייד, וואס גייט אויס ביי אים אין קעלער ווי א ליכט. און זיפצנדיק איבער זיין גורל, דער־ציילט ווי שטארק דער מענטש האלט זיך דאס אין אזא מצב.

— באַזשע מאַי, ווי קען ער דאַס אויסהאלטן? נאר ביינאכט, ווען אלע שלאָפן שוין, גייט ער ארויס פון קעלער זיך ארומוואשן. לאנג גייט ער ארום מיט ארומגעוויקלטע פיס אין שמאטעס, כדי אויס־צוגלייכן די ביינער. און איידער ער גייט צוריק אין קעלער כאפט ער א בליק אויף זיין ייִנגל, וואס שלאפט אין דער צווייטער שטוב, נאר אויף א רגע, ווי ער וואָלט מורא געהאט דאָס קינד איבערצושרעקן מיט זיין געשטאלט. ווי קען ער דאס אויסהאלטן? און די צוויי יידן וואס איך האב פארפרוירענע אהיימגעשלעפט פון וואלד? האלב־טויטע זענען זיי שוין געווען, ווען איך האב זיי באהאלטן, ווי שטום זיי זענען, זיי ריידן גארנישט... טאג און נאכט ליגן זיי און שוייגן... אפילו אויף א רגע ווילן זיי ביינאכט נישט ארויסגיין פון זייער באהעלטעניש; דער טויט ליגט זיי שוין אויפן פנים און זיי האלטן זיך.

— ווען וועט שוין זיין א סוף צו דעם גיהנום? — פרעגט ער א פארצווייפלטער ביים אוועקגיין. אויך זיינע כוחות גייען אויס. דער לאנגער וועג איבער די זאמדן ווערט וואס אמאל שווערער. מיט ציטער טראגט ער די זעקעלעך מיט שפייז און טראכט: פאראן אין שטעטל א סך בעלנים אויף יעדן חפץ. ווי קומט דאס צו מענטשן אזויפיל

געלט? מיר זענען שוין לאנג אָן א גראשן אין שטוב, און זיי צאלן גלייך פאר יעדער זאך.

דער ציטער אין זיין קערפער לאזט אים שוין נישט אָפּ. ער איז שוין כמעט ענלעך צו זיין שוועסטער טערעסא, אזוי אייגן שלאף און אָן כוחות. און די מורא פאר דעם שונא ווערט וואס אמאל שטארקער.

דאך ציט אים ווידער צום פראפעסאר. א גרויסער חריף איז דער פאן זאלעצקי אויף פאליטיק. נישט אומזיסט האט ער יארן־לאנג שטודירט געשיכטע. ער דערקלערט יאנען, אז די מפלה זייערע וועט קומען פון זייער גרויסקייט און זאטקייט; פון זייער אכזריותדיקער מאכט און זיכערער הערשאפט. זיי וועלן עס נישט קענען איינהאלטן אויף לאנג, זיי וועלן זיך איינברעכן און פאלן, אזוי ווי ס׳איז געפאלן רוים און די אלע מלוכות, וואס האבן זיך צעשפרייט איבער א סך לענדער און אונטערדריקט פעלקער.

זיצט יאן אין רחבותדיקן עס־צימער, איז טועם פון דעם פיינעם געקעכץ, וואס דעם פראפעסארס פרוי דערלאנגט אויף פארצעלאן טעלער און אומקלארע מחשבות מאטערן אים. שטאמלט ער א דער־שלאגענער:

— כמעט די גאנצע וועלט איז שוין אין זייערע הענט! און זיי גייען אלץ ווייטער. גאט האט דאך צוגעזאגט, אז א צווייטער מבול וועט מער אויף דער וועלט נישט קומען... — קלינגט זיין טענה קינדיש און אומבאהאלפן.

נעמט ארויס דער פראפעסאר דעם הייליקן בוך און לייענט פאַר די נבואה פון אויסלייזונג.

✶

און די אויפריכטונג איז געקומען.

צוזאמען מיט די רפואות פאר דער האלב־בלינדער טערעסא פלעגט יאן וואָס אָפטער קומען אליין אַ בארואיקטער און אויפגע־הייטערטער פון גוט.

פאַרנאַכט פלעגט ער אַנזאָגן די בשורות די אויסבאַהאַלטענע ייִדן:

— שוין נישט לאַנג וועלן מיר אַזוי זיך מאַטערן, זיי אַנטלויפן שוין פון די פראָנטן... איך ווייס עס אויף זיכער... זייער סוף איז שוין געקומען!

טאַקע אין גוט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער שונא ציט אָפּ. אַ צעטומלטער פון פרייד האָט ער אויסגעהערט דעם פּראָפעסאָרס אָנווייזונגען:

— אַלע אין דאָרף מוזן דערווײַל זיך באַהאַלטן... אפשר וועלן די בעסטיעס פאַרן אַנטלויפן אַלץ אָוועקלאָזן מיטן פײַער. פאַרניכטן. אויף דעם זענען זיי ספּעציאַליסטן!

נישט מיט זײַנע כּוחות איז יאַן געלאָפן צוריק אין דאָרף מיט דער גרויסער בשורה.

אַרײַן אין שטוב אַ צעפלאַמטער, אַ צעטראָגענער. איז ער צוגעפאַלן צו וויִעקן און צום ערשטן מאָל פאַר אַלע יאָרן, וואָס ער האָט אים אין זײַן היים געהאַלטן, גענומען אים קושן, בעת גרויסע טרערן זענען גערונען פון זײַנע אויגן.

— זון מײַנער... מיר זענען פרײַ! — געטוליעט צו זיך דאָס קינד, ווי דאָס אייניקסטע און טײַערסטע, וואָס האָט אים אין די שווערע מלחמה־יאָרן פאַרשאַפט אַזויפיל ליכטיקע טעג.

בײַנאַכט האָט ער אָוועקגערוקט די ברעטער פון קעלער און אַרויסגעשריִען:

— פאַניע גוטמאַן... פרײַנד מײַנער, אַנו, קומט אַרויס אַביסל! נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט און מיר וועלן זײַן פרײַ. זיי ציִען אָפּ! זיי ברעכן דעם קאַרק.

*

די לעצטע נאַכט אויף דער שיף. מאָרגן וועלן זיך שוין ווײַזן די שפּיצן פון כּרמל־באַרג, אַזוי האָבן אָנגעזאָגט די שיף־באַדינער.

יאַן האָט צוזאַמענגעלייגט זײַנע זאַכן, מיט זײַנע געדאַנקען איז ער אָבער אין דעם גרויסן טאָג פון באַפרײַאונג.

אויף אייביק האט זיך אין זיין זכרון פארקריצט די באגעגעניש פון דודלען מיט זיין פאטער.

נאָך איצט שטיקט אים אין האלדז, ווען ער דערמאָנט זיך דאָס בילד, ווי דאס אויסגעוואקסענע ייִנגל האט זיך הילפלאז געטוליעט אין די ארעמס פון דעם אפגעפונענעם פאטער; ווי א קליין פארלוירן קינד אריינגעכליפעט אין אים די דערשטיקטע בענקשאפט, וואס האט אים געמאטערט אלע יארן.

— איצט וועט שוין אלץ זיין גוט... פון היינט, מיין קינד... — האט קוים זיך געהערט מנשהס ציטערדיקע שטים, בעת זיינע ליפן האבן געקושט דאס קינדישע קעפל.

די אנדערע צוויי יידן, וועלכע ער האט געראטעוועט, זענען שטום אוועק, יעדערער אין אן אנדער ריכטונג, אפצוזוכן די פארלוירענע משפחה.

— מירן נאך צוריקקומען... מירן אפדאנקען... — האבן געשטא־מלט די ליפן, בעת זייערע דארע הענט האבן ארומגענומען יאנען — זייער רעטער.

דודל איז ווידער געבליבן אליין ביז דער טאטע וועט ברענגען א ידיעה, וו עס זענען די מאמע מיט חנהלען.

איצט קען שוין יאן נישט טראכטן, נישט דערמאנען זיך די געשעענישן. די בילדער נעמען זיך יאגן איינס נאכן אנדערן.

ער זעט דעם פאן גוטמאן א פארצווייפלטן נאכן לאנגן ארומזוכן אין די שפיטעלער און קאמיטעטן, קינדערהיימען און אמטן. נאכן שרייבן צענדליקער בריוו. אויסווארטן אויף אן ענטפער און ווידער שרייבן, שרייבן אָן א סוף! אין זיין ליידיקער, אויסגערויבטער וווינונג אין שטאָט האט ער קיין רגע נישט געקענט איינזיצן. איז ארומגעלאפן, ארומגעפארן א דערשעפטער און קיינעם פון זיין הויזגעזינט און פון זיין גרויסער משפחה נישט געפונען.

ווען אלע זיינע כוחות זענען ווי אויסגעגאנגען איז געשען דער נס:

פארנאכט, ווען אלע זענען צוזאמען געזעסן ביים טיש, ביי דער פארעדיקער שיסל הייסע קארטאפל, האט זיך פלוצים שטיל אויפגע־

מאכט די טיר און אויף דער שוועל פון יאנס כאטע האט זיך באוויזן די פרוי לענא גוטמאן — אן אפגעראטעוועטע פון אן ארבעטס־לאגער, א שטארק פארעלטערטע, מיט א גרויען קאָפּ, איז זי געבליבן שטיין א פארשטיינערטע ביי דער טיר, דערזעענדיק איר מאן און קינד...

איצט, דערמאנענדיק אלץ, דאכט זיך דעם האָרבאטן יאן, אז די מלחמה איז אפשר פאר דעם אויסבאהאלטענעם ייד אין קעלער, נישט געווען אזוי שרעקלעך, אויך דער פחד נאָך דער באפרייאונג, אז אלע זיינע אייגענע זענען אומגעקומען.

דאס ערגסטע וואס ס׳האט מנשהן געטראפן אין זיין לעבן, איז געווען די באגעגעניש מיט זיין מיידעלע אין קלויסטער.

נאך חדשים פון אויסמאטערנדיקע זוכענישן האט ער אפגעפונען זיין טעכטערל ערגעץ־ווו אין א פארווארפענעם שטילן קלויסטער. אויך יאן איז מיט אים אומעטום מיטגעפארן, ווייל פאר אים זענען די קלויסטער־טירן שטענדיק אָפן געווען. מיט אויסגעשפרייטע ארעמס איז מנשה געלאפן איבערן קלויסטער־פלאץ דערזעענדיק דארט זיין קינד.

— זאָסיא! — חנהלע! — האט פון זיין האלדז זיך ארויסגעריסן א דערשטיקטער רוף, פול מיט פרייד און פיין. דאס איז דאך מיין קינד!

דאָס מיידעלע, א פאַרוווּנדערטע, האָט אויסגעשטעלט א פּאָר דער־שראקענע אויגן, אויסגעדרייט זיך צו אים מיטן רוקן און אויסגערופן מיט בייזקייט:

— דו ביסט נישט מיין טאטע, דו ביסט א זשיד! א מיאוסער, אלטער זשיד! — און אנטלאפן צו די מיידעלעך, אויסגעזעצטע אויף א באנק אונטער א גרויסן בוים.

יאן, וואָס האָט נאר אין די מלחמה־יאָרן דערקענט די פרייד, וואס א קינד קען געבן, איז צוגעקומען א דערשיטערטער צו חנהלען און גענומען איינטענהען:

— געדענקסט דיין מאמושיא לענא? דיין ברודערל דאווידעק? זיי וועלן באלד דא אהערקומען... אהיימנעמען דיך... זיי א גוט קינד און גיי צו דיין טאטן, נעם אים ארום...

חנהלע איז אנטלאפן מיט א געשריי:

— איך וויל נישט קיינעם... איך וועל דא פארבלייבן! לאזט מיך אָפּ... לאזט מיך.

*

די שיף איז שויןביים ברעג... עס יובלען די פנימער. ווי א ווייטער חלום קלינגט די מוזיק אין ארום.

יאן קאן אבער פון דעם בילד זיך נישט באפרייען. אין זיין בלוט האָט תמיד געריזלט דער דרך־ארץ און ליבשאפט צו זיינע עלטערן. מיט לייב און נפש איז ער געבונדן מיט זיין פאלק, קאן ער נישט פארנעמען, ווי אזוי איז דאס געשען, אז דאס קינד זאל אפשטויסן איר טאטן, אלע אירע אייגענע!? וויפל כוח און פּאַרטל־שפּיצלעך האט דאס די פאני לענא געמוזט אנווענדן, כדי דאס מיידעלע צוריק אהיימפירן פון קלויסטער!

מנשה גוטמאן האט ביסלעכווייז פארבעסערט און פארזיכערט זיין מאטעריעלן מצב. אָבער ווען עס איז אויפגעקומען די יידישע מדינה האבן זיי באשלאסן אלץ אויפצוגעבן און זיך באזעצן אין אייגע־נעם לאנד. יאן האט געוואלט מיטפארן מיט זיינע אָפּגעראטעוועטע יידן צוזאמען, סיי־ווי איז ער מיט זיי ווי איין משפחה געווארן. וואס טוט מען אבער מיט דער קראנקער, כמעט בלינדער טערעסא? ער מוז זי דאך באדינען. ווי וועט זי זיך אן עצה געבן איינע אליין. האט מען זיך געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן, און יאן איז געבליבן מיט דער אלטיטשקער שוועסטער.

ווי שנעל די צייט איז דורך, וווּנדערט ער זיך איצטער. ס׳דאכט זיך אים אז נאר־וואס האבן די גוטמאנס געמאכט דעם באל פארן אפּפאָרן קיין ישראל, און שוין וועלן אלע זיך ווידער טרעפן. ער טרייבט אוועק פון זיך די זכרונות, ווי געוואלט וואס גיכער אריין אין דעם לעבן וואס דערווארט אים אין הייליקן לאנד.

דער פנים פון האָרבאטן יאן, מיט די טיפע קנייטשן פון א לעבן

פול מיט שווערער מי און זאָרגן, האט זיך צעשטראלט מיט א יונגער פרייד, דערזעענדיק דעם פולקעפיקן המוןביים באריער פון פאָרט.

דער לעצטער פון אלע פאסאזשירן גייט ער אראפ איבער די צוגעשטעלטע טרעפ פון שיף. אלץ ארום איז אים דא פרעמד. ער ווייסט אבער, אז פון צווישן די הונדערטער אומבאקאנטע פנימער וועלן באלד זיך ארויסרוקן זיינע פריינד און וויצעק, ניין, דאווידעק, וועט א לויף טאן דער ערשטער און אים ארומכאפן, קושן מיט גרויס ליבשאפט.

פארזיכטיק טראגט ער זיין האלצענעם קעסטל מיט די מתנות פאר זיינע פריינד און מורמלט צו זיך א באגייסטערטער:

— דאס איז זי... די הייליקע עֶרד... די פאני לענא מִיטן פאן גוטמאן און קינדער ווארטן דאָ אויף מיר...

מיליאנען

דער אמאליקער בית־עולים מיט די הילצערנע באראקן און צעלטן באדעקטע מיט שווערן ברעזענט — איז אויסגעליידיקט געווארן. זיינע מיטוווינער, די עולים פון „יציאת אייראפע" און פון די צפון־אפריקא־נישע לענדער, זענען אריבער אין די נייע דירות, אויסגעבויטע איבערן גאנצן לאנד ישראל.

פאר די ניי־אנגעקומענע עולים, אקאדעמיקער פון פוילן, איז א מעברה, נעבן דער שכונה אויפגעשטעלט געווארן. באקוועמע אזבעסט־הייזקעס, געשיצטע קעגן ווינט און רעגן.

גייט ארום איבערן שטח פון דער מעברה, דער אינזשיניער טאדע־אוש דאשינסקי, אין זיין גרויען רייזע־מאנטל און טיף פארוקטן הוט איבערן שטערן, ווי ער וואלט מיט קיינעם קיין געמיינזאמעס נישט געהאט. קיינעם נישט געוואלט זען. זיין יידישן נאמען, האט ער בעת דער היטלער־אָקופאציע געטוישט און פארגעסן פון אים, ווי ער וואָלט קיינמאל לעאן גראַדנער נישט געהייסן.

ווען זיינע פריינד האבן די פארטיי־לעגיטימאציעס אפגעגעבן און גענומען זיך גרייטן עולה זיין, האט ער מיט ביטול געשאקלט מיטן קאפ:

— ישראל איז אן עקספערימענטאלע מדינה... דא, ביי אונדז, איז אמאל גוט און אמאל ווערט שלעכט. אבער דארט? ווער קאן עס וויסן... אין איין טאג קאן עס געשען, אז אלץ וועט צעגיין, ווי א זייפן־בלאז...

זיינע באקאנטע דאקטוירים, אדוואקאטן און אינזשיניערן זענען עולה געווען. אין זייערע בריוו געשריבן, אז די משפחה האט זיי גאר ווארעם אויפגענומען. ביסלעכווייז גרייט זיך די ארבעט, א דירה. זאָל ער אויך זען, וואס גיכער קומען... די משפחהווארט אויף אים... וועט אים זיכער ארויסהעלפן זיך איינארדענען.

טאדעאוש דאשינסקי האט געלייענט די בריוו און נישט פאר־

שטאנען, וועגן סארא משפחה שרייבן זיי אים? זיין משפחה איז דאך אין אמעריקע.

פלוצים איז זיין פּאָזיציע צערונען, ווי א זייפן־בלאז. אין איינעם א פארנאַכט, ווען די טאכטער איז ארויסגעגאנגען צו איר פריינדין האט ער מיט זיין פרוי סטעפא, פארפירט א שטילן שמועס:

— ווי מיינסטו, מיר דארפן איר זאגן דעם אמת... עס איז געקר־מען די צייט...

— איך ווייס נישט ווי האלינקא וועט עס אויפנעמען. ווי אזוי קאן איך איר עס זאגן, אז... אז... מיר זענען יידן? — האט מיט א ציטערדיקער שטים געענטפערט די פרוי — מיר קאנען זי נישט ארויס־רייסן פון איר וועלט. וואס טוט מען? אפשר איז בעסער, דו זאלסט איר זאגן... אונטער פיר אויגן... איך וועל ארויסגיין פון דער היים?

— ניין, ניין! — האט האסטיק איבערגעריסן טאדעאוש דא־שינסקי — פאר א מוטער איז עס לייכטער... דו דארפסט זי צוגרייטן פּאָרזיכטיק... דערקלערן, אז מיר פּאָרן אין א צוויי, דריי חדשים קיין ישראל...

ווינט טאדעאוש דאשינסקי אין דער מעברה פון די אקאדע־מיקער און זידלט אלץ און אלע:

— א דירה און ארבעט האבן „זיי" מיר צוגעזאגט! האט איר א דירה — א צריף מיט א נאפט־לאמפ! ווער, ווער וואלט עס געגלויבט אין די היינטיקע צייטן פון פראגרעס, פון אַטאָם און טעלע־וויזיע, זאל מען צוריקגיין צום נאפט־לאמפ, צום מיטלאלטער. מען קאן דאך אראפגיין פון זינען...

די וותיקים פון דער דערנעבנדיקער שכונה האָבן א סך סענטי־מענטן פאר דער מעברה פון די אקאדעמיקער. זיי קומען אפט אין דער מעברה זוכן באקאנטע. דערמאנען די אלטע צייטן, ווען זיי אליין האבן שטודירט, כאָטש נישט באוויזן צו ענדיקן. עולה געווען. געוואָרן אר־בעטער. שפאצירנדיק איבער די וועגן צווישן די צריפים, מאכן זיי באקאנטשאפטן, רעדן ארום די שווערע צייטן, וואס זענען דא געווען, דערמוטיקן די נישט איינגעארדנטע:

— ווען מיר זענען דא געקומען, איז נאר א מדבר געווען. נישט מער ווי זאמד און שאקאלן. אזא אזבעסט־צריף איז קיינעם אפילו אין חלום נישט געקומען... צוויי שטובן מיט א קיך און באקוועמלעכ־קייטן, נישט געפערלעך... מען קאן עס אויסהאלטן א צייט. זעט איר, היינט גייט יעדער אין שבת אין א פיינעם אנצוג, אמאָל איז כאקי געווען א גאנצע וואך און יום־טוב אויך. די משפחות האבן זיך ארויפ־געארבעט, די מדינה בויט זיך...

זיי שפאצירן אין די שבתדיקע מלבושים מיט דער שבתדיקער מנוחהדיקייט, נאר זייערע גרויע קעפ, צעקנייטשטע פנימער, אָדערדיקע און אויסגעארבעטע הענט דערציילן מער פון זייערע רייד.

דעם כעמיקער פירן ארויס פון געדולד די אלע שמועסן.

— איך קאן שוין דאס לידל... אמאל איז געווען... אמאל ווען מיר זענען געקומען...

ער נעמט נישט קיין אנטייל אין אלע וויכוחים, וואס פירן זיך שעהנווייז אין דער מעברה, נאר ווען ארום זיין צריף נעמט זיך צוזאם א קרייז מענטשן, טרעט ער צו און נעמט ארויסשרייען זיין צאָרן:

— וואס איז דא צו רעדן פון אמאל? היינט איז דאך א מדינה! מען בויט דאך סטאדיאנען פאר טויזנטער פונטן, א פילהארמאניע פאר מיליאנען! א היכל התרבות!

זיין שטים ווערט פארביסן און האסטיקער:

— איר האט זיך דא אויסגעבויט ווילעס! גאנץ תל־אביב וווינט אין לוקסוס־דירות, דארפט איר א פילהארמאניע, איר האט שוין אלץ. מיר אבער וועלן דא קיינמאל זיך נישט איינארדענען, דא איז א פראטעקציע־לאנד.

זיין קול איז געווארן פארביסן און האסטיק. איבער אלע האט ער געשריגן — מיר זענען נישט קיין תימנער, מיר קומען פון אייראָ־פעאישע גרויסע שטעט, פון ווילטאג!

די אקאדעמיקער לאזן זיך נישט אריין מיטן אינזשיניער דאשינס־קי אין קיין וויכוחים. זיי האבן זיך באצייטנס פון אים אפגערוקט.

זיי געדענקען אים פון דער אלטער היים, ווי א געשווירענעם

שווייגער. ווען ער האט שוין אמאל, זיין מיינונג ארויסגעזאגט, איז עס נאָר געווען לויב־געזאנגען און הייסע שבחים פארן פאָטערלאנד, פאר די אָנפירער...

ווינקען זיי זיך איבער באדייטונגספול און גיבן צו פארדראָסיק:

— דא שפייט ער מיטן פולן מויל... רעדט פאר אלע צייטן...

מיטן ערשטן טאג, ווען זיי זענען אין לאנד געקומען, גענומען לערנען עברית. יעדער פון זיי האט מיטגעבראכט קאמפלעטע וווינונג־איינריכטונגען מיט אלע באקוועמלעכקייטן. זיי ווייסן, אז אזא גרויסער דירעקטאר, ווי ער שטעלט זיך דא פאר, איז ער קיינמאל נישט געווען. דאס אלטע, אפגענוצטע מעבל אין זיין אזבעסטאן דערציילט נישט פון ווילטאג.

שאקלען זיי מיט די קעפּ, שמייכלענדיק:

— נישט געפערלעך... געזען שוין אזעלכע הערן ביי א נאפט־לאמפּ...

די וותיקים אָבער, האָבן מיט א באזונדערער פארשטענדעניש צו אים זיך באצויגן. איינגעלאדן וואס אמאל אפטער אויף שבתדיקע פיש און סתם אויף א כיבוד אינדערוואכן. זיין שטימונג אויסרעדן און „דערמוטיקן אין זיין איינזאמקייט".

ווען דער אינזשיניער דאשינסקי, האט אין איינעם א טאג געוויזן זיין ארבעטס־צוטיילונג דער חברטע זעלדע, וואס האט זיך מיט זיין משפחה פארנומען זינט זיין אנקומען אין דער מעברה, האט זי אים גענומען קלאפן איבער דער איינגעבויגענער פלייצע, ווי גאר א נאענטן מענטשן:

— איך האָב אייך גלייך דאָך געזאָגט, אז אלץ וועט זיך איינשטעלן. מען דארף נאר א ביסל געדולד, אויסדויער...

— אפשר קאנט איר עמעצן, דארט אין דער פאבריק, פון דער לייטונג, פון די אינזשיניערן — האט באזארגט גענומען אויספרעגן דער כעמיקער — איך וואלט געוואלט פריער עמעצן באקענען, איידער איך וועל גיין צו דער ארבעט. צי וואלט איר געקאנט א רעדט טאן מיט עמעצן, איך בין דאך א פרעמדער דא...

די פלוצימדיקע אומבאַהאַלפנקייט פון טאַדעאוש דאַשינסקי האָט אַזוי באַנומען די לאַנגיאַריקע עסקנית, די פרוי זעלדע, אַז גלייך האָט זי באַשלאָסן צוצופאָרן צום אינזשעניער מנחם לעווי, דעם מאַן פון איר פריינדין, וועלכער אַרבעט גראַד אין דער פאַבריק.

— דאָס איז מיין באַקאַנטער זייט יאָרן, האָט האַפערדיק צוגע־זאָגט די פרוי זעלדע, זיכער וועט ער אייך העלפן, דאָס איז דאָך קיין פּראָטעקציע — האָט זי זיך אַליין גענומען פאַרטיידיקן, איר האָט דאָך אַ צוטיילונג פון דער לשכת עבודה.

גלייך איז זי טאַקע צוגעפאָרן צום אינזשעניער מנחם לעווי. פון דער טיר באַשיידן אַנגעזאָגט:

— דאָס מאָל קום איך צו אייך... אַ סך צייט וועל איך אייך נישט פאַרנעמען, איך וויל נאָר בעטן אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט פאַר אַן עולה חדש, אַ כעמיקער, וואָס איז אין אייער פאַבריק צוגעטיילט געוואָרן.

— קומט ווייטער, וואָס עפּעס אויף דער שוועל — האָט פריינט־לעך אַריינגעבעטן אין האַל די פרוי לעווי — זיצט. וועגן וואָס האַנדלט זיך אייגנטלעך? צו מיר זייט איר גאַרנישט געקומען? — האָט זי צוגעגעבן מיט שפּאַס.

— איר פאַרשטייט, — האָט די חברטע זעלדע גענומען דער־ציילן, — אין אייער פאַבריק איז צוגעטיילט געוואָרן אַ כעמיקער... אַ מענטש קען נישט קיין עברית און אויך נישט קיין יידיש וואָרט... זיין נאָמען איז אַ ביסל אויסטערליש, אָבער אַ סך זענען דאָך געקומען אויף די אַרישע פּאַפּירן. מען דאַרף זיך מיט אַזאַ מענטש אַ ביסל פאַרנעמען, ער האָט אויסערגעוויינלעכע רעקאָמענדאַציעס, געווען אַ גרויסער דירעקטאָר. דאָס איז דאָך קיין פּראָטעקציע — גענומען זיך ווידער פאַרטיידיקן — ער האָט דאָך אַן אָפיציעלע אַרבעטס־צוטיילונג... נאָר אַ מענטש, ווען ער קומט אויף אַ ניי אָרט, איר פאַרשטייט...?

— איך פאַרשטיי אַלץ — האָט דער כעמיקער לעווי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — און איך פאַרשטיי גאָרנישט.

— איר ווייסט דאָך, אדון לעווי, די נייע עליה, האָט די חברטע זעלדע איבערגעריסן. מענטשן אנטווישטע, מיט קאָמפּלעקסן, מען מוז זיי דערמוטיקן, דערציִען...

— איך האָב זייער ליב אַלע פּרויען — האָט דער כעמיקער לעווי איבערגעריסן אומגעדולדיק, דאָך מיט אַ וויציקער שטים, אָננעמענדיק פריינטלעך די האַנט פון דער פרוי זעלדע — נאָר... ביז זיי געהערן נישט צו עפּעס אַ פרויען־אָרגאַניזאַציע. אַזוי אָבער, ווי זיי געהערן נאָר צו אַן אָרגון, הייבן זיי אָן אויף דער גאַנצער וועלט קוקן ווי אויף אַ גן־ילדים און זיי, די גננות, דאַרפן אַלע נאָר דערציִען. זאָל דער מענטש קומען צום מנהל און זיכער וועט אים אַ פּאַסיקע אַרבעט צוגעטיילט ווערן. אויב עס וועט זיין נויטיק וואָס צוצווייזן, צוהעלפן, דערויף זענען מיר דאָך יידן...

דער אינזשיניער לעווי האָט אין גאַר שווערע צייטן מיטגעהאָלפן בויען, איינאָרדענען די פאַבריק, ווען עס זענען נישט געווען די נויטיקע מאַטעריאַלן און די געהעריקע ספּעציאַליסטן. איז אים אומפאַרשטענד־לעך צוליב וואָס דאַרף מען זיך איינשטעלן פאַר אַן אויסערגעוויינלעכן ספּעציאַליסט, ווען די פאַבריק זוכט איצטער אַזעלכע.

— עס גייט אין איין קליינִיקייט — האָט די פרוי זעלדע נישט אָפּגעטרעטן — דער דאָזיקער אינזשיניער איז שוין אין די פופציקער יאָרן. עס זענען דאָך פאַראַנען אַזעלכע, וואָס קוקן אַ ביסל אַנדערש אויף אַן עלטערן, אומעטום וויל מען דאָך יונגע, מיט פרישע כוחות. אָ, איך קאָן עס גוט פאַרשטיין, וואָס פילט אַזאַ מענטש, אויך איך, וועל באַלד אַריין אין די יאָרן... און אויך אויף מיר וועט מען באַלד אַנדערש קוקן — האָט די פרוי זעלדע אַראָפּגעלאָזט די אויגן מיט אַ שטילן זיפץ — אפשר קאָן ער פריער צו אייך קומען, באַקענען זיך?

— בסדר, בסדר, זאָל ער קומען, צעלאַכט זיך דער באַלעבאָס, מירן זיך באַקענען, נישטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן.

די פרוי זעלדע ראַקאַטש האָט ווי תמיד אַלץ דערגרייכט מיט אַ וויץ און מיט אַ שמייכל און געגרייט זיך צום אַוועקגיין.

איז אריין אין האָל די פרוי לעווי מיט א טאַץ קאווע און קיכלעך.

— זיצט א ביסל, טרינקט מיט אונדז א קאווע — בעט זי פריינט־לעך, נאר איר שטים איז אן אויפגערעגטע, געדריקטע.

— מיט אונדז האט מען זיך אזוי נישט געשפילט — הייבט זי אן שטיל מיט פארדראס — פאר אונדז איז קיינער אין ערגעץ נישט געגאנגען. קיינער האט פון מיינע קאמפלעקסן נישט געטראכט, ווען איך האב מיט מיין דיפלאם געריימט יארן אין א האטעל. ווען מיין מאן האט ביים בנין געארבעט, ווייל קיין אנדערע ארבעט איז נישט געווען. אונדז האט קיינער נישט געהאלפן און מיר זענען צו קיינעם נישט געגאנגען! מיר זענען געקומען ווי אידעאליסטן, רעזיגנירט פון אלעמען און אפגעזאגט זיך פון א באקוועם לעבן. מיר זענען נישט אנטלאפן פון א קאטאסטראפע. פאר וואס קומט עס זיי, די וואס אנטלויפן מיטן לעצטן צוג — מיר זאלן זיך אריינטראכטן אין זייערע קאמפלעקסן? פאר וואס קומט דאס זיי? — האט נאכאמאל איבערגעחזרט די פרוי לעווי. זי האט אפגעהאקט, אין זיך ווייטער געטראכט אירע מחשבות. איר פריצייטיק גרויען קאפ האט זי אראפ־געלאזט, געשוויגן.

— און ווען דער זעלבער מענטש פארט אין אן אנדער לאנד, וואלט זיך ווער פארנומען מיט זיינע שטימונגען, מורא געהאט דאס לאנד זאָל אים, חלילה, נישט געפעלן? — האָט אויף זיין שטייגער געשפאסט דער באלעבאס.

— מיינע טייערע, איר האט נישט קיין רעכט — האט מיט איר גוטמוטיקער רואיקייט גענומען רעדן די חברטע זעלדע — האט מען אמאל זיך נישט פארנומען מיט א נייעם עולה, געלאזט אים אויף זיינע כוחות, איז עס געווען שלעכט. האט מען איינגעזען דעם פעלער און היינט שאפן זיך קאָמיטעטן צו העלפן עולים, איז ווידער שלעכט. אזוי איז שווין דער מענטש, תמיד נישט צופרידן. איך מיין, אז מיר דארפן נישט פירן קיין חשבונות...

קיינער ווייסט נישט ווי אזוי איז דאס געשען, אז דעם זעלבן אוונט איז צום טעכנישן לייטער פון דער פאבריק, געקומען זיין ידיד

און גענומען דערציילן, וואס פארא גוטער כעמיקער איז צו אים גע־
ווארן צוגעטיילט, מען דארף אים נאר א ביסל צוהעלפן, אן עלטערן
מענטשן...

ווען טאדעאוש דאשנסקי איז געקומען אין דער פרי אין דער פאב־
ריק און דערלאנגט זיין ארבעטס־צוטיילונג האט ער גלייך באלייגט
א בריוול פון סוכנות:

...„איך בעט צו העלפן איינאָרדענען ביי ארבעט דעם כעמיקער
טאדעאוש דאשינסקי און פארלייכטערן אים די קליטה. אויב ער וועט
זיך פאסן צו דער ארבעט, וועלן מיר אים צוהעלפן מיט א דירה אין
דער סביבה פון דער פאבריק״.

דער מנהל לייענענדיק דאס בריוול האט א שמייכל געטאן, גע־
דענקט אז שוין גאָר פרי האט ער צוויי טעלעפאָנען וועגן דעם ענין
געהאט.

— בסדר, בסדר — האט נאכאמאל איבערגעחזרט דער מנהל,
איבערקוקנדיק די ארבעטס־רעקאָמענדאַציעס — איך וועל אייך בעטן
דעם דיפלאם.

— איז עס וויכטיק ביי אזעלכע דאקומענטן? — האט דער
כעמיקער טאדעאוש דאשינסקי געפרעגט מיט ביטול.

— א דיפלאם איז זייער וויכטיק ביי אונדז — האט ערנסט
געענטפערט דער מנהל. היינט וועל איך אייך צוטיילן אן ארבעט און
מארגן ברענגט בבקשה אייער דיפלאָם.

צוריקקומענדיק פון דער ארבעט האט טאדעאוש דאשינסקי פון
דער שוועל אויסגערופן:

— מיינסט מסתמא, סטעפא, אז „ער״ האט זיך נישט געהייסן
ברענגען דעם דיפלאם?

— ביי „זיי״ איז נישטא קיין חכמות — האט זיין פרוי מיט
ביטערקייט געענטפערט און גענומען אים טרייסטן:

— מירן שנעל אפעסן און גיך צוגיין מיטן דיפלאם צום אינזשי־
ניער לעווי, אפשר קאן ער וואס טאן...

ווען דער אינזשיניער לעווי האָט גענומען דעם דיפלאָם אין דער האנט און זיין בליק איז געפאלן אויף דער געבוירן־דאטע, האט ער מיט א שמייכל א פרעג געטאן:

— פארוואס זייט איר פריער נישט געקומען? מיר ווארטן אויף ספעציאליסטן. גלייך אבער צוגעגעבן:

— קיינעם דארפן נישט אנגיין אייערע יארן. איר זייט א מומחה, מען דארף אזעלכע. גייט רואיק צו אייער ארבעט... מען דארף זיך באַפרייען פון פחד.

ווען טאדעאוש דאשינסקי האט זיין דיפלאם דער־לאנגט דעם מנהל, האבן זיינע הענט א ציטער געטאן, נאר דער מנהל האט עס ווי נישט באמערקט. איבערגעקוקט. צוריקגעגעבן. וועגן זיין עלטער איז צו קיין רייד נישט געקומען. צום ערשטן מאל אבער, האט דער טעכנישער לייטער גענומען אָבסערווירן זיין נייעם באאמטן. געטראכט:

„שוין אריין אין די זעכציקער און אזא גלייכע האלטונג. א יונגער בליק, דאָס פנים אָן קנייטשן, אָן סימן פון זקנה...

— איר דאַרפט א ביסל צולערנען עברית — האָט ער גוטמוטיק געראָטן — כאטש קאנען אנשרייבן עטלעכע ווערטער...

— קוים זיך אויסגעלערנט זאגן שלום — האט זיך גענומען וויצלען דער כעמיקער — אפשר מיט דער צייט, וועל איך זיך נאך עטלעכע ווערטער אויסלערנען. אָבער עברית?! מיין גאט, וואס פארא שפראך!

ער האט באמערקט, אז דער מנהל איז מיטאמאל ערנסט און אמטלעך געווארן, האט ער זיך אויף זיין שטייגער פארנייגט, גענומען זיין דיפלאם און אוועק צו זיין ארבעט.

*

עס זענען אוועק עטלעכע חדשים.

דער כעמיקער, טאדעאוש דאשינסקי, האט זיך אין דער פאבריק איינגעלעבט. גענומען פילן היימיש. וואס אמאל אפטער האט זיך געהערט זיין באפעלערישע, שטרענגע שטים איבערן זאל. צו די ארבע־

טער האט ער זיך באנומען, ווי אן אמאליקער פוילישער פריץ צו זיינע פאראָבקעס. פאר יעדע קלייניקייט באליידיקט, געזידלט, געשריגן.

די ארבעטער האבן אלץ פארנומען. פארשוויגן. אויסגעטייטשט:

— מסתמא געווען א גרויסער דירעקטאר...

שטילשווייגדיק, פאר קיינעם נישט אויסצורעדן, האט דער אינזשי־ניער לעווי פאריכט זיינע פעלערן.

געוואונדערט זיך:

ווי אזוי האט אזא מענטש, געקאנט זיין א דירעקטאר? אנפירן א פאבריק?

פאר זיין פרוי סטעפא האט דאשינסקי זיך געגרויסט:

— איצט וועל איך איינפירן אן אָרדענונג אין דער פאבריק. איך וועל „זיי" לערנען ארבעטן. וואס זאגסטו אבער סטעפא דערויף, וואס מען וויל מיר געבן א קלענערע דרגה? אזוי ווי איך קאָן נישט שרייבן קיין באריכטן אין עברית, הייסט עס, אז איך וועל ווייניקער פארדינען פון אנדערע אינזשיניערן. זיי טענהען, אז איך מאך נאר א טייל פון מיין ארבעט. אבער דער באאמטער, וואס שרייבט מיינע באריכטן, ארבעט דאך סיי ווי סיי. צוליב מיר האט מען דאך קיינעם נישט צוגענומען? איך וועל נישט נעמען קיין קלענערע דרגה — האט פעסט באשלאסן דער נייער אינזשיניער.

— פאר דיר א נידעריקערע דרגה? — האט זיך גענומען היצן זיין פרוי — איז שוין בעסער אינגאנצן נישט נעמען קיין משכורת! מען טאר זיך נישט לאזן דעגראדירן. ניין! — האט זי אים צוגעגעבן מוט. איר פנים איז רויט געווארן פאר כעס, די אויגן אנגעצונדן מיט א פייער.

פאר איר פריינדין, די פוילישע פרוי, וואס איז מיט איר יידישן מאן געקומען, באקלאגט זי זיך:

— נאר מען וויל דא א מענטשן אויסנוצן, אראפנידערן! וואלט ער געהאט פראטעקציע, וואלט מען וועגן א דרגה נישט גערעדט, ביי אזעלכע רעקאמענדאציעס! צוליב די פאַר ווערטער, וואס מען דארף פאר אים אנשרייבן אין עברית, רייסט מען ביי אים פון דער משכורת...

דער זעלבער מענטש ארבעט דארט! וואס מאכט עס שוין אויס אנ־שרייבן א באריכט? ווי אזוי קאן מען דא לעבן, זאג אליין זאָפיא, ווי האלט מען דאס אויס?

די פרוי זאָפיא קאַליצקא האט זי געגומען בארואיקן:

— איך מיין, מען דארף נעמען די משכורת... זאל טאדעאוש א ביסל צולערנען עברית. מיין קאראָל האט דאך אויך קיין ווארט נישט געקענט, זע ווי ער רעדט שוין פריי, גאר פליסיק! פערצן שעה א טאג האט ער געלערנט אויפן אולפן. וואס זאגסטו דערויף, וואס ער האט שוין אפילו אין ראדיא גערעדט, עפעס וועגן עולים, איך ווייס... איך מיין אויך אויף די אוונט־קורסן גיין לערנען. ווי עס זאל נישט זיין, איז עס דאך א שפראך פון דעם לאנד. מירן זיך סוף סוף איינארדענען און וועלן אמאל גיין אין א קינא, אין א טעאטער. סטעפא, דאס איז א יונג לאנד... מען דארף זיך צוגעוווינען...

די פרוי סטעפא האט געשוויגן, גענומען קוקן מיט אומצוטרוי אויף איר לאנגיאריקער פריינדין. געטראכט... זי זאָל מיר גאר געבן צו פארשטיין, אז מען דארף זיך געוווינען צום לאנד דא!

לאנג האט זיך געטומלט אין דער פאבריק וועגן זיין משכורת, ביז ער האט זי באוויליקט צו נעמען.

✶

די נייע דירות פאר עולים זענען אויפגעבויט געווארן.

דער אינזשיניער לעווי האט זיך תמיד געפרייט מיט יעדן נ״עם כביש, מיט יעדן ביימל, וואס איז אויסגעוואקסן. איז עס פאר אים געווען א גרויסע סאטיספאקציע, אריינרופן אין זיין ארבעטס־צימער דעם כעמיקער דאשינסקי. גלייך פון דער טיר האט ער אים אנגעזאגט מיט אויפריכטיקער פרייד:

— זיכער האט איר געהערט וועגן די נייע שיכונים, נאענט צו דער פאבריק?... איצט קאנט איר באקומען א דירה, מירן אייך געבן א הלוואה. די מעברה איז נאר אויף איבערצוקומען די ערשטע צייט...

ער איז געווען זיכער, אז דער כעמיקער וועט זיך גליקלעך פילן מיט דער בשורה. סוף סוף — אן אייגענע דירה.

טאדעאוש דאשינסקי איז געזעסן מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. געשוויגן. נאך א רגע פאמעלעך ארויסגעווארפן די ווערטער:

— איך דאנק אייך... באמת... איך האב נישט קיין ווערטער... אבער א הלוואה? ווי אזוי קאן איך בארגן געלט, ווען איך פארדין אזוי ווייניק! מיר האבן א טאכטער אין א קיבוץ... זי וויל לערנען... דערווייל איז זי אויף אן אולפן...

— אלע דא נעמען הלוואות און אלע צאלן זיי אויס — האט לעווי גענומען אים צורעדן, געגעבן צו פארשטיין:

— אנדערש קאָן מען זיך נישט איינאָרדענען, ווי אזוי מיינט איר ארויסגיין פון דער מעברה! איר האט דאך קיין קאפיטאל נישט געבראכט...

— מירן נאך זען, מירן צווארטן... איך מוז זיך פריער אדורכרעדן מיט מיין פרוי...

— א שאד צו פארלירן אזא שאנס, באטראכט זיך גוט... אמאל האט א מענטש אויף אזא דירה א האלב לעבן געווארט — האָט גענדולדיק איינגעטענהט מיטן כעמיקער דער אינזשיניער לעווי.

ער האט נישט געוווסט, אז טאדעאוש דאשינסקי ווארט אויף פאפירן פון אמעריקע.

וועגן זיין רייכער משפחה האט ער קיינמאל נישט דערמאנט. מיט קיין ווארט נישט דערציילט, נישט דעם אינזשיניער לעווי, ביי וועלכן ער איז אן אָפטער איינגייער געווארן און נישט די אנדערע פריינט, וואס האבן אים געהאלפן זיין „קינד" איינארדענען אין א קיבוץ.

ערשט ווען די פאפירן זענען אָנגעקומען האט מיטאמאל טאדעאוש דאשינסקי גענומען דערציילן:

— דרייסיק יאר האב איך מיין ברודער נישט געזען. איך קאן אפילו נישט זיינע קינדער. די גאנצע משפחה פון מיין פרוי וווינט אין קאליפארניע. יעדער דא האט א משפחה, עמעצן, מיר האבן נישט קיינעם...

— זיכער וועט אייער משפּחה קומען אויף א לוסט־רייזע — האָט לעווי גענומען אים טרייסטן. אַזאַ מזל האָט ער תּמיד געהאַט, אַז יעדן האָט ער נאָר געטרייסט.

— וואָס רעדט איר? זיי וועלן דאָ קיינמאָל נישט קענען קומען, זיי זענען זייער פאַרנומען, מאַכן גרויסע געשעפטן... ווּ האָבן זיי צייט אויף אַזאַ רייזע? זיי מיינען אונדז איבערנעמען, איינאָרדענען — האָט לאַנגזאַם דאַשינסקי אַלץ אויסדערציילט. מיט אַ פּאַרטרויערטער שטים ווייטער געצויגן:

— איך האָב ליב באַקומען דאָ דאָס לאַנד, די נאַטור, דעם ים און דעם כּרמל... ווי הערלעך איז דאָס אַלץ! אָבער די מענטשן... מיט יידן איז שווער אויסצוקומען... יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע אייגנשאַפטן, אָבער אַזעלכע ווי עס האָבן די יידן, האָט נישט קיין פאָלק... שווער זיך צוגעוווינען צו יידן...

— אונדז איז שווער געווען מיט די גויים... מיט יידן קומען מיר אויס — האָט דאָס ערשטע מאָל מיט רוגזה אָפּגעענטפערט דער אינזשעניער לעווי, זיין אַפּוטראָפּוס. אָפטמאָל האָט ער משונהדיקע רייד אויסגעהערט פון האַלב פאַרגויאישטן עולה חדש און יעדעס מאָל אויסגעטייטשט:

— די צייט וועט מאַכן דאָס איריקע...

אויסהערנדיק די רייד, האָט ער צום ערשטן מאָל מיט באַדויער אַ טראַכט געטאָן:

— אַזויפיל טייערע מענטשן פון דער נייער עליה וואַרטן מען זאָל צו זיי אויסציִען אַ האַנט, האָט מען גאָר אַזעלכן אויסגעפונען!

די חברטע זעלדע איז אויסער זיך געוואָרן.

געפרעגט:

— האָט עס אַ זין ווידער זיך שלעפּן אין דער וועלט, איבערלאָזן אַ זיכערע עקזיסטענץ? אייער מאַן האָט זיך איינגעאָרדנט, געפונען פריינד, האָט אַ פּאָסטן. איר קאָנט איצט באַקומען אַ דירה. אייער טאָכטער האָט זיך איינגעלעבט אין קיבוץ, ווי איך ווייס. אויב זי וועט אין קיבוץ נישט בלייבן, האָט זי זיך אויסגעלערנט די שפּראַך. איצט

קאָן זי שטודירן, אדער לערנען א בארוף, ווי איר וועט עס באשטימען! צוליב וואס דארפט איר זיך ווידער שלעפן אין דער וועלט? צי האבן מיר אייך נישט געהאלפן זיך איינארדענען?

— דאס לאנד איז הערלעך... איך האב ליב דעם כרמל... דעם ים... אבער די מענטשן... האט שטיל און פארדראסיק די פרוי סטעפא נאכגערעדט די רייד פון איר מאן.

— וואס איז דא צו רעדן פון דער נאטור און פון די מענטשן — האט מיט גאר אן אנדער לשון גענומען רעדן דער כעמיקער — אין אמעריקע קאן מען מאכן מיליאנען!

— מיליאנען?! — האט אן אנטוישטע איבערגעחזרט די פרוי זעלדע — צו וואס דארפט איר מיליאנען? צי האט איר זיך נישט איבערצייגט, אז פאר מיליאנען האט מען זיך נישט געקאנט קויפן דאס לעבן ביים שונא, אויסבאהאלטן פון טויט?

— די מלחמה איז פארביי און א נייער היטלער וועט מער נישט אויפשטיין! — טייערע מיינע, וואס ווייסט איר פון א וועלט, פון לעבן?! איר זיצט דא אין קרית חיים, אין א שיכון... א מיניאטור־שטעטעלע... אבער ווער עס האט מיליאנען, לעבט א לעבן, מען וועגע־טירט נישט אויף קליינע פּאַסטנדלעך... — האט זיך געהיצט דער כעמיקער.

מיליאנען, דער חלום פון זיין גאנץ לעבן, האבן אנגעהויבן אויס־זינגען זיין מארגן; מאלן בילדער, וואס זענען שוין א ווירקלעכקייט געווארן אין זיין פארשטעלונג.

— איך וויל זען די וועלט... רייזן איבער לענדער און ימען. קיינמאל האב איך נישט געשטרעבט צו לוקסוס, צו קאסטבארע זאכן. נאר א מענטש דארף פון אלעמען געניסן! איך האב ליב דאס פאר־ברענגען אָן א חשבון... טעאטערס, גאלא־קאָנצערטן, באלעט! קינדער־לעך איר זעט דאך דא גארנישט... דא איז דאך נישטא וואס צו זען!

מיליאָנען האָבן קאָפּשווינדלעריש גענומען טאנצן פאר זיינע אויגן, ווי א מיראזש, געפירט וואס אמאל ווייטער און ווייטער.

זיין טאכטער האלינא, וואס רופט זיך אין קיבוץ כבי, האט נישט

געוואלט הערן וועגן אָפּפאָרן נאָך אמעריקע. ביים געזעגענען זיך, א פארשעמטע פארזיכערט:

— חברה, איר וועט זען... איך וועל צוריקקומען... איך קאן אבער זיי איצט נישט לאָזן אליין איבער אזא ווייטן וועג...

★

עס האט נישט לאנג געדויערט און פון אמעריקע זענען אנגעקומען ענטוזיאסטישע בריוו.

„אונדזער לעבן הײַנט, איז ווי א שיינער חלום. די גאנצע משפחה האָט אונדז אפגעווארט. געמאכט א וואונדערלעכע אויפנאַמע, גלייך געגעבן אונדז א טשעק אויף „קליינע" אויסגאבן. מירן נאך שרייבן. מיר זענען א ביסל באטויבט מיט דער נייער וועלט. מיר קלייבן זיך איצטער אויף א רייזע איבער אייניקע שטעט, צו באזוכן אונדזערע פריינד".

חדשים פון שווייגן זענען אדורך. דערנאך זענען געקומען גרוסן פון טשיקאגא, וואשינגטאן, מיאמי. אייניקע ווערטער, ווי די צייט וואלט נישט געסטאיעט אויף אנצופרעגן, וואס מאכן „די ליבע פריינד פון איזראעל?"

דער קרייז באקאנטע, וואס האט זיך פארנומען מיט דער משפחה דאשינסקי, האט זייער צייט געווידמעט די נייע עולים, וואס זענען אנגעקומען. פארגעסן פון זיי, ווי מען פארגעסט גיך די אלע, וואס פארן אָפּ.

גאַר אומפאראהאָפט איז געקומען א בריון פון דער פרוי סטעפא צו איר לאנגיאריקער פריינדין, מיט וועלכער זי איז צוזאמען געקומען אין לאנד.

„מיין טייערע זאָפיא!

אנטשולדיק, וואס איך האב אזא לאנגע צייט נישט געשריבן. איך בין זייער פארנומען. א צייט האב איך געארבעט אין א שפיטאל אויף נאכט־ארבעט. אבער איך בין נישט מער יונג און די ארבעט איז מיר

געווען צו שווער. איצט ארבעט איך אלס „בעבי־סיטער". איך מוז נישט ארבעטן, עס פעלט דא אונדז קיין זאך נישט. מיינע ברידער און די משפחה פון מיין מאן גיבן אונדז יעדן חודש א טשעק. זיי האבן אונדז א שיינעם אפארטאמענט געקויפט. מיר האבן אלע באקוועמלעכ־קייטן, אפילו א טעלעפאן. אבער דו קאנסט דאך אונדז און פאר־שטייסט, אז מיר קענען נישט לעבן פון רחמנות, אויף יענעמס חשבון. דערווייל האט טאדעאוש קיין פאסטן נישט באקומען. ער איז שוין גרייט אָנצונעמען יעדע ארבעט, אָבער, אויך דאָס געלינגט אים נישט. ער לערנט זייער פלייסיק ענגליש. מיין אָרעמער טאדעאוש! ווי ער האָט זיך געעלטערט! טאָג און נאַכט לערנט ער! איך גלויב אָבער, נישט, אז ער וועט א פאסטן באקומען, ווען ער וועט דערלערנען די שפראך. זיין ברודער האלט אין איין איינטענהען: צי האסטו נישט גענוג געארבעט אין דיין לעבן? יעדער מענטש מוז אמאל אנהייבן רוען... טאדעאוש שווייגט. ער ענטפערט נישט קיין וואָרט. ער ווייסט, אַז ער האט נאך גענוג כוחות אויף צו ארבעטן. ער האט ליב זיין בארוף, אבער קיינער דארף אים נישט און נישט זיין ארבעט. יעדער דא איז פארנומען, האט נישט קיין צייט אריינצוטראכטן, ארומלויפן פאר א צווייטן. יא, מיין טייערע, איך האב קיינמאל נישט געוואלט וועגן דעם טראכטן, נאר מיר זענען שוין אלט... אונדזער האלינא ארבעט ביי מיין ברודער אין אָפיס. לערנט ענגליש אין די פארנאכטן. מיר האבן געמיינט, אז די נייע וועלט וועט זי פארכאפן. זי וואלט דא געקאנט שטודירן. די משפחה נעמט אלץ אויף זיך. מיר זענען דאך די איינציקע, וואס האבן זיך געראטעוועט. וויל זי אבער ווידער זיין כבי! צוריק אין קיבוץ! איצט זאָגט זי מיר, אז זי בענקט צו איר „חבר"... זי האט פריער נישט געוווסט, אז זי האט אים ליב... זי קאן זיך דא קיין אָרט נישט געפינען. טייערע מיינע, ווי קאָמפליצירט איז דאָס לעבן! עס פעלט אונדז דא גארנישט. מיר באזוכן וואס אמאל נייע ערטער. גייען אין די טעאטערס, אויף קאנצערטן, קומען אין דער בעסטער געזעלשאפט און דאך איז שווער אויפן הארצן. איך זע נישט דעם מארגן. מיר וועלן דאך נישט לאזן צוריקפארן אליין אונדזער

איינציקע טאכטער. דו ווייסט דאך, ווי מיר האבן זי אין א קלויסטער אויסבאהאלטן. ארויסגעריסן פון איר וועלט. צי זאל איך זי ווידער אפרייסן פון איר יינגל? פארוואס האט זי דערפון א סוד געמאכט פאר אונדז? זי האט דאך אונדז אלעמאל אלץ אפן אויסדערציילט. וואס טוט מען, וואס טוט מען? — אנטשולדיק, וואס איך האב אזויפיל וועגן זיך געשריבן, וועגן אונדז אלע און פרעג נישט וואס הערט זיך ביי אייך? וואס מאכט דיין מאן און די קינדער? צי האט שוין דיין מזל געהאט בת־מצווה? — געדענקסטו, ווי מיר האבן זיך טויט־געלאכט פון דעם נאמען? קוש זי אויס, דאס זיסע מיידעלע און זאל זי האבן א סך מזל! מיר שיקן איר א מתנה, א פאקעט. שרייב, וואס מאכן דיינע זין? ווי לעבט זיך אייך? גענוי וועגן אלעמען; דיין איבערגעגעבענע סטעפא.

פ. ס. שרייב, ווען גייט איר ארויס פון דער מעברה? צי האט איר שוין אן אייגענע דירה? א גרוס פון מיין קליין משפחהלע.

גברת רומא

זי איז קיינמאל נישט צופרידן. אפילו מיט איר אייגענעם קאָפּ. ווייל איידער זי באווייזט אהיימצוקומען פון פריזיער מיט די פריש אנגעלייגטע לאקן, טורעמלעך און קייטעלעך, ווייזט זיך איר אויס, אז די נייעסטע, מאדערנע פריזור, איז שוין ארויס פון דער מאדע.

דאס זעלבע איז מיט די קליידער...

קיינמאל האט זי נישט קיין פארגעניגן פון איר הלבשה. ווייל פון אויסזוכן די סחורה, אויסקלייבן א מאדעל, ביז צו דער לעצטער פראבע, איז שוין דאס קלייד ארויס פון דער מאדע.

אין איר שאנק הענגען כמעט צענדליקער נייע קליידער, בלוזן און קאסטיומען. אבער זי קאן דאס אלץ מער נישט טראגן. דאס איז שוין ארויס פון דער מאדע. אזוי איז אויך מיט די אנגעלייגטע קאמפלעטן שיך און האנטטאשן.

זי לעבט אין שטענדיקן פחד, אַז ערגעצווו איז זי הינטערשטעליק געבליבן.

בלויז מיט איר נאמען איז זי צופרידן.

קיינער ווייסט נישט פארוואס דער חנוודיקער נאמען רייזל האט געמוזט פארוואנדלט ווערן אין דעם אלט־צייטיקן נאמען — רומא.

אבער גראד מיט דעם נאמען איז זי צופרידן. מיט דעם נאמען און מיט א מאָקא־סערוויז אין דער האנט מאכט זי אויף די טירן פון די שענסטע און בעסטע הייזער. אומעטום איז זי דער לעצטער זשורנאל אין גאנג. אומעטום פירט זי דעם טיש.

זי לעבט אין שטענדיקן פחד, אז ערגעצווו איז זי הינטערשטעליק פון דער פראמינענטער געזעלשאפט.

איר צייט איז אויסגעפילט מיטן שטענדיקן ארומגיין איבער די געשעפטן. איינקויפן, גלייך צוריקטראגן אויף אויסצוטוישן און ווידער ארומגיין, ארומזוכן, דאס נייעסטע, מאדערנסטע איבער אלע געשעפטן און שויפענצטער פון דער שטאט.

ביי איר אינדערהיים איז שטענדיק „ערב". ערב מאלן, ערב רעמאנט, ערב טוישן דאס מעבל, גארדינען און לעמפ. אזוי ווי עס קומט אבער צו דעם גרויסן יום־טוב פון פארענדיקן דעם רעמאנט מיט א פייערלעכער אויפנאמע פאר אלע באזיצערס פון דאקטאראטן איז גברת רומא שוין האלב אנטוישט. די אלע נייע זאכן זענען שוין ארויס פון דער מאדע.

קיין געוויינלעכער מענטש קומט נישט אריין אין איר שטוב. א מענטש אָן א דאקטאראט האט בכלל נישט קיין חשיבות, זי זוכט נישט קיין געזעלשאפט פון די רייכע, פון די מיליאנערן, וואס האלטן אין איין ארויספארן און צוריקקומען. זי האט ליב קולטור.

פאר אירע קולטורעלע געסט פון דער בעסערער געזעלשאפט פרעזענטירט זי אירע נייע, מאסיווע פאטעלן, מאטע לעמפ מיט צענ־דליקער ליכט, טישן, וואס מען קאן ארויסרוקן, צוזאמענשטעלן און אנשטעלן אויף זיי א וועלט מיט פאנטאסטישע מאכלים.

איר שטאלץ איז אבער די גרויסע ביבליאטעק מיט סאמע ענ־גלישע, פראנצויזישע און דייטשע ווערק.

„עברית — זאגט זי — איז א שווערע שפראך. יידיש איז בכלל נישט קיין שפראך".

ענגליש און פראנצויזיש האט זי אמאָל געלערנט, אביסל פארגעסן. מיט דער הילף אבער פון די דיקע ווערטער־ביכער, וואס זי האט זיך פארשאפט, וועט זי זיך זיכער אמאָל נעמען צו די אלע ווערק.

אפט חזרט זי איבער:

היינט איז א סטיל פון הארמאניע, רואיקע פארבן, העלער קרעם אויף די ווענט, וויינרויט מעבל, אַ סך בלומען־טעפּ מיט גרויסע ברייטע בלעטער, באקוועמע גרויסע סאָפעס, ברייטע פאָטעלן. אלץ דארף זיין צו באַרואיקן: גרויס, ברייט, באקוועם.

עס דויערט נישט לאנג און גברת רומא הייבט אן מיט פארדרוס איינצוטענהען מיטן מאן:

— עס איז נישטא קיין לופט, צו ווייניק רוים, צופיל זאכן...

די נייע אויפפאסונג האט זי ערשט ארויסגעלייענט פון א זשורנאל.

איצט ווייסט זי, אז ביז איצט איז איר גאנץ לעבן געווען נישט ריכטיק איינגעשטעלט, נישט געזונט.

— איז וואס איז דיין מיינונג? — פרעגט דער מאן. ער האט נישט קיין צייט פאר דער שטוב. די אלע קלייניקייטן לאזט ער איבער פאר איר.

— ארויסווארפן דאס גאנצע מעבל — די אלע בלומען־טעפ מיט אלע צאצקעס — ענטפערט זי רואיק מיט איבערצייגונג און הייבט אן זאכלעך און גרינטלעך דעם נייעם סטיל דערקלערן:

— היינט דארף דאס גאנצע מעבל זיין איינגעמויערט אין די ווענט. די ביבליאטעק, דער בופעט, די שענק. אין שטוב דארפן זיין קליינע האָקערלעך, קליינע טישלעך. איינער אונטערן אנדערן ארונטער־געשטעלט. נאר ווען עס קומען געסט שטעלט מען זיי אויף. מען דארף נישט מער ווי א גרויסן טעפיך מיט א שטייל־לאָמפּ. מ'דארף איבער־בויען די גאנצע וווינונג.

— וואס הייסט איבערבויען? — הייבט אן שטאמלען דער מאן — מיר האבן דאך ערשט נישט לאנג געמאלן אלע שטובן, אלץ איז ניי און פריש.

— דאס מאלן טאקע דענערווירט מיך אממייסטן — הייבט אן מיט א ווידערגעפיל די גברת רומא — איך לייד נישט די מאנאטענע פארבן, אן שום לעבן. מען קאן ארייןפאלן אין מעלאנכאליע — דער היינטיקער סטיל באשטייט אין קאָנטראַסטן, אלץ דארף זיין אַסי־מעטריש, אריגינעל.

דער מאן פון דער גברת רומא ווייסט, אז דער סדר פון דער וועלט באשטייט אין דעם, אז א מאן מוז פארדינען געלט און די פרוי מוז עס אויסגעבן. ער מישט זיך ווייניק אין אירע געשעפטן. פארקערט, א דאנק זיי האט ער א סך מנוחה. בדרך כלל איז ער א מענטש א באהערשטער און אליין וויל ער אויך מיטגיין מיט דער צייט. אזוי אבער ווי ער איז פארנומען און האט נישט קיין צייט, פארלאזט ער זיך תמיד אויף זיין פרוי. ער איז א סוחר און א פאבריקאנט. און דאס מזל האט אים קיינמאל נישט אפגעלאזט.

ישראל איז א לאנד פון קאניונקטורן און סטאגנאציעס. אבער ער מאכט געלט הן פון די קאניוקטורן הן פון די סטאגנאציעס. ער איז דווקא א צופרידענער. אים געפעלן די טיפע, ווייכע פאטעלן. ער האט ליב אברייטן טיש אויף שמחות, די גרויסע שענק און בופעטן רעדן צו אים פון זיין אייגענער גרויסקייט. און דא מיטאמאל ארויסווארפן דאָס גאנצע מעבל, ווינען אין ליידיקע שטובן מיט איינגעמויערט מעבל. ער פרווט זיך ווערן און הייבט אן מיט א שוואכער שטים:

— באטראכט זיך, מיין טייערע, וואס דאס הייסט צעקלאפן אלע ווענט, איז שוין אפשר בעסער צו זוכן א נייע דירה — פארענדיקט ער אומבאהאלפן.

— עס מאכט נישט, די גברת ציגלער האט אויך „צעקלאפט" און איצט וווינט זי אין אַן ארמון. זי האָט אונדז טאַקע איינגעלאַדן אויף אַן אויפנאמע. אָבער ווי קאָנען מיר גיין צו איר? פרעגט גברת רומא מיט א קלאגעדיקער שטים — איך וועל זי דערנאך נישט קאנען איינלאדן אין מיין אלט־פרענקישער וווינונג.

דער מאן האט ווי תמיד נאכגעגעבן.

גלייך ווערן די פרישע, מיט הארמאניע געמאלטע ווענט צעקלאפט. די שטובן אנגעווארפן מיט ברוך, מיט מיסט.

דאס „אלטע" מעבל פארקויפט זיך כמעט בחינם. זי איז גליקלעך, אז עס געפינט זיך ווער וואס וויל עס ארויסטראגן. זי האט נישט קיין צייט זיך צו פארנעמען מיטן פארקויפן „דאס אלטווארג". יעדן טאג מוז זי איצט זיך טרעפן מיטן מעבל־ארכיטעקט. ער איז א זעלטע־נער דזשענטלמען, מאָדערן, עלעגאנט, מיט די בעסטע מאניערן פון א מענטש פון דער גרויסער וועלט.

זי האט מיט אים ארומצורעדן אלע פרטים פון ניי איינגעמויערטן מעבל. זיי האבן לאנג דיסקוטירט ביי שווארצע און ווייסע קאוועס, ענדלעך זענען זיי אדורכגעקומען. געאייניקט זיך. עס איז נאר געבליבן איין שטרייט־פונקט: די לעמפ!

איבער די לעמפ איז שיער נישט אויסגעבראכן א מלחמה צווישן דער גברת רומא און איר מאן.

— מאך וואס דו ווילסט, אבער טשעפע נישט די לעמפ — האט דאס מאל שטרענג און ענערגיש באפוילן דער באלעבאס איבער צענ־דליקער ארבעטער און באאמטע.

— ווער האט דאס געזאגט, אז א גאנץ לעבן, דארף איבער מיין קאָפּ הענגען א קאָנווענציאָנעלע לאָמפּ? — האָט א פאַרצווייפלטע געביטערט די פרוי.

— און ווי זאל זי הענגען? — שרייט שוין גאנץ אויסער זיך און באנומען איר מאן, דער שטענדיק רואיקער און געמיטלעכער פאבריקאנט, וואס קיין זאך קאן אים נישט ארויספירן פון זיין גלייכגעוויכט.

— די לעמפ דארפן לייכטן פון אונטער די פארהאנגען, פון די ווינקעלעך אין דער שטוב, פון, פון... אונטער טיש — זיפט יעדעס ווארט באזונדער די גברת רומא און ער לאזט אראפ זיין קאפ, ווי אונטער א שארפער, פעסטער זעג.

זייער מחלוקת דויערט אָבער נישט לאנג. סוף כל סוף מיינט זי דאך נאר איינצואָרדענען א שיינע און מאָדערנע היים. די שכנים קויפן טאקע באלד אָפּ די „אלטע" לעמפ מיטן מאטן, לעבלעכן שיין. זיי מיינען:

— אפשר פארט די גברת רומא מיטן מאן קיין חוץ לארץ, וועט זי מיטברענגען נייע, שענערע. דאָס איז אָבער די איינציקע זאַך פון דער לעצטער מאדע, וואס זי האט פיינט. זי פארשטייט לגמרי נישט דעם זין פון ארויספארן און ארומפארן. עס ציט זי נישט דער חוץ לארץ. יעדעס מאל, ווען אירע באקאנטע מאכן א פלאן אביסל ארויסצופארן קיין פאריז, שווייץ צי איטאליע פרעגט זי מיטן זעלבן ביטול:

— און וואָס קאן מען דארט זען?

צוליב דעם טאקע, וואס אין ערגעץ איז נישטא וואס צו זען, לויפט זי ארום דאס גאנצע לעבן איבער די געשעפטן. זי גלויבט, דאס מאל וועט זי מיט די נייעסטע איינריכטונגען דערגרייכן די לעצטע מאדע.

זיכער וואלט זי נישט געהאט אזויפיל פרייע צייט, ווען די קינדער

וואלטן נישט געווען אזעלכע געראטענע. אירע באקאנטע האלטן אין איין ארומזוכן א הויז־לערער אדער ארעמען סטודענט צו העלפן די קינדער ביים לערנען. אירע קינדער זענען אבער געניאל. זי דארף זיך בכלל מיט זיי נישט פארנעמען. זי טראכט נישט זיי צו שיקן אויפן אוניווערסיטעט. וואס קאן דארט מ׳שטיינסגעזאגט ווערן פון זיי? א דאקטאר אדער אן אדוואקאט? סוף כל סוף זענען זיי דאך קליינע מענטשעלעך. זי חלומט פאר איר אריאלה און גבי וועגן א דיפלאמא־טישער קאריערע. ערשט דאן ווען אין איר מאָדערן איינגעריכטעטער וווינונג וועלן אריינקומען די אויסלענדישע אמבאסאדארן, די מיטאר־בעטער פון די קאנסולאטן, אויף אן אפרו־פאוזע און אן אינטימען שמועס, דאן וועט זי זיין צופרידן.

זיכער וואלט איר מאן געקאנט אוועקווארפן זיינע געשעפטן. עס פאסט אים צו זיין א מיניסטער. א דיפלאמאט. האט ער אבער א מיאוסע טבע: ער איז תמיד צופרידן.

טוריסטן

אין אויטאבוס פאר טוריסטן מיט די באקוועמע הויכע בענק, ווייך אויסגעבעט מיט אן אנלען פארן קאפ, א פריזשידער מיט פריש קאלט וואסער און גוטער ווענטילאציע, האבן מנוחהדיק זיך אויסגעזעצט עטלעכע משפחות. א פרוי מיט א טאכטער, ווי אן איבערצייטיקע פרוכט, עטלעכע איינזאמע מענער אין עלעגאנטע רייזע־בגדים, מיט טייערע לעדערנע טאשן און וואליזקעס.

זיי קוקן ארויס דורך די ברייט־צעעפנטע פענצטער אויף די ריין־געקערטע און באַשפריצטע גאַסן. דער נאָמען נורדוי זאָגט זיי גאָרנישט, אבער די ציכטיקע גאס מיט הויכע גרינע ביימער און שטאקיקע געביידעס גיט זיי א געפיל פון שטאָלץ און פרייד. אן אייגענע שטאָט, יידישע גאסן!

וואס אמאל קומט צו א פארשפעטיקטע משפחה און פארנעמט איילנדיק אנגעצייכנטע זיץ־ערטער.

איז אריין א מיטליאָריקער מאן אין א ברייטן שטרויענעם הוט, נעבן אים א שטראלנדיק יונגע פרוי מיט גאלדענע רינגען אין די אויערן, אויפן האלדז, אויף די הענט. זיי האבן ארויסגעווארפן א שטילן שלום צו אלע מיטפארער אויפן אויספלוג און אוועקגעזעצט זיך ערנסט און שווייגנדיק, ווי מיט קיינעם קיין געמיינזאמעס נישט געהאט.

די פרויען אין זיידענע קליידער, אין צירונג, די מענער אין לייכטע העלע אנצוגער און פארביקע קראוואטן, די גלאנציקע מאדערנע שיך, דערמאנען שויפענצטער מיט בגדים, וועלכע קיינער האט נאך נישט באריִרט.

די בגדים זענען טייער און שיין. די שטימונג איז טרוקן און קאלט. פון די טוריסטן אין אויטאָבוס ווייט אזא פרעמדקייט, ווי זיי וואָלטן נישט געקומען פון פארשידענע לענדער באזוכן די מדינת ישראל, נאר וועלטן און ספערן וואלטן זיי פאנאנדערגעטיילט.

די טוריסטין פון אויסטראליע.

— שלום, גוטמארגן... מיין נאָמען איז עמי, איך פאר מיט אייך ווי א מדריך. דער שאָפער הייסט גבי. אזוי ווי אלע זענען געקומען פינקט־לעך צו דער צייט, וועלן מיר אנהייבן אונדזער אויספלוג אויפן כרמל און באקענען זיך מיט דער שטאָט חיפה, גיט ער צווויסן העפלעך מיט א זארגפעליקן טאָן אין פיינעם פליסיקן עברית.

— ענגליש... ענגליש — רייסן איבער נישט דרייסט עטלעכע שטימען און האקן אָפּ. דער אויטאבוס האט גערירט פון אָרט און פאמעלעך גענומען זיך רוקן פארויס אויפן גלאנציקן אספאלט־וועג.

דער קלאנג פון דער העברעאישער שפראך אין מויל פון ברייט־בייניקן, לעבנסלוסטיקן בחור אין ווייסן נישט דערקנעפלטן העמד, פריי צעעפנטביים האלדז, זיין פרייע אפנהארציקע באנעמונג רופט ארויס א שמייכל אויף אלע פנימער.

— א סאברע... הערט זיך א שטיל שעפטשען און דאס ווארט דערקלערט שוין אלץ.

אין א פליסיקן ענגליש נעמט עמי, דער וועג פירער, דערציילן די געשיכטע פון חיפה, די אנטוויקלונג פון אנשטאלטן און באזונדערע שכונות.

— יידיש, ביטע יידיש — בעט זיך נישט דרייסט, ווי פארשעמט, א פרוי אין א ברייטן שטרויענעם הוט, וואס פארדעקט איר פנים, אז קוים עס הערט זיך איר שטים.

— מיין יידיש איז אביסל שוואך, צעשמייכלט זיך עמי און ווייזט א שורה ווייסע ציין — וואס טוט מען, — פרעגט ער אומבאהאלפן, ווי רעדט מען צו יידן, אלע זאלן פארשטיין ? ! — און באלד צעשמייכלט ער זיך ווידער :

— אין דבר... איך בין זיכער, אז איר וועט מיך שוין פארשטיין...

— יעס... יעס... שאקלען צו צופרידן אייניקע מיטפארערס מיט די קעפּ, ווי דער קלאנג פון לאנג פארגעסענעם יידיש, וואלט זיי דער־נענטערט, פאראייניקט. דער מדריך הייבט טאַקע אָן שילדערן ווי אזוי עס האט זיך געבויט דער הדר ; אין איינצלנע יידישע ווערטער און זעצט גלייך איבער אין ענגליש.

...מיר זענען נישט קיין גבירים, יארן לאנג האבן מיר געשפארט אויף אזא רייזע און איצט בין איך גליקלעך, וואס איך זע דאס אלץ מיט מיינע אייגענע אויגן — רעדט באגייסטערט א פרוי מיט א פריזור, וואס דערמאנט א הויכן טורעם. זי האט טונקל צוגעשמירטע אויגן און רעדט צו איר שכנטע פון דער באנק, א שווארצהאָריקע פרוי פון די מזרח עדות, וואס איז פון עכו געקומען, באטייליקן זיך אין דעם טיול.

די צעבליטעביימער און בלומען ארום אלע הייזער, די לאנגע שורות נייע בנינים נעמען אויף די אלע, וואס קומען פון לוקסוס־הייזער, ווי א נס מיטן שכל נישט צו באנעמען. פאמעלעך גייען זיי ארויס פון אויטאבוס צו זעטיקן זייערע אויגן מיט דער פאנאראמע פון כרמל. נעמען ארום די ארטשאפט שטילשווייגנדיק. פארשלאסן אין זיך.

— ישראל איז וונדערפאַל — רופט אויס אויפן קול א מוטער און ווייזט איר טאכטער די שטאָט, וואס איז צעשפרייט אונטערן בארג, ביזן ים. ווען מען וואלט דא געלערנט אויפן אוניווערסיטעט אין ירו־שלים אין ענגליש, וואלסטו געקאנט איצט דא בלייבן, אויך סעם וואלט אפשר געקומען? זעסטו ליז, וואס סארא שטאט יידן האב אויס־געבויט? דאס איז אונדזער לאנד.

זי נעמט ארויס דעם פאָטאָ־אפאראט און פאראייביקט יעדן בנין, וויל גארנישט פארלירן פון דער כרמל־שטאט, וואס איז ווי א צעבליטער גארטן. זי אטעמט איין די ליכטיקייט פון הימל מיט דער בלויקייט פון ים, נעמט ארום ווארעם אונטערן ארעם די פרוי פון עכו און רעדט האלב יידיש האלב ענגליש:

— די שענסטע שטאט אין דער וועלט איז חיפה... דער כרמל און דער ים און... די אלע גאסן אונטן...

ביימער! — ווארפט אריין מיט באגייסטערונג די פרוי פון אויסטראליע. איך האב געמיינט, אז דא וואקסט גארנישט. א מדבר... שטיל נעמט זי אריינרעדן צו דער פרוי פון עכו:

— איך וויל זיך נישט בארימען פאר קיינעם, אבער איך גיב א סך פאר ישראל און מיין מאן באזונדער...

איצט זע איך אבער, אז דאס אלץ איז צו ווייניק... מיר דארפן געבן און געבן! איר פארשטייט? — פרעגט זי פלוצים די פרעמדע פרוי, וואס איז איר מיטאמאל, ווי אן אייגענע שוועסטער נאענט און היימיש געווארן.

— ניין... נאָר פראנצויזיש און עברית... ענטפערט די מזרח־פרוי אין פארלעגנהייט. יידיש נאָר א וואָרט... אביסל...

ביידע צעלאכן זיך הויך און גייען אריין צוריק אין אויטאבוס, ווו אלע טוריסטען זענען שוין אויסגעזעצט אויף זייערע בענק גרייט אין ווייטערן וועג.

אין דער מערת אליהו

בארג אראפ פון כרמל צום ים, איז דער אויטאבוס צוגעפארן צו דער מערת אליהו. אין הייסן זומער־טאג האָבן אייניקע אראָפגענומען די זשאקעטן, די פרויען האָבן אין די האנטטאשן ארייגעוואָרפן די זיידענע שאלן און פאמעלעך, אויף די הויכע, דינע קנאפלעך גענומען שפאנען איבער די שטייניקע טרעפ. די זון גליט אין פולן ברען, אפילו א בלעטל רירט זיך נישט אויף א בוים. פארטריקנטע בלעטער, הענגען אראפ ווי פארשמאכטע, פון די צווייגן. א שוויס באדעקט די פנימער. די מענער הייבן אײנציקווייז אראפציען די קראוואטן, וויקלען ארום די ארבל פון די שטייף־געפרעסטע העמדער און אויס דרך־ארץ פארן הייליקן ארט, באדעקן זיי די קעפ מיט בלוי־ווייסע קאפעלעך. די ייגגע־רע צווישן די פרויען, נעמען ארויס פון די ניילאָן־טאשן באקוועמע, לייכטע גומי־שיך און אטעמען אָפּ לייכטער.

— הייס... הייס — סאפעט מיד איינער און א צווייטער און בלייבט שטיין א רגע אויף די קרומע, אויסגעטרעטענע טרעפ.

— אוודאי איז הייס — ווינצלט זיך דער וועג־פירער — אבער אלץ בעסער פון א חמסין. גיט א קוק אויף די ארבעטער ארום, וואס רייניקן דעם וועג פון שטיינער. דער כביש בעט זיך מען זאל אים פאריכטן... ארבעטן איצט מיט א קילאָף איז עפעס לייכט? —

פרעגט ער די טוריסטן און ענטפערט אליין: ס׳מאכט נישט, אזוי ארבעט דאָ יעדער.

— ווו האט איר געלערנט אזא פיינעם ענגליש, פרעגט א מאן מיט גרויס אנערקענונג און צופרידנקייט.

— נאר אין ענגלאנד, קאן מען דעם אמתדיקן ענגליש לערנען — ענטפערט עמי, מיט זיין אייגנארטיקן הומאר און גיט צו:

— מיינע עלטערן זענען געקומען אויף אזא רייזע מיט פיר יאר צוריק און זענען שוין אויף שטענדיק געבליבן...

— באמת? געבליבן אויף שטענדיק — וווּנדערן זיך די טוריסטן אין אויטאבוס, און מיר האבן געמיינט, אז מיר פארן מיט א סאברע!

— זייט זשע מיר מוחל, ווענדעט זיך צו עמי א ייד פון ניו־יארק, מיט אן אשכנזישן אקצענט, אין דער אמאליקער לשון־קודש שפראך: ווו איז דאס צו זען אזא זאך, אז א הייליק ארט זאָל נישט האָבן דעם ריכטיקן סדר, נישט זיין געפלעגט מיט א פיינעם גארטן, מיט בענק, מיט באלויכטונג? מיר האבן געזען ווי גרויסארטיק איז געפלעגט דער פערסישער גארטן! פאר זייער הייליקן איז ער איינגע־פלאנצט געווארן און ווער איז ער בכלל? בסך־הכל האבן זיי דאך די גאנצע תורה גענומען פון אונדז!

שטייט צו צו אים נאך אן עלטערער ייד און גיט צו פארביטערט:

— צו אליהו הנביא, דארף מען זיך שלעפן אויף צעבראכענע טרעפ, איבער שטיינער, אפילו א ריכטיקן וועג האט מען נישט אויס־געפלאסטערט — גיט ער צו אן אנטוישטער.

— ווען מען וואָלט געפרעגט ביים נביא צי ער וויל א לוקסוס־גארטן ארום זיין קבר, מיט אן אספאלט־וועג און באקוועמען צוגאנג, וואלט ער זיך זיכער דערפון אפגעזאגט, מוחל געווען... מיינע ליבע דזשענטלמענס און ליידיס, איר פארגעסט, אז דאס איז א געשיכטע מיט טויזנטער יאר צוריק, באלד ווען איר זען וויפיל מענטשן זענען זיך צונויפגעפארן דא פון גאנצן לאנד, פון פארשידענע ערטער, אפילו פון רחובות, אמת? — פרעגט ער איבער איינע פון די מיטפארערינס.

— איר זייט מסתמא אן עולה חדשה, פרעגט איינער פון די

מענער פריינדלעך און העלפט דער פרוי ארויפשטייגן איבער די געדריי־
טע טרעפ.

— מה פתאום ? — צעלאכט זיך די פרוי מיט א יונגן חן, — מיר זענען דער אכטער דור אין ישראל. מיינע זיידעס זענען געקומען מיט דריי הונדערט יאר צוריק. צוליב מיין יינגעלע בין איך היינט דא אהערגעקומען. א שוואכער איז ער נעבעך געבוירן געווארן. איך וועל ליכט צינדן, בעטן רחמים פאר מיין קינד. מיר קומען דא אלעמאל בעטן ביים תישבי...

— ווער זענען די אונדזעריקע ! ? — פרעגט איבער דער ייד מיט א שמייכל, ער וויל דערגיין, צו וועלכן שבט זי געהערט.

— אונדזערע... דאס הייסט די טערקישע יידן — ענטפערט מיט שטאלץ די פרוי פון רחובות.

פאַמעלעך האָבן אלע זיך דערנענטערט צו דער מערה. די פרויען האבן פון די האנט־טאשן ארויסגענומען די זיידענע טיכעלעך צו באַ־דעקן די קעפ און אנטבלויזטע רוקנס. שטעלן זיך אויס ביים טישל מיט ליכט, צו פארשאפן זיך א פעקל כדי אָנצינדן פאר יעדן פון דער ווייטער משפחה א ליכטל.

שטייט ביי א טישל מיט אנגעלייגטע קאפעלעך אין א שאכטל און פעקלעך ליכט א קליינער, דארער תימנער ייד און קוועלט פאר נחת, אז אזויפיל וויכטיקע יידן פון דער גאנצער וועלט, זענען דא אהערגעקומען. מיט דרך־ארץ טיילט ער די ליכטלעך און וואונדערט זיך, אז קיינער פון זיי נעמט נישט קיין רעשט, די פיאסטערס, וואס ער ציילט פאמעלעך און פארזיכטיק פאר יעדן.

אין דערהויבונג און הייליקן ציטער, בלייבן אלע ביים אריינגאנג פון דער מערה, וואס העלט מיטן פלאם פון צענדליקער צעצונדענע ליכטלעך. נייגעריק און מיט שטוינונג באטראכטן זיי די מענער אין די שטוב־לאטשן, צעוויגטע אין תפילות. לאנגע בערד, געקרייזלטע פאות שאקלען זיך ריטמיש צוזאמען מיט די צעוויגטע גופים. די פרויען אויף מאטן און דעקעס אויסגעזעצטע, בעטן שוין מעת־לעתן אויף א נס פאר א מסוכן קראנקן אין דער משפחה.

אַן ארויסצורעדן א ווארט גייען זיי אלע אריין שווייגנדיק. שטעלן צו זייערע ליכט צום שטיינענעם געשטעל. זייערע ליפן זענען פאר־שלאסן. פון די שווארץ־צוגעפארבטע אויגן, פאמעלעך און שווער נעמען זיך קייקלען טרערן. די הייסע, דומפיקע לופט שטיקט. זיי שטייען א ווײַלע פארזונקען אין אייגענע מחשבות, איינאטעמען די קדושה פון ארט. איינציקווייז הייבן זיי זיך אָן דערנענטערן צום אויסגאנג.

ביי דער שטיינערנער פלאטע מיט טריפנדיקע ליכטלעך איז גע־בליבן דער מאן פון טעקסאס מיט זיינע צוויי זין. ער דאוונט זיין אייגענע תפילה:

... גרויסער גאט, גיב מיין משפחה געזונט, הצלחה מיינע קינדער... מיין היים... שלום פאר מדינת ישראל... פארן גאנצן יידישן פאלק אין דער וועלט...

אלע יארן האט ער אין הארץ געטראגן א פחד, אז זיינע זין וועלן אוועק אויף פרעמדע וועגן, ווי זיי אלע פון זיין משפחה, וואס האבן חתונה געהאט מיט קריסטלעכע פרויען. איצט פילט ער זייער נאָענט־קייט, און זעט אויף זייערע פנימער זיין אייגענע איבערלעבונג. די ברייטע שטרויענע היט האבן זיי איבערגעלאזט אין אויטאבוס, ווי א פרעמדן טראכט. דא שטייען זיי באנומען אין ערנסט אין די זיידענע קאפעלעך, וואס זיי האבן זיך פארשאפן אין ירושלים. די מיסטעריעזע שטימונג פון דער מערה האט זיי צוגעשמידט צום אָרט, פאראייניקט מיט די פארשידנארטיקע, צעתפילהטע יידן.

— איך וועל דאס קיינמאל נישט פארגעסן... דאס איז עפעס, עפעס — נעמט זיך פלאנטערן אין די רייד דער בכור.

— מיר וועלן דא נאך צוריקקומען, פארזיכערט שטיל דער פאטער, ווי נישט געוואגט אויפצוהייבן זיין קול — מיר וועלן צוריקקומען. דא וועלן מיר פייערן דיין בר־מצווה, ביסטו איינפערשטאנדן, דייווי?

אין די אויגן פון עלפיאריקן יינגל האט זיך אנגעצונדן א פלעמל. מיט א קינדישן צווייפל פרעגט ער פול מיט אומרו:

— מיינסטו עס באמת, דעדי? און באטראכט מיט א נײַ געפיל

די אלע יידן אין דער מערה, ווי מיטשותפים צו זיין „מקום קדוש״.

די מלכה פון „ארט״

מיד פון דער גליאיקער היץ, פון דער געפרעסטער לופט אין דער שטייניקער מערה און פון וועג צוריק איבער די שטייניקע, קרומע טרעפ, פול מיט איינדרוקן און באגייסטערונג, זיצן ווידער די טוריסטן אין אויטאבוס. דער וועג פירט אויף צוריק. איצט זענען אלע ענלעך צו איין גרויסער משפחה, וואָס האָט זיך, נאָך יאָרן פון צעטיילונג, פלוצים געטראפן. זיי קוקן ארויס דורך די פענצטער פון אויטאבוס אויפן ברייטן אספאלט־וועג, ווי אויף אן אייגענעם, פון לאנג באקאנטן.

אין דער שטילקייט הערן זיך עטלעכע ווערטער אין ענגליש:

— הארי... פון דאנען, וועלן מיר פאָרן נאך רוים, נעאפאל...

דער מאן, שאָקלט שווייגנדיק מיטן קאפ, ווי געוווּסט, אז ביי דער פרוי, וואס קאן אָנגיין פאר זיין טאכטער, האט ער במילא נישט וואס צו זאגן.

— וואס האבן מיר צו זוכן אין רוים? — פרעגט מיט ביטול א מיטלוווקסיקע, דיקלעכע פרוי, מיט א זיידן טיכעלע אויף די געלאקטע האר און א רייזע־טעשל אויף די קני. זי קוקט אין דער ריכטונג צום איינזאמען מאן אויף דער שכנותדיקער באנק און שוין זיצט זי לעבן אים.

דער גרויער מאן אין טונקלען ספאָרט־אנצוג, ווארפט א בליק פול מיט דאנקבארקייט, צו דער חנעוודיקער פרוי, וואָס האָט אזוי אוממיטלבאר זיך נעבן אים אוועקגעזעצט. דעם גאנצן וועג האט ער מיט קיינעם קיין ווארט נישט אויסגערעדט און גראד איצטער וויל ער זיך טיילן מיט זיינע איינדרוקן.

זי ווארט נישט אויף זיין ענטפער און ווי פון א לעבעדיקן קוואל שטראמיק וואסער, נעמען פליסן אירע אימפעטיקע רייד:

— אט פארן מיר פון דער מערה, פון א הייליק ארט... און א סך, א סך זאכן, מוז איך זאגן, פארדריסן מיך דא אין ישראל!

ביי אונדז אין קאנאדע היט יעדער דעם שבת און יום־טוב! מיין

איידעם מאכט קידוש מיט פארמאכטע אויגן! ער דארף נישט אריינ־
קוקן אין א סידור, מיינע קינדער רעדן יידיש און עברית. ווייסט איר,
ליבער הער, סארא חרפות בושות מיר האבן געהאט אין קאנאדע, ווען
די יינגלעך פון ישראל, האבן אין מאסקווער שול נישט געקענט מאכן
א ברכה איבער דער תורה? סארא פירעכץ איז דאס אין ישראל
אויפהאָדעווען גויים? זיי דאַ, האָבן זיך אינגאַנצן אָפגעזאגט פון יידיש־
קייט! פארדריסט עס...

דער מאן הערט העפלעך אירע רייד, שאקלט צו מיטן קאפ און
טראכט וועגן זיין זון אין לאנדאן.

... וואלט ער כאטש א יידישע פרוי גענומען... א ברית מילה גע־
מאכט יעדן יינגל... איצט איז שוין אלץ פארפאלן...

כדי אפצוווענדן דעם שמועס אין אן אנדערער ריכטונג,ווארפט
ער ארויס אין געבראכענעם יידיש א פאר ווערטער:

— זעט איר, מאדאם, דעם יידן מיטן בעזעם? שיין צו זען,
ווי א ייד מיט א באָרד, מיט א היטל אויפן קאפ... גייט ארום איבער
דער גאס, קערט!...

גלייך נעמט ער רעדן ענגליש:

— פאר אזא יידן האב איך דרך־ארץ. וואלטן ביי אונדז אין
לאנדאן יידן געגאנגען צו יעדער ארבעט, וואלטן מען אפשר אונדז
נישט פיינט געהאט...

דער אלטער ייד מיטן בעזעם אין האנט, וואס טוט רואיק, געמיט־
לעך זיין ארבעט, האט נייע מחשבות וועגן כבוד און ארבעט ביי אים
ארויסגערופן. ווארפט ער ווידער צו אין יידיש:

— אן אייגן לאנד איז א גרויסע זאך! א מענטש לעבט ווי ער
וויל... שעמט זיך נישט פאר קיינעם...

— וואס עפעס שעמען זיך מיט ארבעט? — נעמט זיך היצן די
פרוי פון קאנאדע, אין א היימישן יידיש, ווי צו א גוטן באקאנטן —
הערט, איך בין די מלכה פון „ארט"! זייט יארן האב איך זיך
איינגעשפאנט צו זאמלען געלט פאר די „ארט"־שולן. אלע צרות,
וואס יידן האבן מיטגעמאכט, זענען דאך געקומען דערפון, וואס זיי

האבן נישט געלערנט קיין פאך, נישט געקענט ארבעטן, קיינמאל נישט געלעבט ווי מענטשן... איר ווייסט וויפיל טויזנטער דאלאר איך האב צוזיפגענומען פארן „ארט"?

דער מאן אויף דער באנק נעמט זיך אומגעדולדיק דרייען, עס נעמט אים ארום א מורא, אז ער וועט דערטרונקען ווערן אין א ים פון רייד און גאר פלוצים גיט ער א פרעג פול מיט באדויער:

— ליבע פרוי... וואָס וואָלט מיר געפעלט, ווען מיין זון וואָלט געוואלט דא אהערקומען? אלץ וואלט איך פארקויפט, אלץ!

די נייע שטאקיקע בניינים, דער פול געפאקטער וועג מיט לאסט־מאשינען, אויטאס און מאטאציקלען, אנגעפאקטע מיט סחורות, פולע זעק פרוכטן; דער רעש פון די גאסן, דאס געיעג פון די מענטשן, גיבן אים דאס געפיל פון זיכערקייט, אז דאס לאנד איז מער נישט קיין חלום און די יידן דאָ, וועלן שוין בלייבן יידן! מיט אן אומעטיקן שמייכל קוקט ער אויף דער פרוי פון קאנאדע, וואס האט איר היים אפגעהיט און ווארפט ארויס אין פארלוירנקייט:

— א שאָד... א שאד צוריקצופארן...

אויף דער לעצטער באנק רעדט א מאן מיט א קורץ־געשוירן בערדל און שווארץ קאפעלע אויפן קאפ, צו זיין מיטפארער, א ייד פון ווענעזועלא:

— איך זאג אייך, אז אלץ איז אן ענין פון חינוך... מיר, אין דער רעפאָרם־שול אין ניו־יאָרק, וועלן אלץ איינפירן אויפסניי... עס וועט שוין נישט זיין מער די יידישקייט פון אונזערע זיידעס... אנדערע צייטן... זאָל זיין אַ רעפאָרם־שול... אַ נייעם חינוך געבן די קינדער... מיר טוען עס! איך זוך דא די לערן־ביכער, וואס מיר וועלן איבער־זעצן אויף ענגליש פאר די שולן... וועגן דעם בין איך געקומען...

דער ייד פון ווענעזועלא שאקלט מיטן קאפ און פרעגט מיט א צווייפל:

— מיינט איר אז די רעפאָרם־שול, קאָן וואָס העלפן... צוריקפירן? ביי אונז אין ווענעזועלא, זענען זיך אלע שוין צעלאפן...

א נייער יום טוב אין ישראל

צווישן חיפה און עכו

פארנאכט.

אין חיפה ברענען ליכטיקע לעמפ־נעאנען אויף די גאסן מיט אלע פינקלדיקע שיינען. פון וואדי־רושמיה זעט זיך דער כרמל־בארג אנגעטאן אין צענדליקער ליכט־פלאמען. יעדער ליכטיקער פונקט איז אן עלעקטריש לעמפל — א סימן פון א ניי לעבן, א נייע יידישע שטוב אויפן שטייניקן בארג.

שימערירן און פינקלען די לעמפלעך אויפן כרמל — רוקן זיך וואס אמאל ווייטער אריין אין דער וויסטעניש, וווּ נישט לאנג איז נאך געווען חושך און פוסט. ווינקען זיך איבער די שיינענדיקע בארג־שטראלן מיטן ים פון ליכטיקייט, וואס טראגט זיך פון פּאָרט, פון די פאסאזשיר־שיפן און טראנספּאָרט־שיפן.

ציט איבער די גאסן א המון, צעגליט פון דער היץ, אין סאמע זומער־ברען, נאך א שווערן ארבעטס־טאג, וואס זוכט א טראפן לופט צו אטעמען. זעטיקן זיך מיט דער שפע פון די טעקסטיל־געשעפטן מיט טייערע סחורות, שיך־געשעפטן מיט אלע מינים פארבן און פאסאָנען, מאדערן מעבל, פרוכטן און וויינען, אלץ אויסגעשטעלט אין ריזיקע שויפענצטער — אלץ צו פארברויכן און געניסן, רייך און פארשידנארטיק.

די חיפהער זענען אין זייער שטאט מער פארליבט, ווי אלע יידן אין ישראל אין זייערע שטעט. ווייל אין קיין שטאט אין ישראל קאן זיך דער בארג פון זיין הויכקייט נישט שפּיגלען אין ים. אין קיין שטאט פון ישראל זענען נישט פאראן אזעלכע טרעפּן־גאסן, באשטעלט מיטביימער ווי זעלנער אויף דער וואך. פאר די חיפהער איז די גאנצע שיינקייט פון ארץ ישראל — נאָר אין חיפה.

אויף די וועגן פון חיפה פאלט פרי צו די נאכט.

די שווערע לאסט־מאשינען זענען אָפּגעפאָרן אין זייער מקום־מנוחה אפצוסאפען, איינצושטילן די רעשיקע רעדער־טראסקעריי, אראפצווארפן די מאסע צוזאמען מיטן זאמד און שטויב פון טאג.

פארט פארביי פון צייט צו צייט א טאקסי איבער גלאטיקן אס־פאלט, אָדער א צווישנשטאָטישער אויטאָבוס, פירט אָפּ אין די פאָרשטעט פרויען, מענער און קינדער.

עס ווערט וואס אמאל רואיקער און שטילער, איינציקווייז לעשן זיך די לעמפ אין די שטובן ארום דעם וועג.

דער כביש ליגט אין דער ברייטער רחבותדיקייט צווישן שורות נייע שיכונים, איינגעהילט אין דער שטומקייט פון דער נאכט.

עטלעכע טאקסיס איילן נאך עכו צו א קיבוצישן יום־טוב אינמיטן דער וואך. גיך פארן זיי פארביי די נאפט־ראפינעריעס, וווּ עס ארבעטן צענדליקער ארבעטער, טעכניקער, אינזשינירן און אנגעשטעלטע. דער־נאך — דעם איינגעשטילטן אינדוסטריעלן צענטער אין מפרץ, מיט די נייע פאבריקן, וואס האבן אנגעהויבן זייער ארבעט אין הילצערנע שאָפּעס און אלטע צריפים און צעוואקסן זיך אין בנינים ברייטע, שטאקיקע.

דער גלאטיקער אספאלט־וועג איז פוסט. איבער די ביימער־שורות פון די קריות ביאליק און מוצקין דערנענטערן זיי זיך צו דער נישט לאנג אויפגעבויטער ריזיקער „אתא־פאבריק, צווישן די נייע געביידעס פון קורדניה, ווו עס וווינען די אלע פון קאזאבלאנקא און קאלקוטא, פון אדען און זאגרעב, פון דער אמאליקער מעברה „עיר המפרץ" און ציען ווייטער איבער שורות נייע שטאקיקע הייזער פון טשעכישן שיכון אין דער ריכטונג פון עכו.

יעדעס מאל, ווען זיי פארן פארביי, דערקענען זיי נישט דאס ארט די געסט צו דער שמחה אין קיבוץ, עלטערן און קרובים. זיי פאָרן פארביי די פאבריק „נעמן" פון פארצעלאן־געשיר און די נייע בוימוואָל־

פוצעריי מיט די דערנעבנדיקע געביידעס פון ריזיקן שעכט־הויז — די שותפות־אונטערנעמונגען פון די קיבוצים „עין המפרץ", „כפר מסריק" און שאקלען מיט די קעפ:

— „א גוטער אויפטו, וואס די קיבוצניקעס האבן זיך גענומען בויען פאבריקן. שוין פארביי די צייט, ווען מען האט געקאנט אויס־קומען מיט א ביסל גרינצייג... די קינדער וואקסן... דער משק דארף מאדערנע מאשינען..."

ציט זיך פון ביידע זייטן וועג א שורה ברייט־צעוואקסענעביימער. יעדן הארבסט באדעקן זיי זיך מיט צארטע, געלע בלומען און דער ווינט צעטראגט זיי אין ארום, ווי א גאלדענעם רעגן.

דער גלאטיקער וועג חיפה־עכו — מיט יאָרן צוריק, א פאר־וואָרפענער שטח, וואס האט אנגעווארפן א פחד, איז שוין באשטעלט מיט נייע מחסנים און פאבריקן פון שטאָל, וואָס לייכטן מיט צענד־ליקער ליכט אין דער ווייט.

פארט פארביי א לאסט־מאשין פון קיבוץ מאסאריק מיט בחורים און מיידלעך אין די יומטובדיקע קליידער, ווי זיי וואלטן גארנישט געווען נאך א שווערן ארבעטס־טאג אין קיבוץ. די טאטעס און קרובים, וואס פארן זיי נאך, שוויגן פארטיפט אין זייערע מחשבות.

אמאל האבן זיי געפירט א וויכוח מיט די קינדער:

— „יא קיבוץ נישט קיבוץ" און צום סוף נאכגעגעבן:

— מילא, זאלן זיי גיין דעם אייגענעם וועג...

אפטמאל קומט צוריק די אלטע טענה מיט פארביטערונג:

„האָבן זיי דווקא געמוזט גיין אויף די פוסטע פעלדער?"

איצטער פארן זיי מיט א לויטער געמיט:

— די קינדער האבן א שמחה!

די קינדער האבן שוין זין אין צבא און טעכטער אין תיכון, זייערע פנימער באדעקן קנייטשן און אין די האר ציען זיך זילבערנע פאסן. אדורך א שטיק לעבן.

דער קיבוץ „עין המפרץ" פייערט זיין ערשטן יובל פון 25 יאָר קיום.

שוין פון אריינגאנג אין קיבוץ „עין המפרץ" טראגט זיך אין דער לופט צוזאמען מיטן ריח פון פריש־געשניטענעם גראָז די פייערלעכקייט און זי שיינט ארויס פון חדר האוכל, פון די פארמייקע־טישן אויס־געשטעלטע מיט בלומען.

ארום — געביידעס, קליינע און גרעסערע. שטאלן, לולים, וואר־שטאטן, קינדער־הייזער און ווין־הייזער.

לויכטן צענדליקער לעמפלעך אויף דעם שטח אונטערן פרייען הימל. צו די אויסגעסדרטע אויף בלאקן לאנגע ברעטער, בענק, שטרא־מען הונדערטער מענטשן פון די ארומיקע קיבוצים, תושבים פון נהריה, עכו און שכונים. גייען ארום צווישן די בענק די געסט, קוקן זיך איין אין יעדן פנים, זוכן באקאנטע פון אמאל. געפינענדיק א פריינד, פאלן צו זיך צו די ידידים, דריקן זיך אין פריינדשאפט הענט אן ווערטער. דער קורצער „חג־שמח" זאגט אלץ.

מיטאמאל א טומל, א לויפעריי פון די בענק. דאס יונגווארג צעלויפט זיך אין די נאענטע געביידעס און באלד קומען זיי צוריק צעשמחהט מיט נייע זייגערלעך אויף די הענט.

א מתנה פאר דער יוגנט צום יובל פון קיבוץ!

מיט צעשטראלטע פנימער ווייזן זיך די חברה די זייגערלעך. לייגן צו צו די אויערן. קוקן זיך איין אויפן ציפערבלאט.

— מה השעה? — פרעגט איינער.

— מה השעה? — ענטפערט לאכעדיק א צווייטער מיט א קינ־דערשער פרייד פון ערשטן זייגערל. באטראכט אים פון אלע זייטן — דאס ערשטע אייגנטום אין שותפות־לעבן אין קיבוץ.

מ׳טיילט דא זייגערלעך? — וואונדערן זיך אייניקע פרויען.

גלייך לעשן זיך א טייל לעמפ. אויף א פראוויזארישער בינע באווייזט זיך א כאָר. מענטשן פון יונג און אלט. ווייסע בלוזקעס, טונקעלע רעקלעך, העלע הויזן ביי די מענער.

שטיל, רואיק און זיכער, וואס אמאל העכער און שטארקער צעטראגן זיך די ווערטער: „עורי, עורי אדמה..."

זיצט אין דער ערשטער שורה אויף א באנק, גאר נידעריק צו דער ערד, א ייד אין די מיטעלע יארן און איז גאר באנומען מיטן כאָר.

נישט די ווערטער, „וועק זיך ערד" רעדן צו אים, נאר די גרויע קעפ פון די מענער, וואס זינגען מיט א יוגנטלעכן ברען. דאס איז גאר אן אנטפלעקונג פאר אים.

— אזא ייד האט נאך מוט צו זינגען פאר אן עולם מיט די בחורים און מיידלעך...

ער קוקט זיך איין אין די פנימער פון די פרויען און מענער וואס האבן אפגעהארעוועט א שווער לעבן אין קיבוץ און פילט זיך נעבן זיי אויסגעלאַשן, אלט.

— אָט איז עס, טראכט ער, זיי דא בלייבן יונג...

באווייזט זיך א חבר פון משק פארן מיקראפאן. לייענט פון א צעטל א באגריסונג צו די חברים פון ארבעט, צו די געסט. מאכט א קורצן חשבון־הנפש פון יארן און דערגרייכונגען. דערציילט:

„מיר האבן געהאט א שווערן וויכוח מיט דער ערד און מיטן ווינט..."

אין טאנץ דערציילן די קינדער פון משק וועגן דעם קאמף פון מענטש מיט דער נאטור. אָט ליגן זיי, די טעכטער פון קיבוץ, אין קליידער פון זאמד־פארב, איינגעקורטשעט, פארשטיינערט. ארום טראגט זיך ווינט, בושעוועט אין דער וויסטעניש און אט טראגן זיך שלאנקע בחו־רים איבער דער בינע, ווילד, נישט געצוימט, ווי מיט יארן צוריק דער מדבר־ווינט. פון א זייט קומען אָן מיט זיכערע טריט, איינצלנע אקע־רער. מיט פעסטע טריט און געמאסטענע באוועגונגען טאנצן זיי אויס די מי פון אקערן און זייען.

דאס זענען זיי, די קינדער פון קיבוץ. מיט זייערע עלאסטישע באוועגונגען האבן זיי איבערגעגעבן דאס לעבן פון זייערע טאטעס און מאמעס, די ערשטע אויף דעם באדן דא, די גרינדער פון קיבוץ.

אין לידער, איינאקטערס און סאטירעס, דערציילן זיי פון קאנ־פליקטן, שוועריקייטן און הומאר פון טאגטעגלעכן לעבן.

— צו וועלכער פּאַרטיי געהערט דער קיבוץ דאַ? — פרעגט שטיל א מאַן זיין שכן אויף דער באַנק.

— וואָס גייען מיר אָן פּאַרטייען? — שאָקלט זיך אָפּ דער ייד — זיי האָבן אויפגעבויט א דאָרף, א געזונט אין זייערע ביינער!

שווימט א שעה נאָך א שעה. טוישן זיך די לידער און טענץ, טוישן זיך די קליידער און לעמפּ־קאַלירן. די וואָס פירן אויס דעם פּראָגראַם, זענען אַלץ די זעלבע קינדער פון קיבוץ, וואָס וועלן ממשיך זיין די אַרבעט פון זייערע טאַטעס. ביז עס הערט זיך דער שטילער אונזאָג: מיר האָבן פאַרענדיקט דעם תּוכנית פון ערשטן יובל און טרעטן אריין אין צווייטן...

בלייבן די מענטשן זיצן א רגע. א שאָד וואָס עס האָט זיך געענדיקט דער יום־טוב, טראַכט איינער און א צווייטער, און ווידער וואַרט מאָרגן א פּשוטער אַרבעטס־טאָג. זיי זיצן נאָך אויף די בענק אין דער דערהויבנקייט, אין וועלכער די פייערונג האָט זיי אַריינגעפירט. באַלד וועלן זיי זיך אין די מאַשינען, טאַקסיס און וועגענער לאָזן אויף דעם פינצטערן וועג צוריק אין שטאָט, מיט א סך ליכטיקייט אין האַרץ. מיט א נייעם ניגון פון א יום־טוב פון אַרבעטס־פרייד.

צוגעקומען נאָך א יום טוב אין ישראל.

פארן שטורעם

גאט —
וואָס פארא יריד,
איז היינט אויף דיין הימל ?
איבער מיין קאָפּ,
רייטן טויט־וועגענער,
און איך
גיי אַראָפּ פון זינען
קאן מיין וועג —
אויף דער ערד נישט געפינען...

גאט —
וואַס פארא געבראזיג,
ליארם און געשאַל,
טראגן זיך פון די וואלקנס,
איבערן חלל ?
און דער ווינט
קלאָגט אין געוויין
זיין נע ונד ליד,
פון זיין און נישט זיין...

פערטער טייל

די ווילע

(צווישן צוויי מלחמות)

אינהאלט

פארשוואונדענע (ליד) 287
צום פראנט 288
תענית ציבור 294
די חיילים קומען צוריק 301
א מאן און א פאטער 310
אילן קומט א היים 314
די גרויסע תקיעה 321
צו יעדן מענטש (ליד) 333
ירושלים נאכן נצחון (ליד) 334

פאַרשוווּנדענע

פאַראַן אַן אייביק געזעץ
פון געבערן און אַרבן:
אַז טאַטע־מאַמעס —
פריער שטאַרבן.

בלייבן קינדער אבלים
מיט געבויגענע קעפּ,
ביי אָפענע קברים —
פאַרשטיינערט אין וויי.

ווער האָט דעם סדר צערודערט? —
אַז ס'פאַלן זין — יונגעביימער,
אויף ליימיקע גרודעס,
אויף בערגיקע שטיינער,

אין ימיקע תהומען!
און ס'ווייסן נישט טאַטעס,
וווּ ס'געביין פון זייערע זין
איז אַהינגעקומען?

וויי, וויי —
איז צו זיי,
וואָס די וועלט איז געוואָרן א קבר;
די איינציקע זכיה און גליק —

צופאַלן צום שטיין פון מצבה...
זי צירן אין גרין און אין בלומען,
און אין שוואַרץ־גאָלדיקן אות,
געפינען פון קינד — דעם נאָמען.

צום פּראָנט

פון ערשטן טאג פון געבורט פון דער מדינת ישראל, האבן די אראבישע שכנים אנגעזאגט איר דעם טויט.

אין שווייס און אין בלוט, האבן זיך געבויט דערפער און שטעט. פאבריקן, שפיטעלער, אוניווערסיטעטן.

מינעס און גראנאטן האבן אויפגעריסן די מאשינען צוזאמען מיט די ארבעטער, וואס זענען באגינען געפארן צו דער ארבעט. פון יעדן ווינקעלע האבן געלויערט טויט־געפארן. ביי די גרענעץ־פונקטן און ים־ברעגן. פון די בערג־שפיצן און טאָלן.

מחבלים באוואפנטע מיט מאדערן געווער, האבן זיך אריינגעריסן אין לאנד אומצובערענגען קינדער, פרויען און מענער.

דער אראבישער חרם האָט געפּלאנט צו צעשטערן די ווירטשאפט פון ישראל, איזאלירן פון דער וועלט. דערשטיקן אין פחד, אומברענגען.

ניינציק מיליאָן אראבער האָבן זיך פאראייניקט, כדי אומצוברענגען צוויי מיליאן יידן, וואס האבן על פי נס זיך געראטעוועט פון היטלער־חורבן צוזאמען מיט די מזרח־יידן, וואס האבן באוויזן צו אנטלויפן פון דער אראבישער שנאה. אין 19־טן יארטאג פון ישראלס באפרייאונג, איז דאס מצרישע מיליטער צוזאמען מיטן סירישן און איראקישן, אַריבער דעם סיני־מדבר, אָפּגעשניטן דעם דורכפאָר ביי טיראַן, אנגעזאגט א פארניכטונגס־מלחמה, ביזן לעצטן ייד.

✶

שטיל איז דער כביש.

נאך מיט א וואָך צוריק, פון גרויען באגינען ביז טיפער נאכט, האט ער געפירט לאנגע שורות אויטאָס מיט ארבעטער, צו די נאפט־ראפינעריעס, „ווולקאן", „פעניציע" און „דשנים", קליינע פאבריקלעך

אין מפרץ, וואס האבן אנגעהויבן אין שאָפּעס און אלטע צריפים און צעוואקסן זיך אין בנינים ברייטע, שטארקע. שווער האט גע־קרעכצט דער כביש צוגעפּרעסט פון די לאסט־מאשינען, אנגעלאָדענע מיט אייזערנע רערן, זעק מיט בוימוואָל, קלעצער פון פּאַרט, קאסטנס מיט גרינצייג פון די ארומיקע קיבוצים, פון כפר ביאליק.

דער רעש פון דער רעדער־טראסקעריי, שטויב פון די וועגן, האבן דעם ארום אנגעפילט מיט א דינאמישן געיעג פון אומדערמידלעכן בויען און שאפן.

די לאנגע שנורן מאשינען מיט טוריסטן האבן זיך קוים אדורכ־געגליטשט קיין נהריה, עכו, צפת און צווישן דעם רעש, טומל און גרילציקן פייפן פון מאָטאָציקלען, האט זיך אדורכגעריסן א פול געפּאקטער אויטאבוס מיט צעזונגענע קינדער אין רויטע און גרינע „טעמבעלי"־היטלעך און שווערע רוקזעק מיט דעקעס און כל מיני פּושקעס, אויף א ווייטן אויספלוג קיין ירושלים און אילת.

נאכמיטאג האבן די מאשינען צוריקגעפּירט איבערן כביש די טויזנטער ארבעטער פון „שמן", נמל, מיט פּנימער פארשוויצטע, הענט אויסגעשמירטע מיט מאשינען־אייל, צוזאמען מיט די אָנגעשטעלטע, טעכניקער און אינזשינערן. די גרויסע חיפהער ארמיי פון טאגטעג־לעכער ארבעט און מי.

איצט איז דער כביש א ליידיקער, א פארשטומטער.

איבער זיינע ברייטע אספאלט־וועגן האבן זיך מיטאמאל געלאָזט הונדערטער מאשינען מיט חיילים.

בלוט און מילך זייערע פּנימער. צעשויבערטע בלאנדע און שווארצע צעפּ ביי די חיילות. ערשט נאר וואס זענען זיי אוועק פון דער שול־באנק: פון תיכון, פון טכניון. ערשט וואס איינגעארדנט זיך ערגעצוווּ אויף א פּאָסטן. אהיימגעבראכט די ערשטע משכורת פון אייגענער ארבעט.

ערנסט, רואיק און זיכער זענען זיי זיך געזעסן. מעשה קונדס ארויסגעפּאַכעט מיט די היטלעך צו די מענטשן, וואס האָבן זיך פאר־זאמלט אויפן כביש, באגלייט זיי מיט אויגן פול טרערן.

מיט יוגנט־קראפט און יוגנט־חן האבן זיי מחנותוויז אדורכגע־צויגן און געלאזט נאך זיך א פוסטקייט און שטילקייט.

נאך זיי זענען איבערן כביש אדורך די מאשינען מיט די מילויים *. טאטעס פון קינדער, דערוואקסענע, אויסגעגעבענע. גראטעוועטע פון די וועלדער, פון די לאגערס, צוזאמען מיט די געוועזענע פארטיזאנער און קעמפער.

זיי אלע האָבן זייער בלוט־צושטייער געגעבן אין דעם באפרייאונגס־קריג און סיני־אקציע און איצט, ווען די שעה פאדערט, זענען זיי אלע גרייט.

אויף די זאמדן „ערגעץ־ווו" וועלן זיך טרעפן טאטעס מיט זין, ברידער מיט זייערע שוועסטער. יונגע פרויען מיט די מענער.

דאס גאנצע לאנד אויפן פראנט!

דורך די כוואליעס פון עטער וועט זיך מארגן, איבערמארגן טראָגן א האפערדיקע שטים:

...א גרוס פאר שוש און יאָסקען... פאר דער פרוי לילי און דער טייערער באָבע... זארגט זיך נישט... דא איז אלץ בסדר!

איצטער, יעדן באגינען, פירן פאר זיי לאסט־מאשינען ווארעם ברויט גלייך פון די בעקערייען. זיי ארבעטן טאג און נאכט. פול געפאקטע אויטאס מיט גרינצייג פון די דערפער. רויטע פאמידארן און פרישע אוגערקעס, ערשט פונעם פעלד אראפגענומענע, באגאסענע מיט טוי.

ערשט פון דער וויסטעניש — צעאקערטע צום לעבן.

די ארבעט אין די ארומיקע דערפער פירט זיך ווי אלעמאל.

אויך דער דאָרף איז א פראָנט!

פאָרן זיי אדורך אין געיעג, די מאשינען מיט וואסער פאר די, וואס זענען אוועק צו די צעברענטע זאמדן און דער כביש בלייבט אויס־געליידיקט, אנגעגליט פון היץ.

---

* רעזערוויסטן.

ווייזט זיך נאָר פון צייט צו צייט א וואָגן, וואָס נעמט אויף א פּוסגייער, וועלכער קאָן זיך אויף אַן אויטאָ נישט דערוואַרטן.

שטייען פאַרלאָזן די קיאָסקן פון כביש.

זייערע אייגנטימער, אינוואַלידן פון דעם לעצטן קריג האָט קיינער שוין נישט גערופן.

קוקן זיי זיך איבער פון קיאָסק צום קיאָסק. שטום רעדן זייערע אויגן:

— ס'זאָל נישט קומען די שעה, ווען זיך יעדער אַליין צושטעלן...

אין דעם ברייט אויסגעבויטן קיאָסק מיט פאַרביקע לעמפּ אַרומ־געהאַנגען, שטייט זלמן, דער געוועזענער מעל־סוחר אַ פאַרלוירענער, צעטומלטער, ער קאָן זיך נישט פאַנאַנדערקלייבן אין דער לאַגע. מיט יאָרן צוריק האָט ער זיין קליינעם ליפט אוועקגעשטעלט לעבן כביש אויף די זאַמדן.

מיט דער צייט האָט זיך דער כביש צעוואַקסן אין דער ברייט, מיט גלאַנציקן אַספאַלט באַדעקט. אַרום ביימער מיט גרינע קרוינען צעבליט. איבער נאַכט שורות פאַבריקלעך צוגעקומען. און ער, זלמן, האָט געלעבט פון זיי אַלע. אויסגעבויט אַ קיאָסק — אַ רעסטאָראַן נעבן וועג. אַרומגעשטעלט ווייס באַדעקטע טישן און בענקלעך. געפילט זיך זיכער אויף זיין אָרט און אין זיין שיכון מיט זיין פרוי און קינדער.

זעענדיק די מאַשינען מיט מענער פאַרבייפאָרן, איז ער אויסער זיך געוואָרן, וואָס מען האָט אין אים „פאַרגעסן", איבערגעלאָזט דאָ...

פאַר יעדער מיליטערישער מאַשין פאַרנייגט ער זיך און רופט אויס מיט התלהבות — כל הכבוד... כל הכבוד!

זיין גאַנצע שפּאַנונג באַקומט איר אויסלייזונג אין דעם פלאַמיקן ליבּ פאַר זיי, די געזונטע און יונגע, וואָס זענען גערופן געוואָרן אין דינסט.

און זי, פייגעלע, „די בריה אויף היימיש געבעקס", ווי מען רופט זי, האָט זיך נישט אויפגעבויט. געבליבן אין דער זעלבער הילצערנער בודקע מיט עטלעכע פּאַליצעס אַרומגעשטעלט. יעדן טאָג פלעגט זי

קומען מיט די פולע פאנען פריש געבעקס, פאר די, וואָס וואַרטן ביי איר „קיאָסק" אויף אן אויטא.

איצט קוקט זי מיט מאטע אויגן ארויס אויפן ליידיקן כביש.

תמיד האט זי ארויסגעשיינט אין איר ווייסן שערצל און מיטן שטענדיקן שמייכל אויפן פנים, פון איר ציכטיקן קיאָסק מיט גרינער פארב באמאלטן.

קיינער ווייסט נישט פון איר נעכטן, פון וואנען זי איז געקומען, וואס פארא לעבן זי האט פריער געפירט.

איצטער איז זי פאר יעדן „די בריה פון היימיש געבעקס".

מענטשן קומען צו דער אויטאבוסן־סטאציע, כאפן א טרונק מיט א קיכל און פארן ווייטער.

איצט רעדט זי א באנומענע צום אלטן דאקטער, וואס וואַרט אויף אן אויטא:

...איך האב נישט קיין קינדער... נישט פון מיין שטוב איז אוועק א זון צי א טאכטער... נאר איך האב זיי אלע געזען אָפּפארן... יסורים... יסורים צערייסן מיין הארץ! גאט, ווי שיין זיי זענען דא אויסגע־וואקסן! דער ערשטער דור... די ניי געבוירענע... וואס ווילן זיי פון אונדזער לאנד, די מערדער? — צעטראָגט זיך איר צעווייטיקטע שטים איבערן פוסטן כביש, אַ באהעלטן מיט א שורה אומעטיקע לעמפ.

— וואס שווייגט די וועלט? — הער דאקטאר?

קיינער ווייסט נישט דעם סוד פארוואס האט פייגעלע נישט קיין קינדער. איר לעבן איז פון איר ארויסגעריסן געוואָרן אין איינעם פון די עקספערימענטן־שטובן פון א לאגער. און איצט, מיט די יסורים פון א פרוי, וואס האט נישט געבערט, צאפלט זי פארן נייעם מערדער, וואס וויל ארויסרייסן דאס לעבן פון פאָלק.

— הער דאקטאר... הער דאקטאר — שטאמלט זי א פארצוויי־פלטע — ווו איז די וועלט?

דער דאקטאר שווייגט, שטום פארקוקט אין דער ווייט. זיינע קינדער זענען זיך איבער דער וועלט צעלאָפן. נישט יידן, נישט גויים... סתם פרעמדע...

פון ביידע זייטן כביש, אין די נייע און אלטע שיכונים, גייען ארום פרויען מיט קויבערס און זאמלען סוועטערס און לייבלעך.

גיבן יעדן צו פארשטיין:

...אין די נעכט איז א פראָסט אויפן נגב...

מיט א קינדער־וועגעלע אנגעפילט מיט קוכנס און פעקלעך זיס־ווארג, קומט צו א יונגע מאמע, וואס איר מאן איז אוועק פון די ערשטע.

— איך זאמל פארן ועד למען החייל — צעקלינגט זיך איר קול, ווי א זילבער גלעקל אין דער שטילקייט פארן פוסטן קיאָסק. — פון אלע הייזער האבן מיר צוזאמענגענומען, אוועקגעפירט א מאשין... אלע גיבן — פארענדיקט זי מיט א זיפץ, ווי זי וואָלט באדויערט, וואס זי האט זיך גראד ביי דעם ליידיקן קיאָסק אוועקגעשטעלט.

— „אוודאי דארף מען געבן" — צינדט זיך אן פייגעלע און דערלאנגט די לעצטע שאכטלען ציגארעטן מיט די פלאשן מיץ. באלד אינדערפרי ברענג איך א פולע פאַן... הלוואי זעט מען זיי שוין צוריק! הלוואי! — און מיט אויגן פול ליבע נעמט זי ארום די יונגע מאמע, וואס פירט א קינדער־וועגעלע מיט קוכנס איבערן אויסגעליידיקטן כביש.

תענית ציבור

נחמה איז דאר און קליינוווקסיק. טונקל ווי אן איילבירט איז איר פנים. א קרעפטיקער אויסדויער טראגט זיך פון איר קליינעם און שמאַלביייניקן גוף. אירע אַדערדיקע, אויסגעארבעטע הענט ארבעטן שווער און ערלעך. זי איז גליקלעך, וואס זי דארף נישט אנקומען אין לשכת הסעד נאָך הילף און נישט צו אירע קינדער; נאָר קאָן זיך אליין בכבוד מפרנס זיין און נאך צוטראגן פון צייט צו צייט אירע אייניקלעך א מתנה.

צוזאמען מיט די עלטערע פרויען, וואס גייען אין די שכונות אויף „ספאנדזשע״ * און די זקנים, וואס איילן רייניקן די גערטנער ארום די הייזער, גייט זי, נחמה, צו איר ארבעט.

שווייגט זי, ווי זיי אלע, א באנומענע מיט אימה פארן גורל פון לאנד ישראל.

אויב צו דער אויטאבוסן־סטאציע וועט היינט קיין מאשין נישט צופארן, ווי אלע מאל, כדי אויפנעמען די, וואס זענען אין זייערע היימען געבליבן, וועט זי טראָץ אירע אלטע יארן, צוזאמען מיט זיי זיך לאזן צו פוס איבער די זאמדן, צום כביש.

איר פנים איז צעקנייטשט און געל, ווי א פארטריקנטער, הארבס־טיקער בלאט.

די ליפן טרוקן.

אין דער גרויסער שול פון דער שכונה, צווישן געוויין, תפילות און שופר־בלאזן איז אנגעזאגט געווארן א תענית.

זי נעמט צוזאמען אירע כוחות צו טאן איר פליכט, ווי אלע מאל, ווען זי האט געשפאנט אין רעגן און קעלט מיט אירע קליינע, אבער פעסטע טריט אין דער פינצטער, צו דער אויטאבוסן־סטאנציע.

איז מיטאמאל א מאשין צוגעפארן. אויפגענומען די מחנה פוס־

* רוימען.

גייער, תימנער מיט לאנגע, געקרייזלטע פיאות, שיטערע בערדלעך אויף די דארע, וואקסענע פנימער. די אלמנות און מאמעס אין די לאנגע קליידער, ביז צו דער ערד און פארביקע טיכלעך אויף די קעפ.

זיי פירן זיך מיט קיישלעך און נעצן, כדי אהיימברענגען א ביסל גרינס און שפייז פארן קליינוואַרג, וואס איז אין דער היים געבליבן.

זייערע דערוואקסענע קינדער זענען אוועק ערגעצוו אין קאמף פאר דער מדינה.

צו דער מלחמה האבן זיי קיין שפייז נישט אנגעגרייט. ביי קיינעם פון זיי אין דער שטוב איז קיין איבעריקע לירה נישט געבליבן.

ביז איצטער פארנדיק יעדן טאג צו דער ארבעט, האבן זיי אין דער פרימאָרגן־שטילקייט אויסגעזיפצט זייערע דאגות:

— ווידער איז מילך טייערער געווארן מיט פינף גרוש...

— לבן * טייערער געווארן מיט צווי גרוש...

— די נסיעות מיט עטלעכע גרושים געשטיגן...

— גרושים, גרושים! — פון וואנען נעמט מען די גרושים? — האבן געפרעגט זייערע טונקעלע ליפן. דער יקרות וואקסט מיט יעדן טאג און די ארבעט קוים אויף עטלעכע שעה.

האָט זיך געקלאָגט אן אלמנה:

— פופציק לירות א יאר מיסים פאדערט פון מיר די מועצה! **

ווי איז דאס געהערט געווארן פון אן אלטער אלמנה פאדערן מיסים?

א באיאָרטע תימנערין האָט געפרעגט:

— ווער איז דאס דער קרן קימת, צוליב וואס דארף מען אים צאלן א שטייער? איצטער פאר וואסער און ליכט? קוים בלייבט אויפן עסן, ווען מען קויפט א בגד, אדער א פאָר שיך.

ווי אין איין גרויסער משפחה האבן זיי צוזאמען ארומגערעדט זייערע זארגן און אלע מאל פארענדיקט:

— השם ירחם...

---

* זויער־מילך.

** געמיינדע־ראט, מוניציפאל־ראט.

איצט לויכטן זייערע אויגן מיט פונקען פון גלויבן, וואס זייט דורות צעהעלט זייער לעבן.

...גאט וועט אפהיטן די קינדער פון סכנות... זיי וועלן זיך אומ־קערן מיט די זעלבע מאשינען, וואס האבן זיי אוועקגעפירט...

די רעשיקע רעדער־טראסקעריי פון די מיליטערישע אויטאס, וואס זענען אין דער שטילער שכונה געקומען האבן מיט א שווערן פחד אנגעפילט זייערע הערצער. דאס גרויליקע ווארט: מלחמה האט אפ־געגומען דעם שלאף פון די אויגן, דערשטיקט דעם אטעם. אליין פון זיך זענען געראנען די טרערן איבער די טרוקענע, געלע פנימער. זיי קאנען די אכזריות פון די אראבער און געדענקען זייער ווילדע שנאה.

די הייסע תפילות אין דער שול, דאס הויכע בשותפותדיקע געוויין פון די פרויען צו זייערע מענער און קינדער צו זייערע טאטעס, האָבן זיי געשטארקט.

...שוין א סך מלחמות קענן יידן געווען און אלע מאל אן אנדע־רער נס געשען...

איצט זיצט נחמה מיט די רויטע אנגעלאפענע אויגן ביים פענצטערל פון אויטאבוס און קוקט ארויס א צעטומלטע אויפן וועג.

— כביש מת (דער כביש איז טויט) — שלאגט זיך אין איר מוח א פיינפולער געדאנק, דערמאנענדיק די שנורן אויטאבוסן פול געפאק־טע מיט ארבעטער, וואס האבן פאר אירע אויגן געווימלט.

— הייסט עס, אז אלע, אלע פון די ארומיקע שכונות זענען אוועק און די איינצלנע מענער, וואס איילן צו דער ארבעט מיט א ראָווער, אדער מאטאציקל — זענען אויך אין מלחמה־קאמף אויף זייער פאָסטן פארטאן.

זי קען גוט יעדע קרייצונג, יעדעס הויז ביים וועג און יעדן באצוימטן גארטן.

זייט יארן פארט זי איבער דעם כביש, פון דעם טאג, ווען אויף די שטאלענע פליגל פון נישט באגרייפלעכן ווונדער איז זי געקומען פון אדען אין דעם אויסגעבענקטן לאנד.

נאר איצט האט זי מורא, אז אין איר צעטומלקייט, וועט זי ערגעץ ווו פארפארן, פארבלאנדזשען אין דעם חושכדיקן באגיינען.

רייסט איבער די שטילקייט א רעש פון אן אעראפלאן, וואס טראגט זיך ווייט איבער זייערע קעפּ. קוקן אלע ארויס מיט באוווּנ־דערונג און אימה אויפן הימל באדעקטן מיט די לעצטע, גוססדיקע שטערן און שיקן פלאמיקע ברכות.

די שטאלענע אַדלערס האבן זיי פון קנעכטשאפט צו פרייהייט געבראכט און אין דער שעה פון סכנה גלויבן זיי אלע, אז זיי זענען די שליחים פון שלום.

✶

שטיל איז צוגעקומען נחמה אין דער קליינער וועשעריי, ווי תמיד אוועקגעשטעלט זיך אין איר ווינקל ביי א ווענדל וועש.

און ווייל איר נשמה איז פול מיט צער, קאן זי נישט איינהאלטן די טענות, וואס רייסן זיך ארויס פון איר צעווייטיקטן הארץ:

— גאָט וועט נישט שטראָפן די יידן פאר די זינד, וואָס זיי האָבן אפגעטאן אין אייגענעם לאנד. אנדערש האבן זיך אלע באדארפן פירן, אויס יידן זענען דא אלע געווארן.

ווי פון אן איבערפולטן טייך שווימט ארויס איר פארביטערונג:

— מאכט מען א יינגל בר־מצווה, איז עס נאר א סעודה פון עסן און מתנות! קיין תפילין הייבט ער נישט אן צו לייגן, און אין בית־כנסת גייט ער נישט! שבת און יום־טוב איז יעדער מחלל, קיינער היט נישט די מצוות, וואס זענען אין דער תורה פארשריבן... נאר וועגן געלט און זאכן יאגן זיך דא אלע! איז דאס א וועג פאר יידן? — פרעגט זי מיט צאָרן דער באלעבסטע אין ווייסן שערצל, וואס שטייט פארזונקען אין בענקשאפט צו איר דני פאר דעם גרויסן פענצטער פון דער מכבסה (וועשעריי), א באקלעבטן מיט לאנגע פאפיר־פאסן. זי ווארט אויף א טענדער, פון וועלכן ער וועט כאטש אויף א רגע ארויסשפרינגען. דני, איר שטאָלץ און גליק! נאָך א יאָר און ער ענדיקט ארכיטעקטור! נאך איין יאר... אפשר וועט גאר א חבר פלוצים ארויסשפרינגען פון א מאשין און ברענגען א גרוס?

זי ווייסט, אז ער און זיין חברה זענען ווייט, ערגעצוו, דאך קאן זי איר בליק פון דער פוסטער גאס נישט אפרייסן.

— מאך דיר א קאווע, נחמה, נעם וואס איבערבייסן, —ווארפט זי אריין אין אירע רייד מיט א מאטער שטים.

— א תענית איז היינט! א גרויסער תענית פאר אלע יידן אין דער וועלט — ענטפערט נחמה אנטשלאסן און טוט ווייטער איר ארבעט.

— האסטו נישט באדארפן היינט קומען... נישט פאר דיינע יארן פאסטן, ארבעטן און מאכן דעם וועג צו פוס! — רעדט איר אויס די באלעבאסטע, איז כאטש א טרונק זאלסטו נעמען, א היץ, א פייער פון הימל היינט...

ענטפערט נחמה מיט איר זינגענדיק־פארצויגענער שטים:

— מיר, תימנער, זענען געוווינט צו פאסטן. מיר פאסטן אסתר תענית, צום גדליהו, יום כיפור און אלע מאל, ווען דער רב זאגט עס אָן. היינט פאסטן מיר יעדן מאנטיק און דאנערשטיק. א ייד מוז געדענקען, אז ער איז א ייד! שטארק איז ביי אונדז די אמונה אין דער תורה, אין גאט... דאס גיט אונדז כוחות.

מיר גלויבן נישט אין פאַרטייען, נישט אין צייטונגען און נישט אין ראדיאָ — פארענדיקט זי מיט איבערצייגונג און נעמט ארויס די איבערגעשווענקטע וועש פון דער מאשין.

זי האט איר אייגענע ראדיאָ־סטאנציע מיט די געהיימע כוחות פון בטחון אין נצח ישראל.

שטייט נעבן איר שווייגנדיק די באלעבאָסטע און העלפט ביי דער ארבעט.

די וועלט־ווייטע מחיצה צווישן איר, די אמאליקע דאמע פון האמבורג און דער אלמנה פון תימן איז פארשווונדן. איצט שטייען זיי ביידע גלייך נעבן זיך, ווי שוועסטער פון איין פאלק אין איין גורל געבונדן.

איר הארץ איז לער, אָן גלויבן. זי קאן די מעכטיקע קראפט פון

די טויט־מאשינען און אין איר אומבאהאלפנקייט רופט זי נאר אויס פון צייט צו צייט:

— גאט... מיין גאט — און קוקט מיט באוואונדערונג אויף דער אלטער וועשין, וואס בעת איר פאסטן טוט זי די שטענדיקע ארבעט מיטן זעלבן סדר.

אלע יארן האט זי איר ארבעט שטיל געטאן אין איר ווינקל און פון איר „שטומער צונג" האבן זיך זעלטן ווען עטלעכע ווערטער געהערט.

— רו זיך אָפּ און גיי אהיים... מארגן וועט אפשר זיין א מאשין...

— גיט זי א זאג.

— מירן צוזאמען ענדיקן, אלץ דארף מען צעהענגען אויף דער זון, אויסרייניקן די כלים — ענטפערט נחמה רואיק בעת קליינע טראָפּן שווייס רינען איבער איר פנים און האלדז. מיר ארעמע מענטשן דארפן נישט אָפּשטיין, בלייבן ביי זיך אין דער היים אָן ברויט. אונדזערע חיילים איז שווערער... ווו זיי זענען איצט אין די ווייטע מקומות. אין פייער פון שונא, פייער פון הימל. צי האבן זיי גענוג וואסער? צי קאנען זיי ביי נאכט כאטש אויף א רגע איינשלאפן? יא מיין טייערע, נאר זיי איז עס איצט שווער, זייער שווער, אבער גאט וועט זיי שטארקן, איבערקומען די שונאים. מיטן כוח פון זייער אמונה וועלן זיי ווארפן א פחד אויף די רוצחים, וואס ווילן זיי אומברענגען. השם ירחם...

✶

אדורך דער פרימארגן.

נחמה זיצט אויף דער שוועל און רוט. אירע דארע הענט האבן מיט עקשנות אויסגעפילט דעם שטענדיקן סדר. זי ציילט די לירות אין איר קליינעם בייטעלע און דערציילט:

דער מנהל פון בית הספר איז געקומען אין בית כנסת און אנגעזאגט, אלע זאלן זיך באשטייערן פארן ועד למען החייל...

אלע האבן געגעבן. איינער א לירה, אנדערע דריי. געווען אפילו אזעלכע, וואס האבן צו צען לירות געגעבן. אזוי איז עס. אלע מוזן

העלפן דער מדינה. געלט איז ביי אונדז נישט חשוב... דאס לעצטע גיבן מיר אוועק!

זי זיצט אויף דער שוועל און טריקנט אירע פייכטע בגדים אויף דער זון. מיט אן אומעטיקן ניגון חזרט זי איבער די רייד:

— פאסטן, פאסטן דארפן מיר און תפילה טאן, דער שלום זאל זיך וואס גיכער איינשטעלן, אלע זאלן זיך צוריק אומקערן אין די היימען. אונדזער שיינע שטאט חיפה זאל נישט חרוב ווערן! איינמאל בין איך געווען אין תל־אביב — נעמען פינקלען מיט באגייסטערונג אירע קליינע, טיף איינגעזעצטע אויגן.

— וואס פארא שטאט! וואס פארא בנינים און גאסן... דאס אלץ האבן יידן געבויט מיט א סך שכל, מאטערניש און שווייס! אזוי איז געשאפן געווארן די גאנצע מדינה. בעזרת השם, וועל איך נאך ווען עס איז פארן קיין ירושלים... א סך פון אונדזער שכונה זענען מיטן בית־ספר געפארן. אלץ געזען, אלץ דערציילט און איצטער... — לאזט זי שווער אראפ איר קאפ, ווער ווייסט וואס טוט זיך דארט אין דער הייליקער שטאט?

מיטאמאל ווי עס וואלט זי אן אומרו אויף דער גאנצקייט פון איר שכונה באפאלן, האט זי זיך אויפגעכאפט אויף די פיס. צונויפגענומען אירע נעצן, וואס זי טראגט תמיד מיט זיך און ארויסגעשטאמלט:

— שלום... אויב מאָרגן וועט נישט זיין קיין מאשין, וועל איך אזוי אייגן קומען. שטיל פארמאכט זי נאך זיך די טיר. מיט אירע קליינע טריט האט זי גענומען שפאנען אהיים אין דער גליאיקער היץ, איבערן שווארצן אספאלט־כביש.

יוני, 1967.

די חיילים קומען צוריק

חגי דער „לאנגער" האט דער ערשטער דערזען אויפן וועג די פאנצער־אויטאס און טאנקען מיט חיילים, וואס פאָרן אָפּ פון פראָנט, פון דרום. יעדער רופט אים „לאנגער", צוליב די לאנגע פיס און הענט, וואס גיבן זיין גוף א פריצייטיקע רייפקייט.

אלע אין זיין כתה זענען אזעלכע לאנגע, געזונטע און לאכעדיקע. ער אבער, חגי, האט זיך איבער זיי אויסגעצויגן, שטייגט זיי איבער מיט א קאָפּ. נאר דאס קינדערשע פּנימל מיט די פינקלדיקע אייגעלעך און שטענדיקן אומרו, גיבן אויס דעם סוד פון אלע שטיק, וואס ער פלאנט אויסצופירן, זאגן עדות, אז לאנגע יארן וועט ער נאך גיין אין די בגדים פון א תלמיד.

אין די טעג פון דער פארמלחמהדיקער שפאנונג האט ער מיט ברען און איבערגעבנקייט געקאָפּעט די שוץ־גראָבנס ביים בית־הספר. אהיימגעקומען מיט אן אויסגעווייקטן העמד און קלעפּיקע האָר אויפן פארשוויצטן שטערן.

די ערשטע זאך ביי אים איז געווען צו פארזיכערן דעם בית־הספר. דערנאך זיך גענומען צו דער ארבעט פון באווארענען זיין הויז. צוזאמען מיט זיין חברה יינגלעך פון בלאק אנגעפאקט די זאמד־זעק ביים פרייען זאמד־שטח נעבן די בנינים. אויף טאטשקעס זיי צוגעפירט צום אריינגאנג פון הויז, אָנגעלייגט א הויכע, שטאָקיקע וואנט און לייכט אפגעאטעמט:

— דאָ וועלן די שראפנעלן נישט צוקומען!

די זאמד־זעק ביי יעדן בנין זענען ביי אים א טייל פונעם קאמף מיטן שונא און ער מיט זיין חברה — זענען זעלנער אויפן פראָנט פון דער שכונה.

— עס איז אנגעזאגט געווארן, נישט איבעררייסן דאס לערנען. חגי האט אבער מער נישט געקענט איינזיצן אויף דער שול־באנק.

— עס איז א מלחמה און איך מוז העלפן! — האט ער באַ־שלאָסן. אזוי ווי דער בריוו־טרעגער האט זיך זייט עטלעכע טעג נישט באוויזן, האט ער פארשטאנען, אז דער „דור" איז גערופן געווארן. צוגעשטעלט זיך און אוועק „ערגעצווו".

— ווי דען, אזא יונגער און שטארקער גבר וועט דאס אין אזעלכע טעג ארומגיין מיט בריוו? — האט ער געטראכט און אוועק צום בנין פון פאָסט־אמט.

חגי דער עזות־פנים און דווקאניק איז מיטאמאָל נישט דרייסט געווארן. שטיל און אביסל פארשעמט געמאלדן דעם לייטער:

— איך בין געקומען ארבעטן פרייוויליק...

מיטן בריטן היטל פון א בריוו־טרעגער, וואס פאלט אים וואס אמאל אריבער איבער די אויגן, שטאלץ פון דעם כבוד, וואס איז אים צוגעטיילט געווארן, האט ער געשפאנט מיט דער פולער לעדערנער טאש מיט בריוו. מיט זיינע לאנגע פיס אויסגעמאסטן די גאסן, און געסעלעך ביזן כביש. געשפרייזט איבער שטאָק און טרעפ און מיט א קלינגענדיקער שטים גאר העפלעך אנגעזאגט:

— איך האב אייך געבראכט א בריוו...

ער וויל זיך נישט לייכט מאכן זיין ארבעט מיטן אריינווארפן די בריוו אין די קעסטלעך ביי יעדן אריינגאנג פון הויז.

ער פארשטייט עס גוט אין זיין פלוצימדיקער דערוואכונג אין די „הייסע טעג" — וואס באדייט א בריוו. א באזונדערע הנאה האט ער צו זען דעם פונק פון פרייד, וואס צינדט זיך אָן אין די אויגן ביי יעדן, וואס נעמט דעם גלאטיק אויסגעסדרטן קאנווערט פון זיין פעקל.

דעם בריוו פאר זיין משפחה האט ער אוועקגעלייגט אין טייסטער. ווען ער וועט פארענדיקן זיין ארבעט, וועט ער אים אהיימברענגען.

חגי האט פיינט פראָטעקציע!

אינדערהיים איז ער מיטאמאל געווארן א באלעבאס, א פארזאר־גער. מיטן קויבער געלאפן אין די געשעפטן, זיין משפחה זאל גארנישט פעלן. פאר אים אליין — איז די איינקויפעניש נישט וויכטיק.

ער ווייסט:

— די חיילים האבן אויך נישט אלץ, דארט „ערגעצווו" ווו זיי זענען. אים איז עס קלאָר, אז דער „עסק" וועט זיך לאנג נישט ציען! אונדזער צבא ווייסט וואס צו טאן! — פארזיכערט ער אלע.

ער קען אלע גענעראלן, טראגט זיך תמיד ארום מיט זייערע בילדער. גייט אָן אין זיין חברה, ווי א„יודע דבר".

פון סאמע פרימארגן הענגט ער זיך אָן דעם טראנזיסטאר. נעמט איין אין זיך אלע ידיעות פון טאג. די לידער פון אלע קאמפס־אפ־טיילונגען און ביי יעדער מעלדונג פון אַ נייעם נצחון רופט ער אויס מיט באגייסטערונג:

— איך האב עס גלייך געוווסט.

נאך עטלעכע טעג ארבעטן אויף דער פאָסט האָט ער זיך פאר־בענקט אין בית־הספר.

ער ווייסט:

— די לערער זענען „דאָרט". סטודענטן האבן זיך צוגעשטעלט פרייוויליק זיי פארטרעטן. אלע זענען ממשיך די לימודים אין די לעצטע טעג פון שול־יאָר.

פארנדיק מיטן ראָווער מיטן רענצל ביכער איבערן כביש האט ער זיך געשלאגן מיט דער דעה:

— אפשר צופארן אין בית־הספר פון דער שכונה און מעלדן זיך לערנען די קינדער פון די נידעריקע קלאסן? אויך ביי זיי זענען די לערער גערופן געווארן.

איז אבער חגי נישט זיכער, צי די קינדער וועלן אים הערן. צי וועט ער קענען איינשטעלן א סדר אין דער כתה?

צום ערשטן מאל האט ער זיך ערנסט פארטראכט, אז זיין א לערער איז גארנישט קיין פשוטע זאך. און... פלוצים איז ער פארטויבט געווארן פון א געבראזג פון רעדער, וואס רוקן זיך ווייט איבערן כביש.

דערזען טאנקען ווי בנינים מעכטיקע מיט לופעס, אויסגעשטרעקטע לאנגע אייזערנע העלדזער.

— די חיילים קומען צוריק! — האט ער מיט אן אויסגעשריי

פון גליק וואס האט א פלייץ געטאן אין זיין הארץ, געלאזט זיך צו די געשעפטן ביים כביש און א פארסאפעטער גערופן:

— קומט... קומט מיט וואסער! מיט עסנווארג! די חיילים קומען!

אויף גיך גענומען עטלעכע פלאשן מיץ און אייליק ארויסגעווארפן:

— איך וועל שפעטער צוקומען באצאָלן!

שוין יאגט ער צוריק מיט אימפעט א באפליגלטער פון נצחון, וואס די חיילים ברענגען.

חיילים קומען! — האבן אויפגעכאפט די געוועלבער און געלאזט זיך צום כביש מיט פלאשן מיץ און לבן *, מיט שאכטלען מאראנצן און אשכוליות? נאך זיי די פרויען, וואס זענען געקומען נאך געבעקס אין די מארגן־קליידער און שטעק־לאטשן אויף די בארוועסע פיס, מיט פולע קיישלעך זיסווארג, ביסקוויטן, ציגארעטן. די קינדער פון דער שולע האבן אויפגעכאפט די ידיעה, געכאפט די פּאַררעדער און מיט א ווילדער שמחה א יאג געטאן איבער די גאסן. אין די געוועלבלעך און קיאסקן אַנגעקויפט פרוכטן. מיט א פריידיקן טומל אויפגע־רודערט די ארומיקע גאסן. פון שטוב צו שטוב איבער די שטאקיקע מויערן האט זיך געטראגן די בשורה:

די חיילים קומען צוריק!!

איבער שטאָק און טרעפ האבן א פלייץ געטאן די אלע, וואס זייט וואָכן ליגן זיי מיט אָפענע אויגן אין נעכט, אין וואנזיניקער שרעק איבערן לעבן פון זייערע זין און מענער.

א שגעון האט ארומגענומען די מענטשן פון די אלטע און נייע שיכונים פוןביידע זייטן כביש. מיט עמערס וואסער, מיט ברויטן און וואס איז נאר וועמען געפאלן אין די הענט אין דער פלוצימדיקער רגע, געלאפן מיט ציטער, נייגער און קיינמאל נישט איבערגעלעבטן גליק־געפיל אנטקעגן די חיילים.

— כל הכבוד לצבא! — האט געיובלט דער המון — א טויזנט־קעפּיקער גוף מיט איין צאפלדיק הארץ.

---

* זויער־מילך.

די חיילים...

קעפ באוואקסענע, פנימער פארברענטע, פארטריקנטע. אויגן רוי־טע, פארלאפענע פון ווינט. פון זאמד, פון היץ. דאס גליק פון נצחון זינגט ארויס פון זייערע הערצער. שטראלט און שיינט אויף זייערע פארשוויצטע פנימער. זיי פאָכען מיט די הענט פון דערווייטנס צו די מענער, פרויען און קינדער. זיי ווייסן:

די אלע וואס לויפן נאך נאך די טאנקן מיט צעפלאמטע פנימער, מיט פלאשן געטראנק האבן אויפן פראָנט געשיקט די קאסטנס מיט פרישע קוכנס, פעק מיט ביכער, מיט זייף און וועש, באגלייט מיט קורצע בריוועלעך פול מיט ליבע: מיט הארציקע איינלאדונגען צו זיך א היים, אויף א לחיים! זיי אלע, וואס זענען געווען ווי פרעמדע אלע יארן און מיטאמאל געווארן אייגענע, די טייערסטע.

שיטן זיך אין די טאנקן מאראנצן, ביסקוויטן, ציגארעטן.

חגי דער לאנגער, אויף זיינע הויכע פיס, דערלאנגט מיט די פלאשן וואסער צו די שטאלענע פאנצערס. לויפט פון מאשין צו מאשין. ווייסט נישט אין זיין איבעראשונג וואס צו רעדן, וואס צו פרעגן.

ער הערט זיינע אייגענע, צעטומלטע ווערטער:

— צי האט איר שוין געענדיקט?... וו פארט איר איצט ווייטער?

— „דאָרט" — צעלאכט זיך א צעשויבערטער בחור און ווייזט מיט דער האנט דעם וועג צום סודותדיקן „דאָרט".

— בלומען האט מען זיי באדארפט ברענגען! די שענסטע בלו־מען — הערט זיך א באנומענע שטים פון א פרוי.

— ווער דארף גאר בלומען? שטאמלט ארויס אן אלטיטשקע מיט אן אויסגעווייקט פנים פון טרערן. וואסער דארפן זיי נעבעך... די זון האט פון זיי ארויסגעצויגן ס'חיות... יעדער איז כולו זאמד...

אירע אייניקלעך זענען געפאלן אויף יענער זייט ים. אומגעבראכט דורך די דייטשן. איצט קוקט זי אָנגעשטרענגט מיט פארזשמורעטע אויגן אויף יעדן טאנק. וויל דערזען די קעמפער פארן אייגענעם לאנד. עס דוכט זיך איר, אז אט פארן זיי, אירע אייניקלעך... די טרערן גיסן זיך איבער אירע פארקנייטשטע באקן.

— באבעשי... מען דארף נישט וויינען... עס איז נאך אזא שמחה נישט געווען ביי יידן! — רעדט צו איר א מאן פון א זייט. איר זעט דאך... זיי קומען צוריק... פון סיני... פון ירושלים... פון כותל המערבי...

— נישט אלע קומען... נישט אלע... אוי וועלן מאמעס וויינען, שאָקלט זי טרויעריק מיטן קאפ, ווי זי וואָלט פאר זיך געזען די געפאַלענע, אויפגעריסענע פון קוילן, פארלוירענע אין די מדבר־זאמדן, ווייט, ווייט! עס איז נאך נישט געענדיקט די ביטערע מלחמה... זיי פאָרן דאך ווייטער — און שיקט זיי אירע הייסע, מאמעדיקע ברכות.

— ס'דאך קינדער, כ'זאל אזוי געזונט זיין... ס'דאך קינדער! — האָט מיט א דערשטיקטער שטים ארויסגעוואָרפן דער קצב, ווי נאָר ער האט זיין ניילאָן־טאש מיט כל־טוב א שיב געטאן אין א ריזיקן טאנק, וואס איז פארבייגעפארן פאר זיינע ברייט־אויפגעריסענע אויגן.

— איך האב שוין אָפגעציילט דרייסיק כלים און... ס'פאָרן נאך מאשינען מיט... מיט...

א פחד האט אים באנומען און דערשיטערט.

— ווי, ווי... נעמט ער קלאָגן, איז דאָס חלף געגאנגען אויף אונדז? אזא מערדעריי! ס'וואלט דאך קיין שטיין אין דער ערד נישט געבליבן... קיין זכר פון לעבן!

אין אָנבליק פון די טויט־מאשינען האט ער אויפסניי דערזען די סכנה, וואס האט געלויערט אויף אלע.

— ס'דאך געווען מיליאנען!... קעגן אזא קליין מדינהלע... און זיי, די ייִנגלעך, האבן אונדז געראטעוועט! אונדזערע קינדער!

ער ווישט מיטן טיכל דעם שוויס, וואס רינט פון זיין פנים, פון האלדז און אין זיין צעטומלטקייט רייסן זיך ארויס ווערטער פארפלאָנטערטע:

— אויב דא אזא היץ... א מענטש גייט אָפ אין אייגענעם שוויס, איז דאך דארט... אויפן מדבר נאך ערגער! כ'ווייס וו זיי זענען אלץ געווען... ווער קאן דאס די מקומות... אל עריש... די אנדערע... א פייער און א טריקעניש! ווי האבן זיי דאס אויסגעהאלטן? כ'לעבן גיבורים, א לויב צו זיין נאמען, אז מיר האבן עס דערלעבט!

— אבי מען האט גערעדט אויף די סאברעס — באדויערט זיין פרוי אויפן קול.

— זיי זענען נישט אזוי און זענען נישט אזוי! — ווי אזוי דארפן זיי צו זיין? ווי אזוי זענען מיר געווען? — פרעגט זי דעם שטייענדיקן עולם ארום.

מיט א צעפלאמט פנים קוקט זי אויף דער נייער ריי טאנקן, וואס קומט אָן, נישט גלייבנדיק דעם בילד, וואס ווייזט זיך פאר אירע אויגן. זי זעט דעם געפלאצטן אספאלט, וואס האט די מאסע פון שטאָל און אייזן נישט אויסגעהאלטן און פרעגט איבער דעם מאן אומגלויביק:

— איז דאס אלץ איצט אונדזער?!

— ט׳ 54... „סטאלין״! אלץ סאוויעטישע! — מורמלט דער עולם מיט כעס און אנטוישונג.

נאר פאר יושר און גערעכטיקייט! — הערן זיך חוזקרייד. און מיר זענען גאר די אימפעריאליסטן...

— א נייעם בלבול אויסגעטראכט! —ווארפט עמעצער אריין מיט רוגזה.

— ווי אזוי אימפעריאליסטן?! — פרעגט פארוואונדערט דער צייטונגס־פארקויפער. מיר זענען דאך ערשט נישט לאנג געווען ביי „זיי״ קאָסמאפּאָליטן?

ער לייענט גרינטלעך אלע צייטונגען און קאן זיך נישט פאנאנדער־קלייבן אין וועלט־פּלאָנטער פון אלע נייע געשעענישן.

שטום כאפן אויף די באאמטע, טעכניקער און אקאדעמיקער פון דער לעצטער עליה די רייד.

אויף דעם וועג צו דער ארבעט האבן זיי אוועקגעשטעלט די מאשינען, פארכאפט פון דעם טריאומף־אויפמארש.

...יידן זענען קיין פאלק... האבן זיי יארן לאנג איבערגעחזרט אין אלע פרעמדע שפּראכן, וואָס זיי האָבן זיך פאראייגנט, זייערע כוחות אָפּגעגעבן פארן קאמף פאר איין פעלקער־משפחה, ווו יעדער וועט זיין מענטש — און ארויסגעשטויסן געווארן מיטן זידל־ווארט „ייד״!

זיי האבן אין קיום פון לאנד נישט געגלויבט, צו אן אייגענער מדינה נישט געשטרעבט.

איצט גלידערן זיי זיך איין אין פאלק, וואס יובלט פון פרייד מיטן זעלבן התלהבות, שטוינען פארן אחדות פון עם ישראל, וואס איז פאר זיי א נס און אן אנטפלעקונג.

מיט גלאנציקע אויגן קוקן זיי אויף די „יינגלעך" ביים רודער פון די מאשינען און מאכן הויך דעם סך הכל:

— ...אין איין טאג צעקלאפן זיי אלע באזעס!... געזיגט אויף דריי פראנטן און... אומקערן זיך אויף זייערע טאנקן! אויף... דאס הייסט ויסן, גאונות.

שאָקלען זיי באנומענע מיט די קעפ און וואַרפן ארויס מיט ביטערקייט:

— די וועלט־באפרייער האבן געקאנט דערפון אויפבויען א מדבר! אלע אראבער אייננאָרדענען!... א גן־עדן פאר זיי מאכן!

— יידן קאנען נישט קעמפן, הא? ווי שאָף געגאנגען צו דער שחיטה — רעדן זיך איבער די לערערינס, וואס זענען נאָך זייערע תלמידים ארויס אויפן וועג.

זיי זענען געקומען אנהייבן א לעבן אויפסניי, געראטעוועטע פון די קאלך־גרובן און קרעמאטאריעס, געגנבעט גרענעצן און בלאָקירטע ימען.

יארן לאנג האבן זיי די תלמידים אומזיסט געגעבן צו פארשטיין:

— נישט געווען אין געטא קיין געווער צו קעמפן קעגן מעכטיקן שונא, באוואפנטן פון קאָפ ביז פיס... אייגזאם און שוצלאז זענען מיר געווען...

— איצט וועלן אלע פארשטיין! — אָטעמען זיי אפ, באפרייטע פון א באשולדיקונג, וואס האט זיי יארן לאנג געפייניקט.

מיט א ליבשאפט א באזונדערער קוקן זיי אויף די קינדער, זייערע תלמידים, און דערקענען זיי נישט.

— וויפיל האט געפעלט, מיר אלע זאלן נישט זיין מער... ליגן אין

ים מיט אויפגעריסענע העלדזער.

זיי קאָנען זיך נישט באפרייען פון דער גרויל־מחשבה:

— שעכט, ברען, פארניכט! — ציטערט אין זייערע הערצער דאס ווידערקול פון מצרישן האס־אָנצינדער. מישן זיך צונויף געפילן פון טויט־שרעק, מלחמה־חורבן מיטן גליק פון נצחון.

פרעגט איינע ביי דער אנדערער לערערין אומגלויביק:

— איז דאס אלץ פארגעקומען אין עטלעכע טעג?...

א נייע געשיכטע געשאפן?! ווי צעמישטע שטייען זיי אויף דעם כביש.

פאנצער־אויטאָטאנקען האבן זיי זיך שוין געגוג אנגעזען, זיי ווייסן אבער, אז אזעלכע שטראלנדיקע פנימער, ווי ביי די חיילים איצטער, קאן מען נאר זען אין איימאליקע רגעס אין לעבן. כאפן זיי אויף אפגעריסענע ווערטער פון א ליד, וואס טראגט זיך מיט שטאלץ און טראכטן:

נישט מיר האבן געוואלט די לידער פון קאמף און פאנצער־טאנקען באדעקטע מיט שטויב און מיט זאמד; פון הארמאטן, וואס שפייען מיט פייער און טויט, נישט מיר!

יארן לאנג האבן זיי געלערנט לידער פון כנרת און מסדה, פון ארבעט און שלום, נישט פון בלוט־פארגיסונג און פארוויסטונג.

בעטן זיי שטום אין דער טיפעניש פון זייערע נשמות:

— גאט, זאלן מיר דעם שלל קיינמאל נישט באדארפן... זאל דאסמאל שוין זיין די לעצטע מלחמה.

א מאן און א פאטער

אין דער גליאיקער היץ פון יוני־פרימארגן, אויפן גולן, האט די שטילקייט פון די ארומיקע בערג, צעריסן א רעדער־בראזג פון א מיליטערישן דזשיפ. מיט א ווילדן, אומגעצוימטן אימפעט האט עודד געאײַלט אהיים.

א נאגנדיקע בענקשאפט האט אים ארומגענומען צו זײַן משפחה. עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז א לעבן לאנג האט ער נישט געזען זײַן אמא און אבא, זײַנע צווילינג־שוועסטערס מיט די גאלדענע האָר איבערן האלדז צעווארפן און פנימלעך, ווי אפרסקים, דפנהלע און אורה.

אָן אײַביקייט האט אים אפגעטײַלט פון זײַן היים אויפן כרמל, וועלכע ער האט פארלאזט מיט א חודש צוריק.

אין זײַנע קורצע בריוועלעך פון עזה, ירושלים און קונעטרא, האט ער געשריבן:

...בײַ מיר איז אלץ בסדר... דא פעלט מיר גארנישט... זײַט רואיק... להתראות!

צי האבן זיי די בריוו דערהאלטן? איצט ציטערט ער איבער זײַן היים, יאָגט וואס גיכער איבערן לאנגן, שטײַניקן וועג.

— סוף סוף, אהיים! — חזרט ער איבער אָן אויפהער די אײַנציקע ווערטער, וואס זענען פאר אים אלץ, נאך דעם חודש פון גיוס און מלחמה. א גאנצע וועלט איז אין זײַן נשמה חרוב געווארן, און עס איז איצט אזוי שטארק דער דראנג, וואס גיכער צופאלן צו די היימישע ווענט, ווידער זען דעם כרמל מיט די פארביקע בלומען־גערטנער, ברייטע ביימער־קרוינען, ארום די הײַזער, לענגאויס די גאסן. די ליכטיקע לעמפ אין די פארנאכטן, ווארעם וואסער אין ברז.

קודם־כל וועל איך שלאָפן... אלץ פארגעסן — צעשפארט אים דער באגער נאך רו, נאך מנוחה.

וויפיל נעכט האט ער מיטן טאנק געיאָגט איבער שווארצע וואָל־קנס רויך אין באטויבנדיקן ליארם.

ער אטעמט איין די שטילקייט פון ארום. דער הימל־בלוי באַרואיקט און טרייסט: פארגעס... פארגעס... א ניי לעבן וועט איצט זיך אָנהייבן, מיר האָבן געזיגט. אין זיין בוזעם־טאש האָט ער עטלעכע בריוו פון דער חברה.

יא, דאס דארף מען תיכף אפגעבן — באשליסט ער — דערווייל קריגט נאך נישט יעדער א חופש...

ער פארט פארביי פארשרפעטע מאשינען. צעקלאפטע מלחמה־כלים, אָנגעוואָרפענע קאסטנס פון געווער. טירן פון אויטאָס צע־קוועטשטע, אומגעקערטע מיט די רעדער ארויף. שמעלץ פון טאנקן און דזשיפן.

מיטאמאל האט זיך פאר זיינע אויגן צעשפרייט א לאנגער שוואר־צער שאָטן אויפן וועג.

אינסטינקטיוו האט ער א כאפ געטאן זיין עוזי, ארומגעקוקט זיך אין אלע זייטן. פאמעלעך זיך דערנענטערט צום שווארצן פלעק. פארזיכטיק ארויסגעשפרונגען פון דזשיפ. איינגעקוקט זיך א רגע אין פארשטארטן קערפער. גלייך פעסטגעשטעלט:

— א סירישער זעלנער...

א טיף רחמנות האט אים ארומגענומען קוקנדיק אויפן אויסגע־טרינקנטן פנים, פארקרימטן אין פארשטיינערטן וויי. באדעקט מיט זאמד און שטויב. די אויגן צוגעפאלן. די הענט אנמעכטיק צעשפרייט, ווי גערופן הילף.

לעבן אים איז געלעגן זיין היטל. איבערגעקערט. פונעם דעקל, אינעווייניק, האט ארויסגעקוקט א פנים פון א פרוי מיט א קינד אויף דער האנט, א צוגעקלעבט בילדל פון זיין פאמיליע, פארן אָפפאָרן אויפן פראָנט.

דאס פנים פון דער פרוי איז געווען שמייכלדיק מיט שווארצע געקרייזלטע האָר ארומגענומען. דאס קינד האט זי פעסט מיט די הענטלעך ארומגענומען, ווי איין גוף זענען זיי געווען ארומגעפלאכטן.

עס האט זיך עודדן אויסגעוויזן, אז זיי שטייען מיט אים צוזאמען אין א שטומער לוויה פארן איינזאמען מת אויפן שטייניקן וועג.

— א מאן און א פאָטער — האט עודד געמורמלט א באנומענער.

אין פייער־פלאם פון די קאמפן, אין בראזג פון טאנקען־אויפמארש, אין רעש פון אויפגעריסענע גראנאטן האט עודד געאַנט די טויזנטער הרוגים, וואס פאלן אומעטום, יעדע רגע, אויף אלע זאמדיקע און שטייניקע וועגן.

אן אינערלעך קול האט אים געטראגן פארויס און באפוילן: פארהאלטן דעם שונא, נישט לאזן זיך אומברענגען...

איצט שטייט ער דערשיטערטביים איינזאמען מת אין דעם גליאיקן זומער־פרימארגן.

— אזויפיל קרבנות... אונדזערע... זייערע... — שווידערט אין אים דער עקל צום טויט, מלחמה, הריגה...

די שטילקייט פון דער רמה־הויכקייט, דער ענדלאזער קלארער הימל האט אין אים דערוועקט אין זיין צעטומלטקייט און באטויבונג א נייע ליבע צו דער וועלט, צום לעבן.

— צי איז פאראן א העכערע קראפט, וואָס קאָן שיצן דעם מענטש? — האט ער נישט איינמאל געטראכט אין די נעכט, ליגנדיק איינגעגורעט אין שלאָפזאק. ער האט מקנא געווען די מאמינים אין זיין גדוד, וואס האבן באגינען געלייגט תפילין, הייס געדאווענט. איצט וואלט ער אין ערשטן טאג פון זיין חופש געטאן תפילה צום שלום, צום לעבן!

מיט פאמעלעכע טריט איז ער צו צו זיין דזשיפ. ארויסגענומען זיין מיליטערישע דעקע, צוגעדעקט דעם מת, ווי דערמיט אפגעגעבן דעם לעצטן כבוד א מענטש, א געפאלענעם זעלנער אין שלאכט.

אויפגעהויבן זיין אָפגעבלאקעוועט היטל מיטן פאמיליע־בילדל, אנידערגעלייגט אויף דער דעקע, באטראכט שווייגנדיק דעם אויסגע־צויגענעם, לאנגן שאטן אויף דער זון. מיט באדויער איבערגעחזרט:

„א מאן, א פאטער..."

מיט פאמעלעכע טריט איז ער צוריק אין זיין דזשיפ. שארף האט אין אים זיך אויסגערייפט די מחשבה, אז ער וועט קיינמאל נישט פארגעסן די אלע, וואס די ערד האט פארשאָטן... די אלע געפאלענע אין מדבר, אויף די וועגן... תמיד וועלן אים נאכגיין זייערע שאָטנס.

אילן קומט א היים

אין דער פארנאכטיקער שטילקייט האט א מיליטערישע מאשין מיט אימפעט זיך געטראגן איבערן ליידיקן כביש.

דאס זענען חיילים אויף פיר און צוואנציק שעה באפרייט געווארן, כדי זיך צו זען מיט זייערע משפחות.

זעקס קרעפטיקע בחורים מיט אנגעוואקסענע בערד אויף די קינדערשע פנימער אין גרין־ברוינע, געשטרייפטע מונדירן, פארטריקנטע פון זון און פון שווייס.

מיט עטלעכע וואכן צוריק זענען זיי יונגע, שפרודלדיקע מיט פרישע כוחות און זיכערקייט אוועק אויפן גולן.

איצט נאכן נצחון איבער די סירישע רוצחים, ווען דאס גליק פון באפרייאונג צעשפארט אלעמענס הערצער, זיצן זיי שטום, דערשלאגן און מיד.

זיי האבן געזען דעם טויט און באנומען דעם ווערט פון לעבן.

שווייגן זיי אלע פארטראכטע, פארזונקען אין דערמאנונגען נאך די אפגעהאלטענע קאמפן. אן אייביקייט איז אדורך צווישן גליאיקע טעג און פראַסטיקע נעכט.

די מדברדיקע וויסטעניש פון ארום האט זיי אפגעטיילט פון דער וועלט. ווי אין א ווייטן חלום זענען געבליבן אין זכרון שטעט מיט ברייטע גאסן, געבאדענע אין פארביקן נעאן־ליכט, אלייען מיט שורותביימער צווישן בלומען־קלאָמבן אין גרינע גראז־טעפיכער.

די וויסטע ליידיקייט פון גולן האט אין שעהן פון ווארטן אויף א באפעל, אין טעג פון געדולד און אויסדויער און מעת־לעתן פון גרייטן זיך צו דער ענדגילטיקער שלאכט — צעברענט זייער הויט, פארטריקנט אין האלדז דאס יונגע, קלינגעדיקע געלעכטער. דער נאכטיקער ווינט האט אוועקגעטראגן זייער זאָרגלאזע, טומלדיקע פריידיקייט.

די חברים, מיט וועלכע זיי זענען אוועק — זענען געבליבן אונטער בערגלעך זאמד מיט באזאלט־שטיינער ארומגעלייגט. מיטן נאמען אויף א ברעט פארצייכנט.

איצט פאָרן זיי פארביי זייערע שיכונים פון ביידע זייטן כביש. זעען זייערע היימען. פענצטער פארהאנגענע מיט ברייטע פארהאנגען בלומענטעפּ אויף די טעראסן.

קוקן זיי זיך איבער מיט שטומע בליקן.

...צי ווייסן זיי שוין?

ניין, קיינער פון זיי וועט נישט אריין מיט דער בשורה פון טויט.

— געפאלן ווי א העלד!

די ווערטער וועלן נישט ארויס פון מויל. זיי וועלן נישט קאנען קוקן אין פנים זייערע טאטע־מאמע. נישט קאנען זיך טרעפן מיט די קליינע שוועסטער־ברידער, וואס וועלן לויפן אנטקעגן מיט נייגער און שמחה צו הערן א לעבעדיקן גרוס.

מער פון זיי אלע פילט אילן אין האלדז א קלעם, וואס דערשטיקט אים דעם אָטעם.

מיט יעדן קילאמעטער, וואס ער דערנענטערט זיך צו זיין שכונה, צוזאמען מיטן ציטער, וואס גיכער צופאלן צו דער טיר פון זיין היים — ברענט אין הארץ די בלוטיקע וואונד:

— עמי איז נישטא!

אן אויפרייס פון א מינע האט אים ערגעץ אוועקגעשליידערט, עס איז נאר געפונען געווארן דאס בלעכל מיט זיין נאמען.

— עמי...

אילן האט אלע יארן ליב געהאט וואנדערן אין די בערג. מיט זיין חברה געקלעטערט איבער וועגן און שטעגן פון כרמל. א ווילדע הנאה האט ארויסגעשיינט פון זיינע אויגן, ווען ער האט אראפגעקוקט אויף די דעכער פון דער שטאָט ביזן מפרץ, צום ים, ווו דער הימל־בלוי מישט זיך אויס מיטן קלארן וואסער־שפיגל. גאנץ חיפה האט ער פאר זיך געזען און מיט די בליקן געצויגן ווייט, ווייט איבער די שכונות ביז עכו. יעדן זומער געמאכט אויספלוגן אין די בערג פון גלבוע. נישט

געווארן מיד פון קלעטערן מיטן שטעקן אין דער האנט און רוקזאק אויף דער פלייצע איבער די הויקערדיקע הייכן.

זייער געזאנג האט מיט א טיפן עכא אפגעהילכט אין ארום און צעריסן די שטילקייט — ווי א ווילדע טשאטע פייגל וואלט זיך געטראגן זארגלאז און פריי, איבער הימל און ערד. פון אונטן האט געכישופט די גרינקייט פון עמק. געקעסטלטע פעלדער מיט גאלדענע זאנגען.ביימער מיט פרוכטן.

לאנגע שורות הייזער פון עין חרוד און תל־יוסף.

בערג, בערג! זיין זומער־שגעון. ביז מירון פלעגט ער יעדן זומער צוקומען.

פון שפיץ אראפגעקוקט אויף די בליענדע פעלדער פון גליל, ביז צפת. אילן האט ליב געהאט צו זען דאס לאנד פון דער הויכקייט פון די בערג, וואס האבן אין אים אריינגעאטעמט דעם סוד פון אייביקייט און ליבע צום לעבן.

די שנייאיקע זילבער־קרוין פון וייטן חרמון האבן אין דער פארנאכטיקער שקיעה געצויבערט מיט טויזנט חלומות. אילן פלעגט נישט איין מאל טראכטן:

— ווי קאן מען דארט צוקומען?

ער האט קיינמאל נישט געאנט, אז גראד נאענט צום חרמון־בארג — וועט ער פארלירן זיין בעסטן חבר.

איצט ווייסט ער, אז קיינמאל וועט ער שוין נישט קאנען ארויף אויף א בארג, די בארגיקע וויסטעניש פון גולן האט אויפן גאנצן לעבן א שנאה צו די בערג ארויסגערופן.

פון זיינע בעטאנירטע היילן האט זיך געגאסן א פייערדיקער רעגן. איצט זעט ער ווידער די הונדערטער בונקערס אויסגעהאקטע צווישן די באזאלט־פעלזן, אנגעפילטע מיט געווער און שפייז. פעסטונגען געבויטע אין איינגעווייד פון די בערג. ער זעט זיי איצט קלאר די סירישע זעלנער מיט מעסער אין די שיך לויפן אנטקעגן דער פלוגה. אין קאמף פנים על פנים געשטאכן, געשאָכטן.

און ער, עמי, האט זיך גערוקט פארויס, פארויס. העכער און העכער אונטערן האָגל פון קוילן.

אלע יאָרן האט ער דאָך אויף די בערג געקלעטערט גיכער און פלינקער פון אלע.

— ווער זאגט עס, אז א חייל האט נישט קיין פחד פארן טויט? — טראכט אילן. אויך איצטער, פארנדיק צווישן די שורות לעמפ איבערן ברייטן אספאלט־כביש, פילט ער דעם פחד, וואָס האָט אויף אים געדריקט דווקא אין די שלאָפלאָזע נעכט, אין די שטילע שעהען, ווען די חברה האט גענומען דערמאנען די היימען, די מיידלעך, מיט וועלכע זיי גייען ארום.

יעדעס מאל, ווען איינער פון זיי האט פארטרוילעך ארויסגעזאגט פאר אלע זיין סוד:

— ווי כ'וועל נאָר אהיימקומען... וועל איך חתונה האָבן — האָט זיין הארץ א ציטער געטאן.

אויך אילן האט אין די וויסטע נעכט פון די בערג פון גולן, ווען ער איז געלעגן אויפן זאמד איינגענורעט אין שלאָף־זאק, א נדר געטאָן:

כ'וועל חתונה האבן מיט נעמי... גלייך ביים ערשטן חופש... מ'דארף נישט קיין טראסק... געגוג א פשוטע חופה... א סך ענדיקן די לימודים נאך דער חתונה...

...ס'איז נישט נויטיק ארומצוגיין יארן כדי זיך צו דערקענען — האט זיך ביי אים מיטאמאל אויסגערייפט א געדאנק.

ער וועט קיינמאל נישט פארגעסן די געזעגענונג מיט נעמי.

איר פנימל איז געווארן בלייך און אויסגעצויגן. די אויגן האבן גענומען פינקלען, בעת די ליפן האָבן מיט א שמייכל ארויסגעשטאמלט.

— להי...תראות, אילן...

נאר ער איינער, עמי, האט אין זיין טייסטער נישט געטראגן קיין בילד פון א חברה.

אילן ווייסט:

ווי נאר ער וועט באטרעטן די שוועל, וועלן זיך צוזאמענלויפן

די שכנים פון הויז און זי, די אמא פון עמי, וועט קומען די ערשטע, פרעגן אויף איר בן־יחיד.

— אוף!... א היץ האט א שלאָג געטאן איבער זיין פנים און האלדז. גלייך א קעלט זיך צעטראגן פון קאפ איבער דער לענג פון רוקנביין. געשטאָכן ביז צו די שפיצן פון די פינגער.

— עמי! — וויל ער שרייען צום ליידיקן כביש — איבער וועלכן זיי זענען אפגעפארן. אין דיין נאמען איז געווען דיין גורל... דורך טויט ברענגען לעבן דעם פאָלק!

ער איז דערשיטערט פון דעם פלוצימדיקן געדאנק.

...באמת עמי... דו האסט דעם ריכטיקן נאמען באקומען... רעדט ער צו אים, צו זיך.

עס שטיקט אים אן אינערלעך געוויין. און ער ווייסט שוין אליין נישט, צי ברענט אים דער ווייטיק איבער דער פלוגה, וואס איז געפאלן, צי איבער עמי זיין חבר פון תיכון און טכניון, פון אלע טיולים און מסיבות.

ער צינדט אָן א פאפיראס, פארציט זיך שטארק און לאזט ארויס א בלויע כמארע רויך.

— אט דא... דא איז מיין שכון — גיט אילן א ווארף ארויס צו איציקן, וואס פירט די מאשין. שוין שפרינגט ער אראפ מיטן סאוויע־טישן שטורם־ביקסל אין דער האנט און מיטן רוקזאק שמוציקע וועש אויף דער פלייצע. ווארפט ארויס א גיכן שלום און שוין יאָגט ער איבערן געסל. שפרייזט איבער טרעפ. גיט א שטילן קלאפ אין דער טיר.

— אילן! — האט זיך דערהערט א געשריי פול מיט פרייד, בענקשאפט און גליק, ווי נאר ער האט די שוועל איבערגעטרעטן.

הענט האבן זיך אין אים איינגעקלאמערט. אלע צוזאמען, די גאנצע משפחה.

ער זעט שוין גארנישט. נאר ווייסט, אז די אמא האט מיט אירע טרערן באגאסן זיין פנים. זיינע הענט דריקן די הענט פון אבא און די קליינע דפנה טוליעט זיך צו זיינע פיס.

— פארוואס, פארוואס... האסטו גארנישט געשריבן? — שטא־

מלט קוים ארויס די פרוי אבני. מיר האבן געוואַרט, געוואַרט... אירע אויגן נעמען ארום זיין הויכן גוף, זיינע הענט און פיס. ער איז דא... ער איז גאַנץ — זינגט אין איר דאָס בלוט.

אילן רייסט זיך ארויס פון אלעמענס הענט, פאַלט אַוועק אויף דער סאָפע און גיט אַ שטילן פּיינפולן זיפץ:

— עמי... און באַהאַלט דעם קאָפּ אין די הענט.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען.

איצט איז זיי קלאָר געוואָרן זיין שטומע פאַרלוירנקייט. דער־שיטערטע גענומען אויספרעגן:

— ווי אַזוי איז עס געשען? איז ער פאַרוווּנדעט, צי...?

ווי מיט אַן אייגענער משפּחה לעבן זיי בשכנות מיט דער משפּחה קאָרן אַלע יאָרן און ער, עמי, איז דאָך נישט געווען פאַרפרעמדט. פאַר דער צייט אַליין זיך צוגעשטעלט אין צבא. איז ער נישטאָ? פרעגן זיי מיט פאַרבראַכענע הענט. אויך ביי זיי איז ער ווי אַן אייגן קינד געווען!

מיט פאַמעלעכע טריט גייט ארויס די מוטער אין קיך. קומט צוריק מיט אַ טעלער געבעקס, מיט פרוכטן, מיט געטראַנקען. זייט טעג ליגט אַלץ אין פריזשידער און וואַרט אויף אים. איצט האָט זי אַ טיש געדעקט, אָנגעשטעלט מיט פאַרטיקע מאכלים, נאָר קיינער פון זיי קאָן נישט עסן. נישט טועם זיין קיין ביסן.

— ווי איז עס געשען, מיין זון — גיט אַ שטילן פרעג דער פאָטער, פאַרקוקט אין אילנס פנים, וואָס שיילט זיך פון שטערן איבער דער נאָז. די הויט פון זיין פנים אַ רויטע, געפלאַצטע פון דער זון.

פאַלט אַריין אין זיינע רייד די פרוי:

דערציייל איצטער גאָרנישט... גאָרנישט! עס עפּעס... קום זיך אויסבאָדן... אויסרוען...

דער אַלטער פעטער שאול, וואָס איז מיט זיין ברודער מנחם שטיין צוזאַמען עולה געווען און לעבט מיט זיי אַלע יאָרן, איז אַראָפּ פון זיין קראַנקן בעט. מיט פאַמעלעכע טריט גענומען זיך רוקן פאַרויס, כדי אַרומנעמען אים, צודריקן צום האַרץ.

זיין פאמיליע איז אומגעקומען. איינער אליין, איז ער געבליבן נאכן חורבן. אילן איז אלץ אין זיין לעבן. ער קאן איצט נישט טראכטן פון קיינעם. זיין קראנק, פארחלשט הארץ האמערט אין דער איינגעפאלענער ברוסט. מער האט ער נישט געוואלט נאך דעם גרויסן נס, נאר זען אים צוריק! ער האט דער ערשטער פון בופעט ארויס־גענומען די פלאש מיט ווין. זיינע ציטערדיקע הענט האבן אָנגעפילט די יומטובדיקע כוסהלעך. אין דער געפרעסטער שטילקייט מיט גאר אן אנדערער שטים האט ער אויסגערופן:

— זאל מען טרינקען לחיים... מאכן א ...שהחיינו...

די גרויסע תקיעה

טעג, נעכט, נעכט, טעג.

ר׳ מאיר האט פארגעסן דעם חשבון פון צייט. ער געדענקט נאָר דעם ערשטן טאג פון מלחמה. דעם נס פון צעשטערן דעם מצרישן כוח. באנומען, אז פון דארט, דראט שוין קיין סכנה, ווי דאן, ווען די יידן זענען אדורך דעם ים בשלום — און דער שונא איז געבליבן שטיין ביים ברעג, אומבאהאלפן מיט די אנגעזאמלטע חיילות, געווער און טויט־מכשירים.

ער טרעט נישט אפ אויף א רגע פון זיין אלטן אפגעריבענעם ראדיא־קעסטל, וועלכן ער האט מיטגעבראכט פון דער ווייטער אפריקע, פון יאהאנעסבורג.

יידן האבן דארט געלט געמאכט און גוטע געשעפטן. די איינגע־וואנדערטע משפחות פון די קליינע, ליטווישע שטעטלעך, האבן אויפן נייעם, שווארצן קאנטינענט, זיך אפגעראטעוועט פון גרעסטן צורר ישראל.

ר׳ מאיר האט אָפט באזוכט זייערע רחבודיקע דירות און געטראכט אין זיך :

אויפגעבויט היימען און פארגעסן, אז זיי זענען נאָר, ווי אן אוהל אין מדבר, אויפן וועג קיין ארץ ישראל.

ער אליין האט נאר געוואָרט אויף דעם טאג פון זייער מפלה, ער זאל קאנען מקיים זיין דעם נדר, וואס ער האט זייט יארן געטאן אין זיין היים־שטאט, אין ליטע.

— איבערלעבן דעם שונא און דערנאך עולה זיין, ווי נאָר א פרייער וועג וועט זיך ווייזן.

צום ערשטן יום העצמאות איז ער געקומען מיט זיין פרוי דינה.

איין קינד ביי איר אויף דער האנט, דאס צווייטע ביי אים, ביי דער האנט.

*

אין קליינעם הילצערנעם בנין אין פרדס־חנה, ווו טויזנטער עולים פון אלע זיבן וועלטן און אלע זיבן ימען, האבן זיך באזעצט אין די לייוונטענע צעלטן; האט ער מיט די יידן פון טערקיי, בול־גאריע און רומעניע געפרייט זיך, ווי ער וואלט געפונען זיין פארלוירענע זייט יארן משפחה.

זיי האבן אים פארשאפט די גרויסע פרייד פון מיטלעבן די גאולת ישראל. שעהען האט ער מיט זיי איינגעטענהט, אז אין בטחון איז בעצם דער גרעסטער כוח פון יידישן פאלק. דער נעכטן דארף אָפגעמעקט ווערן, ווייל עס שטייט פאַר אלע א גרויסער מארגן, ווי אין פסוק שטייט.

הגם ער האט אויסגעזען גאר יונג, האט יעדער אים גערופן ר׳ מאיר. זיין לאנגע, ברייט צעוואקסענע באָרד, האט פארדעקט כמעט דאס גאנצע פנים און צוגעגעבן א באזונדערע ערנסטקייט און חשיבות.

זיין פאמיליען־נאמען האט קיינער נישט געוווסט. ווי א נאָענטן, פון לאנג באקאנטן, האט יעדער אים גערופן ר׳ מאיר.

אויף זייערע טענות פול מיט ביטערקייט און אנטוישונג, חלמאי עס ווערן נישט געבויט קיין דירות פאר די עולים; די וואסערן פון די רעגן פארגיסן די צעלטן און די קינדער זענען דאך אויסגעשטעלט אויף קראנקייטן און חלילה נאך ערגער, האט ער געהאט זיין גוטמו־טיקן ענטפער:

— סבלנות... געדולד... איר וועט זען, עס וועט לאנג נישט דויערן און מען וועט אנהייבן בויען הייזער און פאבריקן, ווערקשטעלן און נייע וועגן. מען דארף נאר קאנען אויסווארטן...

לאנג נאכן פארלאזן דעם בית עולים פרדס־חנה, ווען די עולים זענען זיך צעפארן אין זייערע ניי־אויפגעבויטע שיכונים אין רמלה, בת־ים, אין זכרון, און חדרה, האבן זיי געדענקט די רייד פון ר׳ מאיר.

זיין דירה, אין קליינעם שיכון אין קורדניה, נאָענט צום כביש חיפה־עכו, איז שוין פון די ערשטע חדשים געווארן א צענטער. די שכנים פון מאראָקא און רומעניע, יוגאסלאוויע און טוניס, האבן ליב געהאט צו אים אריינקומען. אין א פשוטן פארנאכט אינמיטן וואָך, ווי אין א שבת. אויסדערציילט פון זייערע זארגן ביי דער ארבעט, דאגות פרנסה און פארדרוסן פון קינדער. נישט איינמאל גענומען בסתר א קליינע הלוואה אין סוף חודש, כדי צושלעפן די טעג צו דער משכורת.

אלעמאל איז יעדער שכן ארויס פון זיין שטוב בארואיקט, גע־שטארקט פון זיינע שטילע, מענטשלעכע רייד, פול מיט ערלעכקייט און אמונה:

...ווי וואלטן דאס יידן אויסגעהאלטן אזא לאנגן גלות, מיט אזויפיל צרות, שרעק און דלות, ווען עס וואלט זיי תמיד נישט געשיצט דאס גרעסטע געווער: בטחון און סבלנות...

אין די טעג פון דער בליציקער סיני־אקציע, ווען אלע ארום זענען צערודערט געווארן פון דער פלוצימדיקער מלחמה איז ר' מאיר א באהערשטער געבליבן. איינגעטענהט מיט זיינע שכנים, אז גראָד דער אָ קאמף, וועט פארזיכערן אלע א רואיק לעבן. אזוי אייגן אין די צוגרייטונגען פון חודש מאי 1967, האט ער אויף זיין שטייגער, יעדן געגעבן צו פארשטיין, אז אזוי ווי יעדע מלחמה האט געשטארקט די מדינה און דעם אָנזען פון פאלק ישראל אויף דער גאָרער וועלט, אזוי אייגן וועט אויך דאס מאל די השגחה זיך נישט אפקערן פון לאנד. איז אים גאָר דאָס גרעסטע אומגליק געשען, אז דווקא אין די ערשטע טעג פון מלחמה, איז זיין בלוט אויפגעציטערט געווארן פון שרעק. ער האט נישט געקאנט באנעמען, וואס איז פלוצים מיט אים געשען. ווי נאר ער האט דערהערט די צעיאָמערטע אלארם־סירענע, וואס האט אלע גערופן אין די מקלטים, זענען אים די חושים אפגע־נומען געווארן, א פארשטיינערטער איז ער געבליבן.

זיינע תפילות האבן זיך געטראגן איבער דער שטוב, ווי א פאר־שטיקט געוויין. אין זיין שיכון, אין זיין ציכטיקער דירה, האט ער זיך

תמיד געפילט פארזיכערט און רואיק. די ארומיקע הייזער, ארומגערינ־גלטע מיט גערטנדלעך גרינצייג, פרוכט־ביימער און פארביקע בלומען, האבן אים פארשאפט דאס מנוחהדיקע געפיל, אז ענדלעך איז ער געקומען צו זיין ברעג נאך אלע לאנגיאריקע וואנדערונגען. זיין געבורט־שטאט קיידאנאָוו אין ליטע, אזוי אייגן ווי יאהאנעסבורג, אין אפריקע, זענען אין זיין זכרון פאמעלעך פארווישט געווארן.

חיפה, די שטאט פון כרמל און ים, האט אנגעפילט זיין הארץ מיט ליבע און שטאלץ.

— אט וואס יידן האבן מיט אייגענע הענט אויסגעבויט! — האט ער א סך מאל איבערגעחזרט פאר זיין פרוי דינה, קומענדיק צוריק אין קורדניה פון דער שטאָט. זייט ער איז צוגעפאָרן אין דער מערת־אליהו און צוגעשטעלט זיינע ליכט צו די אלע ליכטלעך, וואס עס האבן אנגעצונדן די מתפללים, עולים פון מאראקא, איראק און טוריסטן פון אלע עקן וועלט, וואס קומען אָנפרייען זייער הארץ מיט מדינת ישראל, איז ער מיט חיפה נשמהדיק פארבונדן געווארן.

✶

די ערשטע טאנקען און געפאנצערטע אויטאס, שווערע לאסט־מאשינען מיט חיילים, וואס זענען פאר זיינע אויגן אָפגעפארן אין אומבאקאנטן אי־שם, האבן אים באטויבט מיט דער רעדער־טראס־קעריי און צעריסן דאס הארץ. ער האט אויפגענומען די קאמפס־לידער צווישן איין קריגס־מעלדונג און דער צווייטער, געהערט וועגן די נצחונות פון די צנחנים און טאנקיסטן מיט א סך גבורה און געשטיקט זיך אין קלעם פון שנאה, וואס האט ארומגערינגלט דאס לאנד, פון צפון און דרום, פון מזרח און מערב. צי וועלן זיי קענען בייקומען די סכנות? צי וועט אויך דאָס מאָל געשען א נס? האָט א פיינלעכער צווייפל גענאָגט זיין הארץ. די שכנים האבן זיך אין די מלחמה־טעג צו זיין שטוב געטוליעט מער ווי אין אלע צייטן. זיין פחד און ציטער איז געווען זייער ציטער.

אלע בחורים פון דער געגנט זענען אוועק.' פון איין משפחה פיר זין, ווי די ריזן, פון בראַנז אויסגעקריצטע. פון דער צווייטער, א פאטער מיט א זון. זיצן די פארציטערטע מוטערס מיט איינגעפאלענע פנימער צוזאמען מיט דינהן אין א ווינקל פון שטוב און ער, ר' מאיר, איר מאן, מיט די זקנים אין א צווייטן. איינגעהערט מיט אלע אין ראדיא, ווי נאר פון דאָרט וואלט געקאנט קומען די טרייסט. זיינע אויגן זענען רויט און אנגעלאפן, ארומגערינגלט מיט טונקעלע רעדער. א מידער, דערשלאגענער פון די שלאפלאזע נעכט און געטראכט מיט א פארקלעמט הארץ פון זיינע צוויי זין.

— כאטש א מלחמה מיט אזויפיל סכנות... קומט דאָך פון דעם, פון יענעם א בריוול... א וואָרט... א סימן פון לעבן! און דא גארנישט...

ער איז געזעסן אויפן בענקל און געוווסט, אז זיין דינה, וואס האט זיך צוגעלייגט אויף א רגע, ליגט מיט פארמאכטע אויגן און טראכט דאס זעלבע אין קלעם:

...קיין סימן פון לעבן...

א סך מאל האט ער איר אין די פרימארגנס אויסגערעדט איר אומרו:

— עס וועט שוין קומען בעזרת השם א גרוס... ווי איז דאס מעגלעך, דאָרט, וו זיי זענען, צו שרייבן בריוו...

אין זיין הארץ האט אבער אזא פינצטערקייט זיך צעשפרייט, ווי עס וואלט אים דאס ערשטע מאל אין לעבן פארלאזט זיין שטענדיקער פעסטער בטחון.

*

דינה, זיין פרוי, איז גאר אין די צעפיבערטע טעג פון מלחמה־פייער, געווארן די שטארקע. צוזאמען מיט די מוטערס פון דער שכונה געגאנגען איבער שטובן און גאסן, צוזאמענעמען לייבלעך, שקארפעטן, שאכטלען ציגארעטן מיט פריש געבאקענע קוכנס פאר די חיילים. אויפגעזוכט א מאשין, וואס וועט יעדן טאג אוועקפירן די קעסטלעך

מתנות פארן „ועד למען החייל" נאך חיפה. פאר די טאטעס און זין אויף אלע שלאכט־פעלדער.

איר ציטער איבער צבי און שייעלען האט זי דערשטיקט אין דער לויפעניש און איילעניש, וואס גיכער און וואס מער צוזאמנעמען פאר די חיילים, נישט צוגעלאזט צו זיך קיין פחד, קיין פארצווייפלונג. יעדער חייל איז אין די טעג ווי אן אייגן קינד ביי איר געווארן. זי האט זיי אלע געזען אָפּפארן אויף די טאנקן און הארמאטן, שווערע מאשינען מיט געקייטלטע רעדער, וואס האבן זי באטויבט און אפּ־גענומען דעם אָטעם. זי ווייסט נישט די מקומות, וווּ זיי זענען אנגעקומען, ווי זיי הייסן, וווּ זיי געפינען זיך. פון איר שיכון אין קורדניה איז זי כמעט אין ערגעץ נישט ארויסגעפארן.

„אי שם" איז ביי איר א פארנעפּלטער באגריף פון סוף וועלט, אָנגעפילט מיט בלוטיקע רוצחים, וואס לויערן אויף אירע זין, אויף אלע זין פון ישראל.

זי ווייסט נאר איינס. די זון ברענט, דער זאמד גליט, די לופט טריקנט אויס מיט א כמארע פון שטויב, ציט אויס די קראפט. זי קאן אין איר דמיון זיך נישט פארשטעלן, ווי זעט אויס שייעלע און צבי, דארט וווּ זיי זענען?

אין איר זכרון זענען זיי געבליבן די זעלבע, ווי אין יענעם טאג, ווען זיי זענען אָפּגעפארן פון דער היים:

— ליכטיקע פנימער, מוטיקע.

...להתראות, אמא! צעקושט זיך און אוועק.

זי איז ביי זיך זיכער:

— זיי וועלן קומען! זיי מוזן זיך אומקערן אהיים מיט זייער כוח און געזונט.

✶

דעם צווייטן טאג האט זיך צעפלאקערט דער קאמף ארום ירושלים.

ר' מאיר האט געוווסט פון די באריכטן, אז די יארדאנישע אויפ־רייס־באַמבעס מאכן חרוב הייזער און גאסן.

— ירושלים, עיר הקודש אין פייער און אין רויך... ווער ווייסט... ווער ווייסט, וואס ס׳טוט זיך דארט אפ? — האט ער פול מיט אימה געטראכט. געזען דאס בילד פון הונדערטער משפחות צונויפגעפרעסטע אין מקלטים. קעלערס און שוץ־גריבער מיט זאמד־זעק אנגעלייגטע. געהערט דעם ווייגעשריי פון פארוונדעטע און געפאלענע.

צבי און שייקע... שייקע און צבי... עקבערט ביז וויטאַג די בענקשאפט. די צוויי נעמען פילן אויס די גאנצע וועלט, זיין גאנץ לעבן. צבי, דער בכור איז גלייך נאכן גיוס צוגעטיילט געווארן צו די צנחנים. א ברייטביייניקער און הויכער, מיט זיין שטראלנדיקער קראפט, איז ער געווען זיין שטאלץ. מיט ליבע האט ער אים באטראכט אין די נייע בגדים, וואס האבן אויסגעפאסט זיין שלאנקן גוף. געשמייכלט צו זיך:

— ווער וואלט דאס געגלויבט, אז מענדל יצחקס אייניקל, וועט זיין א פליער אין ארץ ישראל?

ער אליין האט נאך מיט דעם געדאנק זיך נישט צוגעוווינט. צי איז דען ווער אין זיין גאנצער משפחה געווען אמאל אין מיליטער?

דער ייִנגערער, ישעיהו, איז ענלעך געווען צו זיין פרי־פארשטאָרבע־נעם פאטער, און זיין נאמען געטראגן, קיינמאל איז אבער זיין פולער נאמען נישט ארויסגעזאגט געווארן. שטענדיק ווייך פארצויגן און שפילעוודיק פארקירצט.

אין דער היים שייקע, ביי דער חברה שוקי... שיי...

זיין גאנץ וועזן איז געווען פול מיט צארטקייט און שטילער גוטסקייט. אין צבא איז ער אויסגעשולט געווארן אויף א חובש. קראנקן־פלעגער אין פעלד.

— בחור טוב וסובלני — האט אים יעדער ביי דער ערשטער באגעגעניש באצייכנט. קיין בעסערן תפקיד האט מען אים נישט געקענט צופאסן.

— שייעלע, קינד מיינס, — זיפצט ער שווער. ער ווייסט עס אמבעסטן, אז קיין בלוט, קיינעמס יסורים, קאן ער נישט צוזען. ער פיבערט:

— ווי אזוי קאָן ער איצט פאַרטראָגן אַזויפיל פּיין, פּאַרווונדעטע און טויטע? די לופט צערייסט אַן אויפרייס פון אַ באָמבע, עס קנאַלן די האַרמאַטן, אַ ווייטער יאָמער טראָגט זיך פון זיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט און ר׳ מאיר שטאַמלט אַ צעטומלטער.

— גאָט זאָל זיך מרחם זיין... אונדזערע קינדער... אויף קידוש השם...

✶

ווידער אַ שלאָפלאָזע נאַכט, נישט קלאָרע ידיעות. דער שונא באַשיסט פון אַלע זייטן מיט משונהדיק געווער! קוילנוואַרפערס, ראַקעטן... ווער ווייסט עס וואָס נאָך זיי פאַרמאָגן?! זיי גרייטן שוין די שמחה פון פאַרוויסטונג. ווילן פראַווען זייערע חתונות אין תל־אביב... אין נתניה פאַלן באָמבעס אין די גאַסן... ירושלים אין פייער! צי האָט ער וואָס טועם געווען אין די טעג צעברענטע פון היץ, פון שלאַכטן אויף אַלע פראָנטן, ביזן מדבר סיני?

ער פאַרמאַכט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, נישטאָ קיין כוחות אויפ־צונעמען דעם באַטויבנדיקן לאַרם. זעצט זיך אַוועק ביים טיש איבערן אָפענעם ספר. זיינע אויגן זעען אָבער נישט קיין אות, גייט ער ווידער צו צום ראַדיאָ־קעסטל אַן אויסגעלאָשענער און דערשעפטער. כאַפּט אויף מיט שפּאַנונג יעדעס וואָרט, פון דאָרט... פון די שלאַכטן.

פּלוצים דערהערט ער אַ תקיעה! שטאַרק הילכן אָפּ די טענער פון שופר־שאַלן, וואָס אַמאָל שטאַרקער, מעכטיקער, זאָגן אָן דעם גרעסטן נס פון אַלע צייטן! מיט אַ דערשיטערטער שטים איז מודיע הרב גורן די גאַנצע וועלט:

— ירושלים איז באַפרייט... דער כותל המערבי אויסגעלייזט!

ר׳ מאיר נעמט אויף אָפּגעריסענע ווערטער פון טומל. אין רעש פון קולות כאַפּט ער אויף צעציטערטע ווערטער: שהחיינו...

תפילות, לידער, אַ געזאַג פול מיט שמחה אויסגעמישט מיט געוויין. יתגדל ויתקדש... קלאָגט אַ דערשטיקטע שטים און אַ המון זאָגט נאָך.

ר׳ מאיר שטייט אויפגעציטערט פונעם ווונדער. באנומען מיט א שולד־געפיל, אז ער האט פארלוירן דעם בטחון. אין דער שעה פון סכנה נישט בייגעשטאנען דעם נסיון. געזונקען אין תהום פון יאוש.

ס׳רעדן גענעראלן, קצינים, נאר זייערע שטימען זיינען ביז גאר צארט, ווי זיי וואלטן קיינמאל נישט ארויסגעגעבן קיין באפעלן, איבער קיינעם נישט געהאט די מאכט... זינגט א טייל די התקוה און ווי פון א צעשטורעמטן ים רייסט זיך ארויס א פריידיקע כוואליע:

...„ירושלים של זהב״... א שטים פון טויזנטער פילט אָן די שטוב. רייסן זיך ארויס דורך די פענצטער און צעשווימען איבער די שכונות פון קורדניה ביז עכו. איבער די וועגן און בערג. זיין הארץ קלאפט שטארק. אין קאפ רוישט.

קיין תפילות, קיין פסוקים האט ער נישט פאר דער רגע. טרערן פון גליק, קיינמאל נישט איבערלעבטע פרייד, שטיקן אין האלדז, רינען איבערן פנים, שטראלן מיט נשמה־דערהויבונג, מיט אויסלייזונג, מיטן נס און חלום פון אלע דורות.

די טיר פון זיין שטוב איז אויפגעפראלט געווארן. ער זעט ווי די אלע, וואס זענען אפהענטיק טעג און נעכט געזעסן אין זיין דירה, פאלן צו צו זיך, נעמען זיך ארום, דריקן די הענט. זיי פלאטערן ווי פליגלען אין דער הויך, צום הימל. לחיים! לחיים... רופט איינער און א צווייטער. ער איז איצט גאָר אן אנדערער, ווידער צו זיך געקומען. דאס צעציטערטע, שאלנדיקע קול פון דער גרויסער תקיעה האט אים די כוחות באנייט. ער האט אויסגעגלייכט זיין געבראכענעם גוף, ווי ער וואלט זיך אויפגעהויבן פון שבעה און אן אויסגעלייזטער פון קלעם פריי אפגעאָטעמט:

...געלויבט איז זיין נאמען... די מאכט פון די שונאים איז אפגענומען געווארן...

✶

ירושלים איז אייביק! דער כותל איז באפרייט... איין מחשבה יאָגט די צווייטע. וואס אמאָל שטארקער טראָגט זיך דאָס געזאנג ארום דער מויער. מיט די אויגן פון דער נשמה זעט ער צווישן די

באפרייער זיין זון צבי. תמיד איז ער געווען העכער פון אלע, זיכער אויך איצט שיינט ארויס זיין געשטאלט איבער אלעמענס קעפ.

— ער איז זוכה געווען צו באפרייען דעם כותל, מיין זון... דער צנחן... גלייך קערט זיך אום ר׳ מאיר מיט זיינע געדאנקען אין זיין געבורטסשטאט אין ליטע. שווימט ארויס פון זיין זכרון דאס בילד פון פריצייטיק פארשטארבענעם פאָטער. עס נעמט אים שטיקן א געפיל פון באדויער.

...ער האט נישט זוכה געווען צו הערן די גרויסע תקיעה... נישט דער זיידע ר׳ יעקב, דער דיין פון שטעטל. אין איין שורה ליגן זיי נעבן זיך אויף דעם קליינעם פארלאָזענעם בית עולם אין קיידאנאָווע, מיט די אלע וואס האבן פון דור צו דור, געטראגן די אמונה און בענקשאפט צו דער גאולה. די אלע, וואס האבן טיף אין הארצן געטראגן די תפילה: „בשנה הבאה בירושלים!" קאנען נישט נאכזאגן מיט אלע די ברכה „שהחיינו..."

צוזאמען מיטן הרב גורן זאגט ער יתגדל ויתקדש, נישט נאר פאר די געפאלענע חיילים, באפרייער פון ירושלים, פון גאנצן לאנד, נאר אויך נאך די קדושים פון אלע גלותן. אויך זיי זענען געווען קעמפער און דינער פארן עם ישראל... געבליבן אויף פרעמדע בית־עלמינס — וויינט אין אים אן אינערלעך קול. נישט זוכה געווען...

...יתגדל ויתקדש...

*

אויך שייקע האט נאך דערהערט די גרויסע תקיעה. מיט זיין טארבע וואטע, באנדאזשן און רפואות אָנגעהאנגען אין א זייט, איז ער צוזאמען מיטן פעלד־דאקטער און סאניטארן מיט טראָגבעט־לעך, נאָכגעלאָפן נאָך דער פייער פון די אויפרייס־באָמבעס איבערן שלאכט־פעלד פון אלט ירושלים.

געשלעפט די פארוואונדעטע פון די פלאמען, באנדאזשירט זייערע בלוטנדיקע וואונדן, צוגעטראגן צו א נאָענטן דזשיפּ אדער אמבולאנס און ווייטער געלאפן, גערוקט זיך, געפויזעט אויפן בויך איבער שטיינער

און ברוך. א באגאסענער מיט שווייס, אן אויסגעשמירטער מיט בלוט, פארטריקנט פון היץ, פון דורשט, אדורכגענומען מיט א טיפן רחמנות־געפיל צו די אלע, וואס יאָמערן אומבאהאלפן אין בראנדיקן ווײ, קאנען זיך נישט רירן פון דער ערד. יעדער פײנלעכער ווײ־אויסגעשריי האט אָפגעהילכט אין זײן הארץ און נשמה. א העכערע קראפט האט אים געשטויסן פארויס, ווייטער און ווייטער. ער האט אויף א רגע נישט געטראכט פון געפאר, וואס לויערט פון צעפלאקערטן הימל, דראט מיט אומקום, מיט טויט.

אלע פארוואונדעטע זענען שוין ארויסגעפירט געווארן פון דעם סכנהדיקן פעלד, אויפן וועג צו דער אלט־שטאָט. נאר איין פארחלשטע שטים ציטערט אין דער לופט. ער ווייסט, דאס רופט מען אים, נאר אים. דער פלוצימדיקער סירענע־פייף, וואס האט זיך צעטראגן אין דער לופט מיט יאמער און אימה האט אים נישט אפגעשטעלט אין געלויף.

דער אומבאהאלפענער, דערשטיקטער שלוכץ פון א פארוואונדעטן האט אים געצויגן פארויס.

שוין איז ער נעבן אים. טראגט צו דאס פלעשל מיט געטראנק צו זיין פארחלשט מויל. אָטעמט אָפּ א פארסאפעטער, ווען ער דערזעט ווי זיינע צוגעקלעפטע אויגן־לעפלעך נעמען זיך פאמעלעך באוועגן. מיט א פארזיכטיקער האנט־באוועגונג ווישט ער ארום זיינע וואונדן. באלד וועט ער אויך אים ארויספירן צום אמבולאנס, וואס שטייט אויפן וועג.

מיטאמאל האט די לופט צעריסן א לאנגער, סיקעדיקער סווישטש. די ערד האט אויפגעציטערט און פון איר טיפעניש אויפגעבראכן מיט א פייערדיקן וואָלקן.

נישט טראַכטנדיק קיין רגע האט שייקע מיט זיין גוף פארדעקט דעם פארחלשטן חייל. די שפליטערס האָבן אים געטראָפן, אָפּגענומען די חושים. צעריסן די גלידער.

מיט א העליקאפטער זענען זיי ביידע אפגעפירט געווארן אין שפיטאל. נאר אויף עטלעכע שעה איז שייקע געקומען צו זיך.

ווען ער האט דערהערט די תקיעה, האט ער מיט גרויס שטוינונג אויפגעריסן די אויגן. א ציטער איז אדורך זיין צעווייטיקטן גוף. ער האט אבער נישט געפילט די יסורים.

דער טראנזיסטאָר ביים שכנהדיקן בעט פון אָפגעראטעוועטן חייל האט אָפגעהילכט מיט דעם שמחהדיקן טומל פון דער באפרייטער כותל.

אויסגעלייזט פון ערדישן פיין האט ער אין זיך איינגענומען דעם נצחון־געזאַג פון יובלדיקן המון.

מיט זיינע מחשבות האט ער געשוועבט אין דער לעצטער שעה פון זיין לעבן ארום זיין היים אין קורדניה, ביים כביש חיפה־עכו.

געזען די פנימער פון זיינע ליבסטע אין דער מנוחה פון שלום, פון נצחון.

צו יעדן מענטש

יעדע נאכט ערגעצוו פאלט א קויל,
יעדע נאכט ערגעצוו פאלט א מענטש
בלײבט א קול צווישן הימל און ערד —
אָפּגעריסן און גײט אויס אין אומענד.

יעדע רגע, יעדע שעה, יעדן טאג
אין אימפּעדיקן פלײס און גערעג,
טויט־מאשינען ריכטן טויזנטער הענט —
צום אײגענעם טויט געווענדט.

טילן, טאנקן, פּאנטאָמען,
שטאלענע שפּיזן שפּײען:
סם־גאזן אויפרײס־אטאָמען,
פאַרוויסטונג דורך בראנד און פײער!

טויט־פאבריקן אין גאָלד געיעג,
דײן לעבן פארצוקן ווילן —
אין מלחמות אײביק געשלעג,
די בלוט־תאווה צו שטילן!

ארעמער מענטש — דײן גיהנום
האסט מיט אײגענע הענט אנגעצונדן,
דאס אל־מענטשלעכע אומברענגען,
אין האס פינצטערן, בלינד!

דורך קאנטינענטן און אקעאנען,
צום לעבן הײב אויף דײן געשרײ!
ווּ נאָר א מענטש איז פאראנען,
זאָל די וועלט זײן ליכטיק און פרײ!

ירושלים נאָכן נצחון

גאָלדענע לאָמטערן
פון דער גאָלדענער שטאָט,
לייכטן ווי שטערן,
אין יום עצמאות.

איבער גאָלדענע לאַמטערן,
איבער וועגן און הייזער,
טראָגט זיך ס׳קול פון שופר —
פון דיינע דערלייזער.

דורות האבן אויסגעבעטן,
דורות האבן אויסגעוויינט,
אז דו זאָלסט אויפשטיין צום לעבן,
אין א ים פון ליכט און פרייד.

אין די גלותדיקע תחינות,
איבער לענדער, ווייטע ימען,
האסט געכישופט מיט דיין שכינה,
וו איז נאָר א ייד פאראנען.

איצטער שטייט די כותל־מויער,
פון געטריישאפט און בטחון,
אונטער דיינע הימלען בלויע,
אין דער גלאָריע פון נצחון !

אויסגעווייקט אין תפילות־טרערן,
אָטעמסט מיט נביאימס חלום,
זאל די גאַנצע וועלט דערהערן,
דיין אָנזאָג פון שופר־שלום !

ירושלים — דיין זאַמד און שטיין,
וועט אויסשטראלן מיט באנייאונג !
אייביק, ווי די זונען־שיין,
איז דיין זיין און דיין באַפרייאונג !

די ווילע

(ב)

אינהאלט

ישראל־מאמעס (ליד) 341

אָאַזיס 342

שפּראָצן 351

אַ מאַמע ? 362

פּארוואס פּארלאזן זיי ? 371

יום כפור 1973 377

א קול... 389

בלומען פון גולן 392

אין געווער־געיעג (ליד) 395

צווישן כרמל און ים (ליד) 397

ישראל־מאמעס

דער פחד פון נעכטן
און טעג אימהדיק שוואַרץ
מיטן פחד פארן מאָרגן,
זויגן ס׳בלוט פון איר האַרץ.

איר אָפגעהיט, איינציק פאַרמעג,
אויף שטאָלענע פליגלען אין הייכן.
צי וועט איר ציטערדיק געבעט,
אים, צווישן וואָלקנס דערגרייכן ?

דער הימל איז א שונא געוואָרן,
ס׳גיהנום שפייט אויס אויף דער ערד,
צי האָב איך אים אויף שטאַרבן געבוירן ?
בלוטיקט אין אויגן א טרער.

דער טאָג שאַרט זיך דורך שויבן אין בלוי
און פינקלט מיט גאָלד אויף די ווענט.
איר קאפ צעשויבערט און גרוי,
ס׳לייב אי גליווערט, אי ברענט.

איר אָפגעהיט, איינציק פאַרמעג,
אויף שטאָלענע פליגלען אין הייכן.
צי וועט איר איינזאַם געבעט,
אים, צווישן וואָלקנס דערגרייכן ?

אָאַזיס

בינה און ראובן זענען אָן לשון געבליבן, ווען גד, זייער בכור, האט נאך דער אָוונט־מאָלצייט שטיל מיט אן אנטשלאָסן קול אנגע־זאָגט:

— איך וויל אוועק פון דאנען... ערגעצוו אין אויסטראַליע, אמעריקע... בכלל... ווייט, ווייט.

ער האט הילפלאָז אראָפגעלאזט דעם קאָפּ. אומעטיק געשוויגן. געטראכט וועגן יאָסקען, וואס ליגט אין שפּיטאָל מיט פארבונדענע אויגן און באקלאָגט זיך, ווי א פארלאָזן קינד:

— צו יעדן קומט דער דאָקטער, די שוועסטערס, מיט אלע פאר־נעמט מען זיך. מיר טוט מען גארנישט... מען האט מיר פארבונדן די אויגן און איך ליג און ליג...

גד האָט זיין האַנט אין זיינער גענומען. לאנג נעבן אים געזעסן א שווייגנדיקער און אָן א וואָרט שטיל זיך ארויסגעשאַרט, ווען ער האט זיין שלאָפנדיקן אָטעם דערהערט.

פון דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען א באטויבטער.

אין זיינע אויערן האָבן אָן אויפהער געזעשט די אלאַרם־סירענעס מיט א דויערנדיקן, הילכיקן געוואָי. די אויפרייס־באָמבעס האָבן מיט א טיפן עכאָ אָן אויפהער אין זיין הארץ אָפּגעהילכט. די דערמאָנונג פון צעפלאַקערטן הימל אין רויטע פייער־פלאַמען און שווארצע וואָל־קנס רויך איבער דער ערד, האט אים געשטיקט, פארהאקט דעם אָטעם. די פנימער פון די הרוגים, זיינע חברים פון די איבונגען, פון גדוד, האָבן געקוקט אויף אים אלע שעהן פון טאָג, און מיט זייערע לעצטע אַנגסט־אויסגעשרייען געוועקט אין די נעכט.

די אויסגעריסענע ערד־איינגעווייד, צעקלאַפּטע מאַשינען, טיילן פון זחלמים, פאַרברענטע טאַנקען אויפן געלן זאַמד מיט בלוט אויס־געווייקטן, האָבן אים אָפּגענומען די חושים.

די שמחה פון נצחון, דאָס געזאַנג פון באַפרייאונג, יעדע מסיבה פאַר די צוריקגעקומענע, זענען צו אים נישט דערגאַנגען.

דאָס לאַנד איז פאַר אים אַ שלאַכט־פעלד געבליבן מיט ברענענ־דיקע צינד־באָמבעס, אַרומגערינגלט מיט שונאים, וואָס לויערן אומע־טום מיט קוילן־וואַרפערס, האַנט־גראַנאַטן, אָנגעשפּיזטע מעסערס; כדי אומברענגען אים, אַלע יידן, דאָס לאַנד ישראל.

א שנאה־געשפּענסט האט אים גענומען פאַרצוקן און ער גד, וויל אַנטרינען פון אים.

אויפן שלאכט־פעלד האט ער אלץ פארלוירן, בלויז דאס נאַקעטע לעבן אָפּגעראַטעוועט.

א נס און א חסד! — האט דער אלטער זיידע געשטאַמלט, ווען ער האָט אים פון דער ווייטנס דערזען אויף א דזשיפּ.

צי איז געווען א נס זיין פּלוצימדיקער איינפאַל, אין דער לעצטער רגע, פאַרן אנקומען פון די סירישע זעלנער, צו זיין זאַמד אָנשיט, מיט איין האַנט א וואַרף טאָן דעם זייגער און מיט דער צווייטער דעם טייסטער!? אוועקלייגן זיך צוזאַמגעקורטשעט, מיטן קאָפּ איינגענורעט אין זאַמד, צווישן די צעקלאַפּטע, פארשרפהטע טאַנקען?

ער האָט געוווּסט:

זיי וועלן צופאַלן צום זייגער, כאַפּן דאס געלט און ווייטער לויפן זוכן א נייעם קרבן.

לאַנג און פּאַמעלעך האט ער זיך אויפן בויך געצויגן פאַרויס, ביז ער איז אָנגעקומען צו א יחידה אַן אויסגעמאַטערטער, פארחלשטער פון דורשט.

פאַרשטייט נישט קיינער אין קיבוץ, פארוואָס גראָד גד, וואס איז צוריקגעקומען א גאַנצער און געזונטער, גייט ארום אַן אויסגעלאָשע־נער, אָן לעבן. ביי דער ארבעט שווייגט ער, ווי נאר זיינע הענט וואָלטן באַנומען, וואס מען דארף טאָן און ער אין זיין גליוּוער, איז ווייט־פון אַלע. אליין.

✶

גד איז תמיד געווען א חבר מיט יעדן.

ער האט ליב געהאט דעם קיבוץ. יעדן באזונדער און אלע צו־זאמען. יעדעס באַשעפעניש איז אים געווען אזוי טייער, ווי די שיינקייט פון דער נאטור. נאר איבער אלעמען האט ער ארויסגעהויבן דעם מענטש.

אין זיינע שטענדיקע וויכוחים מיט דער חברה האָט ער אָפט איבערגעחזרט:

— דער מענטש איז מעכטיקער פון דער נאַטור.

אין זיין פאַנטאזיע האט ער געזען דאס גאנצע לאנד גרויס, באַזעצט פון ראַנד צו ראַנד, דער קיבוץ וועט ווערן א מוסטער פון א ניי לעבן. פעלקער וועלן נאָכגיין דעם אויפטו.

די יונגע מתנדבים פון יאַפאַן, וואט האבן גאַר שנעל אויפגעכאַפּט עברית און מיט פריידיקער גרייטקייט געטאָן אלע ארבעטן, האבן באשטעטיקט זיין איבערצייגונג. זייערע געלע פנימער און שיפע אויגן, זענען אים מער נישט געווען פרעמד, אזוי ווי זייער לאַנד איז אים מער נישט געווען ווייט.

גד האָט געטראָגן אין זיך א גלויבן אין ליכטיקע טעג. די וועלט האט ער געקענט פון די ביכער. געשלונגען האָט ער זיי מיטן דורשט פון זיינע חריפותדיקע זיידעס, וואָס זענען געזעסן ביים ספר אין די שפעטע נאכט־שעהען, נאָך א טאָג ארבעט און יאָגעניש.

פון אלע ביכער און שרייבער האט ער מיט מער ברען און התלהבות געלייענט די רוסישע ליטעראטור. געלעבט אין איר, מיט אירע העלדן און געשעענישן. ראסטנפארבאנד איז געווען פאר אים א מעטעאָר, וואס באלייכט די גאנצע וועלט. געזען אין אים דעם באַ־פרייער פון דער מענטשהייט. נישט איינמאָל האט דער זיידע, וואָס איז געקומען אין קיבוץ צוליב זיין טאָכטער בינה, געפרעגט:

— גד, ווי קומט דאָס, אז א ייד זאל האָבן א רויטן גאָט?

אויס דרך־ארץ האט ער געשוויגן. געטראַכט אין זיך:

— דער סבא פארשטייט נישט די היסטאָרישע פּראָצעסן...

גד איז געוואקסן צווישן גרין און בלוי. איינגעאָטעמט אין זיך די מנוחהדיקע שטילקייט פון פעלדער.

נאָך יעדן חופש, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיינע קרובים פון די שטעט תל־אביב, חיפה, איז ער ארומגעגאנגען ווי א צעטומלטער. געפרעגט?

— ווי קאָנען זיי דאָרט לעבן אין די שטעט, אין רעש און געדרענג?

די מלחמה — האט אים א שליידער געטאָן אין אן אכזריותדיקער ווירקלעכקייט. די סאָוויעטישע קוילן איבער די קעפ פון צה"ל, די העראָישע „קאטיושאס" אויף די וועגן פון ישראל, האָבן אים דער־שיטערט. ארייגעוואָרפן אין טיפן תהום פון פאַרצווייפלונג.

אויף די שטיינער פון גולן אין די ענדלאָזע פינצטערע נעכט האט ער א פאַרלוירענער געטראַכט:

— צי ווילן אונדז די רוסן אומברענגען דורך די אראבישע חיילות!?

זיין באַגייסטערונג פארן ראטנפארבאנד, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פלאמיקן האס. א נייער באוווסטזיין האָט זיך אין אים אַנטפלעקט:

— זיי ליפערן דאָס נייסטע געווער פאר אונדזערע פינצטערע שונאים... זיין חלום פון א בעסערן מאָרגן, איז אומגעבראכט געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד צוזאמען מיט זיינע חברים. א פארלוירענער אין דער אומבאַגרייפלעכער אכזריות, האָט ער קוים געפונען זיין וועג צוריק אין קיבוץ.

פרעמדע, מרה שחורהדיקע געדאנקען האָבן געדריקט אויף אים, ווי א שווערע מאַסע און ער האָט נישט געקענט זי אַראָפּוואַרפן, באפרייען זיך פון איר.

אינמיטן סאמע ברען פון דער ארבעט, זענען פלוצים זיינע הענט אָפּגעשטאנען.

— צו וואס ארבעטן? אלע ווילן דאָך אונדז אומברענגען...

ערשט נעכטן דייטשלאַנד... היינט רוסלאַנד מיט אַלע אַראַבישע פעלקער! זיי ווילן אונדז נישט לאָזן... לעבן...

זיין פּנים האָבן באַדעקט רויטע פלעקן, ווי דאָס בלוט וואָלט זיך אויף אים געזעצט. פון די אויגן האָט אַ פּחד אַרויסגעשטאַרצט, פאַר־טונקלט דעם אַרום.

בינה און ראובן האָבן צוגעזען, ווי ער, גד, וואַקסט אַראָפּ, וואָך איין, וואָך אויס. אין טיפן צער צוגעשטימט:

— זאָל ער פאָרן... מירן שרייבן צו מערי אין אָהאַיאָ... זי זאָל אים איינלאָדן. זי וועט זיין גליקלעך אים אויפצונעמען...

— ער וועט זיך ביי זיי באַרואיקן, פאַרגעסן און צוריקקומען — האָבן אומעטיק געקלונגען די רייד פון פאָטער. לאַנג וועט ער דאָרט נישט אויסהאַלטן. ס׳איז נישט זיין וועלט...

ראובן, דער לאַנגיאָריקער קעמפער פאַרן סאָציאַליזם, האָט גוט באַנומען, וואָס עס קומט פאָר מיט זיין זון.

— פאַרוואָס האָבן אַנדערע מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אויס־געניכטערט זיך? — האָט געציטערט אין דער פינצטער פון חדר די שטים פון דער מוטער.

רן און שי גרייטן זיך חתונה האָבן. אבנר טראַכט פאָרן לערנען אין ירושלים... פאַרוואָס דווקא גד?...

מיט אומגעדולד האָט גד גענומען אויסוואַרטן אויף די בריוו פון דער אומבאַקאַנטער דודה מערי.

אין זיינע געדאַנקען האָט אים דער אָקעאַן געטראָגן צו אַ רואיקן ברעג, אַ שטעטעלע אין אָהאַיאָ... אַ מנוחהדיקע אָאַזע.

✶

צווישן אַלע פּריוויליקע אין קיבוץ א. איז סטיוו אַ באַזונדערער, גאָר אַנדערער פון אַלע סטודענטן. אפילו זיין שלאַנקער גוף מיטן אַסקעטישן פּנים האָט זיך אויסגעטיילט צווישן אַלע לאַכעדיקע, טומלדיקע מיידלעך און בחורים.

דזשאָ, האַרי, באָב און לילי, איוועט, סילוויאַ, זענען געקומען צו יעדער אַרבעט: ביי די הינער אין לול, אין דער קיך און אין פעלד.

זייערע פנימער זענען ברוין און די אויגן לאַכעדיק, מיט א גלאַנ־ציקן שיין באצויגן. דאָס זינגט ארויס פון זיי א נייע לעבנס־פרייד, וואָס דאָס נייע לאַנד, די אַרבעט און דער שאַפונגס־אָנשטרענג האָט זיי געגעבן.

יעדן טאָג לערנען זיי די נייע ווערטער פון דער שפּראַך, וואס וועט אמאָל פאראייניקן אלע יידן. ברענגט יעדעס ליד אַזאַ פרייד און התלהבות, ווי דאס זיין אין קיבוץ האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט א נייע וועלט, געגעבן א ציל אין לעבן. זיי וועלן צוריקפאָרן פארענדיקן די לימודים. א טייל וועלן בענקען צום לאַנד, צוריקקומען אין דער נייער היים.

סטיוו איז נישט קיין ייד. ער וועט נישט צוריקפאָרן, ער האט נישט מער קיין היים. א סך האָט ער זיך אָנגעהערט וועגן ישראל און קיבוץ פון זיינע חברים־סטודענטן, מיט וועלכע ער האָט געלערנט צוזאמען כעמיע. אָפּטמאָל געטראַכט באזוכן דאָס נייע לאנד, ווי נאָר ער וועט באקומען זיין דאָקטאראט.

די מלחמה אין וויעטנאָם, די אָן־סופיקע הריגה, האָט זיין נשמה צערודערט. די קרבנות פון נעלם־געוואָרענע ידידים און פריינד אין די דזשונגלס און ווייטע, פרעמדע דערפער, האבן אים צוגענומען דעם ווילן צום לערנען. אין איינעם א טאָג, האט ער אויף שטענדיק פאַר־לאָזט דעם אוניווערסיטעט. ער האָט מער נישט געזען קיין זין אין לערנען, ווי ער האט נישט געזען קיין מאָרגן פאר דער וועלט, פארן מענטש...

אן אימה פאר א פלוצימדיקן תוהו־ובוהו האָט זיך פון אים געטראָגן. ער האט נישט געקענט זיך קיין עצה געבן מיט די ספיקות און יאוש, וואס האבן גענומען צעפרעסן און צעשטערן אלע דערגרייכונ־גען פון זיין לערנען און פאָרשן. די מאָדערנע וויסנשאפט : כעמיע, פיזיק, עלעקטראָניק האָבן זיך אים אנטפּלעקט ווי א טויט־מכשיר, וואָס גרייט דעם אומקום פאר דער מענטשהייט.

אויפרייסן די אוניווערסיטעטן, צעשטערן דאס עקספּערימענטירן מיט לעבנס... האבן אין אים גענומען קאָכן די בלוטן.

אן אָפּגעדאַרטער, פאַרנאַכלעסיקטער, אין אָפּגעטראָגענע בגדים, איז ער ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן, בולווארן און הינטערשטאָטישע וועגן.

א האס און פאַראַכטונג האט אים ארומגענומען צו אלע מענטשן, וואס יאָגן תמיד אין זייערע טאָגטעגלעכע עסקים, זעען נישט דעם סוף, וואָס רוקט זיך אָן איבער אלעמענס קעפּ. זיינע אויגן, תמיד מיט אומרו־פייערלעך אויסגעפילטע, זענען ווי אויסגעלאָשן געוואָרן. גע־גלאָצט מיט פחד און צאָרן. ער האט עס נישט באַנומען, ווי אזוי געשעט עס, אז אין איין טייל פון דער וועלט, ווערן אויסגעליפערט מיליאַרדן אין געווער־געציג נאָך נייע טילן, ראַקעטן ; אין א צווייטן טייל, קומען אום מיליאָנען אין הונגער־טויט. עס האבן אים גענומען פארפאָלגן מאַקאַברישע בילדער פון גוססדיקע קינדער נעבן זייערע טויטע מאַמעס.

— מ׳דארף אוועק אין די מדבריות, אָנהייבן אויפסניי, אַנדערש...

— האט פאַמעלעך גענומען זיך וועבן אין זיין מוח א נייער געדאַנק, ווי א רעטונגסברעט אויף צעשטורעמטע כוואַליעס.

אזוי ווי ער האט פלוצים פארלאָזט דעם אוניווערסיטעט, האט ער פארלאזט זיין היים. ער האט פיינט באקומען זייער זאַטע צופרידנ־קייט. מיט א רענצל בגדים, זיין פידל און א קעסטעלע מיט פאַרבן איז ער אוועק.

זיינע טריט האבן געפירט צום גרויסן פלי־פלאץ, ווו הונדערטער יידישע בחורים און מיידלעך מיט פעק און רוקזעק, האָבן געוואַרט אומגעדולדיק, טאָג איין טאָג אויס, אויף דער רגע פון אפפליען קיין ישראל.

אין קיבוץ איז ער אָנגעקומען מיט עטלעכע יונגעלייט, וועלכע ער האט אונטערוועגנס באַקענט. שוין אין צווייטן טאָג אוועק ארבעטן אין פרדס.

די באַהאָנגענעביימער מיט פרוכטן, די פעלדער מיט גרינס, דער בלויער הימל, האבן אים בארויקט און געלייטערט.

די ארבעט האט אין אים נייע כוחות דערוועקט, א נייעם לעבנס־ווילן. אזוי ווי ביי די אלע מתנדבים, וואס האבן מיט אים צוזאמען געארבעט.

אין די שבתים איז ער אין א פול געפּאַקטן אויטאָ געפאָרן איבער די וועגן פון ישראל, באקענען דאס לאנד. אָנגעקומען צו די ערטער, וו צעברענטע טאַנקן זענען געלעגן נעבן צעקלאַפּטע טענדערס און דזשיפּן.

בעת אלע האבן באטראכט די צעשמעטערטע טיילן פון צענדליקער מאשינען, ארומגעגאַנגען לענגאויס די בעטאָנירטע בונקערס, איז סטיוו געשטאַנען נעבן דעם בארג אָנגעשטעלטע קאַסטנס מיט געווער. באטראכט די ראַקעטעס, די קוילן...

ערשט אויפן שלאַכט־פעלד האט ער די גבורה פון יידישע קעמפער באנומען, זייער כוח איינצוהאַלטן מעכטיקע ארמייען.

פלוצים איז אים א געדאַנק וועגן דודן און גליתן אָנגעקומען. צי האט זיך די געשיכטע איבערגעחזרט, ווי א קליין פאָלק איז מנצח מיליאָנען ?

— פארוואָס וויל די וועלט אומברענגען די יידן ? — האט ער אין זיך געטראכט. זיין אַנאַליטישער מוח האט געוואָלט דערגיין די סיבה פון אייביקן יידן־האס און דעם סוד פון זיין אייביקן דויער.

ווי ער האט אין דעם וועלט־פּלאַנטער נישט געפונען קיין באשייד, אזוי האט ער נישט באנומען דעם זין פון דעם בלוט־באַד אויפן שטייניקן שטח פון דער רמה, אויף די זאַמדן פון סיני.

די בחורים, אין די לויזע העמדער און לעדערנע סאַנדאלן אויף די באָרוועסע פיס, זענען אים היימיש נאָענט געוואָרן. מיט דרך־ארץ האט ער אויף זיי געקוקט פונדערווייטנס, כאטש ער האט זיך נאָך מיט קיינעם פון זיי נישט באַפריינדעט.

— גלייך פון שלאכט־פעלד צו דער ארבעט ! — האט ער געפירט זיין שטענדיקן שמועס מיט זיך אליין, אויפן וועג צוריק אין קיבוץ.

אין די פאַרנאכטיקע שעהען פלעגט ער זיצן אין זיין חדר און מאָלן די נייע לאנדשאפט, וואס האט נאָך געאָטעמט מיט מדבר און

אין הארץ פון דער פּאַרוויסטונג גענומען שפּראָצן און בליען מיט אַ נײַ לעבן.

אָפּטמאָל האָבן זיך געהערט פון זײַן אײנזאַמער שטוב אומעטיקע טענער פון צעוויינטע סטרונעס און פּלוצים אַ נײַער האָפּערדיקער טאָן, ווי אַן אָנזאָג פון אַ דערוועקטן גלויבן, וואָס האָט אים גענומען וואַרעמען און שטאַרקן.

דער קיבוץ אַרום די פּוסטע, נישט באַוויינטע פעלדער, ווײַט פון דער שטאָט, די קליינע קינדער אין די האָלצערנע בעטלעך אויף דער פרישער לופט צווישן ביימער און בלומען, איז אין זײַן דמיון פון דער אונטערגייענדיקער וועלט געוואָרן אַן אָאַזע פון ווידערגעבורט. דאָ וועט ער שוין בלײַבן.

שפּראָצן

קיינער קאָן נישט אין דעם פּירשטאָקיקן הויז די נייע עולה, וואס איז געקומען פון פּוילן און ווינט מיט איר משפּחה אויפן לעצטן שטאָק.

אויף דער טיר הענגט א מעשן פּלעטל מיט אַן אויסגעקריצטן פאמיליע־נאָמען:

דאָראָטא און יוסף הררי.

ביים וועג, נעבן הויז, שטייט זינט יאָרן א הילצערנער, פּירקאַנטיקער ליפּט, ענלעך צו א דאָרפיש הייזל, מיט שוואַרצע, גרויסע אותיות פארשריבן:

יוזעף גורסקי — קאטאָוויצע־פּאָלאַנד.

פרימאָרגן. דער ערשטער אין הויז, גייט ער אַראָפּ מיט שטילע טריט צו דער ארבעט, אין א שיפבוי־אונטערנעמונג אין מפרץ חיפה.

דערנאָך טראָגט זיך מיט אימפּעט די עלטערע טאָכטער, מאַל־גאָסיא, אויף דער פּאָסט, אין דער אַלט־שטאָט. צוזאמען מיט די קינדער פון הויז, שפּאַנט אַנטעק, מיט א פולגעפּאַקטער טעקע אין בית־הספר. מאכט פול דאס טרעפּן־הויז מיט זיין איבעררופן זיך מיט דער חברה, אין א פּליסיקן עברית, ווי זיי אלע, דאָ אין לאנד געבוירענע סאברעס.

ווען דאָראָטא, אין געבלימלטן העלן קלייד, מיט די צונויפגע־פלאָכטענע בלאָנדע צעפּ ארום קאָפּ, ווי א גאָלדענע קרוין, מיט די נעצן און האַנט־טאַש, אָנגעהאנגען אויפן אָרעם, פאַרשליסט די טיר פון דער דירה, איז שוין די גאנצע ווינונג אויפגערוימט, אָפּגעשטויבט. די בלומען טעפּ אונטערגעגאָסן.

קוים וואַרפט זי ארויס א שלום דעם אלטן יידן, וואָס פירט א

װעגעלע אָנגעשטעלט מיט פּלעשלעך מילך און יאָגט צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע. װײל װאָס שנעלער אָנקומען אין דעם לעדער־װערקשטעל, װו זי שטעפּט נײלאָן־טאַשן און רעגנצלעך.

אויפן װעג פאַרהאַלט זיך איר בליק אויף די קלײנע גערטנדלעך ארום די הײזער פון קרית־חײם. זי נעמט אין זיך אײַן די פּאַרבן־שפּיל פון די צעבליטע בלומען און פון גרינעם גראָז־טעפּיך צװישן די ברײט צעװאַקסענע מאַראַנצן־בײמלעך.

יעדן טאָג חזרט זי איבער מיט דער זעלבער פרײד און באַװוּנדע־רונג:

— עס װאַקסט דאָ... עס בליט...! װער האָט זיך דאָס געקענט פאַרשטעלן? מיטאָגצײַט, באַלאָדן מיט פולע טאַשן גרינס און פּרוכטן, אײַלט זי אַהײם פון דער אַרבעט. גלײך נעמט זי זיך דעקן דעם טיש, װאַרעמען דאָס מאָלצײַט, װאָס זי פלעגט יעדן פאַרנאַכט אָפּקאָכן.

עס ציט זי צו דער סאָפע, אָנגעלײגטע מיט אויסגעשטריקטע, קאָלירטע קישעלעך, אַביסל זיך אויסרוען, אָפּאָטעמען. זי מוז אָבער פריער אויספּאַרטיקן די װעש, װאָס װײקט זיך אין דער װאַנע, אין באָדצימער. אויסהענגען זי אויף דער קיכן־טעראַסע.

זי װײסט, װי נאָר איר יוזעק װעט קומען פון דער אַרבעט אָן אויסגעװײקטער אין שװײס, װעט ער ארײַן אין באָד־צימער, זיך אָפּפרישן מיט אַ קאַלטן טוש. ערשט דערנאָך זיך אװעקזעצן צום מיטאָג.

✶

פון ערשטן טאָג, װאָס דאָראָטאַ האָט באַטראָטן דעם קלײנעם לעדער־װערקשטעל, האָט זי זיך אין אים דערפילט הײמיש; כאָטש דער באַלעבאָס איז אַ ייִד פון אַלזשיר און רעדט מיטן רוב קונים פראַנצויזיש, אָדער אַראַביש. אַ צופאַל האָט זי צונויפגעפירט מיט אַ מיטאַרבעטערין פון אַ שטעטעלע נעבן קאַטאָװיץ, װוּ זי איז אויס־געװאַקסן. זײ האָבן גלײך זיך באַפרײַנדעט, אָנגעהויבן אויסדערצײלן זיך װעגן דער הײם, „דאָרט״.

די קליינוווקסיקע, צאַרטע אַדעלא, אין ברוינעם ארבעטס־כאלאט, איז איר נאָענט און היימיש געווארן. שוין אין די ערשטע טעג פון איר ארבעט, האט זיך דאָראָטא פאר איר פאַרטרויט:

— איך האָב מורא געהאט דאָ אהערקומען איבערן עברית... נישט געוווּסט, ווי וועל איך דאָ מיט די מענטשן זיך צונויפרעדן, פאַרשטיין...

— וואָס איז דא מורא צו האבן פארן עברית? — אויך איך קאן זיך קוים אדורכרעדן... עס גייט מיר נישט דאס לערנען אויפן אולפן ביינאַכט. דאָ, רעדט יעדער ווי ער קאן — האט זי בארויקט די ניי אנגעקומענע פרוי. פאַרענדיקט מיט איבערצייגונג:

— אונדזערע קינדער וועלן אונדז שוין אויסלערנען. פאַמעלעך, מיט דער צייט...

✶

זייביידע האָבן ליב דאָס פאַך פון לעדער־ארבעט.

ברענגען מיט זיך מיט אויסשניטן פון אויסלענדישע זשורנאלן, צו קאָמפּלעטירן נייע פאסאָנען און פאַרבן, ווי זיי וואָלטן געווען שותפים צום „עסק". מיט די ארבעטער, צושניידער, פאַקערס, קערן זיי זיך נישט אָן, ווי זיי וואָלטן זיי קוים געזען.

— ווו האָסטו, אַדעלא, געלערנט די ארבעט ביי לעדער? — האט אָפּטמאָל מיט באוווּנדערונג געפרעגט דאָראָטא, באַטראַכטנדיק, ווי געשיקט זי פּאַסט צו די מעשענע רינגלעך, שנאַלן און פּאַסיקלעך צו יעדער האַנט־טאַש.

— מיר האבן לעדער אין בלוט! — האט יעדעס מאָל געענטפערט אַדעלא מיט שפּאַס און דערנאָך געגומען אויסדערציילן:

— אין אונדזער משפחה, ווער ס'איז נישט געווען קיין גאַרבער, האָט געהאט א לעדער־פאַבריקל, אָדער געשעפט.

אָפּטמאָל האט זי זיך געזשאַלעוועט, איינגעבויגן ביי דער מאַשין, אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די אַרבעטער:

— אין אונדזער משפחה, ווער עס האט זיך געראטעוועט, איז אַוועק קיין פאריז. זיי אלע שאַרן דאָרט גאָלד פון לעדער; אין פאַריז

איז דאס בעסטע פאַך לעדער־גאַלאַנטעריע... איך האב געבעטן מיין מאַן, ער זאָל צו זיי צושטיין; האט ער זיך פאַרעקשנט, קיין וואָרט אפילו נישט געוואָלט הערן דערוועגן. מיר האבן אויך געקענט פירן א ווערקשטעל, אָדער האָבן אַן אייגן געשעפט! געפעלט אים גאָר דאָ אַרבעטן אין פאָרט.

א סך מאָל פלעגט אדעלא איבערחזרן איר פאַרדרוס, וואס לאָזט זי נישט אָפּ זייט יארן. ביז אַמאָל, גאַנץ אומפארהאָפט, האט דאָראָטא מיט כעס ארויסגעוואָרפן:

— וואס מיר פאַריז?! איך געדענק גוט, וואס זיי האבן אונדז אָפּגעטאָן אין דער מלחמה פון זעקס טעג, זיי די פראַנצויזן...

צום ערשטן מאָל האט אַדעלא געזען, ווי אירע קאָרן־בלוי אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. באַלד אבער האט זי פארביסן די ליפּן. שווייגנדיק ווייטער געשטעפּט די טיילן צו די ניילאָן־רעגנצלעך. זי וועט עס „זיי" נישט מוחל זיין, די שרעק פון יענע טעג, אז אָט, אָט, וועט אלץ דאָ אונטערגיין!

✶

אפטמאל וואונדערט זיך דאָראָטא, וואָס די יידן אין ישראל רעדן אזויפיל אויס אויף זייער לאַנד.

— וואס פעלט דען דאָ? — פרעגט זי אַדעלען, וואס זיצט נעבן איר מאַשין, מיט איר פשוטער אויפריכטיקייט: איך זע, ווי יעדער קומט פון שוק מיט פולע טאָרבעס. יעדעס מאָל, ווען איך גיי איינ־קויפן איז נישטאָ, ווו די אויגן אַהינטאָן: קרויט, בוראַקעס, קאַרטאָפל, וויפל סאָרטן גרינצייג! אינדערהיים, האָב איך קיינמאל נישט געקאָנט אזעלכע גוטע מאָלצייטן צוגרייטן. מיין מאַלגאָסיע קאָן אין די קליידער נישט אריין. ווי אלע דאָ, נעמט זי שטודירן עפעס א דיעטע. טראכט אריין, ווי אזוי אראָפּוואָרפן א פאָר קילאָ... מיין אַנטעק וואַקסט הויך און שטראַם, נישט צו דערקענען! א פנים האט ער באקומען, ווי... ווי א פּאָמעראַנץ! ווער וואָלט דאס געגלויבט, אז די מענטשן דאָ, ווילן גאָר קיין פּאָמעראנצן נישט עסן.

יעדן ווינטער, ציט זי ווייטער פארטרוילעך, ווען איך שיק אהיים א פּאָר קעסטלעך מאַראַנצן, איז עס א יום־טוב פאַר זיי.

צום ניי־יאָר, האָב איך מיין פּאָטער געשיקט א נייעם אנצוג. אליין וועט ער דאָך א צווייטן זיך נישט קאָנען מאכן, זאָגט אויפן קול דאָראָטאַ — מיין שוועסטער האָב איך צו די אימיעניניעס געשיקט א זיידענעם שלאָפראַק מיט ראָזעווע פאנטאָפּעלעך.

*

וואכן, חדשים זענען אדורך.

די ארבעט האט זיי וואס אמאל מער פארבונדן, צענומען די מחיצות. זיצנדיק נעבן זיך ביי די מאשינען, ארום די אָנגעלייגטע קאַרטאָן־שאַכטלען מיט לעדער, ביי די פריי־צעפּראַלטע פענצטער צום גרינעם גאָרטן אויפן הויף, האָבן זיי זיך אויסדערציילט זייערע זאָרגן: איבערן שיכון, וואס ווערט מיט יעדן יאָר טייערער, און וועט קיינמאל נישט אויסגעצאָלט ווערן. איבערן יקרות, וואָס וואקסט מיט יעדן טאג. איבער די שכנים, „פון דער גאנצער וועלט", וואס מען קאָן זייער שפּראַך נישט פארשטיין.

זייערע פּנימער צינדן זיך תמיד אָן מיט א ליכטיקייט, ווען זיי הייבן אָן צו רעדן וועגן זייערע קינדער.

אין איינעם א טאג דערציילט דאָראָטאַ מיט מאמעדיקער פרייד און גוטמוטיקן שמייכל אויף איר מילכיקן פּנים:

— נעכטן קומט מיין אַנטאָס׳ פון בית־ספר און זאָגט צו מיר אט אזוי:

— מאַמאַ! — זיי נישט ברוגז, נאָר פון היינט הייס איך עמוס... די כיתה האט מיר דעם נאמען געגעבן. מיין חברה...

— איך האב קיינמאל פון אזא נאמען נישט געהערט — רעדט זי תמימותדיק — נאָר וואס דאַרף איך ברוגז ווערן איבער א נאָמען! ער לערנט גאנצע טעג, פארנאַכט קאָן איך אים פון בוך נישט אָפּרייסן. ער וועט זיך שוין צו עפּעס דערשלאָגן. ווערן א מענטש! — רעדט זי

מיט זיכערקייט און שטאָלץ. אַדעלא שטעפּט דאס לעדער אויף איר מאַשין און הערט זיך צו שווייגנדיק. זי וויל זיך נישט בארימען מיט איר ציפּי. ווער קומט דאס צו אירע קינדער? זי איז דאָך די ייִנגסטע אויפן אוניווערסיטעט. סטאטיסטיק לערנט זי און עקאנאָמיע. דאס געפעלט איר. זי ווייסט שוין איינמאל, וואס זי וויל. און יורם?... דאס יאָר ענדיקט ער דעם תיכון און האָט שוין פון לאַנג אָנגעזאָגט אינ־דערהיים:

...נאָר אַווי־ראַ־נאַר־טיק!

זי חזרט זיך אין דער שטיל דאָס נייע וואָרט, וואָס לייגט זיך איר נישט אויף דער צונג. וואונדערט זיך:

— פון וואַנען איז צו אים געקומען אזא געדאַנק? זיין גאַנצע כיתה וועט גיין אויף עלעקטראָניק. דאס ציט זיי אלע. ער זוכט עפּעס העכערס...

זי נייט שנעל, שנעל. נייע כוחות קומען אין איר אָן, ווען זי טראכט וועגן די קינדער. געלט! א סך געלט דארף מען פאר זיי, זיי זאלן קענען רואיק לערנען. אבער נאָר איר אַליין, דערציילט אַדעלא, וועגן איר שוועסטער אין קאנאדע. זי קאָן נישט איבערטראָגן דעם ווייטיק, וואס ווערט טיפער און שאַרפער מיט יעדן טאָג. מיט יעדן בריוו, וואס קומט אָן אדורכגעווייקט מיט ביטערע טרערן.

— ווי אזוי איז דאס געשען — פרעגט זי א פארצווייפלטע — אז פון אַזא שטוב, ווי ביי מיין שוועסטער, זענען די קינדער אוועק צו די היפּיס?!

זי זוכט א רגע אין איר האַנט־טאַש און נעמט ארויס דעם לעצטן בריוו. קוקט זיך ארום פאַרזיכטיק, צי עמעצער הערט נישט אונטער און נעמט שטיל מיט אן אומעטיק קול לייענען:

— „מיין טייערע אדעלא! אויף מיין לעצטן בריוו, האָסטו מיר נאָך נישט געענטפערט און איך שרייב דיר ווידער. איך שרייב, ווייל איך אַליין, ווייס נישט, וואס צו טאָן און פרעג ביי דיר, וואס קאָן טאָן א מוטער, ווען אירע קינדער פארסמען זיך... ברענגען זיך אום? טשאַרלס, אַזאַ שיינער באַי ווי ער איז געווען... מיין גאָט, וואָס איז

פון אים געוואָרן? ווו ווערט ער פאַרפאַלן גאנצע וואָכן? ווו זאָל איך אים זוכן? וואס טוט מען, טייערע אַדעלא? איך גיי אַראָפּ פון זינען! עס העלפן שוין נישט די מעדיקאַמענטן... א גאנצע אַפּטייק איז ביי מיר אין דער היים, און דאס אַלץ העלפט נישט... און סערעלע? סילוויאַ הייסט זי ביי אונדז, איז שוין אויך נישט די זעלבע. סאָל איז איבער איר אינגאַנצן צוזאמגעבראָכן געוואָרן. ער, ווי ער, דאס הייסט, טשארלס, ער איז דאָך א יינגל! אָבער סערעלע, ווער ווייסט, ווי דאס אלץ קאן זיך ענדיקן? טייערע אַדעלא, מיר וואָלטן אלץ דאָ איבערגעלאָזט און אוועק פון דאנען... אָבער די קינדער האַלטן נישט פון ישראל...״

אַדעלא האט אינמיטן לייענען צוזאַמגעלייגט דאס בריוול. אריינ־געלייגט אין טאַש און גענומען אָניאָגן די אַרבעט. זי האט זיך געשעמט פאר זיך אליין צו פארענדיקן דעם בריוו.

— אזא אומגליק, האָט שטיל א זאָג געטאָן דאָראָטאַ. נישט גע־ווּוסט מיט סאַרא ווערטער זי טרייסטן, בארואיקן. איך וואָלט דאָס נישט איבערלעבט, מיינע קינדער זאָלן זיך ערגעצווו ארומשלעפן. איך פאַרשטיי נישט פארוואס ווילן די היפּיס נישט לערנען? פאַרוואָס ווילן זיי נישט ארבעטן? וואס וועט פון זיי אויסוואקסן? זי וויל נישט זאָגן, פאַרברעכער, זונות... זי מיינט דאָך נישט דווקא די קינדער פון איר משפחה. נעמט זי זוכן א טרייסט־ווארט:

— אפשר וועלן זיי זיך ארומזען, פאַרשטיין, אז דאס איז נישט דער ריכטיקער וועג. און ווייל זי וויל אַדעלען ארויסציען פון דער געדריקטער שטימונג, רופט זי אויס האָפערדיק:

— אונדזערע קינדער, גאָט זיי דאַנק, זענען אנדערש. ווייסטו, וואָס עס טוט מיין מאלגאָסיא נאָך א טאָג ארבעט? זי זיצט ביי דער טעלעוויזיע ביז אין דער נאכט אריין און שטריקט! זשאקעטן און קאָסטיומען האט זי אנגענומען. זי קוקט אין דער טעלעוויזיע און די פינגערלעך לויפן, לויפן... זי וויל זיך אָנזאמלען אויף א שטריק־מאַשין. זי זאָגט, ...אז זי וועט פריער נישט חתונה האבן, ביז זי וועט פאר אונדז פארשאַפן א וואש־מאשין, א פריזשידער. עפּעס א קאַוואַ־

לער, דרייט זיך נעבן איר... נעמט פּאַמעלעך אויסדערציילן דאָראָטאַ. גלייך צעלאכט זי זיך מיט הארץ. מאַלגאָסיא וויל נישט הערן פון א חתונה, כאטש איין יאָר וויל זי זיין אין צבא.

איר פנים שיינט פון גליק. זי קאן זיך גאָרנישט פארשטעלן, ווי זי, מאלגאָסיע, דאס זיסע קעצעלע, וועט אויסזען אין א מיליטערישן מונדיר.

— ווער איז ער, דער בחור? פרעגט איבער נייגעריק אַדעלא. ארבעט ער אויך אויף דער פּאָסט?

— ע... עס איז נאָך גאָרנישט — פרוווט אָפּלייקענען דאָראָטאַ. דאָך גיט זי צו: ראָבערטא הייסט ער. געקומען זענען זיי פון טשילע... נאר רעדן... רעדן זיי פויליש... זיינע עלטערן שטאַמען פון קראקאָוו.

זי בלייבט שווייגן א פאַרטראַכטע, ווי זי וואָלט עס נישט געקאָנט באנעמען, ווי אזוי געשעט עס, אַז אלע יידן פון דער וועלט, טרעפן זיך דאָ, אין ישראל?

✶

יעדן שבת באזוכט דאָראָטאַ מיטן מאַן די משפחה מיראָווסקי, מיט וועלכער זיי האָבן יאָרן לאַנג געוווינט בשכנות און צוזאמען עולה געווען. זיי האבן נישט געקאנט משלים זיין מיטן געדאנק, אז דאָ האבן זיי זיך צעטיילט. געגלויבט, אז דאָך, וועט אַמאָל קומען א צייט, ווען זיי וועלן ווידער וווינען צוזאמען.

דאס מאָל זענען זייביידע געבליבן שטיין ביי דער שוועל, נישט דערקענט די וווינונג. אין זייער זכרון איז אויפגעקומען דאס בילד פון זייער דירה אין קאַטאָוויץ, אין די טעג פון גרייטן זיך צו דער ווייטער נסיעה.

— וואָס איז געשען? — האט דאָראָטאַ שטיל און ציטערדיק א פרעג געטאן — צי פאָרט איר צוריק נאָך פוילן?

זי האט געקוקט אויף די לעמפּ אַרומגעוויקלטע אין האַנטעכער, אויסגעשדרטע אויף דער סאָפע. אויף די צונויפגעלייגטע בגדים אויפן טיש און גאָרנישט פאַרשטאנען.

— מיר... מיר פאָרן נאָך קאַנאַדע! — האָט אַנטשלאָסן אויס־געשריגן די פרוי לאָטאַ. גענוג זיך דאָ אַנגעליטן, גענוג!

דאָראָטאַ מיטן מאַן האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע אָנגעלייגטע מיט פּעק ביכער. געשוויגן. נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איר פריינדין האָט עס אויסבאַהאַלטן? נישט דערציילט, אַז זיי מאַכן פּאַפּירן, גרייטן זיך אין וועג. מער פון אַלץ האָט איר פאַרדראָסן דער סוד. תמיד האָבן זיי דאָך מיט יעדן געשעעניש זיך געטיילט. געלעבט, ווי איין משפחה.

— מיר קענען זיך נישט צוגעוווינען צו אַזאַ לעבן... — האָט זענאָן מיראָווסקי א דערשלאָגענער גענומען זיך פאַרטיידיקן — מיר האָבן נישט קיין געמיינזאַמעס מיט זייערע מנהגים, מיט זייער רעליגיע... אָט צווינגט מען א ייִנגל לערנען תנ״ך. ווער דאַרף עס? צוליב וואָס מאַטערן א קינד מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס וועלן אים קיין נוצן נישט ברענגען? א יאָר האָט ער שוין פאַרלוירן צוליב דעם עברית און וואָס וועט זיין ווייטער? וואָס וועט פון אים דאָ אויסוואַקסן? און יאַנקאַ, צי האָט זי דאָ א צוקונפט?

— ווי קאָן מען לאָזן אַזאַ שיינע דירה, אַזאַ פּאָסטן? נעמט דאָראָטאַ זיך פּלאָנטערן אין די רייד, בעת יוזעק, איר מאַן, שווייגט אָן אַנטוישטער.

— ווידער פאָרן, ערגעץ אין א קאַנאַדע... פאַרענדיקט זי שטיל. זי קאָן עס נישט באַנעמען, פאַרוואָס פאָרט אַוועק זענאָן מיט זיין משפחה, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך בעסער איינגעאָרדנט פון אַנדערע מיט וועלכע זיי זענען אין לאַנד געקומען. נעמט זי אומזיכער זיי איבעררעדן:

— פאַמעלעך געוווינט זיך יעדער... מיין אַנטעק האָט שוין געכאַפּט דעם גאַנצן עברית. ברענגט אַלע מאָל פון בית ספר א טוב מאוד פון תנ״ך. דאָס געפעלט אים דווקא! לויט דעם, וואָס ער דער־ציילט מיר, איז דאָס אַלץ פאַרשריבן אין אונדזער אַלטן טעסטאַמענט! זי פאַרויטלט זיך פלוצים און וואַרפט ארויס:

איר ווייסט וואָס מיין זינדל האט מיר די וואָך אָנגעזאָגט:

— מאַמאָ... איך וויל אַוועק אין שפּיטאָל מאכן אן אָפּעראַציע אויף אַן אַפּענדיציט... נאָך עטלעכע יינגלעך וועלן גיין, ווייל פאַר בר־מצווה, דאַרף מען עס טאָן...

— און איך וועל די אלע באַרבאַרישע מנהגים נישט מיטמאַכן! — האט זענאָן מיט בייזקייט אויסגערופן. מיין וולאָדעק דאַרף נישט קיין אָפּעראַציע.

ער האָט הויך אויפן קול געשריגן. זיין פרוי, לאָטאַ, האט מיט איר שווייגן צוגעשטימט.

פאַרן אָפּפאָרן פון פוילן, האט דאָראָטא צוגעהאָלפן איר פּאַרפּאַקן די זאכן. זיי האבן ארומגערעדט יעדן חפץ, צי אים מיטנעמען, אָדער איבערלאָזן פאר די נייע לאָקאַטאָרן פון איר וווינונג. דאס מאל איז זי געשטאַנען א צעטומלטע. נישט געוווּסט, וואס צו טאָן.

— מירן גיין — האט זי פּלוצים מיט פרעמדקייט א זאָג געטאָן — מירן נאָך צוקומען.

✶

אין דערהיים, ביים נאַכטמאָל, האט יוסף מיט דאָראָטען אויפסניי געננומען ארומרעדן דאס אָפּפאָרן פון די מיראָווסקיס. מאלגאָסיא האָט זיך פון לאנג דערוווּסט פון איר אַמאָליקער שול חברטע, יאנקא, אז עס רעדט זיך ביי זיי אין דער היים, וועגן אָפּפאָרן קיין דייטשלאַנד. זי האט אבער אַלעמאָל פאַרזיכערט:

— איך וועל דאָ בלייבן... איך מיין אַוועק קיין כרמיאל, דאָרט דאַרף זיך גרינדן א שטאָטישער קיבוץ... מיר געפעלט א קיבוץ, נאר נישט אין א דאָרף...

וווּנדערט זיך מאלגאָסיא:

— וואס עפּעס פּלוצים קאַנאַדע?

זי קוקט מיט אומגעדולד אויף דער טיר.

...ער דארף באַלד קומען...

— ראָבערטאָ! רמי הייסט ער איצט און זי רופט ער מירי...

— צי מיינט ער באמת פֿאַרבעטן אלע צו זיין משפחה, מיך פֿאַרשטעלן פאר זיינע עלטערן? — וואונדערט זיך מאַלגאַסיא מיט זיין פלוצימדיקן באַשלוס. וואס וועט זיין מיטן צבא? — טראכט זי א צעטומלטע. איר יונג צעבליט גופל ציטערט אין דערוואַרטונג, צעשפּאַרט דאָס קורצע, אויסגעוואקסענע קליידל, שפּראָצט מיט ליבע און לעבנס־פרייד.

...רמי... רמי זינגט אין איר דאס בלוט און איר פנימל פלאַמט ווי א רויז.

עמוס האט זיך צוגעהערט צו די רייד וועגן זענאָן און לאָטאַ גלייכגילטיק. ער האט נישט ליב די יורדים. אויך פון זיין כיתה זענען א פּאָר תלמידים אַוועק. זאָלן זיי פּאָרן! ווער דאַרף זיי דאָ? מיט אפעטיט האט ער געפוצט דעם טעלער חומוס מיט טחינה און מיט איבערצייגונג אויסגערופן:

— מאַמא, פון ישראל וועל איך שוין אין ערגעץ נישט פּאָרן!

א מאמע?

מיט ציטער, נייגער און אומגעדולד האט נאוה געוואַרט אויף איר ערשטלינג. אין איר אורלויב פארן געבורט האט זי קודם אנגעהויבן אריינטראכטן, וואס פארא נאָמען געבן דעם קינד. אין איר נייער דירה געגרייט אן אָרט פארן בעטל, שענקלעך פאר קינדער־וועש, מיט פארביקע בילדער פון פייגל און בלומען באַצירט אלע ווענט. ארום די ווינקלען ארומגעשטעלט בלומענטעפ מיט גרינע, צעוואַקסענע בלעטער, וואס וויקלען זיך אויף דינע פלאסטיק־לייטערלעך אין דער הויך. די ווייסע, דורכזיכטיקע פאָרהענגלעך האבן די קינדער־שטוב אָנגעפילט מיט א פריילעכקייט. העל און ליכטיק האט אלץ געשימערט פון זויבערקייט. דער ווייכער טעפיך האט באַדעקט די שטיינערנע באַלאַטן פון וואַנט צו וואַנט.

אלע האבן געוואַרט אויף דעם נייעם עופהלע, וואס וועט מיט זיין אָטעם באַלעבן די היים.

די מחשבה סארא נאָמען געבן דעם קינד, האט זי אויף א רגע נישט אָפגעלאזן.

— אויב עס וועט זיין א ייִנגל — האָט זי אָפטמאָל איבערגעחזרט, מיט א געפיל פון גליק, וואס האָט זי גענומען צעשפּאַרן — וועט ער הייסן נחשון, אבישי אדער עמיחי. נאָר א תנכישן נאָמען, וועל איך אים געבן.

יעדעס מאָל ווען אירע חברטעס פון משרד זענען געקומען זי באזוכן, האט זי מיט זיי זיך געעצהט:

— ווי מיינט איר... צו איז עס שיין פאר א מיידעלע אַזא נאָמען, ווי סיגלית, זמירה, אילת...

אין איר קורצן קליידל, וואס האָט צו די קני נישט געגרייכט, איז זי ענלעך געווען צו א שילערין, וואָס דאַרף זיך נאָך פירן מיט א רענצל לערן־ביכער. נאָר דער פארונדיקטער גוף, וואָס איז מיט יעדן טאָג פולער געווארן, האט אָנגעזאגט, אז נאוה דארף ווערן אן אמא.

איר מוטער איז יעדעס מאָל צערודערט געוואָרן, הערנדיק סארא נעמען איר טאָכטער גרייט צו פאַרן קינד.

— א קינד דארף טראָגן א נאָמען נאך א זיידן אדער נאָך א באָבען... אונדזער גאַנצער משפחה איז אומגעקומען... זאָל כאָטש בלייבן א נאָמען — האָט זי זיך געבעטן, געגעבן צו פארשטיין:

— וואָס פארא נאָמען איז דאס מתוקה, סגולה, ווי אונדזער שכנה האט די קינדער אָנגערופן? זענען דאס יידישע נעמען?

די מחותנים האבן מיט א ביטול אויסגעהערט די רייד, נישט געמישט זיך. עזרא, איר מאן, האט קורץ אויפן מזרח־שטייגער געפסקנט:

— מען דאַרף נישט צופיל ארייַנטראכטן. זאל „ער" נאָר קומען אויף דער וועלט, וועט מען שוין פאַר אים א נאָמען געפינען.

אויך ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט צו ווערן וואס גיכער אן אבא. דאס וויכטיקסטע איז געווען ביי אים:

וואָס שנעלער אלץ איבערקומען! — צו וועמען וועט „ער" זיין ענלעך?

שנעל איז נאוה אן אמא געווארן. דער געבורט, ברית־מילה און די מחנה געסט מיט פולע הענט מתנות, זענען אדורך, ווי א חלום.

ווען די שוועסטער אין קליניק, האט דאס ערשטע מאָל צוגעפירט אין א וועגעלע צו נאוהן דאָס יינגעלע אָנצוזויגן האָט זי לוסטיק אויס־געהופן:

— א יונג, ווי א נוס! ארז דארף ער הייסן...

די קימפעטאָרינס אין די בעטן, האבן פאמעלעך געהויבן די קעפ פון די קישנס, מיט א בלאסן שמייכל אויף די ליפן באשטעטיקט:

— באמת, אַן ארז...

איז דער נאָמען שוין ביים עופהלע געבליבן, אויסגערופן געווארן מיט ברכות פאר דער משפחה און געסט, אויפן ברית.

ווען נאוה איז מיטן זונעלע אהיימגעקומען, האט זי דאס קורצע קליידל געטוישט אויף שמאָלע, אויסגעפּאַסטע הויזן. די האָר צעלאָזן איבערן האַלדז. מיטן קינדער־וועגעלע ארומגעפארן איבער די לאנגע גאסן, ווי א מיידעלע מיט איר „בובה". נאָר די גרויסע ביר־אויגן האבן אַן אנדערן אויסדרוק באקומען, אויסגעפילט מיט א פרייד, וואס זינגט ארויס פון איר גאנצן וועזן.

*

מיט יעדן טאג איז ארז קרעפטיקער געווארן. זיין קעפל האבן באדעקט שוואַרצע, געקרייזלטע הערעלעך מיט א סאמעטענעם גלאנץ, ווי ביי זיין אבא, עזרא. דאס פנימל אנגעגאָסן געווארן, אויסגעפילט. די טונקעלע אָליוון־הויט, האָט זיך באדעקט מיט א דינעם ראָזעווען שימער. זיינע שווארצע, לעבעדיקע אייגעלעך, זענען שנעל וואכעדיק געווארן. גענומען באטראַכטן קודם די אייגענע הענטלעך און פיסלעך, דערנאָך דעם ארום. זיין שטוב, אָנגעשטעלט מיט טישלעך, בענקלעך, שיסלען און שפילצייג אין אלע קאָלירן, וואָס האָבן קיין נאָמען אין זיין דערקענטעניש נישט געהאט.

צוויי מאָל א טאָג האט נאוה אים איבערגעטאָן אין פרישע בגדימלעך, וואָס זענען אָנגעלייגט געווען אויף אלע פּאָליצעס פון זיין ברייטער שאנק.

יעדעס מאל, ווען זי האט געטוישט די פאַרבן פון זיינע הויזן־ און בלוזן־קאמפלעטן, האט זי געקוואלן פון נחת:

א קליינער נסיך!

דער אבא, עזרא, האט גענומען די חזקה אויף אויסצובאדן דעם „בחור". דאס וואָרט בחור, האט ער ארויסגעזאגט מיט א באזונדערער גאווה, וואס האט באשטעטיקט, אז נאר א בחור, א בכור האט ער געוואָלט, אזוי אייגן, ווי זיינע עלטערן. דאס דערנערן דאס קינד האט

קיין שווריקייטן נישט פארשאַפט. דאָס פלעשל האט זיין אויפגאבע אויסגעפירט.

— ווי גוט איז צו זיין אין דער היים... שפּילן זיך מיטן קינד... האט אָפּט זיך פארצויגן נאוה מיט א זינגעוודיקער שטים, פאר איר מאן. ארומפאָרן איבערן גארטן מיטן קינד, פריי, אָן אַן עול, אבער... באלד וועט זיך ענדיקן דער פעסטיוואל... מען מוז צוריק אין משרד, צו דער ארבעט.

— מיינסטו צוריקגיין צו דער ארבעט? — האט א פארזאָרגטער איבערגעפרעגט עזרא. וואס וועט זיין מיטן בחור? צי קאָן מען נישט לעבן אָן משרד — האט ער געוואָלט אין א שפּאַס אָפּלייקענען איר ארבעט.

נאוה איז אבער געווארן גלייך פעסט ביי זיך און אַנטשלאָסן. קורץ באַשטימט:

מירן בעטן די אמא, זי זאל יעדן טאג אביסל צוקומען. די גאנצע ארבעט וועט דאָך טאָן דבורה. אויך דיין אמא וועט אביסל צוהעלפן די ערשטע טעג. ווי מיינסטו עזרא, האט נאוה מער באשלאסן ווי געפרעגט.

— איך ווייס נישט, וואָס עס וועט זאָגן מיין אמא — האָט מיט פאַרלעגנהייט געענטפערט עזרא, דער יונגער אבא, וואס האט אויס־געזען ווי בחורל אין רויטן נישט דערקנעפּלטן העמדל און קורצע ספּאָרט־הויזן.

— ביי אונדז אין דער היים זענען געווען אַכט קינדער. די אמא האט אלץ אליין געטאָן. אלע יאָרן שווער געארבעט. איצט איז זי מיד... אפילו דאס פאָרן מיטן אויטאָבוס איז איר שווער.

פאר מיין אמא וועט דאס זיין דאס גרעסטע פארגעניגן — האט גענומען נאוה פארזיכערן. זי איז דאך אויסער זיך מיטן קינד.

עזרא האט געשוויגן. נישט באשטאנען דאס קינד קיינעם איבער־געבן און אויך געוואָלט אויסמיידן א מחלוקה, מורא געהאט ווידער צו הערן די זעלבע טענה:

— דו לעבסט אין דער וועלט פון דיינע זיידעס, דאָרט...

— צוליב וואס האָב איך געלערנט ענגליש, קאָרעספּאָנדענץ און סטענאָגראַפיע? — האָט נאוה א פאַרביטערטע אויסגערופן. בכדי צו זיצן ביים טעפל און אַרומפּאָרן מיטן וועגעלע גאַנצע טעג? וועסט זען, אַלץ וועט זיך איינאָרדענען, א טייל אַרבעט וועל איך קאָנען אהיים־נעמען — האָט נאוה גענומען אים באַרואיקן — צי דאַרף איך פאַר־לירן מיין משכורת? מירן דאָך קיינמאָל נישט דערגיין צו גאָרנישט. יאָרן דאַרפן מיר צאָלן די משכנתא און איך וויל אין דער דירה דאָ נישט בלייבן — האָט נאוה זאַכלעך געחשבונט. מירן זיך אויך אויס־בויען א ווילע. איך האָב שוין גענוג די שכנים פון בית משותף, דעם רעש פון די מאַשינען ביי נאַכט און דאָס קלאַפּן די טעפּיכער בייטאָג!

עזרא האָט געשוויגן.

אַלע זיינע חברים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אהיים פון צבא, פירן די קינדער יעדן פרימאָרגן צו דער מטפלת.

✶

— זאָל די גברת רואיק גיין צו דער אַרבעט — האָט גוטמוטיק געטענהט די עוזרת דבורה. זייט יאָרן אַרבעט די אַלטע תימנערין אין דער גאַנצער משפחה און איז מיט אַלע אויסגעבונדן, ווי זיי וואָלטן איר משפחהדיק נאָענט געווען.

— אויף מיר קאָן מען זיך פאַרלאָזן — האָט זי פאַרזיכערט — עלף קינדער האָב איך אויפגעכאָוועט. איך וועל שוין אַלץ באַווייזן! אויפּרוימען און אויסוואַשן. וואָס איז דען צו טאָן מיט איין קינד? — האָט זי געשמייכלט תמימותדיק מיט א מאַמעדיקער פרייד, אַז זי וועט זיך ווידער מיט א תינוק פאַרנעמען — אַרז איז דאָך א מלאך...

✶

דעם ערשטן טאָג נאָכן אָרלויב, איידער נאוה האָט זיך אומגע־קערט צו איר אַרבעט אין משרד, איז זי לאַנג געשטאַנען א פאַרזאָרגטע ביים קינדער־בעטל, נישט געקאָנט אָפּרייסן איר בליק פון שלאָפנדיקן אַרז, מיט אומרו געקוקט אויפן זייגערל, ווי שנעל לויפט דאָס די צייט. ווי א צוגעשמידטע געשטאַנען אויפן אָרט. סתירותדיקע געדאַנקען און

געפילן האבן זי געמאַטערט און זי האט אליין נישט פאַרשטאנען, וואס קומט פאָר מיט איר.

*

די צווייטע וואך איז פלוצים דבורה קראַנק געווארן.

נאוהס מוטער, וואס איז כמעט יעדן טאָג געקומען זען דאס קינד, האט אליין פאַרגעלייגט:

— איך וועל זיך שוין מיט אים פארנעמען... זאָל אים עזרא ברענגען יעדן פרימאָרגן... ביז דבורה וועט צוריקקומען.

באַגינען, האט דער יונגער אבא איינגעהילט דעם שלאָפנדיקן ארז אין א דעקע, צוגעפירט צו דער סבתא מיט זיין מאַשין.

אויף זיין אייליקן קלונג אין דער טיר, האָט אים אויפגעמאכט דער שווער בנימין גראָס, פאַרזיכטיק גענומען דאָס קינד און אריינ־געלייגט צו זיך אין בעט און ליבלעך פאַרזיכערט:

— איך וועל זיך שוין מיט אים פאַרנעמען... די אמא איז שלעכט געשלאָפן... אוי, די פילן... די פילן — האט ער שווער געזיפצט.

עזרא אין זיין דינעם אַנצוג, איז גיך אריין אין דער מאַשין און אימפעדיק געיאָגט איבערן כביש, צו זיין ארבעט אין באנק.

בנימין גראָס האט נישט באוויזן צוריקלייגן זיך אין בעט, ווי ארז האט פלוצים אויפגעמאכט די אויגן, דערזען אַן אנדער פנים נעבן זיך און גענומען שרייען מיט אלע כוחות.

די פרוי אַדאַ גראָס האט אירע בעסטע יארן אפגעגעבן די קינדער, איצט אבער ווייסט זי שוין נישט, ווי זיך אומגיין מיט אזא שוועלבעלע. א דערשראָקענע האט זי אויסגערופן:

— ס׳קינד איז קראנק... אפשר פארקילט זיך... דאס איז נישט סתם א געוויין... זע סארא אַנגעסטן האבן אים באַגאָסן... מען דאַרף רופן א דאָקטער... ניין... האט זי זיך געפלאָנטערט אין די רייד. פריער דארף מען אָנקלינגען אין משרד, צו נאוהן... אומבאַהאָלפן איז זי געשטאנען מיטן קינד אויף דער האנט און ווי זי וואָלט פאר איר אייגענער טאָכטער מורא געהאט, פארטיידיקט זיך:

— איך וויל נישט נאוה זאָל טראכטן, אז מיר האבן ס׳קינד

נישט אָפּגעהיט. אירע אָנגעלאָפּענע זעקעלעך, ארום די רויטע, פאַר־שוואָלענע אויגן, האָבן עדות געזאָגט, וועגן א שווערער, שלאָפלאָזער נאכט.

בנימין ווייסט, אז ווידער איז זי שעהען געלעגן און אריינ־געטראכט, פארוואָס איז דן אוועק ? ! גלייך נאָך דער חתונה פאַר־פּאקט די זאכן און אָפּגעפאָרן מיט דער פרוי. וואס האט זיי דאָ געפעלט ? ! קלאָגט זי אָן אויפהער. ער וויל אבער מער פון זיי נישט הערן. אוועק — איז אוועק ! — האט בנימין ביי זיך אָפּגעמאכט און געטרייסט זיך : בעסער אזוי... ער וואלט דאָך פריער צו שפּעטער אריינ־געפאלן, דער דרייקאָפּ. מיט די שווארצע געשעפטן... שטענדיק געיאָגט זיך נאך מיליאנען !

— מ׳דארף קיינעם נישט רופן — האט ער זיין פרוי גענומען באַרואיקן — גיב אים ס׳פּלעשל... ער וועט זיך אָנטרינקען און ווידער איינשלאפן...

מיטאָמאָל האט ער זיך צעלאכט :

— דעם פריץ געפעלט נישט אונדזער בעט... ער וויינט אויפן „ווילטאג" פון סבא.

✶

שנעל האט זיך די פרוי אַדא צוזאמגענומען, אָנגעטאָן די בעסטע בגדים און ארויס מיטן קינדער־וועגעלע שפּאצירן. פאר די שכנים, אויפן וועג, יעדעס מאָל מיט נחת אוועקגערוקט דאָס דינע טיול־פאָרהענגל און אָנגעוויזן איר אייניקל, נאוהס ערשט קינד.

בנימין גראָס איז אין דער היים געבליבן. גענומען זיך צוראמען די שטובן, פאָמעלעך פארמאַכט די אלטע קאָנאָפּע. באדעקט זי מיט א פארביקן צודעק, דערנאָך פאָוואליע אויסגעסדרט די געשטיקטע קישעלעך און מיט א שווער הארץ געטראכט :

— צייטן... צייטן געווארן...

גייענדיק פון חדר צו חדר צוזאַמלייגן די זאכן האט ער מיט זיינע געדאנקען געבלאָנדזשעט אין זיין ווייטער קינדהייט. געזען זיך ביים אלטן זיידן, אין קליינעם שטעטעלע ביים טייך.

— וואס דען האט געקאָנט טאָן די מאמע? — האט ער געטראכט אין זיך. א רחמנות־געפיל האט אים באהערשט, ווען זי האט אויפ־געלעבט אין זיינע דערמאנונגען.

— „מען וויל מער נישט באָרגן אין קלייט" — האָט א ווידערקול געקלונגען אין זיינע אויערן. די פאָר ווערטער זענען אים אריין אין זכרון אויפן גאנצן לעבן. ער געדענקט איר פארוויינט פנים, ווען זי האָט אים געמוזט אוועקפירן פון איר היים.

די אלטע היים, א קליין שטיבל אָנגעשטעלט מיט בעטן, דער קראנקער טאטע באדעקט מיט א הויכער פערינע אין די קאַלטע ווינטער־טעג. א טיפע וואונד אין זיין הארץ איז אים זיין היים, זיין קינדהייט. נאָר מער פון אַלעמען באדויערט ער זיין ארעמע מאמע, וואס האָט אלע אירע יאָרן אָפגעפינצטערט אין דלות.

אוי האט זי געוויינט אויף די זין, וואָס זענען זיך איבער דער וועלט צעלאָפן!

ער באדויערט נישט, וואס ער איז אוועק אויף הכשרה. ער האָט געוואָלט די מאמען אריבערנעמען קיין ארץ־ישראל. דער זיידע און דער טאטע זענען מיט דעם חלום אוועק פון דער וועלט. איז זי געבליבן אליין אויפן בית־עולם אין קליינעם שטעטל.

יעדעס מאָל, ווען ער בלייבט אליין, גייט ער צוריק מיט זיינע מחשבות צום זיידנס שטוב, צו דער פרומער יידישקייט, צו די ספרים פון זיידן, די איינציקע עשירות אין דער אָרעמער שטוב.

— נאוה, נאוה... רעדט ער הויך צו זיך אין דער ליידיקער שטוב, צי קאָן זי פארשטיין ווי גוט איר איז? צי האָט איר ווען עס איז עפעס געפעלט?

✶

גלייך פון דער ארבעט איז עזרא צוגעקומען אָפנעמען ס'קינד. ווי א באַלעמל האט ער אים געטראָגן אין זיינע פעסטע הענט. א שלאָפנ־דיקן ארייגעלייגט אין בעטל און געוויצלט זיך א צופרידענער, אז אַלץ גייט כשורה:

— ווער האט דאס געוווסט, אז אזא קליינס דאַרף גאָרנישט... נאר עסן און שלאָפן... אזעלכע קאן מען האבן און האָבן, צוויי, דריי, פיר...

✶

די צייט האט שנעל געיאָגט פארויס. יעדער איז ביי זיין ארבעט געבליבן. איידער דבורה האט זיך צו דער ארבעט אומגעקערט, איז ארז געווען א וואָך ביי עזראס עלטערן.

ביי דער ארבעט איז נאוה אָפט געבליבן זיצן אָפּהענטיק, פאַרקוקט אין דער ווייט. מיט אַן אומעטיק קול שטיל ארייַנגערעדט אין דער טייפיסטן, נעבן איר טישל:

— שוש, זאָג מיר, ווי גיט מען זיך אן עצה מיט אַזאַ בענקשאפט? איך וואָלט איצט טעלעפאנירט אהיים, די אמא זאָל מיר זאָגן וואס ארז מאכט? אבער אפשר שלאָפט ער גאָר און איך וועל אים אויפ־וועקן?

פארצווייפלט האט געקלונגען איר שטים:

— דבורה איז שוואַך געוואָרן נאך דער קראנקייט, ווער ווייסט, וואס עס איז איר? די ארבעט גייט איר נישט. כ'מוז אלץ טון ביז אין דער נאכט אריין, כ'בין מיד... עזרא גייט מיט אים שפּאַצירן, ס'קינד קאָן נישט מיין פנים. איך מוז דאָך גיין איינקויפן, גרייטן א נאַכטמאָל, א פרישטיק... וואס טוט מען מיט די געסט, וואס קומען צו דער טעלעוויזיע?

— ביסטו אַראָפּ פון זינען? — גיט זי א זידל אָפּ שוש. ווער נעמט דאס אן אַלטע, קראַנקע פרוי צו א קינד? א גולם וועט ער ביי דיר אויסוואקסן!

זעענדיק נאוהס פארדאַגהט פנימל, פאַרענדיקט זי מיט א ווייכער שטים:

— זוך דיר אויס א יונג, געשיקט מיידל, א מטפלת...

פארוואס פארלאזן זיי?

אין א שבתדיקן פרימאָרגן האבן זיך אין דער נייער דירה ביי דינהן און צבי צוזאַמגענומען די ותיקים פון קיבוץ מיט זייערע אמאָליקע פריינד פון דער הכשרה, אויף א לחיים.

אין דער לופט האט זיך נאָך געטראָגן דער ריח פון פרישן קאַלך און פאַרב. דאָך איז די דירה שוין געווען איינגעאָרדנט. אלע זאכן אויסגעשטעלט אויף זייער ארט. די בילדער צעהאָנגען אויף די ווענט. די ביכער אויסגעסדרט אין דער ביכער־שאַנק.

דער נייער לאָמפ און גאַרדינען האבן דעם גרויסן חדר באַפוצט אזוי אייגן, ווי דאָס אויפגעפרישטע מעבל.

די גרויסע ליימענע טעפ מיט די ברייט־צעוואקסענע גרינע בלעטער, די וואזאָנען אָנגעשטעלטע אין אלע ווינקלען מיט קאָלירפולע בלומען און געוויקסן, האָבן אריינגעבראַכט א פייערלעכקייט אין שטילן קיבוצישן אייגנאַרט.

דורך די צעעפנטע פענצטער האט זיך געשפרייט א גרינער טעפיך פון פריש־געשניטענעם גראָז. די בלומען־קוסטעס און יונגע ביימער פלאַנצן פארכאפן דאס אויג. די פולגעפאַקטע בוימוואָל־קאָנטיינער האבן עדות געזאגט פון שפע און מי. אין דעם אַרום האבן זיך געצויגן פעלדער מיט ברוינע גרודעס ערד, ערשט וואָס פאַראַקערטע צום פרישן פאַרזיי.

א שבתדיקע מנוחהדיקייט האט זיך געטראָגן איבער די אלטע און נייע שכונים פון קיבוץ.

— באמת, נישט אַנגענעם, וואס איר האָט געבראַכט אזויפיל מתנות... און ווייַן — האט דינה מיט פאַרלעגנהייט גערעדט. איר פנים איז געווען ליכטיק אָנגעצונדן פון דער באַגעגעניש מיט די אמאָ־

ליקע חברים פון דער באַוועגונג אין דער גרעסמער דירה, וואס איז נאָך לאַנגע יאָרן, אויסגעברייטערט געוואָרן.

— זעט, וויפל ווין שטייט ביי אונדז אין בופעט און מיר טרינקען בכלל נישט — האט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק די פולע פלאַליצע מיט פלאַשן, ארומגעפאַקטע מיט דינעם, דורכזיכטיקן ניילאָן, נאָך נישט באַרירטע.

— איז טאקע שלעכט, וואס איר טרינקט נישט! — האט מיט שפּאַס אויסגערופן זלמן, איר יוגנט־חבר, וואס איז געקומען פון חיפה, מיט זיין פרוי פאַני, אויף דעם חנוכת־הבית.

— דארפן מיר איצט — האָט ער ווייטער געצויגן ביז גאָר ערנסט — מאכן א לחיים לכבוד דער נייער דירה! דערנאָך פארן געזונט פון אייערע חיילים אי שם... דערנאָך פארן שלום, דערנאָך...

— זעט נאָר, זעט נאָר דעם טרינקער, האָט זיך זיין פרוי צעלאַכט, איר קאָנט טאקע מיינען, אז ביי אונדז האַלט מען אין איין טרינקען!

— לחיים דינה און צבי! — האבן אלע אויסגערופן מיט אויפ־געהויבענע כוסהלעך אין דער האנט — וויפיל יאָרן זענען שוין אוועק, ווי מיר זיינען געווען צוזאמען.

— אָן אמתע חתונה האט איר דאָ אָנגעגרייט: קוכנס, און פירות, צו פאַרבייסן און צו פאַרטרינקען און מיר דאַרפן דאָס אלץ אויפעסן פאַר מיטאָג.

דיעטע? — האט ברוך, א לאַנדסמאַן פון צבי, אויסגערופן.

— אַנדערע צרות זאָלן יידן נישט האָבן! — האט זיך געוויצלט זלמן און געשלונגען שטיקער קוכן — וואס הייסט דיעטע? עס העלפט דען עפעס? סתם זיך מאַטערן און אָפּזאָגן פון כל טוב?

ער האט זיך הארציק צעלאכט און אויסגעצויגן די האַנט צום טעלער רויטע, זאַפטיקע עפל:

— ווער קאָן דאס אויסהאלטן אזא גזירה.

— קינדער, איר האָט דאָ א גן־עדן! — האט ער אויסגערופן מיט התפעלות. א דירה... א גאָרטן... מאָדערנע לעמפּ מיט גאַרדינען, א ביכער־שאַנק און א קליידער־שאַנק, א פריזשידער און טעפּ...

ווי איז געווען מיין שכל, אז איך האָב אפגעהאָרעוועט א לעבן אויף א שיכון אין חיפה! א גן־עדן איז דאָ, האט ער איבערגעחזרט און אָנגעגאָסן פאַר אלע פולע גלעזעלעך וויין.

— אזא גן עדן, ווו קיינער וויל נישט אריין... אלע דירות פאר די נייע עולים זענען ליידיק — האָט קלמן מיט ביטערקייט אריינ־געוואָרפן, און גלייך אָפגעהאקט.

ער איז נאָך אלץ נישט געקומען צו זיך, זייט גיל, זיין זון, האט פארלאָזט דעם משק. פון די ערשטע איז ער געקומען אין די געצעלטן, אויף די פוסטע זאמדן, אלע ארבעטן אויסגעפירט בלב און בנפש. דער קיבוץ איז ביי אים געווען די גאנצע וועלט.

אלע מענטשן וועלן מיט דער צייט פארשטיין, אז דער וועג איז דער בעסטער — האט ער אָפטמאל איבערגעחזרט אויף די קיבוצישע פאַרזאַמלונגען. א קוואַל פון לעבנספרייד האט פון אים שטענדיק ארויסגעשטראַלט. זייט גיל האט פאַרלאַזן, גייט ער ארום אַן אומע־טיקער, א שווייגנדיקער.

— ס׳איז נישט אזוי שלעכט קלמן, מען דאַרף נישט מגזים זיין, האָט דינה מיט איר גוטמוטיקייט איבערשלאָגן זיינע רייד — דאָך לעבן אין די קיבוצים טויזנטער מענטשן.

מיט יאָרן צוריק האבן א סך מענטשן געטענהט, אז דער קיבוץ איז אַן אוטאָפּיע, זעען מיר היינט שוין דעם פערטן דור אין דגניה, אין עין־חרוד. ווו זעט מען היינט אין דער וועלט אזא משפחה, ווו טאטעס מיט זין און אייניקלעך זיצן אין א יום־טוב ביי איין טיש?

מיטאמאל האט זי אָפגעהאקט, א שווייגנדיקע געבליבן זיצן. פארשטאנען, אז זי האלט א רעדע פאר די געסט און דאס איז דאָך א חנוכת־הבית!

— דאס וויכטיקסטע אין קיבוץ איז טאקע די גאנצקייט פון דער משפחה. די בשותפותדיקע שפראַך פון טאַטעס מיט קינדער, האָט נישט דרייסט אריינגעוואָרפן פאַני. איר פנים האבן באדעקט רויטע פלאמען. זי האט נידעריק אראָפּגעלאזט דעם קאָפּ. א רעזיגנירטע געבליבן זיצן שווייגנדיק.

צי דאַרפן אלע וויסן, וואס טוט זיך אָפּ ביי מיר אינדערהיים ? — האט זי געטראַכט אין זיך, צי דאַרפן זיי וויסן, ווי די נשמה גייט מיר אויס, ביז איך דערזע זיי האַלבע נאַכט... זיי גייען דאָך נישט אונדזער וועג, טראכט זי און אַנטוישטע.

זי הערט זיך צו צו אַלעמענס רייד ווי א נישט דאַיקע. אירע קינ־דער, דויד, שולאַ און מיכאַ, זענען ווי א בלוטיקע וווּנד אין איר האַרץ. פאַרוואָס זענען זיי אויסגעוואַקסן אזוי פארחוצפהעט און פרעמד ? — שטיקט זי אין הארץ די ביטערע אַנטוישונג. מיר האָבן דאך אלע יאָרן נאָר פאר זיי געאַרבעט. זיי האבן דאָך אַלץ באקומען אָן זאָרגן... לייכט...

זי וויל אָפּטרייסלען פון זיך די שווערע מחשבות, באהערשן זיך און אויסדערציילן, וואָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן, נאָר די טרערן שטיקן זי און זי האָט מורא, אז אָט, אָט וועלן זיי נעמען רינען איבער איר פנים.

...דאס ערגסטע ביי אונדז יידן, איז דאס, וואס מיר קאָנען קיינמאל נישט פריילעך זיין — האט פון א זייט זיך אָנגערופן א פרוי. מיט איר אויסזען און קליידונג האט זי זיך אויסגעטיילט פון אלע. גראָד אויף א חנוכת־הבית, נעמט מען אַרומרעדן אלע פּראָבלעמען פון דער וועלט, פונקט ווי ביי אונדז אין בראַזיל — האט זי ווייטער געצויגן — אויב קיינער דערציילט נישט אפילו אַן אַנעקדאָט, וועל איך אָנהייבן...

כאַפּט זיך אויף צבי פון זיין פאָטעל און נעמט זיך פאַרטיידיקן:

— איך האָב גאָר פארגעסן פון כיבוד ! ביי אונדז, ווי נאָר עטלעכע מענטשן זעצן זיך אוועק, איז גלייך אן אסיפה... ער טראָגט צו יעדן א טעלער צייטיקע באַרנעס און בעט :

— עסט, עסט ! ס'פעלט ביי אונדז גאָרנישט ! די בוימער ברעכן זיך פון די פירות ! א שפע אין כרם, אין די פרוכט־גערטנער... שוין לאנג האבן מיר נישט געהאט אזעלכע אפרסקים און וויינטרויבן ! אין אונדזער אייגן געשעפט פאַרקויפט זיך אויך בעסער ! מיר גייען מיט דער לאָזונג : פון פּראָדוצענט צום קאָנסומענט. אמאָל האט דער

טראַנספּאָרט געפּטרט א העלפּט פון די פּירות, פון גרינס. ווער האט דאס געוווּסט, ווי עס זעט אויס א לירה? היינט קאָן מען בויען שיכונים פאר די יונגע פּאָרלעך, מאַכן א שיינע חתונה! איינריכטן פאר זיי א דירה מיט אלע באקוועמלעכקייטן, דערמעגלעכן אַן אויס־פלוג קיין אייראָפּע.

מיט א גוטמוטיקן שמייכל פּאַרענדיקט ער:

— מיך האָט נישט געאַרט די אלטע דירה, איז דען שלעכט געווען, וואס זי איז געווען אביסל קלענער? ווער פון אונדז האט דאס אמאָל געטראַכט וועגן לוקסוס?!

— טראַץ דעם אלעמען, פּאַרלאָזן זיי... גיט א זאָג א חברה פון משק, וואס איז נאר אויף א רגע אריין מיט א מתנה, א געשטיקט טישטעכל צום ראַדיאָ־טישל. איז זי ארייַנצעצויגן געווארן אין שמועס און געבליבן.

— מיר האבן זיי שלעכט דערצויגן, ענטפערט א חבר פון משק, אויב צוויי, דריי יאר אין צבא רייסט זיי אוועק פון אונדז...

— נישט איר זייט שולדיק — ווארפט אריין איינער פון די געסט. די צרות קומען פון דער שטאָט מיטן אויפגעבלאָזענעם לוקסוס, מיט אלע שגעונות פון די פענטהייזער און ווילעס.

די גאנצע צייט איז ער געזעסן שווייגנדיק. פּארקוקט אויף די צעאקערטע פעלדער. א טיפער טרויער איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים, ווי ער וואלט פון תמיד געטראגן אין זיך די בענקשאפט צו פעלד־ארבעט און אוועקגעפירט געווארן אין גאַר אַן אנדערער ריכטונג. אין דער שטאָט, אין א גרויען בנין, מיט גרויע, לאנגווייליקע מענטשן.

— דאס איז עס! — האט זלמן אויפגעכאפּט, מיר דאָ, ווילן אניאָגן און נאָכיאגן אמעריקע. יעדע פּאָר יאר טוישן די דירות, דאס מעבל, די מאשינען! דער לוקסוס פון דער שטאָט פארפירט די יוגנט.

— וואס קאָן אָבער אויפטאן אין דער שטאָט א בחור פון קיבוץ אָן געלט און אָפּטמאָל אָן א פאך? צו וואָס קאָן ער זיך דערשלאָגן? — פרעגט חנהלע די מחסנית — צי וועלן זיי דאָרט געפינען א בעסערע סביבה און א שענער לעבן?

— ענטפערט דינה:

— זיי זוכן דאָס נייע. ווער ס'וועט פאר זיך נישט געפינען קיין אָרט, וועט צוריקקומען. איז וואָס, אויב זיי וועלן אביסלליידן? צי האבן מיר נישט געליטן, נישט מיטגעמאַכט איבערברוכן און אַנטוישונגען?

— קומט, קומט אין חדר־אוכל, שוין פון לאנג איז גרייט דאס מיטאָג — לאַדט אלע צבי מיט א ווארעמער שטים — עס איז א פארגעניגן צו זען די נייע פאַרמייקע־טישן, די נייע לעמפּ. האט ניט מורא, עס וועט פאר קיינעם פון אונדז נישט אויספעלן קיין מיטאָג. יעדן טאג קומען צענדליקער געסט צום טיש.

— א דאַנק, א דאַנק — רייסט איבער אין איילעניש פאַני און גיט צו שטילער — כאטש איין מאָל אין א שבת, ווילן מיר עסן צוזאמען מיט די קינדער. אַמאל, אמאָל קאָן מען אויך צו אונדז צוקומען — גיט זי צו שטיפעריש, ווי סע וואָלטן זיך איר דערמאָנט די יונגע שטיפערישע צייטן.

— שלום, להתראות האט איינער איבער דעם צווייטן אויסגערופן. פעסט געדריקט די הענט פון דינה און צבי און מיט געמישטע געפילן ארומגענומען דעם ברייטן שטח פון משק. די אלטע און נייע בנינים, לולים און קינדער־הייזער. די ברייטע צעאקערטע פעלדער.

פאמעלעך זענען זיי אריין אין זייערע אויטאָס געטראַכט וועגן זייערע אויסגעליידיקטע היימען, אָן קינדער, אָן פרייד.

פונדערווייטנס איז צו זיי דערגאנגען אן אויפגערעגטע שטים:

— יאַשא, גיי צוריק, פאַרשליס די טיר, מיר גייען איצט עסן...

א רואיקע שטים פון א מאַן האָט אָפּגעענטפערט:

— קיינער פארשליסט נישט... האָב נישט קיין מורא... דאָ גנבעט מען נישט...

יום־כיפור 1973

אין די טעג פון ימים נוראים האט די פרומע שכונה קרית שמואל, נעבן חיפה, דעם יום־טוב ארויסגעפירט פון די ציכטיקע שטובן אין די גאַסן און גערטנער. אָפּגערייניקט דאס פסולת און אַלטווארג ארום די הייזער, ווי דער גאַנצער ארום וואָלט אויפסניי אָנגעהויבן זיין לעבן מיטן נייעם יאָר.

מיט א געפיל פון זיכערקייט נאָך דעם לעצטן נצחון, האָט יעדע משפחה פייערלעך נאָך דער סעודה, ביי די ווייס־געדעקטע טישן מיט כל טוב, מחנותווייז געצויגן אין דער שול צו כל־נדרי.

אין די יום־טובדיקע מלבושים האָבן טאַטעס מיט זין, די מאַמעס מיט זייערע טעכטער, יונגע פּאָרלעך מיט די קינדער אויף די הענט, פאַראייניקט אין אמונה, אז זייערע תפילות וועלן אויסגעהערט ווערן, ברענגען רו און דערלייזונג דעם פאָלק ישראל. די ותיקים און עולים פון דער שכונה, וואס האבן זיך באַזעצט אויף די זאַמדן פון קרית שמואל, צו פאראייביקן דעם נאָמען פון רב שמואל מאָהילעווער, לעבן זייער אייגנארטיקן לעבנסשטייגער. זענען ממשיך די טראַדיציע פון זייערע פרומע זיידעס און טאַטעס פון רומעניע, אונגארן און פוילן.

דער זכר פון די אומגעבראַכטע משפחות אין די לאַגערס פון טראַנסניסטריע, טרעבלינקע און מיידאַנעק, דווקא אין טאג פון יום־כיפור קומט אויף אין ברענענדיקן וויי, ווי ערשט איצט, וואָלטן זיי אומגעקומען, אזוי ווי די זין פון דער שכונה, וואָס זענען געפאַלן אין דער מבצע סיני און אין דער מלחמה פון זעקס טעג.

די הייליקייט פון יום־כיפור טראָגט זיך אין ארום. איבער די גאסן, ווי א צעבליטער גאָרטן מיט דופטיקע ריחות פון רייפע פרוכטן און בלומען.

מיט טליתים און סידורים אין די הענט, שפּאַנען זיי מנוחהדיק

צו דעם פּאַרק, וואָס טיילט אָפּ דעם מקום־קודש פון דער גאַס מיט ברייטע צעוואקסענע גרינעביימער און שורות באַקוועמע בענק צווישן די ניי־צוגעשטעלטע לאַמטערן.

— שנה טובה... חתימה טובה — טראָגט זיך איבער די געסלעך און וועגן א ברכה, וואָס איז א הייס געבעט און אַן איין איינציק האַרץ־אויסגעשריי פון אלע. דריקן זיך הענט פריינדלעך און וואַרעם. ציטערט אויף ליפּן א תפילה:

— מיר זאָלן זוכה זיין צו אַן אמתן שלום...

רעדט איין מאן:

— אמאָל האבן יידן געבעטן אין יום כיפור געזונט און פרנסה. נחת פון קינדער, אריכות ימים.

ענטפערט א צווייטער:

— מירן שוין אויסקומען מיט דער פרנסה.

נאָר שלום זאל אונדז געגעבן ווערן...

וויל נישט אין דער יום־טובדיקער שעה, די אלמנה, די פרוי רחל הערשקאָוויטש, באַאומרואיקן איר שנור, אָנפרעגן:

— וואָס איז פלוצים מאיר גערופן געוואָרן? אַוועק אין מיליטער־רישן לבוש, וואָכעדיק...

מיט נחת און ליבע באטראַכט זי דאס פּיריאָריקע אייניקל אין נייעם אַנצוגל, אין בלויען קאַפּעלע אויפן גאָלדיק געלאָקטן קעפּל. זי וויל זיך אליין טרייסטן און דאָך, גיט זי א שווערן זיפץ:

— דווקא אין יום־כיפור גערופן געוואָרן... אין צבא.

באַרואיקט זי די שנור מיט א גוטמוטיקער שטים:

— אמא, באַלד וועט ער זיך אומקערן! ראש השנה זענען מיר אלע געווען צוזאמען. אין א יום־טוב מוז מען מער היטן... אלע מאָל ווילן זיי דאָך מאַכן אונדז א חג שמח! מאיר איז דאָך נאָר אין מילואים.

גייט פאַרביי א חייל מיט אַ רענצל אין דער האַנט, גיט צו די שנור:

— זעסטו אמא, אויך יחזקאל איז גערופן געווארן... קאָנען דען אלע אין א יום־טוב בלייבן אין דער היים?

איר פּנים איז האַפּערדיק.

זי שײַנט אין נײַעם זײַדענעם קלייד מיטן דורכזיכטיקן שפּיצן טיכעלע אויפן קאָפּ. זי האַלט פעסט דאָס קינדערשע הענטל און שפּאַנט פּאַמעלעך פאָרויס. איר האַרץ איז איבערפולט מיט אָן אַנ־סופיקער ליבע. זי קאָן גאַרנישט טראַכטן אין דער רגע וועגן צע־שטערטן יום טוב. אויך אין צבא האָבן די חיילים אַלץ, ווי עס דאַרף צו זײַן...

דער עול פון היטן ס'לאַנד איז טיף אין איר באַנעמען אײַנגע־וואָרצלט. זי איז אָבער רואיק און באַהערשט. זי ווייסט עס און געדענקט, אַז יעדע מלחמה האָט געבראַנגט אַ נײַעם נצחון און אי־בעראַשט מיט איר גבורה די וועלט.

איר שוויגער, קאָן אָבער נישט צוימען דעם פּחד.

— נישט לאַנג האָט ער זיך געפּרייט מיט דער מדינה, טראַכט זי אין זיך, וועגן איר מאַן. נישט זוכה געווען זײַן בן־יחיד פירן צו דער חופּה, וועבן זיך אין איר מוח, וואָס אַמאָל שווערערע געדאַנקען. שפּאַנענדיק אין דער שול, לעבט זי ווידער איבער דאָס אומגליק, ווי מען האָט איר מאַן געבראַכט אַ פאַרוווּנדעטן פון די קאַמפן אין סיני; נאָך אַ חודש פון פּײַן און יסורים געשטאָרבן.

איצט איז איר אײנציקער אָנהאַלט אין לעבן איר זון, מאיר, מיט זײַן משפּחה.

ס'גהינום זענען מיר שוין אָפּגעקומען, „דאָרט" אין די לאַגערס, יאָמערט אין איר אַן אינערלעך קול. צוליב די קינדער זענען מיר דאָ געקומען... און זיי, זענען שטענדיק אײַנגעשטעלט מיטן לעבן. זאָל גאָט זיך מרחם זײַן אויף אונדזערע קינדער, דאַוונט זי אין זיך, שוין אויף דער שוועל פון דער שול.

אין שול

אין דער ליכטיק־צעצונדענער שול, מיט די נײַע לעמפּ און צענד־ליקער ליכט, אויף די לאַנגע בענק, האָבן זיך אויסגעזעצט טאַטעס

מיט זייערע זין און איידעמס. אלע איינגעהילט אין די לאַנגע, ווייסע טליתים, איבערגענומען מיט דער קדושה פון יום־הדין.

אין דער עזרת־נשים, האבן זיך פאַרזאמלט זייערע פרויען מיט די דערוואַקסענע טעכטער מיט די סידורים אין די הענט. מיט א מאַמעדיקע פרייד האבן זיי אַריבערגעקוקט אויף די שורות בענק, ווי די יינגערע האָבן זיך אויסגעזעצט מיט זייערע שול־חברות, פאַר־טיפט אין תפילה.

פאַרביקע בלוזקעס און רעקלעך. ווייסע הויכע שקאַרפעטן. זייערע לאנגע האָר, שווארצע און גאָלדיק־העלע, הענגען איבער זייערע פליי־צעס, ווי זיידענע פעלערינעס. קלאָרע, תמימותדיקע פנימער. צניעות־דיקע יידישע טעכטער.

טראַכטן די מאמעס:

— א גליק, וואס אונדזערע קינדער זענען איצט דאָ, מיט אונדז. חלילה נישט אוועק אויף שלעכטע וועגן.

שטיל זאגן זיי נאָך ווארט ביי ווארט נאך דעם חזן:

— סלח נא לעון העם הזה כגדל חסדך...

דער ניגון פון דורותדיקער בענקשאפט נאָך אויסלייזונג הילכט אָפּ אין שטילן אָרום, איבער געסלעך און וועגן.

הערט זיך א שטים פון א זייט, פון די צופעליקע געסט אין בית־הכנסת:

— דאָ בין איך געקומען, איינמאָל זען אַן אמתע שול... ווו מען דרייט זיך נישט ארום... פלוידערט סתם... ווו זעט מען היינט מיידלעך דאווענען?

דרייען זיך אויס גלייכצייטיק עטלעכע פרויען מיט רוגזה, קאָנען נישט פאַרנעמען דאָס שעפטשען אין א ווינקל, וואס גרילצט אין די אויערן בעת דער בשותפותדיקער תפילה.

בלייבן שטיל און פאַרשעמט די שטאָטישע געסט, וואס זענען געקומען צו זייערע משפחות אויף יום־טוב, און פלוצים אריין אין א פרעמדער, פון לאַנג פארגעסענער סביבה.

זיצט א באַנומענע שוראַ, די נייע עולה פון קיעוו, נעבן איר שוועגערין, וואס זי האט זייט עטלעכע וואָכן באקענט.

פון מרכז קליטה, איז זי צו איר ברודער געקומען אויף יום־טוב.

איצט זיצט זי א דערהויבענע אין א נייעם גלויבן. קוקט זיך אַרום איבער דער שול אין איר פייערלעכקייט און עשירות. באַטראַכט די פרויען אין די טייערע קליידער און צירונג און די, וואס זענען געקומען באַשיידן און פשוט געקליידט, איינגעבויגענע איבער די מחזורים.

ווי א ווייטער חלום ווייזט זיך איר אויס דער נעכטן. ווי אזוי איז עס געשען, אז אירע צוויי זין, שטייען נעבן פאָטער מיט בלויווייסע קאַפּעלעך אויף די קעפּ. אויסגעמישט מיט די אלע פרעמדע יידן, וואס זענען מיטאַמאָל געווארן אייגענע, נאָענטע. דאָס ערשטע מאל הערט זי דעם ניגון פון כל־נדרי. פון די טרערן וואָס רינען איבער די פּנימער, פון דעם דערשטיקטן שלוכצנדיקן געוויין, האט זי פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון יום־הדין. קיינמאָל נישט געטראַכטע געדאַנקען האבן זיך גענומען וועבן אין איר הארץ און אין איר מוח, וועגן דער אייניקייט פון יידן איבער לענדער צעוואָרפענע.

— א מענטש מוז דאָך זיין מיט וועמען געבונדן, לעבן מיטן אייגענעם פאָלק — מאכט זי איר פלוצימדיקן אויספיר.

נישט גלויביק קלינגען די ווערטער פון איר שוועגערין, וועלכע זי האט מיט א קורצער צייט צוריק באקענט.

— ווי דו זעסט, דעם אַלטאַר פון מאַרמאָר, דעם ארון קודש מיט דער ספר־תורה, האָבן מיר אהערגעבראַכט פון איטאַליע... די שול איז דאָרט ליידיק געבליבן... אין דער שטאָט קיין יידן נישטא מער... און דאָ האבן מיר א נייע שול אויפגעשטעלט און שוין איז ענג געוואָרן... נישטא קיין אָרט פאַר אלע...

— אינטערעסנאַ, אינטערעסנאַ — וואונדערט זיך שורא, וואס רופט זיך איצט שרה.

זי האַלט אין דער האנט דעם סידור, וואס איר ברודער האט איר באַזאָרגט.

— אַמאָל וועל איך פאַרשטיין די ווערטער — טראַכט זי אין זיך. זאָלן מיר זיך נאָר איינאָרדענען אין א דירה, אויף אַרבעט...

זי באַנעמט עס אָבער קלאָר, אז אין די אותיות, וואס זי הייבט אָן צו לערנען אויפן אולפן, איז דער סוד פון דער יידישער אייביקייט.

— אויך מיר וועלן פאַסטן, באשליסט זי אין זיך און אירע געדאנקען טראָגן זיך ווייט, ווייט קיין קיעוו. צו איר משפחה, וואס איז דאָרט געבליבן. זי ווייסט עס גוט, אז זי וועט זיי מער שוין נישט זען.

דער לופט־אלארם.

צומארגן זענען עלטערן מיט זייערע קינדער ווידער אוועק אין דער שול. זייערע פנימער זענען געווען בלאַסער פון תענית. די ערנסט־קייט פון יום־כיפור, שווערע מחשבות איבערן מאָרגן פון לאַנד, האבן מיט א טיפן אומעט אָנגעפילט זייערע נשמות.

פאַמעלעך זענען געשוווּמען די שעהען, ווי די צייט וואָלט זיך געשטעלט. די עדה יידן פארטיפט אין תפילה האט מיט א פארבענקטן ניגון געצויגן:

...על חטא שחטאנו לפניך בבלי דעת...

קיינער האָט נישט באמערקט דעם חייל, וואס איז א צעטומלטער געשטאַנען ביי דער שוועל. אומרואיק זיך אַרומגעקוקט אין אלע זייטן. געזוכט די, וואָס זענען אויף זיין צעטל פאַרצייכנט. שטיל, אומבאַמערקבאַר צוגעגאַנגען צו איינעם און א צווייטן און שווייגנדיק ארויסגעשאַרט. אין דער שטילקייט פון דער גאַס האט זיך דערהערט א רעש פון פארבייפאָרנדיקן דזשיפ.

דערשטוינטע זענען אייניקע יידן ארויס מיט די טליתים אויף דער גאַס. נאָכגעקוקט מיט א פחד דעם אויטאָ, וואס טראָגט זיך מיט אימפעט. אין דער פרום־אָפּגעהיטענער שכונה, איז נאך קיינער אום שבת נישט געפאָרן. אַן אימה און צאָרן האָט זיך געלייגט אויף אלע פנימער, ווי זיי וואָלטן דערפילט די טייוולאָנישע קראַפט, וואס האָט צעשטערט די הייליקייט פון יום־הדין.

קיינער ווייסט נישט וואס איז געשען. דאָס גאַנצע לאַנד איז

ארויס פון די וואַכעדיקע זאָרגן, פאַרגעסן פון דער דרויסנדיקער וועלט, ווי נישט געוואָלט מיט איר האָבן קיין שייכות, פארטיפט אין איר אייביקער באַזונדערקייט.

קיינער האט אין דעם הייליקן טאָג נישט אויפגעמאַכט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראט; אויך די וואָס זענען אין בית כנסת נישט געגאַנגען, אין תפילה און תשובה נישט געגלויבט.

וואָס אַמאָל אָפּטער האבן אָפּגעהילכט קנאַלן. א דויערנדיקער ב־ו־ם האָט אַרויסגעריסן אַלע פון גליווער. דערמאָנט דעם גרויל פון דער מלחמה פון זעקס טעג. זענען די תפילות נאָך פלאַמיקער געוואָרן, געריסן די הימלען נאָך א נייעם נס. מיט א וויינענדיקן ניגון צעטראָגן זיך אין פוסטן אַרום מיטן דורותדיקן פחד פאַרן אכזריות פון די שונאי ישראל.

...סלח־לנו, מחל־לנו כפר לנו...

פלוצים האט זיך צעוואָיעט אַן אַלאַרם־סירענע...

מיט אַן אימהדיקן קול אַריינגעריסן אין דער שטילקייט פון אלע שטעט און דערפער. צעלויפן זיך מענטשן פון דער שול אויפצו־מאַכן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראט.

פקוח נפש... די שעה פון גזר האט זיי אין דער וואָכעדיקייט צוריקגעטריבן, דערשיטערטע געהערט דעם אָנזאָג:

... בעת אן אלארם דארפן אלע אַראָפּ אין שוצקעלער!

פאַרטונקלען די פענצטער!

...פאַרזיכערן די שויבן!

מיטאַמאָל האבן די שאָפערס מיט א געיעג גענומען טרייבן זייערע אויטאָס. טאַטעס און זין, מיט טליתים אין די הענט, זענען צו די אויטאָס געלאָפן, אַרויפגעשפרונגען און צו דער צעטומלטער מחנה, וואָס האט זיך ארויסגעלאָזט אויף די וועגן אַראָפּגעשריגן:

— מירן זיי מאַכן א יום־הדין!

אין שוצקעלער.

קיינער קאָן עס נישט באַנעמען, אַז פאַר נעילה, יאָגן מאָבילי־

זירטע צום פראָנט. צו די טרוקענענע ווייסע זאַמדן, וואס זענען שוין רויט פון בלוט, פון נייע קרבנות.

כאַפּן די מוטערס די קינדער אויף די הענט מיט א פעקל ווינדלען און א טערמאָס און לויפן אין שוצקעלער. צעטומלטע קולות הילכן אָפּ אין ארום:

— דער מקלט * איז אָן וואסער... אָן ליכט. וואַרפט ארויס דאס אַלטוואַרג...

— מ׳דארף ברענגען בענק! וואָס פאַראַ אומאָרדענונג איז דאָ? — שרייט א פרוי אין דער פינצטער.

— זייט רואיק! באַלד וועט מען אָפּרופן דעם אַלאַרם, שרייט א קוויטשענדיק קול אין געדרענג.

— קינדער, מען דאַרף נישט מורא האבן. אלע קומען צו מיר! מיר וועלן זיך שפילן, רופט רואיק און באהערשט א גננת. מאכט אַן אָרט פאר די קלענסטע קינדער, וואס האבן דעם שוצקעלער אָנגעפילט מיט די ליאַרעם און געפילדער.

מיטאמאל איז זי, די תמיד לאַכעדיקע און צעשפילטע ווי א קינד, געוואָרן ערנסט און רייף, גענומען אָנפירן מיט די דערשיטערטע מאַמעס, וואס זייערע מענער זענען ערשט וואס געלאָפן צום כביש, געפונען אַן אויטאָ, וואָס וועט זיי פארבינדן מיט זייער איינהייט.

— איך האַלט נישט פון די שוצקעלערס, האָט א ייד איינגע־טענהט מיט זיינע שכנים. גענוג מלחמות שוין מיטגעמאכט. געזען, ווי ביים באָמבאַרדירן פאַלן איין הייזער און פארשיטן דעם קעלער. איך זאג אייך, ס׳איז ריכטיקער בלייבן אינמיטן גאַס. ווי עס זאָל נישט זיין, קאָן מען לויפן...

— לויפן? ווו קאָן מען לויפן? — שרייט מיט וואַנזין א פרוי און פאַלט אוועק אויפן פייכטן, שמוציקן דיל פון שוצקעלער.

פלוצים, אין אלע שטעט פון ישראל האבן זיך געוויזן אַמבולאַנסן פון מגן־דוד אדום.

---

* שוצקעלער.

גלייך זענען נעבן זיי אויסגעוואקסן בחורים און מיידלעך צו שפענדן בלוט.

— אפשר, וועט מען עס באַדאַרפן — וואַרפט אריין ווער אומ־זיכער.

זיי ווייסן נאָך נישט, אַז אַ מעכטיקער כוח איז ארויס פאַרניכטן דאס לאַנד. אומברענגען אַלע יידן — נאָר אין דעם טאָג, ווען אַלע זענען פאַרטיפט אין תפילה און תענית. אַז אויף די זאַמדן פון סיני ציען פאָרויס די מצרים צום קאַנאַל. אויפן רמת הגולן די סיריער מיט אַעראָפּלאַנען און האַרמאַטן, ווי אַ היישעריק טראָגן זיך פאָרויס, גע־שטאַרקט מיט די חיילות פון קובא און צפון־וויעטנאַם, פרייוויליקע פון פּאַקיסטאַן און טעכניקער פון מזרח־בלאָק. טשעכישע, פּוילישע און יוגאָסלאַווישע טאַנקן האָבן באַפעסטיקט זייער אַרמיי און די באַ־וואָפנטע כוחות פון מאַראָקאָ, איראַק סאַודיע און ירדן זענען צו־געשטאַנען צום איבערפאַל.

זיי ווייסן נישט, אַז אַ האָגל פון באָמבעס, קוילן און טילן האָט אין די ערשטע שעהן באַטויבט און אָפּגעווישט פון דער ערד די קליינע וואַך־גרופן ביי די פאָרטיפיקאַציעס און גרענעץ־פּונקטן. זיי ווייסן נאָך נישט וועגן זייער העלדישן קאַמף אויפן שלאַכטפעלד פון זאַמד, שטיינער און טויט. דער בין־השמשות האָט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן.

ציען איבערן הימל אַעראָפּלאַנען. פינקלען ווי געטלעכע שטערן. זאָגן אָן:

— מיר זענען דאָ... מיר וועלן אייך באַשיצן ווי אַלעמאָל!

אין דער פולגעפאַקטער שול אין קרית שמואל האָט די עדה יידן מיט אַ דערשטיקט קול, צעווייטיקט האַרץ, פאַרשמאַכט פון תענית מיט די לעצטע כוחות געצויגן:

...עשה שלום במרומיו, הוא יעשה שלום עלינו, ועל כל ישראל, ואמרו אמן...

נאָך נעילה זענען אַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, דערשטיקטע אין

ווײ, אוועק אַהײם. קוים וואָס איבערגעכאַפּט, באַנעצט די פּאַרטריקנטע ליפּן און גלײך אוועק צו די משפּחות.

אין גרויען באַגינען זענען די תּלמידים אַנשטאָט אין די שולן צעלאָפֿן זיך איבער דער שכונה רײניקן די שוצקעלערס, אַרויסהעלפֿן אין פּאַרט, אין די סקלאַדעס. אין די שפּיטאָלן האָבן געיאָגט די פּרויען, געאַנט, אַז עס זענען שוין אָנגעקומען פֿאַרווונדעטע, די ערשטע קרבנות. ווײ, ווײ ווי לאַנג אין דער שיער? — האָבן זײ אין זיך דערשטיקט דאָס שלוכצנדיקע געוויין.

אינוואַלידן זענען מיט זײערע מאַשינען אַרויס צו די פֿאַרווונדעטע אין שפּיטאָל, זײַן מיט זײ צוזאַמען. טרײסטן און באַרויִקן.

א מחנה פרײוויליקע פרויען איז געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב זאַמלען זײף, שקאַרפּעטן און וועש פֿאַרן פראָנט. אין דער לופֿט האָט דער ווינט נאָכגעוואָיעט דעם אָנזאָג פֿון ראַדיאָ:

...מיר מוזן זיגן... נאָר דאָס מאָל קאָן די מלחמה דויערן מער ווי זעקס טעג...

פֿאָטער און זון

ציטערט הימל און ערד, צעפֿאַלן פֿעלדזן־שטײנער אויפֿן גולן. א האָגל פֿון אויפֿרײס־באָמבעס צערײסט די לופֿט. א שיסערײ פֿון האַרמאַטן צעטראָגט זיך מיט א װײטן עכאָ איבער די בערג. געדיכטע וואָלקנס רויך און שטויב. רויטער, צעפֿלאַקערטער הימל.

דער קאָמאַנדיר זאַבי, וואָס מאַכט מיט שוין די פֿינפֿטע מלחמה, האָט פּלוצים פֿון זײַן אָפֿענעם מיליטערישן דזשיפּ דערזען זײַן זון אין א טאַנק. זײַן האַרץ האָט א ציטער געטאָן: בני!...

גלײך האָט ער דערהערט א הילכיקע פֿײנלעכע שטים:

— אַבאַ... קום אַרײַן אין טאַנק!

דער פֿאָטער האָט זיך א טראָג געטאָן אויף זײַן דזשיפּ פֿאָרויס מיט זײַן גדוד.

דער זון איז א פֿאַרשוונדן אין דער לאַנגער רײ טאַנקן צווישן די בערג פֿון גולן.

אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן

די קרבנות פון איבערפאַל זענען צו די שלושים געבראַכט געוואָרן צו קבורה... די באַדינער אין מיליטערישן ראַבינאַט האָבן מיט מסירת נפש נאָכגעצויגן ביז צו דער קאַמפּס־ליניע. אונטערן פייער פון קוילן און אויפרייס פון באָמבעס, איינגעזאַמלט די קערפּערס פון די געפאַלענע. אָפּגעגעבן זיי דעם לעצטן כבוד, ווייטער געשפּאַנט, געזוכט, צווישן זאַמד און שטיינער די פאַרלוירענע, אומגעבראַכטע.

אויף די מיליטערישע בית־עלמינס אין עפולה, משמר הנגב, קרית שאול, נהריה, קיבוץ לוחמי הגטאות און באר שבע זענען זיי צו צייטווייליקער קבורה געבראַכט געוואָרן.

הונדערטער טאַטעס פון קליינע קינדער, אַרבעטער, באַאַמטע, וויסנשאַפטלער און תלמידים, וואָס זענען ערשט פון דער שול־באַנק אַוועק, האָבן אין אַלע טיילן פון לאַנד אין פרישע בערגלעך זאַמד, די אייביקע רו געפונען.

הונדערטער צוזאַמענגעבראָכענע מאַמעס, פאַראייניזאַמטע כלות, דערשיטערטע שוועסטער־ברידער, טאַטעס, האַלב־בלינדע פון וויינען, שטייען ביי די פרישע טאָוולען מיט די נעמען פון זייערע טייערסטע, וואָס זענען פון לעבן אַרויסגעריסן געוואָרן. פאַרטריקנטע ליפּן, פאַרשמאַכטע פּנימער, אַדורכגענומען מיט פּיין. אַ שלוכצנדיק געוויין טראָגט זיך אין אַרום, מישט זיך אויס מיט קאַפּיטלען תהילים. ציטערט אין דער לופט אַ שאַל פון טראָמפּייטערס. ווערטער פון הספד פון רבנים גענעראַלן, פירער פון פאָלק, מונטערן אַלע:

...מיט זייער גוף האָבן זיי פאַרהאַלטן דעם שונא...

...זייער גבורה און בלוט האָבן פאַרזיכערט אונדזער קיום...

...נאָר זיי האָבן געוווּסט, ווי נאָענט איז געווען אונדזער אומקום...

...אל מלא רחמים...

לויפן אַרום דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס צווישן פאַרחלשטן עולם מיט איינשפּריצונגען, גיכער הילף. חיילות גייען אַרום מיט קענדלעך וואַסער, האַלטן אונטער, מונטערן די פאַרחלשטע טאַטע־

מאמעס, וואס פאַלן צוזאַם ביי די שורות פרישע קברים. ווילן קושן די נעמען פון די טאָוולען, ארומנעמען זיי מיט די הענט.

איבער זייערע קעפ טראָגט זיך א געבראָכענע שטים:

...יתגדל ויתקדש...

חיילים מיט רויטע היטלעך שטייען אויף ערן־וואַך. א פאַקל פון פייער. געדיכטער שווארצער רויך. דריי זאלפן צעטרייסלען די לופט. גייען אויס צוזאמען מיטן אימהדיקן געוויין.

א קול...

זי האָט בכלל נישט געוואָלט אינסטאַלירן דעם טעלעפאָן אין דער נייער דירה.

— צוליב וואָס דאַרפן מיר אַ טעלעפאָן? — האָט זי אייגגע־טענהט מיט איר מאַן. דו ביסט נישט קיין דאָקטאָר, קיינער וועט דיך ביינאַכט נישט רופן!

דערווייל דאַרף מען אויסצאָלן די חובות, מ׳דאַרף אויפפרישן דאָס מעבל, מ׳דאַרף...

— איך ווייס אַלץ, וואָס מען דאַרף — האָט דער מאַן אַן אויפ־געבראַכטער איבערגעשלאָגן. נאָך אַ לעבן דאַרף מען דאָס אַלץ צו פארשאפן! דערווייל, ביז אַלץ וועט זיין, מוז זיין א טעלעפאָן, אזוי ווי עלעקטריע, ווי וואַסער.

— צוליבן טעלעפאָן קומט מער קיין מענטש באַזוכן — האָט זי זיך געהאלטן ביי איר דעה — מען גיט א קלונג: וואָס הערט זיך און דאָס אינגאַנצן.

זינט יענעם שמועס איז אַוועק אַן אייביקייט. היינט איז דער טעלעפאָן דער וויכטיקסטער קעגנשטאַנד אין איר דירה. זי, די מוטער פון גד, וויל נאָר איין אייציקע זאַך: הערן זיין קול.

א קול, א סימן פון לעבן, א גרוס פון ווייטן „ערגעצוווּ״.

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָט זי זיך נאָך ביסלעכווייז פארנומען מיט איר הויז־אַרבעט. צוגעראמט די שטוב, עפעס וואָס אָפגעקאָכט און כסדר צוגעלאָפן צום טעלעפאָן. געווארט, אפשר וועט זיך אָנרופן זיין קול?

דערנאָך האָט זי אלץ אָפגעלאָזט, געפלעגט אוועקזעצן זיך ביים טישל מיטן טעלעפאָן. געווארט. געשוויגן.

זי וועט דאָך נישט קלינגען צו קיינעם, ווייל גראָד אין דער רגע, קאָן דאָך קלינגען גד...

וויפל טעג און נעכט זענען אוועק ביים טעלעפאָן־אַפּאַראַט פון דערוואַרטונג, האָפענונג, פאַרצווייפלונג ?

— פאַרוואָס הערט מען נישט קיין קול ? — גליווערט זי אין פחד. מוראַדיקע בילדער פון פייער־פלאַמען, שוואַרצע רויך־וואָלקנס, בהלהדיקע יאָגעניש איבער וויסטע מדבר־זאַמדן, ציען זיך פאַר אירע אויגן.

משונהדיקע געדאַנקען וועבן זיך אין איר פאַרפּייניקטן מוח :

די שטילקייט פון דער פוסטער דירה שטיקט אין האַלדז.

ער, הערש, איז פון ערשטן טאָג גערופן געוואָרן אין הג״א. די פרויען פון בית־משותף זענען זיך צעלאָפן צו אַלערליי פעולות. אַלע טוען עפּעס... לויפן אַרום, זאַמלען טראַנזיסטאָרס, פלאַטן, ציגאַרעטן און זייף. העלפן אין שפּיטאָל אין די נעכט. באַקן קוכנס פאַרן וועד למען החייל !

זי וויל אויך לויפן, טאָן, העלפן.

אַ צוגעשמידטע זיצט זי ביים טעלעפאָן־טישל. דער קאָפּ איינגעגראָבן אין די הענט.

מאַכט זיך אויף האַסטיק די טיר. פאַלט אַריין איר מאַן, אין כאַקי־מונדיר, אַ צעשויבערטער, נישט ראַזירטער.

...גע... געווען אַ טעלעפאָן ? — פאַלן פול מיט פחד ווערטער. זיינע ברייטע אויסגעאַרבעטע הענט נעמען אַרום איר קאָפּ. וואַרעם קלינגען זיינע רייד :

...ער וועט שוין קלינגען... וועסט זען... אַ דאַ... היינט, מאָרגן...

גלייך פאַרמאַכט זיך נאָך אים די טיר, שווער טראָגן זיך זיינע טריט איבער די שטייניקע טרעפּ.

...אפשר צופאָרן אין שפּיטאָל... זוכן אים צווישן די פאַרוווּנדעטע... אַרומגיין פון בעט צו בעט — קומט פּלוצים אַ געדאַנק. סאַרא זין האָט דאָס זיצן ? מען מוז לויפן, זוכן !

— ניין... ניין — האלט זי אָפּ אן אינערלעכע שטים. ער קאָן דאָך יעדע רגע אָנקלינגען... קיינער וועט זיך נישט אָפּרופן... ער וועט זיך דערשרעקן...

מיט אלע כוחות נעמט זי זיך צוזאמען, נישט אריינצופאלן אין פינצטערן תהום פון יאוש.

— גאָט — לאָז מיך הערן זיין קול — פלאטערט איר הארץ, ווי א פארוואונדעטער פויגל.

בלומען פון גולן

אייביק

די וועלט נעמט מיך ארום מיט שטעכיקע הענט
און פירט מיך צום פייער און פירט מיך צום שייטער.
איך ברען און איך ברען און ווער נישט פארברענט.
איך הייב זיך אויף ווידער און שפאן אוועק ווייטער.

ה. לייוויק

— דער גולן איז גארנישט אזוי ווייט! — האט יפה ביי דער טיר אויסגערופן. אנידערגעלייגט די גרויסע האנט־טאש מיט מתנות פון „די קינדער" אויפן טיש, צוזאמען מיטן בוקעט קאָלירפולע בלומען, האט זי באטראכט די לעבעדיקע פארבן, ווי זי וואָלט נישט געקענט באַנעמען דעם סוד פון בליען צווישן פעלדזן און שטיינער. אויף איר פנים האט זיך געמאָלט נחת, אָן סימן פון מידקייט פון ארומפאָרן שעהען איבער וועגן, טאָלן און בערג. פאמעלעך האט זי גענומען אראָפציען דעם באשטויבטן, מיט זאמד באדעקטן מאנטל.

— איר האט נישט באַדאַרפן אזא וועג מיטמאכן. פאַר רינה איז לייכטער דאָ אַהערצוקומען — האט לאה אַן אָנגעברוגזטע אויס־גערופן. גלייך אָפגעהאקט א טראַכט געטאָן:

— אפשר דאַרף מען זיך נישט אריינמישן...

זייט עטלעכע חדשים וווינט דאס יונגע פאָרל, לאה און מיכאל, ביי דער אלמנה יפה וויינשטיין. זיי זענען דערצויגן געוואָרן אין מוסד פון עלית הנוער. אַן אייגענע דירה איז פאַר זיי א ווייטער חלום. זיי האבן שוין אויפגעהערט צו רעכענען וויפל יאָרן זיי ביידע דאַרפן אַרבעטן, כדי אויסצוצאָלן דעם שיכון. זיינען זיי גליקלעך, וואס ביי יפהן, ווי זיי רופן זי פשוט און היימיש, האבן זיי געפונען א וואַרעמע היים.

דאס פנים פון טאַטע־מאַמע, איז אין זייער זכרון פון לאנג פאַר־ווישט געוואָרן. קיין דערמאָנונג פון היים, איז ביי זיי נישט געבליבן.

יפה איז איר נאָענט און ליב געווארן דורכן איינציקן וואָרט: „ילדתי"...

קיינער ביז איצט האט זי אזוי נישט גערופן.

העלפט איר לאה אויס ביי יעדער שווערער ארבעט און צו יעדן מאָלצייט גרייט א בשותפותדיקן טיש, ווי זיי וואָלטן איין משפחה געווען.

אָפטמאל האט לאה געטראַכט:

פארוואָס האבןביידע טעכטער פארלאָזן די מוטער, נאָכדעם ווי זי האָט זיי דערצויגן אליין? צי פעלן דערפער און קיבוצים אַרום חיפה? פארוואָס דווקא אַלמגור און גולן? איצט גרייטנדיק דעם נאַכטמאָל, וויל זי איר זאָגן, אז, אז...

יפהס הארץ איז פול מיט פרייד. דער וועג פון חיפה איבער מושבות איבערן גליל ביז צו דער רמה, האָט איר נייע כוחות געגעבן.

— ילדתי — נעמט זי דערציילן דער יונגער פרוי, וואס ווינט ביי איר און האַלט זי, ווי אן אייגענע טאָכטער — א נייער מענטש בין איך צוריקגעקומען!

מיטאמאָל ווערט זי אַנטשוויגן, זיפצט אָפ טיף און נעמט רעדן שטילער:

— נאָך דער מלחמה, די יום־כפורדיקע, בין איך קראנק געווען, ווי דאַן, ווען מיין מאן איז געפאַלן. קוק זיך איין, לאהלע, אין דעם בילד, צי קאָן מען בלייבן לעבן, ווען מען פאַרלירט אזא מאן? גיט זי א זאָג און איר בליק וואנדערט פון חתונה־בילד, ביז צום בילדל אין דער שווארצער ראָם.

— איך האב נישט געקענט דאס נייע אומגליק איבערטראָגן. די געפאַלענע... די פאַרוואונדעטע... די פאַרלוירענע... אזויפיל קרבנות האָב איך געטראכט, דאס איז שוין אונדזער סוף... כ'האָב נישט געקענט א ביסן אראָפשלינגען, נישט געשלאָפן אין די נעכט. געוויינט און געוויינט, וואס וועט זיין אונדזער סוף דאָ? און זיי ביידע זענען

אַוועק גאָר ווייט פון דער היים... די פוסטע דירה האט מיך געגומען טרייבן צו זיי... דאַן איז א ניי לעבן אין מיר אַרייגעקומען...

— יעדעס מאָל, ווען איך קום צוריק פון אלמגור, פון דער וויסטעניש מיט די שטיינער, וואס דער ווולקאַן האט אויסגעשפיגן, טראכט איך פון זיי, וואס האָבן דאָרט א קיבוץ פארלייגט. וואלסטו געזען זייערע הייזער! און אַרום די הייזער שנירן מיט קינדערוועש, לאנגע שנירן מיט קינדער־ווינדלען!... א ניי לעבן הייבט זיך דאָרט אָן! ס׳איז נישט קיין סוף, ילדתי... — ס׳איז ערשט אַן אָנהייב. מוזט אמאָל מיט מיר צופאָרן און זען די אייניקלעך מיינע. די קינדער פון רות און ירמי. אַלץ איז דאָרט ניי און אנדערש. מוזט באַקענען רינה מיט די דריי קינדער אויפן גולן. דו מוזט אמאָל מיט מיר אהינפאָרן און זען איר מאן. פון אינדיע איז ער! וואס קאָן איך דיר דערציילן וועגן זייערע קינדער, זיי זענען ווי... ווי די בלומען פון גולן...

?ין געווער־געיעג

עדן טאָג. יעדע נאַכט —
עדן טאָג, יעדע נאַכט,
רייטן טויט־פאַבריקן —
י אייביקע שלאַכט,
קעגן מיר,
קעגן דיר,
קעגן אייך !

אָגן הענט פון מיליאָנען,
ארברענען מיליאָנען,
ויף נייע סילאָנען,
ויף נייע „פאַנטאָמען” !

יט זיך און וואַקסט
י בלוטיקע אַקס :
ז וועלט־מסחר —
ון קערן־געווער !
ין שגעון געטריבן
ון קנעכטישע הענט,
ואס גרייטן דאס ברויט,
ום אייגענעם טויט
עווענדט !

יבער דער לענג פון ערד,
ום הימלראַנד,
ון נייעסטן געווער,
ואקסט א מאָנסטער־בארג !

אין טויט־פאַבריקן,
פון אייביקער שלאַכט,
קעגן מיר,
קעגן דיר,
קעגן אייך !

ווער וועט קומען
פארהאַלטן —
פון תוהו ובוהו
ס׳גיהנומדיק ראָד,
וואס טרייבט
און יאָגט —
צום אומקום,
צום סוף !

אין פייער
אין בראַנד !
יעדע שטאָט,
יעדעס לאַנד !
ביי טאָג
און ביי נאַכט —
אין טויט־פאַבריקן,
פון אייביקער שלאַכט.
קעגן מיר,
קעגן דיר,
קעגן אייך ! ?

ווישן כרמל און ים

ום מיין טייערער —
ב מיר דיין האַנט,
ירן אַוועק שפּאַנען,
יבער דער טרעפּן־שטאָט
יזן כרמל־לאַנד !
לעטערן ווייטער און העכער,
יבער ביימער־קרוינען
ון אראָפּלאכן צו די דעכער
י אלע חיפהער וווינען —
יזן שפּיגל פון ים.

יר, די ניי־געקומענע,
ון אלע פּיינען.
ין צער און טרויער —
ועלן די יידן
וייסע און ברוינע,
ון דער גאָרער וועלט,
רומנעמען
יט א ליבשאַפט א בלויער
ין דער נייער היים,
ון אליהו הנביאס געצעלט.

ון איינאָטעמען דעם כישוף
ון זיין באַרגיקן שטיין,
זין ווייטן אַרום —
ואס וואַרט
ור אויס — דור איין,

פאַרלאָזן און שטום,
זיין פעלדזיק געביין,
זאָל אויפגיין צום לעבן —
אין א ליכטיקער היים,
פאר יעדן, וואס וואָגלט,
נאָכן מבול אליין.

מירן שטייגן,
צו די אייביקע הייכן.
נאָנט צו גאָט —
שווערן
און האַלטן ס׳וואָרט :
לעשן אלע פייערן,
וואס ווילן צעשטערן,
די כרמלשע פּראכט,
די פעסטונג פון ים,
פאַרכאַפּן אין שלאַכט.

און תפילה טאָן
זאָל קיין נויט נישט דריקן
אויף קיין הויז, קיין קינד.
זאָל די מידה פון רחמים,
אָפּווישן יעדע זינד.
און בענטשן דעם נס,
פון אייביקן פלאַם,
וואס טראָגט זיך
פון גרינעם באַרג,
צום זילבער פון ים.

ביכער פון זעלביקן מחבר

פון לאגער אין לאגער — פארלאג: „דאס פוילישע יידנטום"
בוענאָס איירעס — 1950

הענט — פארלאג: „חיפה"
חיפה — 1956

נשים מאחורי הגדר (עברית) — פארלאג: י. ל. פרץ
תל־אביב — 1961

בידיים נאמנות (עברית) — פארלאג: „חיפה"
חיפה — 1964

אין זיכערע הענט — פארלאג: „חיפה"
חיפה — 1965

אלף פעם למה? (עברית) — פארלאג: „גשר לנוער"
ירושלים — 1971

טויזנט מאָל פארוואס?
חיפה — 1971

חיימקה (עברית) — פארלאג: מ. נוימאן
תל־אביב — 1975
(באקומען פרס עירית חיפה א. נ. ד. פינסקי)

בין כרמל וים (עברית) — 1976

8524-5063
5-27
C